STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09912

TSVEY HUNDERT YOR FUN IDISHER IMIGRATSYE IN KANADE

Joseph Kage

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צוויי הונדערט יאָר
פון אידישער אימיגראַציע
אין קאַנאַדע

פון

דר. יוסף קעידזש

מאָנטרעאל, קאַנאַדע — 1960

Two Hundred Years of Jewish Immigration to Canada

By JOSEPH KAGE

All Rights Reserved

Printed by
THE EAGLE PUBLISHING CO. LTD.
4075 St. Lawrence Blvd.
Montreal, Canada

צו מיין מאַמען לאה
און מיין טאַטן אהרן

אַנערקענונג . . .

מיין האַרציקן דאַנק צו פריינט אַלבערט איטאָן, פּרעזידענט פון מזרח ראַיאָן פון אידישן אימיגראַנטן פאַראיין פון קאַנאַדע, און צו די מיטגלידער פון דירעקטאָרן ראַט, וועלכע האָבן דערמעגלעכט דאָס אַרויסגעבן פון דעם דאָזיקן בוך.

— י. ק.

אינהאַלט

זייט

פאַרוואָרט ... VII
אימיגראַציע דינאַמיק אין אידישן לעבן (הקדמה) ... IX
1. דער פרימאָרגן פון די אידישע ישובים אין אַמעריקע ... 13
2. אידישער קאָנטאַקט מיט ניי פראַנקרייך ... 16
3. די ערשטע אידישע אימיגראַנטן אין קאַנאַדע ... 19
4. אידישע גלייכבאַרעכטיקונג אין קאַנאַדע ... 22
5. דער אָנהויב פון אידישער אימיגראַציע פון אייראָפּע ... 25
6. די השפּעה פון דער ערשטער אידישער אימיגראַציע-כוואַליע אויפן אידישן ישוב אין קאַנאַדע ... 28
7. דער כאַראַקטער פון קאַנאַדער אימיגראַציע 1870-1900 ... 31
8. די סיבות פון אידישער עמיגראַציע פון דער רוסישער אימפּעריע ... 34
9. קאַנאַדער אידישע אימיגראַציע אין די יאָרען 1870-1900 ... 37
10. אימיגראַנטן הילפס-אַרבעט אין קאַנאַדע אין די יאָרן 1870-1900 ... 40
11. די ריכטליניעס פון קאַנאַדער אימיגראַציע 1900-1920 ... 43
12. די עקאָנאָמישע צופּאַסונג פון אידישן אימיגראַנט ... 46
13. „קאָלומבוסעס שניידער" ... 49
14. אימיגראַנטן הילפס-אַרבעט און אידישע קאָלאָניזאַציע אין קאַנאַדע 1900-1920 ... 52
15. די ווירקונג פון דער אימיגראַציע-כוואַליע 1900-1920 אויף דעם אידישן ישוב אין קאַנאַדע ... 55
16. דער סוף פון אַן עפּאָכע ... 58
17. די אידישע לאַגע אין אייראָפּע אין דער ערשטער וועלט-מלחמה — פליכטלינגען און עמיגראַציע-נויטן ... 61
18. דער אַרויסרוף און דער ענטפער ... 64
19. די ענדערונגען אין די קאַנאַדער אימיגראַציע געזעצן נאָך דער ערשטער וועלט - מלחמה ... 67
20. פּריווילעגירטע און ניט-פּריווילעגירטע ... 70
21. דאָס געבורט פון אידישן אימיגראַנטן-פאַריין ... 72
22. פאַרהאַלטענע און דעפּאָרטירטע ... 75
23. די גרינדונגס-תקופה פון אידישן אימיגראַנטן הילפס-פאַריין פון קאַנאַדע ... 78
24. די אינקאָרפּאָרירונג פון אימיגראַנטן פאַריין ... 81
25. דער רוף פאַר אַ אידישער אימיגראַציע פּאָליטיק אין קאַנאַדע ... 84
26. דער ערשטער אימיגראַציע יתומים פּראָיעקט ... 87
27. די רומענישע פליכטלינגען ... 90
28. ספּעציעלע פּערמיטן ... 93
29. מענטשן וואָס זענען הפקר ... 96
30. צען יאָר פון אָרגאַניזירטער אימיגראַנטן-אַרבעט ... 99
31. דער אָפּרוף פון דער גרויסער דעפּרעסיע אויף קאַנאַדער אימיגראַציע ... 102
32. אידישע אימיגראַציע אין די צען יאָר פון דער דעפּרעסיע (1930-1939) ... 105
33. דער צווייענדיקער בונד — דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס און דער אימיגראַנטן פאַריין ... 108
34. די אימיגראַציע פון דייטש-אידישע פליכטלינגען ... 111
35. ערב דער צווייטער וועלט מלחמה — אידישע פאַרמערס; אימיגראַנטן אין טראַנזיט און אימיגראַציע סטאַטיסטיק 1930-1940 ... 114
36. אַן איראָניע פון שיקזאַל ... 116
37. די פליכטלינגען פון איבעריע ... 119
38. די פליכטלינגען פון יאַפּאַן, פּוילן, טראַנזיט-אימיגראַנטן און עוואַקויִרטע ... 122
39. דער כאַראַקטער און טעמפּאָ פון דער אידישער אימיגראַציע הילפס-אַרבעט אין משך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה ... 124
40. דער דרייפאַכער ציל פון דער אידישער אימיגראַנטן-אַרבעט ביים סוף פון דער צווייטער וועלט-מלחמה ... 127
41. קרובים געזוכט ... 130
42. די געשיכטע מיט די פּוילישע סאָלדאַטען ... 133
43. פון מאַי 1946 ביז מאַי 1947 ... 136

זייט

44. די אויסגעוואָרצלטע (די.פי.ס) ... 139
45. די קאַנאַדער אימיגראַציע־פּאָליטיק נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה ... 142
46. די דרייפאַכע אויפגאַבע פון אידישער אימיגראַציע הילפס-אַרבעט נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה ... 145
47. דער צווייטער יתומים-אימיגראַציע פּראָיעקט ... 148
48. די גרופּן אימיגראַציע — שניידער, קירזשנער, נייערינס, הויז-אַרבעטער און אַנדערע ... 151
49. די קייט-רעאַקציע ... 154
50. די אייגנאַרטיקע שטריכן פון קאַנאַדער אימיגראַציע נאָך דער צווייטער וועלט - מלחמה ... 157
51. אַ נייער צוגאַנג צו אימיגראַנטן הילפס־אַרבעט ... 160
52. אייניגע ספּעציפישע פּראָבלעמען פון אימיגראַנטן ... 163
53. די גרינדונג פון דער סאָציאַלער וואוילזיין-אָפּטיילונג ביים אידישן אימיגראַנטן הילפס-פאַריין ... 166
54. אָן אָפענע טיר און אינדיווידועלע באַהאַנדלונג ... 169
55. פינאַנציעלע הילף ... 172
56. סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע הילף ... 175
57. פון אימיגראַנט צו בירגער ... 178
58. די קאַנאַדער אימיגראַציע טיר הויבט זיך אָן צו פאַרמאַכן ... 181
59. דער אָפּרוף פון די אימיגראַציע באַשרענקונגען פון 1952 אויף דער אידישער אימיגראַציע ... 184
60. די אינטערווענץ פון 1952 ... 187
61. די „טשוירטשי'' פּראָגראַם ... 190
62. אַ שטודיום פון אידישע אימיגראַציע נויטן — 1954 ... 193
63. ליכט און שאָטן ... 196
64. די אונגאַרישע פליכטלינגען ... 199
65. נייע מקורים פון אידישער איינוואַנדערונג — אידן פון עגיפּטן, איטאַליע און צפון אַפריקע ... 202
66. באַנייטע אימיגראַציע פון פוילן ; אימיגראַציע פון ישראל און אימיגראַציע ציפערן 1955-1958 ... 205
67. דער געזעלשאַפטלעכער טוער (וואָלונטיר) אין דער אימיגראַציע אַרבעט ... 208
68. די ראָליע פון „האיאַס'' אין קאַנאַדער אידישער אימיגראַציע ... 211
69. צוויי הונדערט יאָר פון אידישער אימיגראַציע אין קאַנאַדע — אַ סטאַטיסטישער סך-הכל ... 213
70. שלום - וואָרט ... 217
ביבליאָגראַפיע ... 221

פֿאָרוואָרט

די ווידערהאָלונג פֿון צוויי פֿאַקטאָרן איז פֿאָרגעקומען אַזוי אָפֿט אין דער אידישער געשיכטע, אַז מיט דעם שיינט צו האָבן זיך איינגעשטעלט אַ מערקבאַרער היסטאָרישער שטייגער אינם לעבן פֿון אונדזער פֿאָלק. פֿון איין זייט, זינט דעם אָנהויב פֿון צייט, פֿלעגן אידישע מענער און פֿרויען פֿון געוואָגטן גייסט זיך אַרויסלאָזן אויפֿצושטעלן פּיאָנערן־זידלונגען אין נייע געמיינדעס, נייע לענדער און אַפֿילו נייע קאָנטינענטן. פֿון דער צווייטער זייט, ווען אין שפּעטערדיקע יאָרן האָבן פֿאַרפֿאָלגונג, עקאָנאָמישע נויט אָדער אַנדערע סיבות אַרויפֿגעצוואונגען וואַנדערונג אויף אונדזער פֿאָלק, פֿלעגן די וואָגלער צוגעצויגן ווערן צו די דאָזיקע מקומות וואו אידן האָבן זיך שוין געהאַט באַזעצט. און ווי טראַגיש ס׳איז געווען דאָס ווערן מיט געוואַלט אויסגעוואָרצלט און אויסגעפּלינדערט, איז אָבער דערביי געווען אַ געוויסע פֿאַרגיטיקונג אין געפֿינען אַ ישוב וואו אייגענע גלויבנס־גענאָסן האָבן געקענט אויפֿנעמען די וואַנדערער און העלפֿן זיי געפֿינען סאָציאַלע, רעליגיעזע, עקאָנאָמישע און פּסיכאָלאָגישע באַפֿרידיקונג אונטער מער־ווייניקער נאָרמאַלע באַדינגונגען.

אין ערגעץ האָט דאָס נישט אַרויסגעשטעלט זיך צו זיין אַזוי אמת׳דיק ווי אין אַמעריקע, פֿון דער צווייטער העלפֿט פֿונ׳ם ניינצנטן יאָרהונדערט ביז צום היינטיקן טאָג. אַט־די צוויי קעגנזייטיק־ווירקנדיקע פֿאַקטאָרן, אויסוואָרצלונג און איבערזידלונג, די יסורים פֿון ווערן געצוואונגען צו וואַנדערן און דאָס וואַרעמע געפֿיל פֿון ווערן אַקצעפּטירט ערגעץ וואו אַנדערש — אַט־דאָס אַלץ ווערט אויסגעצייכנט באַהאַנדלט אין דר. קעידזש׳ס „צוויי הונדערט יאָר פֿון אידישער אימיגראַציע אין קאַנאַדע״. זיין שילדערונג באַשטעטיקט דעם איינגעשטעלטן היסטאָרישן שטייגער.

אין משך פֿון די ערשטע הונדערט יאָר אין קאַנאַדע איז בלויז אַ הייפֿל געוואַגטע אידן אַריינגעקומען אין לאַנד. אָבער זיי האָבן זיך באַזעצט אין די זעלביקע שטעט, אויפֿגעבויט שולן, הילפֿס־געזעלשאַפֿטן און דאָס גלייכן, און זיינען אַזוי אַרום געווען מער־ווייניקער גרייט אויפֿצונעמען מיט אַ וואַרעמען קבלת־פּנים און הילף די וואַנדערער פֿון די 1850־ער יאָרן וואָס זיינען געטריבן געוואָרן צו די דאָזיקע ברעגן. די ניי־אָנגעקומענע האָבן, אין זייער ריי, געשאַפֿן נייע געמיינדעס און אַ נייעם אָרגאַניזאַציאָנעלן שטייגער. דאָס האָט געפֿירט דערצו, אַז דאָס קאַנאַדער אידנטום, אויסגעוואַקסן אָבער נאָך אַלץ קליין אין צאָל, איז געווען צוגעגרייט אויפֿצונעמען און שטיצן די יעניקע וואָס זיינען אַנטלאָפֿן פֿון די רדיפֿות אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער נאָך 1880.

אַט־דער צווייטער יאָרהונדערט פֿון קאַנאַדער אידישער געשיכטע, ווי מיר זעען עס אַזוי קלאָר אין דעם דאָזיקן בוך, איז געווען אַ כראָניק פֿון כוואַליע נאָך כוואַליע פֿון אימיגראַציע, מערסטנס פֿון אייראָפּע, אָבער לעצטנס אויך פֿון ישראל און צפֿון־אַפֿריקע.

דר. קעדיזש מאַכט אַ בייטראַג צו אונדזער ליטעראַטור און געשיכטע־פאַרצייכענונג מיט דעם דאָזיקן גוט־אָנגעשריבענעם און גוט־דאָקומענטירטן ווערק. ער איז אויסער דעם אַ סאָציאָלאָג און אַנאַליזירט, דעריבער, פאַר אונדז אויף אַ געהעריקן שטייגער די פאַרשידענע קאָנפליקטן און דעם געראַנגל זיי צו שליכטן; די פּראָבלעמען פון צופּאַסונג און ווי אַזוי זיי זיינען געלייזט געוואָרן; די באַציאונגען מיט די רעגירונגס־אַגענטורן און דאָס פונקציאָנירן פון אונדזערע אָפיציעלע געמיינדע־קערפּערשאַפטן. ער כאַפּט אויף די שטעלונגען און שטימונגען און ברענגט אַרויס זייער ווירקונג אויף דעם גאַנצן בילד פון דער איינוואַנדערונגס־געשיכטע.

קאַנאַדע איז אַ רחבותדיק לאַנד מיט ריזיקע נאַטירלעכע רייכטימער. אין דער עקספּלואַטאַציע פון די דאָזיקע רעסורסן פאַר דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין, איז דער מענטש־מאַטעריאַל דער סאַמע מעכטיקער פאַקטאָר. אין משך פון די דאָזיקע צוויי הונדערט יאָר האָבן אידן געהאָלפן בויען קאַנאַדע — די קאַנאַדע וואָס האָט היינט־צו־טאָג זיך דערוואָרבן דעם רעספּעקט פון דער גאַנצער וועלט. אין אָנגעזיכט פון דער צוקונפט גלויבן מיר און האָפן, אַז די קומענדיקע טעג וועלן ברענגען פרידן צו אַלעמען, און אַז אונטער דיזעלביקע באַדינגונגען פון פרייהייט וועלן מיר אַלע, ווי אידן און קאַנאַדער, ניי־געקומענע און הי־געבוירענע צוגלייך, ווייטער העלפן צו מאַכן קאַנאַדע שטאַרק.

לוי בעקער,

וויצע־פּרעזידענט פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס און פאַרזיצער
פון קאָמיטעט צו פייערן 200 יאָר אידישן ישוב אין קאַנאַדע.

אימיגראַציע דינאַמיק אין אידישן לעבן

(הקדמה)

דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע איז אַרום צוויי הונדערט יאָר אַלט. די ערשטע אידן וועלכע זענען אָנגעקומען אין לאַנד און וועלכע האָבן זיך דאָ פּערמאַנענט באַזעצט, זענען געקומען קיין קאַנאַדע אין יאָר 1760. אין די ערשטע הונדערט יאָר איז דער וואוקס פון ישוב געווען אַ מינימאַלער און די צאָל אידישע איינוואוינער זייער קליין. דער וויכטיקער וואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג אין קאַנאַדע האָט זיך אָנגעפאַנגען אַרום 1850, ווען די ערשטע אידישע אימיגראַנטן פון אייראָפּע האָבן גענומען אָנקומען אין לאַנד. פון דאַן אָן איז שטאַרק געוואַקסן סיי די נומערישע צאָל פון ישוב און סיי זיין געזעלשאַפטלעך-סאָציאַלער פּרצוף.

די געשיכטע פון אידישן ישוב אין קאַנאַדע איז באמת די געשיכטע פון אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע. אידישע אימיגראַציע איז געווען און איז נאָך עד היום דער שטאַרקסטער פאַקטאָר אין לעבן פון דער אידישער קאַנאַדע. דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דעם קאַנאַדער אידישן ישוב איז געבויט געוואָרן און ווערט נאָך עד היום אָנגעפירט פון מענטשן וועלכע זענען אַליין געווען אימיגראַנטן אָדער קינדער פון אימיגראַנטן.

די וויכטיקייט פון אימיגראַציע אין דעם לעבן פון דער קאַנאַדער אידישער קהילה קען מען זען פון די פאָלגנדע ציפערן: מיט אַרום אַ יאָרהונדערט צוריק, אין יאָר 1851, האָט די קאַנאַדער אידישע באַפעלקערונג געציילט 354 פּערזאָן; היינט, אין 1959, ווערט געשאַצט אַז די אידישע באַפעלקערונג ציילט אַרום 250,000 נפשות. דער הויפּט-פאַקטאָר אין דעם באַפעלקערונגס-וואוקס איז געקומען דורך אימיגראַציע.

אין אַ גרויסער מאָס איז די געשיכטע פון דער מענטשהייט, אַ געשיכטע פון וואַנדערונג. עס איז זיכער, צום ביישפּיל, אַז די באַפעלקערונג פון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז אַ פּועל יוצא פון אימיגראַציע. פון אַרום דעם מיטן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט איז דער ענין פון אימיגראַציע געוואָרן אַ וועלט-פּראָבלעם.

אימיגראַציע און וואַנדערונג איז אַ סאָציאַלער פּראָבלעם. פּונקט ווי אַנדערע סאָציאַלע פּראָבלעמען, האָט יעדע וואַנדערונג, יעדער אימיגראַציע-שטראָם, אַ בראשית און אויך זיין אַנטוויקלונגס-פּראָצעס. די סיבות פאַרוואָס מענטשן עמיגרירן זענען פאַרשידענע. די סיבות פאַר עמיגראַציע אונטערשיידן זיך ניט נאָר צווישן יחידים און גרופּן פון יחידים, נאָר זיי אונטערשיידן זיך אויך אין באַצוג צו צייט און פּלאַץ. געוויסע סיבות וועלכע צווינגען מענטשן צו עמיגראַציע זענען קלאָר; אַנדערע איז נישט אַזוי לייכט צו דערקענען. אין אַלגעמיין, קען מען זאָגן, אַז די שטויס-קראַפט צו עמיגראַציע באַשטייט פון אַ קנויל פון סיבות, וועלכע זענען ענג צוזאַמענגעבונדן.

די הויפּט-סיבות פון עמיגראַציע זענען ווי פאָלגט: דאָס זוכן בעסערע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן; דאָס אַנטלויפן פון עקאָנאָמישער, פּאָליטישער, סאָציאַלער

אדער רעליגיעזער אונטערדריקונג; דאָס זוכן בעסערע קולטורעלע מעגלעכקייטן; דאָס זוכן פרייהייט; וועלן זיך פאַראייניקן מיט קרובים, אאַ״וו. מיט אַנדערע ווערטער, די סיבות פאַר עמיגראַציע קענען אײַנגעטיילט ווערן אין צוויי קאַטע־גאָריעס: שטויס־קראַפט און צוציִאונגס־קראַפט. די שטויס־קראַפט זענען די כוחות וועלכע צווינגען מענטשן צו נעמען דעם וואַנדערשטאַק אין האַנט; די צוציִאונגס־קראַפט זענען די כוחות וועלכע לאָקן דעם מענטשן צו פאַרלאָזן זײַן געבורטספּלאַץ, כּדי צו געניסן פון די גינסטיקערע מעגלעכקייטן אין אַן אַנדער לאַנד. דער אונטערשיד צווישן די שטויס־ און צוציִאונגס־כוחות איז נישט שטענדיק זייער קלאָר און אין די מערסטע פאַלן זענען זיי ענג פאַרבונדן צווישן זיך.

אין דעם לעצטן יאָרהונדערט פון דער מאָדערנער געשיכטע זענען אידן געווען אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם עמיגראַציע־שטראָם. די עמיגראַציע־סיבות וועלכע מיר האָבן אויסגערעכנט אויבן, זענען אויך געווען גילטיק פאַר דעם אידישן פאָלק, אָבער מיט דעם אונטערשייד: די שטויס־כוחות זענען געווען שטאַרקער אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פעלקער. דערפאַר איז דער אידישער עמיגראַציע־שטראָם געווען אינטענסיווער, שטורעמדיקער, און פּראָצענטוועלז גרעסער. עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנטיסעמיטיזם, סאָציאַלע און פּאָליטישע אומגלייכהייט, רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען, האָבן דאָס אידישע פאָלק אָוועקגעשטעלט אין אַ באַזונדער לאַגע. דעריבער איז צווישן אידן געווען אַ גרעסערע און שטאַרקערע נייגונג צו זוכן פרייהייטס־מעגלעכקייטן; אַ גרעסערע טענדענץ צו עמיגראַציע, און דער גאַנצער עמיגראַציע־פּראָצעס איז געווען כאַראַקטעריזירט פון אַ געפיל פון דרינגלעכקייט. דאָס געפיל פון דרינגלעכקייט איז פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער פּעריאָד פון פרייער אימיגראַציע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אין דער צייט ווען די אידישע עמיגראַציע־נויטן זענען פאַרגרעסערט געוואָרן, זענען די טויערן פון די אימיגראַציע־לענדער געוואָרן כמעט ווי פאַרמאַכט. עמיגראַציע איז פשוט געוואָרן אַן ענין פון ראַטעווען זיך. זייער אָפט איז די מעגלעכקייט פון עמיגראַציע ניט נאָר געווען אַ פראַגע פון ווען פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לאַגע, נאָר עס איז געוואָרן פשוט אַ פראַגע פון פּיקוח נפש, פון פשוט ראַטעווען זיך פון פיזישער אומברענגונג, פון טויט.

מיט אַרום הונדערט יאָר צוריק זענען די אידן געווען הויפּטזעכלעך אַן אייראָפּעאיש פאָלק. היינט־צו־טאָג וואוינען נאָר אַרום אַ פערטל פון אַלע אידן אין אייראָפּע. דער גרעסטער אידישער ישוב, איבער זעקס מיליאָן, געפינט זיך אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. אידן געפינען זיך כמעט אין יעדן לאַנד פון דער וועלט. אַזוי אַרום, אַלס רעזולטאַט פון עמיגראַציע אין די לעצטע הונדערט יאָר, זענען אויסגעוואַקסן נייע אידישע קהילות, נייע צענטערס פון אידישער באַזעצונג. קאַנאַדע איז געוואָרן איינער פון אָט די נייע אידישע ישובים.

אין די פאָלגנדע קאַפּיטלען וועלן מיר באַלייכטן דעם פּראָצעס פון דער אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע אָנהויבנדיק פון די ערשטע פאַרבינדונגען פון אידן מיטן לאַנד ביז היינטיקן טאָג, אַ פּעריאָד פון אַרום צוויי הונדערט יאָר. כאָטש דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע איז אַלט אַרום צוויי הונדערט יאָר, איז אָבער פאַקטיש דער אידישער אימיגראַציע־שטראָם געקומען ערשט מיט אַרום פופציק

יאָר צוריק. מיר וועלן דעריבער לייגן אונדזער הויפּט־געוויכט אויף דער תקופה. מיר וועלן אויך באַלייכטן און אונטערשטרייכן נאָך אַ וויכטיקע פּאַזע, נעמלעך, די באַמיאונגען וואָס דער קאַנאַדער אידישער ישוב האָט אָפּגעגעבן פּאָר ענינים פון אידישער אימיגראַציע, דאָס הייסט העלפן אידן אַריינקומען אין לאַנד, און פּאָר ענינים פון אימיגראַנטן־איינאָרדענונג, דאָס הייסט, העלפן דעם אימיגראַנט זיך איינאָרדענען און שטעלן זיך אויף די פיס.

דער מחבר האָט געפּאַרשט דעם ענין אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר. ליידער זענען די מאַטעריאַלן וועגן אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע זייער, זייער אָרעם. דער ענין איז סיסטעמאַטיש נישט שטודירט געוואָרן. דאָס ביסל מאַטעריאַל וואָס איז פאַראַן, איז צעזייט און צעשפּרייט. אין די פאָלגנדע קאַפּיטלען וועט דער מחבר קודם כל סיסטעמאַטיזירן און סינטעטיזירן דעם מאַטעריאַל וואָס איז יאָ פאַראַן און אַרויסברענגען אויך נייע מאַטעריאַלן וועגן דער דינאַמיק פון דעם אידישן איינוואַנדערונגס־פּראָצעס אין קאַנאַדע. דער מחבר וויל אונטער־שטרייכן, אַז ס׳איז נישט זיין צוועק צו געבן די געשיכטע פון קאַנאַדער אידישן ישוב. די איצטיקע אַרבעט איז נאָר אַ פּאַרמעסט צו באַלייכטן, אויף אַ וויסנשאַפט־לעכן אופן, דעם פּראָצעס פון אידישער אימיגראַציע און אימיגראַנטן־הילף אין קאַנאַדע, פעסטשטעלן די פּראָבלעמען און די שטרויכלונגען וועלכע זענען געלעגן אין וועג פון דעם פּראָצעס, און אָנצייכענען די רויטע שנור וועלכע האָט דורכ־געפלאָכטן די טעטיקייט פון קאַנאַדער אידישן ישוב לגבי דעם פּראָבלעם פון אידישער איינוואַנדערונג.

(ערשטער קאַפּיטל)

דער פרימאָרגן פון די אידישע ישובים אין אַמעריקע

פרייטיק, דער 3־טער אויגוסט, 1492, איז געווען אַ טאָג פון גרויסער וויכטיקייט אין דער געשיכטע פון דער וועלט. אין אָט דעם טאָג האָט קאָלומבוס זיך אַרויס־געלאָזן אויף זיין רייזע, אָפּפאָרנדיק פון אַ שפּאַנישן האַפן, מיט דעם ציל צו געפינען נייע לענדער. דאָס איז געווען אַ היסטאָרישע רייזע פון אומגעהויערער וויכטיקייט פאַר דער וועלט, אַן אַוואַנטורע, וואָס איר רעזולטאַט איז געווען די אַנטדעקונג פון אַ נייעם קאָנטינענט.

דאָס יאָר 1492 איז אויך פון גרויסער וויכטיקייט אין דער אידישער געשיכטע. אין דעם מאָנאַט מערץ פון דעם יאָר האָבן דער קעניג פערדינאַנד פון אַראַגאָן און זיין פרוי, די קעניגין איזאַבעלאַ פון קאַסטיל, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז יעדער איד וואָס וועט זיך געפינען אין די גרענעצן פון זייערע לענדער נאָך יולי 1492, מוז אָננעמען שמד אָדער זיין אונטערוואָרפן טויט־שטראָף. פּראָסט און פּשוט, דער באַפעל פון די שפּאַנישע קעניגן האָט געמיינט, אַז אין משך פון פיר מאָנאַטן, צווישן מערץ און יולי 1492, מוז דאָס לאַנד אויסגעליידיקט ווערן פון אידן, און אַז קיין איד קען דאָרט ניט פאַרבלייבן.

אַ צאָל אידן האָבן זיך געשמדט. זיי זענען געוואָרן די נייע קריסטן אָדער ווי מען האָט זיי שפּעטער גערופן, די מאַראַנען. די גרעסטע צאָל אידן האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן זייער גלויבן און האָבן אויסגעקליבן דעם וועג פון ליידן און די ווייטיקן פון גירוש. דאָנערשטיק, דעם 2־טן אויגוסט, 1492, פּונקט אַ טאָג איידער קאָלומבוס איז אָפּגעפאָרן אויף זיין עקספּעדיציע, זענען די אידן פון שפּאַניע, וועלכע האָבן דאָרט געוואוינט פאַר פילע דורות, אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לאַנד. די גירוש פאַראָרדענונג פון 1492 האָט מיט אַ שטריך פון פען ליקווידירט דאָס שפּאַנישע אידנטום. עס ווערט געשאַצט, אַז אַרום הונדערט און פופציק טויזנט פערזאָן זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם גירוש, כאָטש געוויסע אויטאָריטעטן שאַצן אָפּ די צאָל אידן וואָס האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד אין אַרום דריי הונדערט טויזנט. די פאַרטריבענע זענען אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון זייערע היימען און זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַסע פון פּליכטלינגען.

מען שאַצט, אַז אַרום צוויי דריטל פון די פאַרטריבענע זענען אַריינגעקומען קיין פּאָרטוגאַל, וועלכעס לאַנד האָט זיי צייטווייליק אַריינגעלאָזן, נאָכדעם ווי זיי האָבן געמוזט באַצאָלן פאַר דער פּריווילעגיע פון צייטווייליקן אַזיל. די רעשט פון די פּליכטלינגען זענען אָנגעקומען אין דעם קעניגרייך פון נאַוואַר, צפון־אַפריקע, איטאַליע און טערקיי.

מיט פינף יאָר שפּעטער, אין 1497, האָבן זיך די געשעענישן אין שפּאַניע איבערגע׳חזר׳ט אין פּאָרטוגאַל, ווען קעניג מאַנועל איז פאַרלאָבט געוואָרן צו אַ טאָכטער פון דער שפּאַנישער קעניגין איזאַבעלאַ. די שפּאַנישע קעניגין האָט גע־שטעלט אַ באַדינג, אַז איידער די חתונה קומט פאָר, מוזן אידן אַרויסגעטריבן ווערן פון פּאָרטוגאַל.

דעם 24־טן דעצעמבער, 1496, האָט מאַנועל פאַראָרדנט אַלע אידן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד ניט שפּעטער פון אָקטאָבער 1497. אַ סך האָט מען געצוואונגען צום שמד און די צאָל פון געשמד׳טע, פונקט ווי די צאָל פון די אַרויסגעטריבענע, איז געווען גרויס. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זיך די זעלביקע לאַגע אַנטוויקלט אין דעם נאַוואַר קעניגרייך.

וואָס איז די פאַרבינדונג צווישן אָט די צוויי גרויסע געשעענישן — גירוש שפּאַניע און דאָס אַנטדעקן פון דער נייער וועלט?

עס ווייזט אויס, אַז קאָלומבוס האָט יאָ געזען אַ פאַרבינדונג צווישן די צוויי געשעענישן. אין זיין טאָגבוך שרייבט קאָלומבוס אַזוי: „נאָכדעם ווי די שפּאַנישע קעניגן האָבן פאַרטריבן אַלע אידן פון זייערע קעניגרייכן און טעריטאָריעס, האָבן זיי אין דעם זעלביקן מאָנאַט מיר פאַראָרדנט אונטערצונעמען, מיט גענוג מענטשן, מיין רייזע פון אַנטדעקונג צו די אינדיעס״. עס איז אויך באַוואוסט אַז צווישן קאָלומבוסעס מאַנשאַפט האָבן זיך געפונען אַ צאָל מאַראַנען און איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן באַטראָטן די ערד פון אַמעריקע איז געווען לואי דע טאָרעס, אַ מאַראַנער, וועלכער איז געווען דער דאָלמעטשער פון קאָלומבוסעס עקספּעדיציע. אויך לואי דע סאַנטאַנעל, איינער פון די אידישע פריווי־לעגירטע אין דעם קעניג־הויף פון פערדינאַנד, האָט זייער אַ סך געטאָן צו באַ־איינפלוסן קאָלומבוסן אין זיין אונטערנעמונג. ער האָט אַליין אויך אויסגעלייגט אַ גרויסע סומע געלט פאַר דעם צוועק.

באמת אַן איראָניע פון דער געשיכטע! אַמעריקע, דער קאָנטינענט וועלכן קאָלומבוס האָט אַנטדעקט, איז געוואָרן דער גרעסטער צענטער פון אידישער באַזעצונג, וואו עס געפינען זיך היינט די גרעסטע און שטאַרקסטע אידישע ישובים. מען קען בפירוש זאָגן, אַז אין דעם מאָמענט ווען די געשיכטע פון די אידן אין שפּאַניע האָט זיך פאַרענדיקט, האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פון אידן אין אַמעריקע.

כאָטש מען האָט פאַרבאָטן אידן אימיגרירן צו די שפּאַנישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע, דאָך האָבן זיך צווישן די קאָלאָניסטן און סוחרים, וועלכע זענען גע־קומען אין לאַנד, זיך געפונען אַ גרויסע צאָל מאַראַנען.

די ערשטע אידישע קהילה אויפן אַמעריקאַנעם באָדן איז עטאַבלירט געוואָרן אין יאָר 1630, ווען די האָלענדער האָבן צוגענומען פון די פּאָרטוגעזער די שטאָט רעציפי אָדער פערנאַמבוקאָ, אין בראַזיל. אונטער די האָלענדער האָבן די אידן געהאַט פולע רעליגיעזע פרייהייט. אידן פון האָלאַנד און אַ צאָל מאַראַנען, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייער גלויבן, האָבן זיך באַזעצט אין רעציפי און דאָרט עטאַבלירט אַ בליענדיקע קהילה. דאָס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. אין יאָר 1654, מיט פיר און צוואַנציק יאָר שפּעטער, האָבן די פּאָרטוגעזער צוריקגענומען די שטאָט און די ערשטע קהילה אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז צעשטערט געוואָרן. די אידן וואָס זענען לעבן געבליבן נאָך די פאַרשיידענע שלאַכטן און באַלאַגערונגען פון דער שטאָט, האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. די פּאָרטוגעזער רעגירונג האָט זיי געגעבן פּאַספּאָרטן, האָט געשטעלט צו זייער דיספּאָזיציע זעכצן שיפן, וועלכע האָבן אָפּגעפירט די אידן צו פאַרשיידענע דעסטינאַציעס.

אַ צאָל אידן האָט זיך צוריקגעקערט קיין האָלאַנד. אייניקע האָבן זיך באַ־

זעצט אין סורינאם, אַ האָלענדישע קאָלאָניע אויך באַקאַנט אַלס דאַטש גוויאַנאַ. אַ צאָל האָט געפונען צייטווייליקן אַזיל אין די פראַנצויזישע אינזלען מאַרטיניק, גוואַדאַלופּ, און קאַיען. אַ גרופּע פון דריי און צוואַנציק אידישע פּליכטלינגען איז אָנגעקומען אין דער שטאָט ניי־אַמסטערדאַם, די איצטיקע שטאָט ניו יאָרק, וועלכע איז דעמאָלט געווען אַ האָלענדישע קאָלאָניע. דאָס איז געווען אין סעפּטעמבער 1654 און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פון די אידן אין צפון־אַמעריקע.

די ערשטע אידישע אימיגראַנטן אין צפון־אַמעריקע זענען אָנגעקומען מיט פיר און דרייסיק יאָר שפּעטער ווי די ערשטע ענגלישע אימיגראַנטן, די „פּילגרים פאַדהערס”, וועלכע האָבן געלאַנדעט אין „פּלימוט ראָק”.

די ערשטע אידישע אימיגראַנטן זענען געווען פּליכטלינגען, אַנטלאָפענע פון רעליגיעזער פאַרפאָלגונג. אַזוי ווי אַ גרויסער טייל פון זיי זענען געווען אָפּ־שטאַמיקע פון שפּאַניע, זענען זיי באַצייכנט געוואָרן אַלס ספרדים. מיט דער צייט זענען אַנדערע אידישע אימיגראַנטן אָנגעקומען קיין ניו־אַמסטערדאַם. דער־נאָך האָבן זיי זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן איבער פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד.

עס ווערט געשאַצט, אַז ביים אויסברוך פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, ווען די ענגלישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע זענען געוואָרן אומאָפּהענגיק און האָבן געשאַפן די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן דעמאָלט געלעבט אין לאַנד אַרום דריי טויזנט אידן, וועלכע זענען געווען צעשפּרייט פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן. פון אַט די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זענען אויך געקומען די ערשטע אידישע אימיגראַנטן קיין קאַנאַדע, די ערשטע גרינדער פון דעם קאַנאַדער אידישן ישוב.

(צווייטער קאַפּיטל)

אידישער קאָנטאַקט מיט נײַ־פראַנקרייך

די אַנטדעקונג פון קאַנאַדע ווערט גערעכנט פון יאָר 1534 ווען דער פראַנ־צויזישער קאַפּיטאַן, זשאַק קאַרטיע, האָט אַנטדעקט דעם סט. לאָרענס טייך און איז צוגעקומען מיט זיינע שיפן אַזוי ווייט ווי מאָנטרעאַל. זשאַק קאַרטיע האָט גענומען דאָס לאַנד אין נאָמען פון פראַנצויזישן קעניג, און קאַנאַדע איז געוואָרן אַ פראַנצויזישע קאָלאָניע. פאַר אַ לאַנגער צייט האָט פראַנקרייך זיך ניט גע־קימערט וועגן איר נייער קאָלאָניע. ערשט מיט אַרום זיבעציק יאָר נאָך זשאַק קאַרטיעס אַנטדעקונג פון קאַנאַדע האָט דער פראַנצויזישער קאָלאָניזאַטאָר, סאַמועל דע שאַמפּלעין, געגרינדעט דעם ערשטן ישוב אין לאַנד. דאָס איז געווען אין יאָר 1608 ווען די שטאָט קוויבעק איז געבוירן געוואָרן.

די אַנטוויקלונג פון דער נייער פראַנצויזישער קאָלאָניע איז געווען אַ לאַנג־זאַמע. ווען ענגלאַנד האָט באַזיגט פראַנקרייך אין 1759 און קאַנאַדע איז אונטער־געפאַלן אונטער דער בריטישער הערשאַפט, האָט די פראַנצויזישע קאַנאַדע פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון נאָר אַרום זיבעציק טויזנט פערזאָן. דאָס מיינט אַז אין משך פון אַ יאָרהונדערט מיט אַ האַלב, פון 1608 ביז 1760, איז דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג דורך אימיגראַציע און נאַטירליכן וואוקס געווען אַ גאַנץ באַשיידענער.

ווען קאַנאַדע איז געווען אונטער דער פראַנצויזישער הערשאַפט איז דאָס לאַנד געווען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען דאָס נייע פראַנקרייך — ניו פראַנס. עס איז אַבער פאַלש צו דענקען, און פילע מאַכן דעם טעות, אַז קאַנאַדע און נײַ־פראַנקרייך זענען געווען איין און דאָסזעלבע. נײַ־פראַנקרייך איז ניט געווען נאָר קאַנאַדע. נײַ־פראַנקרייך, פאַר אַ לאַנגער צייט, איז געווען אַ גרויסע פּאָליטישע און עקאָ־נאָמישע איינהייט, וועלכע האָט אַרומגענומען דעם פראַנצויזישן טייל פון ניו פאַונדלאַנד, נאָוואַ סקאָשיאַ אָדער די דעמאָלטדיקע אַקאַדיע, די טעריטאָריע פון האַדסאָן בעי, קאַנאַדע גופא און די טעריטאָריע פון לואיזיאַנאַ וועלכע איז איצט אַ טייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די הויפּשטאָט פון נײַ־פראַנקרייך און פון קאַנאַדע איז געווען די שטאָט קוויבעק, וועלכע איז געווען דער פּאָליטישער צענטער, ווי אויך דער צענטער פון קולטורעלן און געזעלשאַפטליכן לעבן.

נײַ־פראַנקרייך איז געווען אונטער דער דירעקטער הערשאַפט פון פראַנצויזישן קעניג און פּונקט ווי אין פראַנקרייך, איז דער פּאָליטישער רעזשים געווען שטרענג אויטאָקראַטיש, און פילע פון די פראַנצויזישע געזעצן האָבן געהערשט אין דער קאָלאָניע וועמעס הויפּט־באַאַמטע זענען געווען באַשטימט פון קעניגליכן הויף.

עס זענען פאַראַן צוויי פאַקטאָרן, צוויי באַדינגונגען אַז וועלכע אימיגראַציע קען ניט צושטאַנדקומען. פון איין זייט מוז זיין אַ פערזאָן, אָדער אַ גרופּע פערזאָנען וועלכע זענען גרייט, ווייליק אָדער מוזן עמיגרירן. פון דער צווייטער זייט מוז זיין אַ לאַנד וועלכע איז גרייט אָדער ווינציקסטנס ווייליק אויפצונעמען דעם אימיגראַנט. אויב איינער פון אָט די צוויי פאַקטאָרן זאָל זיין אַפּוועזנד, קען דער פּראָצעס פון אימיגראַציע ניט פאַרקומען.

בנוגע אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע, ווען דאָס לאַנד איז געווען אונטער דעם פראַנצויזישן רעזשים, האָט איינע פון די אויבנדערמאַנטע באַדינגונגען ניט עקזיסטירט. ניי־פראַנקרייך און קאַנאַדע האָט ניט דערלאָזן קיינע אימיגראַנטן וועלכע זענען ניט געווען פון קאַטוילישן גלויבן. עס פאַרשטייט זיך, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָבן זיך אידן ניט געקענט באַזעצן אין לאַנד.

עס זענען פאַראַן סמנים אַז אידן זענען יאָ, אין אַ געוויסער מאָס, געקומען אין קאָנטאַקט מיט ניי־פראַנקרייך. מיר האַלטן אָבער, אַז פון שטרענג־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט זענען די השערות אינטערעסאַנט, אָבער פון אַ העכסט־ספּעקולאַטיוון כאַראַקטער, און אַפילו די אייניקע מער פאַקטישע אינצידענטן, זענען אויך נאָר פון צופעליקן ווערט. אין אלגעמיין גענומען מוז מען זאָגן אַז דער קאָנטאַקט פון אידן מיט ניי־פראַנקרייך איז געווען זייער, זייער אַ שוואַכער, אַן קיין סטאַביליטעט אדער וועלכער עס איז דויערהאַפטיקייט.

צווישן די העכסט ספּעקולאַטיווע השערות זענען די טעאָריעס, אַז צווישן די ערשטע יעזואיטישע גייסטליכע וועלכע זענען אָנגעקומען קיין קאַנאַדע פון פראַנק־רייך זענען געווען אייניגע וועלכע האָבן געהאַט אידיש־קלינגענדע אָדער אידיש־אָפּשטאַמיקע נעמען אַזוי ווי ביאַרד, אַ יעזואיט וועלכער איז געקומען קיין קאַנאַדע אין 1611 און פאַטער לע קאַראָן וועלכער איז אָנגעקומען אין 1615. עס ווערט אויך דערמאָנט די געשיכטע פון איינעם פון די באַאַמטע אין ניי־פראַנקרייך, הענרי דע לעוויס, דער גראַף פון וואַנטאַדור, וועלכער האָט אפשר געשטאַמט פון אידן. צווישן די איינוואוינער פון קאַנאַדע זענען געווען נעמען ווי יוסף דע סילווא, יעקב קאַסטאַ, מיראַנדאַ — נעמען וועלכע מען קען אפשר צושרייבן אַ אידישן שורש. עס ווערט אויך אָנגעוויזן, אַז מאַרק לעסקאַרבאָ, דער ערשטער געשיכטע־שרייבער פון קאַנאַדע, האָט אין זיינע שריפטן באַוויזן אַז ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט העברעאיש און מיטן תלמוד. מאַרק לעסקאַרבאָ האָט געפּרואווט צו באַגרינדן אַ טעאָריע אַז די אינדיאַנער פון קאַנאַדע זענען אין דער ווירקליכקייט אָפּשטאַמיקע פון די פאַרלאָרענע צען שבטים פון ישראל. דאָס האָט ער געטאָן דורך אָנווייזן געוויסע ענליכקייטן צווישן דער העברעאישער און אינדיאַנער שפּראַך, א.אַ.וו.

פון אַ מער פאַקטישן כאַראַקטער זענען די געשיכטעס פון אַ אידיש מיידל, אסתר בראַנדאַ, וועלכע איז אַריינגעקומען קיין קאַנאַדע פאַרשטעלט אלס אַ מאַן און די געשיכטע פון דער גראַדיס משפחה אין פראַנקרייך, וועלכע זענען אין קאַנאַדע ניט געווען אָבער וועלכע האָבן געהאַט געוויסע האַנדלס־באַציאונגען מיטן לאַנד.

אסתר בראַנדאַ, אַ אידיש מיידל פון אַרום צוואַנציק יאָר אַלט, איז אָנגעקומען קיין קוויבעק אין 1738, פאַרשטעלט אלס אַ מאַן, אונטער דעם נאָמען זשאַק לא פאַרג. לויט איר געשיכטע, איז זי געווען די טאָכטער פון אַ אידישן סוחר אין פראַנקרייך. ווען זי איז געווען אַרום פופצן יאָר אַלט האָט איר פאָטער זי אָפּגעשיקט צו קרובים קיין אַמסטערדאַם. די שיף מיט וועלכער זי איז געפאָרן האָט געזונקען אין אַ שטורם. זי האָט זיך געראַטעוועט, און נאָכדעם, פאַרשטעלט אלס אַ מאַנספּערשוין, האָט זי געאַרבעט אויף פאַרשידענע שיפן, געווען אַפילו אַ שיק אינגל פאַר אַ גרופּע פראַנציסקאַנער מאָנאַכן. ווען זי איז אָנגעקומען קיין קאַנאַדע און מען האָט אַנט־דעקט אַז זי איז אַ פרוי האָט מען איר צוריקגעשיקט קיין פראַנקרייך כאָטש עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך איר אָפּצושמדן.

די גראַדיס משפּחה, גרויסע סוחרים אין דער שטאָט באָרדאָ, פראַנקרייך, האָבן זיך באַטייליקט אין אַ קאָמערציעלער געזעלשאַפט, וועלכע האָט צוגעשטעלט סחורות פון פראַנקרייך קיין קאַנאַדע. ווען עס איז פאָרגעקומען די מלחמה צווישן פראַנקרייך און ענגלאַנד פאַרן באַזיץ פון קאַנאַדע, האָט די גראַדיס משפחה געהאָלפן אָנהאַלטן די פאַרבינדונגען צווישן קאַנאַדע און דער מוטערלאַנד, דורך שיקן פּראָוויאַנט, אַמוניציע א.א.וו. קיין קאַנאַדע. די קאָמערציעלע געזעלשאַפט „די סאָסייטי אָוו קאַנאַדאַ", אין וועלכער די גראַדיס זענען געווען איינע פון די הויפּט אַקציאָנערן, האָט זיך קענטיק אויסגעצייכנט מיט זייער הילף אין דער קריטישער צייט פאַר דער קאָלאָניע. די פאַרדינסטן פון דער גראַדיס פירמע זענען אָפיציעל אָנערקענט געוואָרן פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אין 1779, צוואַנציק יאָר נאָכדעם ווי קאַנאַדע איז שוין געווען אין ענגלישע הענט. לויט אַ דעקרעט פון קעניג לואיס דעם זעכצנטן, איז דער בייטראַג פון דער גראַדיס פירמע צו דער פאַרטיידיקונג פון קאַנאַדע אָפיציעל אָנערקענט געוואָרן, און דער גראַדיס משפחה איז געגעבן געוואָרן יעדע פּריווילעגיע פון פראַנצויזישער בירגערשאַפט.

דאָס זענען אין קורצן די פּעדים פון אידישן קאָנטאַקט מיט ניי־פראַנקרייך, פעדים וואָס זענען שוואַך און זייער, זייער קורץ און אומבאַדייטנד.

(דריטער קאַפּיטל)

די ערשטע אידישע אימיגראַנטן אין קאַנאַדע

די ערשטע אידישע אימיגראַנטן קיין קאַנאַדע, די וואָס האָבן זיך באמת באַזעצט אין לאַנד און האָבן עטאַבלירט אַ פּערמאַנענטן ישוב, זענען אַנגעקומען ווען קאַנאַדע איז געוואָרן אַ בריטישע קאָלאָניע. דאָס איז געווען אין יאָר 1760. כאָטש דער גורל פון קאַנאַדע איז דעצידירט געוואָרן מיט אַ יאָר פריער, אין 1759, ווען עס איז פאָרגעקומען די אַנטשיידנדע שלאַכט צווישן די בריטישע און פראַנצויזישע אַרמייען ביי דער שטאָט קוויבעק. די בריטישע כוחות אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל וואָולף האָבן געזיגט. די שטאָט קוויבעק איז פאַרנומען געוואָרן. מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1760, איז אויך אָקופּירט געוואָרן די שטאָט מאָנטרעאָל דורך אַן אַנדער בריטישער אַרמיי, וועלכע איז אָנגעקומען פון די שטאַטן, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל אַמהערסט. אין דער אַרמיי וואָס האָט פאַרנומען מאָנטרעאָל, האָבן זיך געפונען אַ צאָל אידן, אַ טייל פון וועלכע האָבן באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין קאַנאַדע.

אַזוי אַרום, דאָס בראשית פון אַ סטאַבילן אידישן ישוב אין קאַנאַדע פאַלט זיך צוזאַמען מיט דעם פעריאָד ווען דאָס לאַנד איז אונטערגעפאַלן אונטער דער בריטישער הערשאַפט און ווען עס זענען פאַרשוואונדן די לעגאַלע שטערונגען קעגן אידישער באַזעצונג, וועלכע האָבן געהערשט ווען קאַנאַדע איז געווען אונטער פראַנצויזישער דאָמינירונג. דער אַממערסטן באַקאַנטער צווישן דער קליינער גרופּע אידן אין גענעראַל אַמהערסט׳ס אַרמיי, איז געווען אהרן פיליפּ האַרט, געבוירן אין ענגלאַנד אין 1724, וועלכער איז געווען אַן אָפיציר און דער ערשטער איד זיך צו באַזעצן אין קאַנאַדע.

מען דאַרף געדענקען אַז קאַנאַדע אין 1760, מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, איז ניט געווען דאָס וואָס קאַנאַדע איז היינט. דער שטח פון דער דעמאָלטיקער קאַנאַדע האָט אַרומגענומען אומגעפער די פּראָווינצן פון קוויבעק און אָנטעריאָ. אַלע אַנדערע פּראָווינצן וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די קאַנאַדע פון היינט, זענען אָדער געווען ווילדערנישן, אָדער האָבן ניט באַלאַנגט צו קאַנאַדע.

אפילו אין דעם שטח וואָס האָט אַרומגענומען קאַנאַדע, איז די באַפעלקערונג געווען קליין און האָט זיך קאָנצענטרירט לענגאויס דעם סט. לאָרענס טייך פון קוויבעק ביז מאָנטרעאָל. דאָס איבעריקע איז געווען אומבאַוואוינטע טעריטאָריע. שפּעטער, ווען ענגלענדער האָבן זיך גענומען באַזעצן אין דער נייער קאָלאָניע, און עס זענען פאָרגעקומען רייבונגען צווישן בריטישער און פראַנצויזישער באַפעלקערונג, האָט מען די טעריטאָריע איינגעטיילט אויף צוויי פּראָווינצן: אָפּער קענעדאַ (די איצטיקע פּראָווינץ פון אָנטעריאָ), וועלכע איז געווען באַוואוינט הויפּטזעכליך פון ענגלענדער און לאָוער קענעדאַ (די איצטיקע פּראָווינץ פון קוויבעק), וועמעס באַפעלקערונג איז געווען פּרעדאָמינירנד פראַנצויזיש.

אין משך פון די ערשטע הונדערט יאָר פון אידישער באַזעצונג אין לאַנד איז דער ישוב געווען נומעריש קליין און זיין וואוקס זייער אַ לאַנגזאַמער.

לויט דעם ערשטן אָפיציעלן צענזוס אין קאַנאַדע אין 1831, האָבן אין לאַנד

געוואוינט 107 אידן. אין 1841, אַכציק יאָר נאָכדעם ווי דער ערשטער איד האָט זיך באַזעצט אין קאַנאַדע, האָט די אידישע באַפעלקערונג פון די צוויי פּראָווינצן, אַפּער און לאָוער קאַנאַדע, געציילט אינגאַנצן 154 נפשות. מיט צען יאָר שפּעטער, אין 1851, זענען שוין געווען אין לאַנד 354 אידן, פון וועלכע 248 האָבן געוואוינט אין לאָוער קאַנאַדאַ, און 106 אין אַפּער. דער פּראָצענטועל גרויסער צוואוקס פון דער באַפעלקערונג צווישן 1841 און 1851, איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם אָנהויב פון אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע פון אייראָפּע, הויפּטזעכלעך פון ענגלאַנד און דייטשלאַנד.

ווער זענען געווען די ערשטע אידישע אימיגראַנטן קיין קאַנאַדע?

ווי שוין געזאָגט, זענען זיי געקומען פון די בריטישע קאָלאָניעס וואָס זענען שפּעטער געוואָרן די פּאַראייניקטע שטאַטן. זיי האָבן אַלע געהערט צום מיטלקלאַס: סוחרים, אינדוסטריעלער אאַ״וו.

כאָטש זייער צאָל איז געווען קליין, האָבן אָבער די ערשטע אידן פאַרנומען אַן אָנזעעוודיקן פּלאַץ און זענען געווען פּראָמינענט אין דעם קאָמערציעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד. אייניקע ביישפּילן, וועלכע ווערן ברייטער אַרומגערעדט אין ב. ג. זאַק׳ס „געשיכטע פון אידן אין קאַנאַדע״, וועלן דערמעגלעכן צו שאַפן אַ באַגריף וועגן דער ראָליע פון דעם קליינעם אידישן ישוב אין לאַנד אין משך פון ערשטן יאָרהונדערט פון זיין עקזיסטענץ.

אהרן האַרט, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין טרי ריווערס, אַ שטאָט ניט ווייט פון מאָנטרעאָל, איז געווען זייער פּראָמינענט פּאַרטראָטן אין פוטער האַנדל און אַנדערע קאָמערציעלע געביטן. ער האָט זייער פיל בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון טרי ריווערס אַלס אַ וויכטיקן קאָמערציעלן צענטער.

יעקב קון איז געווען פאַר איבער צען יאָר דער „בעיליף״ אין מאָנטרעאָל. ער האָט אויך פאַרנומען דעם אַמט פון פּאָליצײ קאָמישאָנער.

איינער אַ דזשאָן פרענקס, אַ איד, איז געווען דער הויפּט פון דער קוויבעקער פייער בריגאַדע צווישן 1799—1790.

הענרי דזשאָזעף, געבוירן אין ענגלאַנד אין 1775, וועלכער האָט נאָכער עמיגרירט קיין קאַנאַדע, האָט פיל בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון נאַוויגאַציע סיי אויף די וואָסער־וועגן פון קאַנאַדע און סיי אין פאַרבינדונג מיט ענגלאַנד. אין אַ געוויסן זין קען מען זאָגן, אַז ער האָט געגרינדעט דעם האַנדלס־פלאָט פון קאַנאַדע.

דוד דעיווידס, וועלכער האָט געוואוינט אין מאָנטרעאָל, איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער „באַנק אָף מאָנטרעאָל״ און איז געווען אַ דירעקטאָר פון דער באַנק צווישן 1818 און 1824. ער איז אויך געווען איינער פון די גאָווערנאָרס פון „מאָנטרעאָל דזשענעראַל האָספּיטאַל״.

דזשייקאָב דזשאָזעף, אַ זון פון אויבן דערמאָנטן הענרי דזשאָזעף, איז געווען איינער פון די בויער פון דער ערשטער טעלעגראַפישער פאַרבינדונגס־נעץ אין קאַנאַדע, און אַ שותף אין דער „ניופאַונדלענד קאָמפּאַני״, וועלכע האָט געלייגט די טראַנסאַטלאַנטישע טעלעגראַף־פאַרבינדונג צווישן קאַנאַדע און אייראָפּע.

דזשעסי דזשאָזעף, אַ צווייטער זון, האָט אָרגאַניזירט די ערשטע גאַז און טראַמוויי קאָמפּאַני אין מאָנטרעאָל.

אַ רוסישער איד, וויליאַם היימאַן, וועלכער איז געקומען קיין קאַנאַדע אין 1842, און האָט זיך באַזעצט אין קאַפּ דע ראָזיע, אין דעם גאַספּע דיסטריקט פון קוויבעק, האָט שטאַרק אַנטוויקלט די פישפאַנג אינדוסטריע. ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מעיאָר פון דער שטאָט אין 1858, און האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט ביז זיין טויט אין 1882.

די ערשטע אידישע אימיגראַנטן האָבן אויך געזאָרגט וועגן זייער אינערלעכן אידישן קהילה־לעבן. קודם כל האָט עס זיך אויסגעדריקט אין דעם בויען פון שולן. די ערשטע שול אין קאַנאַדע איז עטאַבלירט געוואָרן אין מאָנטרעאָל אין 1768; אין טאָראָנטאָ — אין 1849, און אין וויניפּעג — אין 1863. די דאַטעס ווען די שולן זענען געגרינדעט געוואָרן זענען וויכטיק, ווייל זיי ווייזן אָן ווען די קהילה איז געוואָרן גענוג שטאַרק און סטאַביל צו זאָרגן פאַר אַן אָרגאַניזירט אידיש לעבן.

אין יאָר 1828 האָט די אידישע קהילה אין מאָנטרעאָל אָנגעגעבן אַ פּעטיציע צום פּראָווינציעלן פּאַרלאַמענט מיט דער בקשה ערלויבט צו ווערען צו פירן איר אייגענעם פּנקס פון חתונות, געבורטן און טויטן. דאָס איז דערלויבט געוואָרן.

אַ וויכטיקע ערשיינונג אין אידישן לעבן פון קאַנאַדע איז געווען דער קאַמף פאַר פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג. דער ענין איז ניט נאָר אינטערעסאַנט נאָר איז אויך וויכטיק פון שטאַנדפּונקט פון דעם וואוקס פון פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע אין קאַנאַדע בכלל, ווי אויך פון דעם שטאַנדפּונקט פון באַציאונגען צווישן די פראַנצויזישע און ענגלישע גרופּן אין קאַנאַדע, און די ווירקונג וואָס אָט דער פּאַרמעסט האָט געהאַט אויף דער אידישער געמיינדע. מיר וועלן דעריבער די פראַגע באַהאַנדלען אין דעם קומענדן קאַפּיטל.

(פערטער קאַפּיטל)

אידישע גלייכבאַרעכטיקונג אין קאַנאַדע

ווען קאַנאַדע איז אַריבער צו ענגלאַנד, איז פאַר עטלעכע יאָר די רעגירונג פון דער נייער קאָלאָניע געלעגן אין די הענט פון דעם הויפט מיליטער באַאמטן, און דער פעריאָד אין קאַנאַדער געשיכטע איז טאַקע באַקאַנט אַלס דער מיליטערישער רעזשים. פון 1763 ווען דער אָפיציעלער שלום איז געשלאָסן געוואָרן, איז די רעגירונג פון קאַנאַדע איבערגעגאַנגען אין די הענט פון אַ גובערנאַטאָר וועלכער האָט געהערשט אין לאַנד מיט דער הילף פון אַ „קאָונסיל", אַ גרופּע באַאמטע, באַשטימט פון גובערנאַטאָר, אַרויסהעלפן אים אין אָנפירן דאָס לעבן פון לאַנד.

פון שטאַנדפּונקט פון געזעץ איז איינגעפירט געוואָרן דער ענגלישער קרימי־נעלער קאָדעקס. אָבער אין ציווילן לעבן איז פאַרבליבן דער פראַנצויזישער ציווילער קאָדעקס וואָס איז געווען דאָס הערשנדע געזעץ אין לאַנד.

קיין ספּעציעלע געזעצן וועגן אידן האָט דער קאָדעקס ניט אַנטהאַלטן פּשוט דערפאַר, ווייל אין „ניי־פראַנקרייך", ווען קאַנאַדע איז געווען אונטער דעם פראַנצויזישן רעזשים, זענען ניט געווען קיין אידן.

ווען ענגלאַנד האָט פאַרנומען דאָס לאַנד און אידן האָבן זיך גענומען באַזעצן אין קאַנאַדע, האָבן זיי אין אַלגעמיין ניט געליטן פון קיין שום לעגאַלער דיסקרי־מינאַציע. פאַרקערט, ווי שוין אָנגעוויזן אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל, האָבן זיי זיך גאַנץ טיכטיק באַטייליקט אין לעבן פון לאַנד.

די צייט האָט אָבער געבראַכט צו אַ פאַרשטאַרקטן שטרייט צווישן די באַהערשטע פראַנצויזן און די באַהערשנדע ענגלענדער. אין אָנהויב האָבן די ענגלישע אויטאָריטעטן געטאָן אַלעס מעגליכע צו באַפרידיקן די פראַנצויזישע באַפעלקערונג. דאָס זעלבע קען מען אָבער ניט זאָגן וועגן די ערשטע ענגלענדער וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין קאַנאַדע. זיי האָבן זיך אויפגעפירט ווי באַהערשער און זענען ניט געווען צו איבערקלייבעריש אין מעטאָדן און מיטלען אַרויסצוקריגן פאַר זיך וואָס מער נוצן.

מיט דער צייט איז די פראַנצויזישע באַפעלקערונג, וועלכע איז פאַרטומלט און צומישט געוואָרן פון דעם ענגלישן זיג, צוביסלעך געקומען צו זיך. זי האָט גענומען באַשטיין אויף אירע רעכט אַלס נאַציאָנאַלע גרופּע. פון דער צווייטער זייט, האָט די פאַרגרעסערטע ענגלישע באַפעלקערונג געטענהט, אַז זייערע אינ־טערעסן ווערן ניט גענוגנד באַשיצט פון דער רעגירונג. חוץ דעם האָבן געוויסע ענגלישע באַאמטע אויך גענומען פירן אַן אַסימילאַציע־פּאָליטיק לגבי דער פראַנ־צויזישער באַפעלקערונג. דער שטרייט האָט זיך פאַרשטאַרקט און איז געוואָרן גאָר שאַרף אין די ערשטע יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט. אין דעם קאַמף איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן די אידישע פראַגע.

יחזקאל האַרט, געבוירן אין טרי ריווערס, איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דעפּוטאַט צום פּאַרלאַמענט פון נידער־קאַנאַדע, די איצטיקע פּראָווינץ פון קוויבעק. דאָס איז געווען אין 1807. האַרט איז געווען אַ פריינט פון דעם דעמאָלסדיקן קאַנאַדער גובערנאַטאָר דזשיימס קרעיג, וועלכער איז געווען שטאַרק ניט באַליבט

צווישן די פראנצויזישע נאציאנאלע עלעמענטן. די ניט באליבטקייט איז געווען א בארעכטיקטע, ווייל קרעיג האט געפירט אן אסימילאציע־פאליטיק לגבי דער פראנצויזישער באפעלקערונג.

דאס דערוויילן פון הארטן איז אויסגענוצט געווארן פון דער פראנצויזישער מערהייט פון דעם פארלאמענט אדער „אסעמבלי״, אלס א מיטל צו אטאקירן און אפצורעכענען זיך מיטן גובערנאטאר קרעיג און זיין רעגירונג — געמיינט האט מען די שוויגער, אבער עס האט זיך אויסגעלאזן צו דער שנור. דאס אידישקייט פון יחזקאל הארט און דאס אידישע ציווילע רעכט אין לאנד איז געווארן א שטרייט ענין.

אין יאנואר 1808 איז יחזקאל הארט, אלס א לעגאל דערוויילטער דעפוטאט געקומען קיין קוויבעק צו פארנעמען זיין פלאץ אין דער אסעמבלי. כדי צו פארנעמען זיין פלאץ אלס אן אסעמבלי מיטגליד, האט ער געמוזט אפגעבן די בויטיקע שבועה. ער האט עס געוואלט טאן לויטן אידישן נוסח, בוצנדיק דעם תנ״ך און מיט א צוגעדעקטן קאפ. דאס איז אבער ניט אנגענומען געווארן. מען האט פארלאנגט אז ער זאל אפגעבן די שבועה לויטן קריסטלעכן נוסח. ער האט זיך אפגעזאגט. אויף דעם סמך האט די מערהייט פון דער אסעמבלי באשלאסן אז אלס א איד קען יחזקאל הארט ניט פארנעמען קיין דעפוטאטן־פלאץ.

עס האט זיך צעפלאקערט א ביטערע דעבאטע, אבער די פראנצויזיש־קאטוילישע מאיאריטעט איז געווען קעגן אים. מעגלעך אז אנטי־אידישע געפילן האבן געשפילט א געוויסע ראליע, אבער דער מקור פון אמתער קעגנערשאפט קעגן הארטן איז געווען דער ציל אוועקצונעמען א דעפוטאט פון דער ענגלישער מינאריטעט און אויך דערלאנגען א קלאפ דעם גובערנאטאר קרעיג. ווי עס זאל ניט זיין, הארט איז אויסגעשלאסן געווארן פון דער אסעמבלי און דאס האט אויך געמיינט אז די אידן פון נידער־קאנאדע (קוויבעק), האבן ניט געהאט די זעלבע רעכט און פריווילעגיעס ווי אנדערע בירגער.

אין מאי 1808 זענען פארגעקומען נייע וואלן, און הארט איז נאכאמאל דערוויילט געווארן. ווידער אמאל האט מען אים געצוואונגען צו פארלאזן די אסעמבלי. ערשט מיט יארן שפעטער, ווען דער קאמף צווישן די ענגלענדער און פראנצויזן האט זיך איינגעשטילט, איז אויך אפגעשוואכט געווארן די קעגנערשאפט צו אידישער גלייכבארעכטיקונג.

ווי מיר האבן שוין דערמאנט אין פריערדיקן קאפיטל, האט דער נידער־קאנאדער פארלאמענט באוויליקט דעם פארלאנג פון די אידן אין מאנטרעאל און זיי דערלויבט צו האלטן זייער אייגענעם רעקארד פון געבורטן, טויטפאלן און חתונות. די ביטע איז אנגעגעבן געווארן אין 1828 און באוויליקט געווארן מיט א יאר שפעטער. דערמוטיקט פון דעם דערפאלג, האט שמואל הארט, א זון פון יחזקאל הארט, אריינגעטראגן א פעטיציע פאר גלייכע ציווילע רעכט פאר אידן. אין 1831 האט די אסעמבלי באוויליקט דעם פארלאנג, און דאס געזעץ פון גלייכבארעכטיקונג איז אפילו אונטערשטיצט געווארן פון איינעם פון די גרויסע פראנצויזיש־קאנאדישע פירער, לואיס־דזשאזעף פאפינא. אין יוני 1832 האט דאס געזעץ באקומען די קעניגלעכע צושטימונג, און די גלייכבארעכטיקונג פון קאנאדער אידן איז געווארן א פאקט.

די יאָרן 1760—1840 זענען געווען אַ וויכטיקער פּעריאָד פֿאַרן אידישן לעבן אין קאַנאַדע. אמת, פֿון נומערישן שטאַנדפּונקט איז די צאָל אידן געווען קליין און אימיגראַציע האָט זיך קוים אָנגעהויבן. אָבער פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון קהילה־פֿאַרפֿעסטיקונג, איז עס געווען אַ זייער וויכטיקער פּעריאָד. די קליינע אידישע קהילה האָט זיך איינגעוואָרצלט אין דער סטרוקטור און אויסערלעכן לעבן פֿון לאַנד. עס האָט זיך אויך איינגעוואָרצלט איר אינערלעכער קהילה־לעבן צו באַדינען די ספּעציפֿישע אידישע נויטן. עס איז זיכער ניט געווען קיין גרינגער פּראָצעס. עס האָט פֿאַרלאַנגט אויסדויער, אַ פּיאָנערן־גייסט און אַ פֿעאיקייט אויסצושטיין באַדינגונגען וועלכע זענען צייטנווייז געווען גאָר ניט אָנגענעם. עס האָט גענומען צייט ביז די קהילה אין קאַנאַדע האָט דערגרייכט אַ געזעלשאַפֿטלעכע סטאַביליטעט. די אַנטוויקלונגען זענען אויך געווען פֿון גרויס באַדייט פֿאַר דער צוקונפֿטיקער אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע.

ערשטנס איז עטאַבלירט געוואָרן אַ אידישער קהילה־לעבן מיט וועלכן דער ניי־געקומענער אידישער אימיגראַנט האָט זיך געקענט אידענטיפֿיצירן.

צווייטנס, די קהילה, ווייל זי איז שוין געווען איינגעפֿונדעוועט און אָרגאַניזירט, האָט אויך געקענט געבן דעם ניי־אָנגעקומענעם אימיגראַנט די נויטיקע מאָראַלע און פּראַקטישע הילף, ווי אַזוי אַמבעסטן צוצופּאַסן זיך צום נייעם לאַנד.

אַז די דאָזיקע אַנטוויקלונגען אין אידישן לעבן אין לאַנד זענען געווען פֿון גרויס וויכטיקייט, איז באַוויזן געוואָרן ווען דער ערשטער באַדייטנדער שטראָם פֿון אידישע אימיגראַנטן האָט גענומען גרייכן קאַנאַדע אַרום 1840.

(פינפטער קאַפּיטל)

דער אָנהויב פון אידישער אימיגראַציע פון אייראָפּע

ווי מיר האָבן פריער געזען האָט די אידישע קהילה אין קאַנאַדע געציילט אינגאַנצן 154 נפשות אין דעם יאָר 1841. עס איז געווען אַ קליינע קהילה, אָבער דאָך אַן איינגעפונדעוועטע.

אַ וויכטיקע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין די פערציקער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט. אידישע אימיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פון ענגלאַנד, נאָכער פון דייטשלאַנד און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער.

קיין גענויע ציפערן וויפל אימיגראַנטן זענען דעמאָלט אָנגעקומען פון ענגלאַנד זענען נישטאָ. זייער צאָל איז געווען קליין אין אַבסאָלוטע ציפערן כאָטש פּראָצענט-מעסיק, לגבי דער דעמאָלסטיקער אידישער באַפעלקערונג אין קאַנאַדע, איז עס געווען באַדייטנד. פון פיל גרעסערער וויכטיקייט איז געווען די אימיגראַציע פון דייטש-פּוילישע אידן, וועלכע האָט זיך אויך אָנגעהויבן אין דערזעלבער צייט, דאָס הייסט אַרום 1840 און האָט אָנגעהאַלטען ביז אַרום 1870.

אין אַלגעמיין, ניט נאָר אין באַצוג צו אידישער אימיגראַציע איז דייטשלאַנד געווען איינע פון די וויכטיקסטע מיגראַציע לענדער אין יענעם פּעריאָד. דייטש-לאַנד איז געווען דאָס צווייטע לאַנד נאָך ענגלאַנד וואָס האָט געליפערט די גרעסטע צאָל אימיגראַנטן אויפן צפון אַמעריקאַנער קאָנטינענט אין די יאָרן 1840 - 1870. די ערשטע גרויסע כוואַליע פון דייטשער אימיגראַציע איז געקומען צווישן די יאָרן 1845 - 1855. דייטשלאַנד האָט דעמאָלט דורכגעלעבט אַן ערנסטן עקאָנאָמישן קריזיס. עס האָט געהערשט פּאָליטישע אומצופרידנקייט און אַ סך מענטשן האָבן געזוכט אַן אויסוועג אין עמיגראַציע. די גרעסטע כוואַליע פון דער דייטשער אימיגראַציע איז געקומען צווישן די יאָרן 1866 - 1873, ווען די מלחמות אין דייטשלאַנד, צוזאַמען מיטן עקאָנאָמישן קריזיס, האָבן געשטאַרקט דעם עמיגראַציע אימפּולס צווישן דער באַפעלקערונג. נאָך דער פאַראייניקונג פון דייטשלאַנד, ווען דאָס דייטשע קעניגרייך איז עטאַבלירט געוואָרן אין 1871 אונטער דער פירער-שאַפט פון דעם אַרכיטעקט פון דער דייטשער אימפּעריע, דעם קאַנצלער ביסמאַרק, האָט זיך די עמיגראַציע צוביסלעך פאַרקלענערט און האָט זיך כמעט ווי אינגאַנצן אָפּגעשטעלט אַרום די יאָרן 1875-1880.

די אַלגעמיינע סיבות פון דער דייטשער עמיגראַציע קיין צפון אַמעריקע, האָבן געווירקט אַז אַ גרעסערע צאָל דייטשע אידן זאָלן אויך נאָכפאָלגן דעם שטראָם. דער אונטערשייד איז נאָר געווען וואָס די אידישע לאַגע אין דייטשלאַנד איז געווען פיל ערגער. דער גייסט פון „טעוטאָמאַניע", פון דערוואַכטן דייטשן נאַציאָנאַליזם, דער עקאָנאָמישער קריזיס, די פּאָליטישע אומרואיקייט, האָבן געבראַכט צו אַ צאָל אַנטי-אידישע געזעצן און דיסקרימינאַציע.

חוץ אַ קליינעם פּראָצענט פון רייכע סוחרים, אינדוסטריאַלן און פּראָפעסיאָנאַלן, האָט דאָס גרעסטע טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד, אַרום דעם מיטן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, געמאַכט אַ לעבן פון קליין-האַנדל, האַנד-

ווערקעריי, פעדלעריי א.א.וו. צוליב די צוויי־ענדיקע סיבות פון אַנטי־אידישער דיס־קרימינאַציע און פאַרערגערטער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד, זענען זיי געווען די ערשטע צו פילן דעם קלאַפּ. דאָס לאָקן פון בעסערע אויסזיכטן מעבר לים האָט געשטויסן צו עמיגראַציע. אידן פון דייטשלאַנד האָבן הויפּטזעכליך עמיגרירט צו די פאַראייניגטע שטאַטן, כאָטש אַ צאָל האָבן זיך אויך באַזעצט אין פראַנקרייך און ענגלאַנד. אין אַ געוויסן זין זענען אַ סך פון די אידישע קהילות אין צפון אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער אַ פּועל יוצא פון דער אימיגראַציע פון די דייטשע אידן וועלכע האָבן פּיאָנירט אין די ניי־באַזעצונגס לענדער און האָבן געלייגט אַ שליאַך פאַר דער קומענדער אימיגראַציע פון רוסלאַנד, פּוילן, א.א.וו.

דער פּעריאָד 1845 - 1875 ווערט אָפט באַצייכנט אין דער געשיכטע פון אי־דישער עמיגראַציע אַלס דער דייטשער פּעריאָד, ווייל די עמיגראַציע איז געקומען הויפּטזעכליך פון דייטשלאַנד, כאָטש צווישן זיי זענען געווען אַ סך פּוילישע אידן, וועלכע זענען צוערשט געקומען אין די געגנטן פון דייטשלאַנד און האָבן פון דאָרט, נאָכער, עמיגרירט מעבר לים.

עס ווערט געשאַצט אַז אַרום פופציק טויזנט אידן פון דייטשלאַנד האָבן אויסגעוואַנדערט אין משך פון די דרייסיק יאָר. קיין גענויע ציפערן זענען נישטאָ. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז אין אַ צאָל געגנטן פון בעהמען און אַנדערע פּלעצער וואו אידן האָבן געוואוינט אין דייטשלאַנד, זענען פילע קהילות כמעט ווי פאַרשוואונדן צוליב עמיגראַציע. אין באַצוג צו דער אַלגעמיינער אידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד, אין יענע יאָרן, איז די צאָל אויסגעוואַנדערטע געווען גרויס. דער גרעס־טער פּראָצענט פון די עמיגראַנטן האָט געשטראָמט קיין צפון אַמעריקע — די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.

די אידישע עמיגראַציע פון דייטשלאַנד איז פאַרקלענערט געוואָרן אין לעצטן פערטל פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. די פאַרבעסערטע עקאָנאָמישע לאַגע אין עסטרייך און דייטשלאַנד האָט אויך פּאָזיטיוו געווירקט אויף דער אידישער באַפעלקערונג. די לאַגע און עקזיסטענץ מעגליכקייטן זענען געוואָרן סטאַבילער. עס האָט זיך אויך פאַרבעסערט די פּאָליטישע לאַגע. אידן האָבן באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג. דייטש־לאַנד אנשטאָט צו זיין אַ לאַנד פון עמיגראַציע איז געוואָרן אַ לאַנד פון אימיגראַציע פאַר פילע פון פּוילן, רוסלאַנד, אוקראַינע, א.א.וו.

וויפל אידן זענען אַנגעקומען קיין קאַנאַדע אין משך פון די דרייסיק יאָר, צווישן 1845 - 1875, איז שווער צו זאָגן מיט גענויקייט. קיין דעפיניטיווע סטאַטיסטיק איז נישטאָ. פונדעסטוועגן קען מען זיך משער זיין וועגן דער צאָל לויט דעם וואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג אין קאַנאַדע אין דעם פּעריאָד.

ווי עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן האָט קאַנאַדע געציילט אין יאָר 1841 אַ אידישע באַפעלקערונג פון 154 פּערזאָן. אין 1851 האָט דער קאַנאַדער באַ־פעלקערונג צענזוס אָנגעוויזן אַ אידישע באַפעלקערונג פון 354 פּערזאָן. אין 1861 איז די באַפעלקערונג געווען 1,195 און אין 1871, דעם ערשטן צענזוס נאָך קאַנאַדער קאָנפעדעראַציע, האָט די אידישע באַפעלקערונג פון קאַנאַדע געציילט 1,333 פּער־זאָן. מיט צען יאָר שפּעטער, אין יאָר 1881 האָט זיך די באַפעלקערונג כמעט ווי

פאַרדאָפּלט און האָט געציילט 2.393 פּערזאָן. אַזוי אַרום. צווישן 1850 און 1880, אין משך פון דרייסיק יאָר איז די אידישע קהילה פון קאַנאַדע כמעט ווי זיבנפאַך פאַרגרעסערט געוואָרן. עס איז קלאָר, אַז די פאַרגרעסערונג איז געווען אַ רעזול־טאַט פון אימיגראַציע און ניט נאַטירליכן וואוקס, ווייל מען דאַרף אויך נעמען אין אַנבאַטראַכט אַז אַ געוויסע צאָל מענטשן האָבן אין דער צייט אויך פאַרלאָזן קאַנאַדע.

וואָס פאַר אַ השפעה האָט געהאַט אָט די דייטש־פּוילישע אימיגראַציע אויפן אידישן לעבן אין קאַנאַדע? וועגן דעם וועלן מיר רעדן אין קומענדן קאַפּיטל.

(זעקסטער קאַפּיטל)

די השפּעה פון דער ערשטער אידישער אימיגראַציע־כוואַליע אויפן אידישן ישוב אין קאַנאַדע

די ערשטע כוואַליע פון אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע, וועלכע איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון דייטש־פּוילישע אידן און וועלכע האָט אָנגעהאַלטן אומגעפער פון אַרום 1850 ביז 1875, האָט געהאַט אַ באַדייטנדע השפּעה אויפן אידישן לעבן אין קאַנאַדע. דאָס קהילה־לעבן איז געוואָרן אינטענסיווער. די אידישע אימיגראַנטן האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד און האָבן געלייגט דעם גרונדשטיין פון נייע קהילות. עס האָט זיך אויך באַוויזן די דערשיינונג פון סאָציאַלער און קולטורעלער דיפערענציאַציע צווישן די ערשטע תושבים און די נייע אימיגראַנטן.

די ערשטע אידישע תושבים אין קאַנאַדע האָבן אין אַלגעמיין געהערט צו דעם רייכערן קלאַס און אַלס אַ גרופּע האָבן זיי מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם באַזיצנדיקן קלאַס פון דער געזעלשאַפט. זיי זענען געווען סוחרים אָדער אונטערנעמער, מיט אַ לאַנגער דערפאַרונג אין גרויס־געשעפט, לאָקאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן. אין דער שטענדיק וואַקסנדיקער אַנטוויקלונג און אויס־ברייטערונג פון די קאָלאָניעס האָבן זיי דערפּילט אַ דעפיניטיווע און וויכ־טיקע ראָלע — זיי האָבן מיטגעהאָלפן אין דעם וואַקסן און עקאָנאָמישער עקספּאַנסיע פון די קאָלאָניעס. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז זייענדיק אין דעם דאָזיקן סאָציאַלן מצב, האָבן זיי פאַרקערט אין די מער אַריסטאָקראַטישע טיילן פון דער קאַנאַדער געזעלשאַפט. צום ביישפּיל, ווען דער דיוק אָף קענט, דער פאָטער פון קעניגין וויקטאָריאַ, האָט באַזוכט קאַנאַדע אין יאָר 1795, און האָט געוווילט אין דער שטאָט טרי ריווערס, איז ער געווען דער גאַסט פון אהרן האַרט. אַ צאָל אידן זענען אויך געווען טעטיק אַלס אָפיצירן אין דער מילישיאַ אָדער דעם קאָלאָניאַלן מיליטער. ווען דאָס ענגלישע מיליטער האָט קוואַרטירט אין מאָנטרעאָל און קוויבעק, זענען אַ צאָל אונטערהאַלטונגען און געזעלשאַפטלעכע פונקציעס צושטאַנדגעקומען אין אידישע היימען. ווען בנימין האַרט איז געשטאָרבן אין מאָנטרעאָל אין יאָר 1848, זענען דער גרעסטער טייל פון די געשעפטן אין שטאָט געווען געשלאָסן אין דער צייט פון דער לויה, און אַלע אָפיצירן פון מיליטערישן גאַרניזאָן זענען געווען אָנוועזנד ביי דער לויה, אָנגעטאָן אין אָפיציעלן טרויער, כדי אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד דעם פאַרשטאָרבענעם.

די ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד און פּוילן זענען געווען אינגאַנצן אַן אַנדער עלעמענט סיי אין זייער עקאָנאָמישער פּאָזיציע און סיי אין זייער קולטורעל־געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור. די ערשטע דייטש־פּוילישע אידן זענען געקומען הויפּטזעכלעך פון קליינע שטעט. זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אַ גאַר שוואַכע און פילע זענען געווען פּשוט אָרעם און זענען אָנגעקומען אין לאַנד אַן אַ גראָשן ביי דער נשמה. זיי האָבן זיך גענומען צו פּעדלעריי, קליינהאַנדל, האַנטווערקעריי און אַנדערע פּרנסות, וואָס האָבן ניט פאַרלאַנגט קיין אינוועסטירונג

פון קאַפּיטאַל. זיי האָבן ניט געהאַט אויף וואָס און אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן און זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען אַז זייער פּראָגרעס קען קומען נאָר דורך עבודה עצמית, זייער אייגענע איניציאַטיוו און אייגענע באַמיאונגען.

אין זייער קולטורעל־געזעלשאַפטליכער סטרוקטור זענען זיי אויך געווען גאַנץ אַנדערש. עס איז ניט געווען אַ געשלאָסענע גרופּע. זיי האָבן זיך אָנגעזאַפּט מיט דער אַטמאָספער פון אייראָפּעאישקייט, און כאָטש זיי זענען ניט געווען אפשר אַזוי געבילדעט אין וועלטלעכן וויסן, זענען די ניי־געקומענע אָבער געווען אַ מער דינאַמישער און מער לעבעדיקער עלעמענט. זייער דינאַמישקייט איז געשאַרפט געוואָרן דורך זייער עקאָנאָמישן סטאַטוס, ווייל זיי האָבן געזוכט אַ פאַרבעסערונג אין זייער סאָציאַל־עקאָנאָמישן מצב.

מיטן אָנקומען פון דעם נייעם אימיגראַנטן־עלעמענט האָט דאָס אידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אָנגענומען אַ נייעם פּנים. דייטש און אידיש אַלס אומגאַנגס־שפּראַכן האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן אַ ראָלע אין קהילה־לעבן. עס האָבן גענומען אַנטשטיין נייע קהילה־אָרגאַניזאַציעס. די עטאַבלירונג פון דער ערשטער אידישער צדקה־אָרגאַניזאַציע אין קאַנאַדע איז דירעקט פאַרבונדן מיט דער נייער אימיגראַציע. ביז דאַן האָט מען קיין צדקה אין קאַנאַדע ניט געדאַרפט. אָבער, ווי שוין געזאָגט, אַ סך פון די נייע אימיגראַנטן זענען געווען אָרעם און די אידישע קהילה האָט געמוזט אָננעמען מיטלען צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע. אַזוי אַרום איז אין 1847 געשאַפן געוואָרן אין מאָנטרעאַל די ערשטע אידישע צדקה־געזעלשאַפט אין קאַנאַדע — די היברו פילאַנטראָפּיק סאָסייטי. פון דעם ערשטן יערלעכן באַריכט פון דער סאָסייעטי, וועלכער איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין יוני 1848, דערוויסן מיר זיך, אַז די אָרגאַניזאַציע האָט אויסגעטיילט הילף צו אַ צאָל אימיגראַנטן וועלכע זענען געצוואונגען געוואָרן צו בעטן צדקה צוליב דער גרויסער נויט אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען.

מיט דעם נומערישן וואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג זענען אויך אויפגעקומען נייע קהילות און אינסטיטוציעס. אין סעפּטעמבער 1856 איז אָרגאַ־ניזירט געוואָרן די טאָראָנטער היברו קאָנגרעגיישן. אין 1858 איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון אַ אידישער קהילה אין וויקטאָריאַ, בריטיש קאָלאָמביאַ. אין מאַי 1860 איז געגרינדעט געוואָרן די דייטש־פּוילישע שול אין מאָנטרעאַל. דאָס איז געווען די צווייטע שול אין מאָנטרעאַל. די ערשטע, „שארית ישראל״, איז געגרינדעט געוואָרן מיט הונדערט יאָר פריער, אין 1768. אין 1863 איז געגרינדעט געוואָרן אין מאָנטרעאַל די „יאַנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייטי״, וועלכע האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין דעם „באַראָן דע הירש אינסטיטוט״. אין 1875 איז געגרינדעט געוואָרן אין טאָראָנטאָ די ערשטע „בני ברית לאָדזש״ אין קאַנאַדע.

כאָטש די אידישע באַפעלקערונג אין לאַנד איז נאָך אַלץ געווען נומעריש קליין, דאָך איז עס געוואָרן אַן אַקטיווע, איינגעפונדעווטע קהילה, פאַרשפּרייט איבער פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. עס זענען געווען פילע סימנים פון צוקונפטיקן וואוקס. אידן האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד און האָבן זיך באַזעצט אין נייע געגנטן וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין עפענען און אַנטוויקלען.

אין 1851 האָבן אידן געוואוינט אין ניין שטעט אין קאַנאַדע. מיט צוואַנציק

יאר שפּעטער, אין 1871, האָבן זיך אידן שוין געפונען אין נייך־און־צוואַנציק שטעט איבערן לאַנד.

לויט דער קאַנאַדער באַפעלקערונגס־ציילונג פון 1871, האָבן 48 אידן געוואוינט אין ניו בראַנזוויק; 549 אין קוויבעק און 518 אין אָנטעריאָ. די שטאָט מאָנטרעאל האָט אין 1871 פאַרמאָגט אַ באַפעלקרונג פון 409 אידן און טאָראָנטאָ 157 אידן.

דער פּעריאָד פון דער ערשטער אידישער אימיגראַציע־כוואַליע קיין קאַנאַדע האָט זיך פאַרענדיקט אַרום 1870־1875. אַ נייער פּעריאָד האָט זיך אָנגעפאַנגען ווען אַ סך אַ גרעסערע כוואַליע האָט געבראַכט אידישע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע קיין קאַנאַדע. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער גרויסער אימיגראַציע פון רוסלאַנד וועלכע האָט אָנגעהאַלטן מיט אַ שטענדיג פאַרגרעסערטן טעמפּאָ ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה.

(זיבעטער קאַפּיטל)

דער כאַראַקטער פון קאַנאַדער אימיגראַציע 1870־1900

דער פעריאָד צווישן 1760 און 1870 אין דער געשיכטע פון קאַנאַדער אידן קען באַצייכנט ווערן אַלס אַ יאָרהונדערט פון אָנהויב פון אידישער אימיגראַציע און באַזעצונג אין לאַנד, ווען עס איז געלעגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער יונגער קהילה. די קומענדיקע דרייסיק יאָר 1870־1900 קענען באַצייכנט ווערן אַלס דער פאָרמאַטיווער אָפּשניט פון אידישן קהילה־וואוקס אין קאַנאַדע. דער פאָרמאַטיווער פעריאָד האָט געלייגט דעם ווינקלשטיין פון דער אידישער איינ־בירגערונג אין קאַנאַדע. עס איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון דעם וואוקס־פעריאָד 1900־1920. דער פאָרמאַטיווער פעריאָד האָט געשאַפן די רושטעוואַניעס, דעם סקעלעט פון דעם יונגן אידישן ישוב און דער וואוקס־פעריאָד האָט אים געגעבן קערפּער און אינהאַלט.

די זיבעציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט זענען געווען אַ וויכטיקער צייט־אָפּשניט אין דער געשיכטע פון אידישער עמיגראַציע. עס איז געווען דער אָנהויב פון דער ערשטער גרויסער כוואַליע פון אידישער עמיגראַציע פון דער רוסישער אימפּעריע, וועלכע האָט אַרומגענומען רוסלאַנד גופא און אויך אַזעלכע לענדער ווי פּוילן, לאַטוויע, לעטלאַנד, רומעניע א.אַ.וו. די עמיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע איז הויפּטזעכלעך געגאַנגען קיין צפון־אַמעריקע, און איבערהויפּט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַ צאָל אימיגראַנטן זענען אויך געקומען קיין קאַנאַדע. סיי אין צאָל פון אימיגראַנטן און סיי אין זיין אינטענסיוון כאַראַקטער, האָט דער נייער אימיגראַציע־שטראָם אינגאַנצן פאַרטונקלט דעם פריערדיקן פעריאָד פון דער דייטש־אידישער איינוואַנדערונג.

עס איז נויטיק צו געדענקען, אַז דער אימיגראַציע־שטראָם פון די זיבעציקער יאָרן און די אינטענסיווקייט פון דער אימיגראַציע איז ניט נאָר געווען מאַס־געבנדיק פאַר אידן. אין אַלגעמיין זענען עס געווען יאָרן פון אַ גרויסן עמיגראַציע־שטראָם פון אייראָפּע אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. דאָס זענען אויך געווען יאָרן פון שנעלן באַפעלקערונגס־וואוקס אין קאַנאַדע. פון אַ בעפעלקערונג פון 3,689,257 אין 1871, איז זי אויסגעוואַקסן צו 5,371,315 אין 1901. די באַפעלקערונג איז געוואַקסן הויפּטזעכלעך אַ דאַנק דער אימיגראַציע. אַזוי ווי די טענדענצן פון דער אידישער אימיגראַציע האָבן נאָכגעפאָלגט, מער אָדער ווייניקער די טענדענצן פון דער אַלגעמיינער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע, וועלן מיר צוערשט געבן אַן איבערבליק איבער די אַנטוויקלונגען פון קאַנאַדער אימיגראַציע צווישן 1870 און 1900.

קאַנאַדע איז אַ לאַנד פון אימיגראַנטן און פון סאַמע אָנהויב פון דער קאַנאַדער געשיכטע איז אימיגראַציע געווען אַ גאָר וויכטיקער ענין אין לעבן פון לאַנד. סעמועל דע שאַמפּלעין, וואָס איז באַקאַנט אין דער קאַנאַדער געשיכטע אַלס דער פאָטער פון דער פראַנצויזישער קאַנאַדע, איז געווען דער ערשטער וואָס האָט גערעדט וועגן דער וויכטיקייט פון אימיגראַציע און באַזעצונג אין לאַנד. אימיגראַציע

האָט באַקומען גאָר אַ באַדייטנדיקן שוואונג אין דער צייט ווען זשאַן טאַלאָן, דער באַקאַנטער קאַנאַדיש־פראַנצויזישער שטאַטסמאַן, איז געווען דער פאַר־וואַלטער פון לאַנד. ער האָט אָנגעפירט אַן אינטענסיווע אימיגראַציע־פּאָליטיק, און קען באַטראַכט ווערן אַלס דער ערשטער קאַנאַדער אימיגראַציע־מיניסטער.

אין יאָר 1759, ווען ענגלאַנד האָט איבערגענומען קאַנאַדע, איז די באַפעל־קערונג פון לאַנד געווען אַרום זיבעציק טויזנט נפשות. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ענגלאַנד האָט געוואָלט וואָס מער ענגלענדער אין לאַנד און האָט שטאַרק געווירקט אַז דער אַריינפלוס פון אימיגראַנטן זאָל אָנהאַלטן. דער פּראָצעס פון בריטישער אימיגראַציע, אַמאָל גרעסער און אַמאָל קלענער, האָט אָנגעהאַלטן ביז די זיבע־ציקער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט.

אין יאָר 1867 איז קאַנאַדע געוואָרן אַ דאָמיניאָן און עס איז אָנוועקגעלייגט געוואָרן די ערשטע טראַנסקאָנטינענטאַלע באַן־ליניע, די קענעדיען פּאַסיפיק, וועלכע האָט פאַרבונדן דעם מזרח מיטן מערב פון לאַנד, פון האַליפאַקס ביז וואַנקואָווער. אין יאָר 1871 איז די פּראָווינץ פון בריטיש קאָלאָמביאַ געוואָרן אַ טייל פון קאַנאַדע און די טעריטאָריעלע פאַרברייטערונג פון לאַנד האָט זיך אַזוי אַרום פאַרענדיקט.

עס איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס ריזיקע לאַנד קען נאָר וואַקסן דאַן אויב עס וועט באַווייזן אַז עס קען דורכפירן אַן אימיגראַציע־פּאָליטיק, וועלכע זאָל אַריינ־ברענגען מענטשן אין לאַנד און וועלכע זאָל קאָלאָניזירן די אומבאַזעצטע, ריזיקע שטחים לאַנד אין מערב־קאַנאַדע. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז דער איינציקער ענטפער צו דעם פּראָבלעם קען קומען נאָר דורך אימיגראַציע. די וויכטיקייט פון אימיגראַציע פאַר קאַנאַדע איז אַפילו אָנערקענט געוואָרן דורך דעם „בריטיש נאָרט־אַמעריקאַ עקט”, דעם דאָקומענט וואָס ווערט באַצייכנט אַלס די קאַנאַדער קאָנסטיטוציע. לויט דעם אַקט, האָט יעדע פּראָווינץ אין קאַנאַדע געקענט איינפירן אירע אייגענע געזעצן וועגן אימיגראַציע אין צוגאַב צו די געזעצן פון דער פעדעראַלער רעגירונג. עס איז אויך אָבער באַוואָרנט געוואָרן, אַז אין פאַל ווען עס זאָל זיין אַ קאָנפליקט צווישן די פּראָווינציעלע און פעדעראַלע געזעצן, זענען די פעדעראַלע געזעצן גילטיק. פאַקטיש, איז אימיגראַציע געוואָרן כמעט ווי אויס־שליסלעך אַ פעדעראַלער ענין.

אין יאָר 1872 האָט די קאַנאַדער רעגירונג אַרויסגעגעבן דעם „דאָמיניאָן לענד עקט”, וועמעס צוועק עס איז געווען צו שטאַרקן די אימיגראַציע קיין קאַנאַדע דורך פאַרטיילן באָדן פאַר פאַרמערס. דאָס זעלבע איז אויך געטאָן געוואָרן דורך אַ צאָל פּריוואַטע געזעלשאַפטן, וועלכע האָבן געשטיצט די אַנטוויקלונג פון קאַ־לאָניזאַציע און אימיגראַציע. פון דער צווייטער זייט זענען אויך געווען פאַקטאָרן, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע, וועלכע האָבן טאָרמאָזירט, אין אַ געוויסער מאָס, דעם פולן שוואונג פון דער אַרבעט. קאַנאַדע האָט דורכגעלעבט אין משך פון דעם צייט־אָפּשניט וועגן וועלכן מיר רעדן עטלעכע עקאָנאָמישע דעפּרעסיעס. פון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, כדי אַריינצוברענגען אַ גרויסע צאָל אימיגראַנטן האָט קאַנאַדע געמוזט ווערבירן אימיגראַנטן אין אייראָפּע. די ענגלישע אינזלען האָבן אַליין ניט געקענט צושטעלן דעם נויטיקן מענטשן־מאַטעריאַל. דאַך, צוליב פאַרשטענד־לעכע טעמים, האָבן די קאַנאַדער אויטאָריטעטן געוואָלט פאַרזיכערן אַז דאָס

לאַנד זאָל פֿאַרבלייבן מיט אַ דאָמינירנדיקער בריטישער באַפֿעלקערונג. דעריבער איז דער טראָפּ געלייגט געוואָרן אויף בריטישער אימיגראַציע. די אימיגראַציע איז הויפּטזעכלעך געגאַנגען קיין אָנטעריאָ, און ביים סוף פֿון ניינצנטן יאָרהונדערט האָט אָנטעריאָ שוין געהאַט אַ גרעסערע באַפֿעלקערונג ווי איר שוועסטער־פּראָווינץ קוויבעק.

אַזוי אַרום, פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אימיגראַציע, דאַרף דער פּעריאָד צווישן דער קאָנפֿעדעראַציע (1867), ווען קאַנאַדע איז געוואָרן אַ דאָמיניאָן, און דעם סוף פֿון ניינצנטן יאָרהונדערט, באַטראַכט ווערן אַלס אַ צוגרייטונגס־פּעריאָד פֿאַר דער גרויסער כוואַליע פֿון אימיגראַציע, וועלכע איז געקומען אין אָנהויב פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אַט דער צוגרייטונגס־פּעריאָד איז אויך געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער אידישער אימיגראַציע. אידישע אימיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען אין גרעסערע צאָלן אָבער די הויפּט־כוואַליע פֿון אידישער איינוואַנדערונג האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַרום יאָר 1900. דאָס איז געווען די גרויסע אימיגראַציע פֿון מזרח־אייראָפּע. די סיבות און די דינאַמיק פֿון דער אימיגראַציע פֿון רוסלאַנד און אַנדערע לענדער פֿון דער רוסישער אימפּעריע וועלן באַטראַכט ווערן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

(אַכטער קאַפּיטל)

די סיבות פון אידישער עמיגראַציע פון דער רוסישער אימפּעריע

רוסלאַנד איז געווען דאָס וואוינאָרט פון דעם גרעסטן טייל אידן אין דער וועלט. רוסלאַנד האָט געקראָגן איר אידישע באַפעלקערונג פון פּוילן וואָס איז געווען דער צענטער פון אידישן לעבן אין דעם זעכצענטן און זיבעצנטן יאָרהונדערט. ווען דאָס פּוילישע קעניגרייך האָט גענומען אונטערגיין, און ווען פּוילן איז סוף כל סוף צעטיילט געוואָרן צווישן רוסלאַנד, פּרייסן און עסטרייך, האָט רוסלאַנד באַקומען דעם גרעסטן טייל פון דער פּוילישער טעריטאָריע. די צעטיילונג פון פּוילן איז פאָרגעקומען צווערשט אין 1772 און נאָכהער אין 1815. צוזאַמען מיט דער פּוילישער טעריטאָריע האָט רוסלאַנד אויך גע'ירשנ'ט די אידישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט דאָרט געוואוינט און אַזוי אַרום זענען אידן געוואָרן רוסישע אונטערטאַנען.

די אידישע באַפעלקערונג פון רוסלאַנד האָט הויפּטזעכליך געוואוינט אין די מערב־פּראָווינצן פון דער אימפּעריע. אין 1791, לויט אַ דעקרעט פון דער אימפּעראַטאָרשע יעקאַטערינאַ, איז די געגנט וואו די אידן האָבן געוואוינט אויסגעטיילט געוואָרן אין אַ גיגאַנטישער געטאָ, דעם תחום המושב, אָדער ווי עס איז באַקאַנט געווען אין רוסיש די „טשערטאַ אָסעדלאָסטי". מיט געוויסע אויסנאַמען האָט מען אידן פאַרווערט צו וואוינען אין אַנדערע געגנטן פון רוס־לאַנד. רוסלאַנד איז דאַן באַשטאַנען פון ניין און אַכציק פּראָווינצן און טערי־טאָריעס. אַזוי אַרום זענען אידן אויסגעשלאָסן געוואָרן פון וואוינרעכט אין ניינציק פּראָצענט פון דער רוסישער אימפּעריע.

ווען אידן זענען געוואָרן אונטערטאַנען פון רוסלאַנד איז די סאָציאַלע סטרוק־טור פון לאַנד באַשטאַנען הויפּטזעכליך פון צוויי קלאַסן. פון איין זייט איז געווען די גרויסע, מיליאָניקע מאַסע פון פּויערים אין אַ האַלב־פאַרשקלאַפטן צושטאַנד. פון דער צווייטער זייט איז געווען דער אַריסטאָקראַטן־קלאַס, די הערשער. די אידישע באַפעלקערונג איז געווען סאָציאַל רעכטלאָז און עקאָנאָמיש זענען זיי געווען באַשעפטיקט אַלס קליין־הענדלער, האַנדווערקער, שוסטער, שמידן, אַרענדאַרן, סטאָליערס, שניידער א.א.וו.

אַן ענדערונג איז געקומען אַרום דעם מיטן פון ניינצענטן יאָרהונדערט. דער פּראָגרעס פון קאַפּיטאַליזם האָט אויך דערגרייכט רוסלאַנד. די אַבסאָלוטע מאָנאַר־כיע פון די צאַרן האָט געמוזט איינפירן געוויסע רעפאָרמען. אין 1861 איז דאָס רוסישע פּויערטום באַפרייט געוואָרן פון זיין פאַרשקלאַפטן סטאַטוס. עס איז אויסגעוואַקסן אַ רוסישער מיטל־קלאַס, וועלכער האָט גענומען פאַרלאַנגען אַ דעה אין דער אַנפירונג פון לאַנד. עס איז אויך געוואַקסן דער אינטעלעקטועלער קלאַס, און די אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד האָט אויך באַשאַפן דעם אַרבעטער־קלאַס. רוסלאַנד איז געוואָרן אומרואיק. רעוואָלוציאָנערע גרופּן האָבן זיך פאַרשפּרייט, און האָבן געפּריידיקט דעם געדאַנק פון פרייהייט.

די לאגע פון די אידן האט זיך פארערגערט. פון איין זייט איז די אידישע באפעלקערונג געוואקסן. פון דער צווייטער זייט האבן די וואוינרעכט-באשרענ־קונגען פשוט פאראליזירט אלע מעגלעכקייטן פון אנטוויקלונג. ארעמקייט איז געוואקסן. דער היסטאריקער פון די אידן אין רוסלאנד, שמעון דובנאוו, שאצט, אז ביים סוף פון נייגצעגטן יארהונדערט, האט ארום א העלפט פון דער אידישער באפעלקערונג ניט געהאט קיין באשטימטע מלאכות און ארום א העלפט פון דער אידישער באפעלקערונג אין אזעלכע שטעט ווי אדעס, קאוונע, ווילנע, מינסק, האט געמוזט אנקומען נאך צדקה פסח-צייט.

אין מערץ 1881, איז דער צאר אלעקסאנדער דער צווייטער דערמארדעט געווארן דורך א באמבע־אטענטאט, אויסגעפירט פון די רעוואלוציאנערע גרופן. זיין זון, אלעקסאנדער דער דריטער איז געווארן קיסר. ביי א געהיימער קאנפערענץ האט די פירערשאפט פון רוסלאנד באטראכט ווי אזוי צו קאנטראלירן די שטיי־גנדיקע אומרואיקייט אין לאנד. עס זענען געווען צוויי מיינונגען: די ליבעראלן האבן פארגעשלאגן איינצופירן געוויסע רעפארמען און פארלייכטערונגען. די רעאקציאנערן האבן גע'טענה'ט, אז רעפארמען וועלן מאכן די לאגע ערגער, און אז די באפעלקערונג מוז געהאלטן ווערן אין א צושטאנד פון אונטערטע־ניקייט. זיי האבן אויך געהאלטן, אז אלע פעלקער און רעליגיעזע גרופן, וועלכע וואוינען אין לאנד, דארפן דאמינירט ווערן פון די גרויס־רוסן. די רעאקציאנערע מיינונג האט געזיגט.

יעדער אויסדרוק פון וועלכער עס איז פארלייכטערונג אדער שטרעבן צו פרייהייט איז געענטפערט געווארן מיט טורמע און פארשיקונג קיין סיביר. די רעאקציע האט איבערגענומען די מאכט און איז געווארן די מאסגעבנדיקע פאליטיק פון דער רעגירונג.

די אידן אין רוסלאנד זענען געווען די ערשטע צו פילן דעם נייעם צוגאנג. אנטיסעמיטיזם, אונטערדריקונג און בלוטיקע פאגראמען זענען געווארן א טייל פון דעם אפיציעלן רעגירונגס־קורס. דער טרויעריק־בארימטער צארישער מיניס־טער, דער הויפט פון דעם הייליקן סינאד אין רוסלאנד, פאביעדאנאסצעוו, וועל־כער איז אויך געווען דער פירער פון דער רעאקציאנערער פארטיי, האט עפנטלעך דערקלערט, אז דאס אידישע פראבלעם וועט געלייזט ווערן ווי פאלגט: א דריטל פון אלע אידן וועט עמיגרירן, א דריטל וועט באקערט ווערן צום קריסטנטום, און די איבעריקע וועלן אויסשטארבן פון הונגער. אזוי ארום, די „הייסע" פאגראמען דורך בלוט־פארגיסונג און מארד, און די „קאלטע" פאגראמען דורך געזעץ־דיסקרימינאציע, האבן געהאט א צווייפאכן ציל: אונטערדריקן די אידן, און געבן א מעגלעכקייט דעם המון, אויסצולאזן זיין אומצופרידנקייט דורך אידן־העצע און אזוי ארום אפווענדן זיינע געדאנקען פון רעפארמען־מחשבות.

אין יאר 1882 איז ארויסגעגעבן געווארן א דעקרעט, וואס האט פארבאטן אידן צו וואוינען אין דערפער. א שטרענגע פראצענט־נארמע איז איינגעפירט געווארן אין גימנאזיעס און אוניווערזיטעטן. די שטעט, וואו אידן האבן גע־וואוינט, און וואס זענען אזוי אויך געווען איבערגעפאקט מיט נויט און ענג־שאפט, האבן צוגעקראגן די ארויסגעטריבענע פון די דערפער און דארפס־געגנטן.

די לאַגע איז געווען ניט נאָר אַ שווערע, זי איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. פאַר אַ סך איז די איינציקע רעטונג געווען צו אַנטלויפן, צו עמיגרירן.

די צוויי הויפּט־באַדינגונגען פאַר עמיגראַציע זענען געווען רייף. פון איין זייט האָט געשטופּט די נויט, דיסקרימינאַציע, פאַרפאָלגונג. פון דער צווייטער זייט האָבן געלאָקט און גערופן די לענדער פון דער נייער וועלט. דער עמיגראַציע־שטראָם האָט אָנגעהויבן צו פליסן.

(נײנטער קאַפּיטל)

קאנאדער אידישע אימיגראַציע אין די יאָרן 1870—1900

דער עמיגראַציע שטראָם פון מזרח אײראָפּא און הויפּטזעכלעך פון רוסלאַנד, װעלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין די יאָרן 1870—1880, איז געגאַנגען אין פאַרשײדענע לענדער פון מערב אײראָפּע — דײטשלאַנד, פראַנקרײך און ענגלאַנד. די מערהײט איז אָבער געגאַנגען מעבר לים. דער באַרימטער אידישער פאָרשער פון עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען בײ אידן, יעקב לעשצינסקי, שאַצט, אַז אין דעם האַלבן יאָרהונדערט, צװישן 1850 און 1900, האָבן אַרום אַ מיליאָן אידן עמיגרירט אין נײע װאוינלענדער, און די גרעסטע קאָנצענטראַציע פון דעם עמיגראַציע־שטראָם איז געװען צװישן די יאָרן 1875 און 1900.

די הויפּט־עמיגראַציע איז געגאַנגען אין די פאַראײניקטע שטאַטן, װעלכע האָט אויפגענומען אַרום 875,000 אימיגראַנטן אָדער אַרום 89 פּראָצענט פון דער אַלגעמײנער צאָל. דרום און צענטראַל אַמעריקע האָבן אויפגענומען אַרום 30,000 אָדער 2.5 פּראָצענט. זיד אַפריקע — 27,000 אָדער 2.4 פּראָצענט. פּאַלעסטינע — 35,000 אָדער 3.9 פּראָצענט, און אַלע אַנדערע לענדער — 6,000 אָדער 0.7 פּראָצענט.

װיפיל אידן זענען געקומען קײן קאנאדע אין די יאָרן 1870—1900?

קײן גענױע סטאַטיסטיק איז ניטאָ. מיר װעלן אָבער מאַכן געװיסע השערות און מיר גלויבן, אַז אונטער די אומשטענדן, קען אונזער אָפּשאַצונג באַטראַכט װערן אַלס דעפיניטיװ.

עס זענען פאַראַן עטלעכע סיבות, פאַרװאָס עס זענען ניטאָ קײן גענױע סטאַטיסטישע ציפערן װעגן אידישער אימיגראַציע קײן קאנאדע פאַר דעם פּעריאָד. ערשטענס, די קאנאדער רעגירונג האָט אײנגעפירט אינפאָרמאַציע, װעלכע זאָל געבן דעם עטנישן אָפּשטאַם פון אימיגראַנטן ערשט נאָך 1900. צװײטנס, אַ גרױסע צאָל אידישע און אַנדערע אימיגראַנטן זענען געקומען קײן קאנאדע ניט דװקא דירעקט, דורך קאנאַדישע האַפנס. אַ סך זײנען געקומען צוערשט אין די פאַראײניקטע שטאַטן, און פון דאָרטן זענען זײ אָנגעקומען קײן קאנאדע. ביז 1927 האָט די אָפיציעלע קאנאדער אימיגראַציע־סטאַטיסטיק נישט פאַרנאָטירט דעם עטנישן אָפּשטאַם פון די אימיגראַנטן, װעלכע זענען געקומען פון די שטאַטן. אַזױ אַרום איז די אָפיציעלע סטאַטיסטיק פון דער צאָל אידישע אימיגראַנטן קײן קאנאדע, װעלכע זענען אָנגעקומען דורך קאנאדער האַפנס, קלע־נער װי די פאַקטישע צאָל פון דער אידישער אימיגראַציע.

מיר שאַצן אַז צװישן 1870 און 1900 זענען אַרום 14,000 אידישע אימיג־ראַנטן אַרײנגעקומען קײן קאנאדע. די אָפּשאַצונג װערט געמאַכט אויפן פאָלגנדן יסוד: אין 1871 האָט די אידישע באַפעלקערונג פון קאנאדע געצײלט 1,333 נפשות. מיט דרײסיק יאָר שפּעטער, אין 1901, האָט די באַפעלקערונג געצײלט 16,717 מענטשן. אַזױ אַרום האָט די אידישע באַפעלקערונג פון קאנאדע זיך פאַר־גרעסערט מיט איבער 15,000 נפשות אין משך פון דעם צײט־אָפּשניט. נעמענדיג אין באַטראַכט דעם נאַטירלעכן צוזואוקס און אויך אַז אַ צאָל האָבן אין משך

פון דער צייט פאַרלאָזן קאַנאַדע, גלויבן מיר, אַז די ציפער פון 14,000 אימיגראַנטן, אַנטשפּרעכט, מער־ווייניקער, דער פאַקטישער צאָל.

די צאָל פון פערצן טויזנט אימיגראַנטן אין משך פון 30 יאָר איז אפשר ניט אַזוי גרויס, אָבער לויט די ציפערן פון דעם אידישן ישוב אין קאַנאַדע אין יענע יאָרן, האָט עס געמיינט, אַז אין משך פון דריי צענדליק יאָר איז די אידישע קהילה צוועלפפאַך אויסגעוואַקסן. אין לעבן פון אידישן ישוב, דעריבער, איז עס געווען אַ באַדייטנדיקע דערשיינונג. נאָכמער, די נייע אימיגראַציע האָט אויסגעאיבט אַ גאַר גרויסע השפּעה אויף דעם זיך פאַרמירנדיקן פּנים פון דעם קאַנאַדער אידישן ישוב. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט סיי אין דער געאָגראַפישער פאַר־טיילונג פון דער באַפעלקערונג איבער׳ן לאַנד, סיי אין דער סאָציאַלער סטרוקטור און עקאָנאָמישער צופאַסונג, און סיי אין דעם אָרגאַניזירטן קהילה לעבן. די נייע אימיגראַציע האָט ניט נאָר געבראַכט אַ פאַרגרעסערונג פון דער צאָל אידן אין לאַנד. עס זענען אויך געקומען, צוזאַמען מיט די אימיגראַנטן, נייע אידייען, נייע פאָרמען פון קהילה־לעבן, אַ מער לעבעדיקער און אינהאַלטסרייכער צוגאַנג צום אידיש לעבן. די נייע אימיגראַציע האָט אויסגעפורעמט אַ פולסירנדיק, אַקטיוו, פּראָדוקטיוו אידיש לעבן. קאַנאַדע איז געוואָרן אַ אידישער ישוב, וועלכער איז אַרויס פון קינדהייט־פּעריאָד, און איז געוואָרן רייף אַנטיילצונעמען אין אַלגעמיינעם אידישן לעבן בכלל, און אַלס אַ טייל פון קאַנאַדער לעבן בפרט.

די געאָגראַפישע פאַרטיילונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין קאַנאַדע איז גענוי שטודירט געוואָרן פון ל. ראָזענבערג, פאָרשונגס ־ דירעקטאָר פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס.

אין 1871 האָבן אידן געוואוינט אין 29 שטעט אין קאַנאַדע; אין 1881 אין 49 שטעט; אין 1891 אין 92 און אין 1901 איז די צאָל שטעט וואו אידן האָבן געוואוינט געווען 113.

די פאַרטיילונג פון אידישן ישוב לויט פּראָווינצן אין יאָר 1901 איז געווען ווי פאָלגט: אין אָנטעריאָ האָבן אידן געוואוינט אין 54 שטעט; קוויבעק — 27; סאַסקאַטשעוואַן — 2; אַלבערטאַ — 2; מאַניטאָבאַ — 10; בריטיש קאָלומ־ביאַ — 1; נאָוואַ סקאָשיאַ — 7; ניו בראָנזוויק — 6, און פּרינץ עדוואַרד איילענד — 1.

די פאַרטיילונג פון דער אידישער באַפעלקערונג לויט פּראָווינצן, און לויט דעם קאַנאַדער פאָלקס־צענזוס פון 1901, איז געווען ווי פאָלגט: פּרינץ עדוואַרד איילענד האָט געהאַט 17 אידישע איינוואוינער; ניו בראַנזוויק — 395; נאָוואַ סקאָשיאַ — 449; קוויבעק — 7,607; אָנטעריאָ — 5,337; מאַניטאָבאַ — 1,514; סאַסקאַטשעוואַן — 296; אַלבערטאַ — 242; בריטיש קאָלומביאַ — 544; נאָרט וועסט טעריטאָריס — 64, און יוקאָן — 252. אַזוי אַרום האָט די קאַנאַדער אידישע באַפעלקערונג געציילט 16,717 נפשות אין 1901. מיר זעען אויך, אַז אידן האָבן געוואוינט אין יעדער פּראָווינץ פון קאַנאַדע, וואָס מיינט אַז דער אידישער אימיג־ראַנט האָט מיטגעאַרבעט און איז מיטגעגאַנגען מיט אַנדערע פּיאָנערן פון קאַנאַדע, וועלכע האָבן געעפנט און באַפעלקערט דאָס לאַנד.

ווי יעדער אַנדערער סאָציאַלער אָרגאַניזם אין דער פאָרמירנדיקער סטאַדיע פון זיין אַנטוויקלונג, איז אויך דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע נאָך ניט געווען

קיין איינהייטליכער, אינטעגרירטער אָרגאַניזם. דער ישוב איז געווען צעוואָרפֿן איבער דער לענג און ברייט פֿון לאַנד, און דער גרעסטער טייל פֿון די ישובים, 88 פֿון 113, אין יאָר 1901, האָבן געציילט ווייניקער פֿון 35 נפשות. יעדע קהילה האָט געזוכט צוערשט איר אייגענעם דרך פֿון איינלעבן זיך און איינבירגערן זיך לגבי די אינערליכע פּראָבלעמען, און לגבי דער אויסערליכער וועלט. דאָס לעצטע פּערטל פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט אין אידישן לעבן פֿון קאַנאַדע קען כאַראַקטערי־זירט ווערן ווי אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד. אידן האָבן דערשפּירט אַ פֿעסטקייט פֿון דעם נײַעם באָדן אונטער די פֿיס. די אימיגראַנטן האָבן אויך געבראַכט מיט זיך אַ באַוואוסטזיניקייט פֿון אינהאַלט און ציל פֿאַר דער צוקונפֿט, איבערהויפּט ווען דער קאָנטראַסט צווישן די לענדער פֿון דער אַלטער היים, פֿון וואַנען זיי זענען אַנטלאָפֿן, און דער נײַער היים, וועלכע האָט זיי פֿרײַנדליך אויפֿגענומען, איז געווען אַזוי גרויס. ב. ג. זאַק, אין זײַן „געשיכטע פֿון אידן אין קאַנאַדע״, סומירט דאָס קאַנאַדער אידישע לעבן בײַם סוף פֿון נײַנצענטן יאָרהונדערט אַזוי: „דער יונגער ישוב איז געשטאַנען אויפֿן שוועל פֿון נײַעם יאָרהונדערט, און ער האָט אים באַגעגנט מיט צוטרוי אין זײַנע יונגע כוחות, מיט גלויבן אין זײַן אייגענער ענערגיע און אין די פּערספּעקטיוון און מעגליכקייטן, וואָס זענען פֿאַר אים געלעגן פֿאַראויס. ער האָט פֿאַר זיך געקוקט מיט האָפֿענונג און דערוואַרטונג״.

(צענטער קאַפּיטל)

אימיגראַנטן הילפס־אַרבעט אין קאַנאַדע אין די יאָרן 1870־1900

מיט דעם אַריינפלוס פון אימיגראַנטן און מיט דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג איז אויסגעוואַקסען די נויטווענדיקייט פון פילאַנטראָפּישער אַרבעט, ווייל פילע פון די ניי־געקומענע זענען פשוט אַנגעקומען אין לאַנד אָפּגעריסן און אָן שום מיטלען. ווי מיר האָבן שוין דערמאַנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, איז די ערשטע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע אין מאָנטרעאָל געשאַפן געוואָרן אין 1847. דאָס איז געווען די „היברו פילאַנטראָפּיק סאָסייטי״. אין 1863 איז די סאָסייטי רעאָרגאַניזירט געוואָרן און איז באַקאַנט געווען אַלס די „יאַנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייטי״. כל זמן דער צופלוס פון ניי־געקומענע איז געווען ניט צו גרויס, האָט די אָרגאַניזאַציע דערפילט אירע פליכטן. אָבער ווען דער אימיגראַנטן־שטראָם איז געוואָרן שטאַרקער, אַרום 1881, האָט די סאָסייטי זיך שוין ניט געקענט ספּראַווען מיט דער וואַקסנדיקער צאָל אַפּליקאַציעס פאַר שטיצע. אַן אַקציע פון גרעסערן פאָרמאַט איז נויטיק געווען, און אין מערץ 1882 איז די אידישע קהילה אין מאָנטרעאָל מאָביליזירט געוואָרן צו באַטראַכטן וועגן און מיטלען ווי אַזוי צו באַזאָרגן די ניי־געקומענע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצודינגען דריי שפּייכלערס נעבן דעם האָפן, וועלכע מ׳האָט פאַרוואַנדלט אין צייטווייליקע שלאָף־ און אויפהאַלט־פּלעצער. דאָרטן האָבן זיך די אימיגראַנטן אויפגעהאַלטן ביז זיי האָבן באַקומען באַשעפטיקונג און אַנגעהויבן שאַפן אַ סטאַבילע עקזיסטענץ. עס איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז מער אינטענסיווע מיטלען און וועגן פון אימיגראַנטן־הילף און פילאַנטראָפּישער אַרבעט וועלן נויטיק זיין אין דער צוקונפט. דרך אגב, איז אויך כדאי צו פאַרצייכנען, אַז אין דערזעלבער צייט האָט זיך געשאַפן אין מאָנטרעאָל אַן אימיגראַנטן הילפס־פאַראיין, די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון דעם מין אין קאַנאַדע. זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין אריכת־ימים.

קאַנטיק, אַז ניט דער אידישער ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן און זיכער ניט דער ישוב אין קאַנאַדע, האָבן געקענט, מיט זייערע אייגענע כוחות, נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו פינאַנצירן די נויטוועדיקע אימיגראַנטן הילפס־אַרבעט. מ׳האָט געמוזט זוכן שטיצע פון אַנדערע קוואַלן און מ׳האָט זיך געווענדט צום באַקאַנטן אידישן נגיד און פילאַנטראָפּ באַראָן דע הירש.

באַראָן מאָריס דע הירש איז געווען אַ דייטשער איד, וועלכער האָט זיך ערנסט פאַראינטערעסירט מיט דער טראַגישער לאַגע פון דעם רוסישן אידנטום. ער איז געקומען צום אויספיר, אַז ווינציקסטנס אַ טייל פון דעם פּראָבלעם קען מען לייזן דורך עמיגראַציע אין אַנדערע לענדער וואו דער אידישער וואַנדערער זאָל געניסן פון מענטשלעכע רעכט און אויפהערן צו זיין אַ פּאַריאַ. דער באַראָן האָט מנדב געווען גרויסע סומען געלט פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע אין צפון־ און דרום־אַמעריקע. אין יאָר 1890 איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער באַראָן דע הירש פאָנד אין ניו יאָרק און אין 1897 די אידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט (איקאָ). אָט די צוויי אָרגאַניזאַציעס, געגרינדעט און געשטיצט פונם באַראָן, האָבן אין

אַ גרויסער מאָס רעגולירט און געשטיצט די אידישע אימיגראַציע און קאָלאָני־זאַציע־אַרבעט.

ווען די לאַגע אין קאַנאַדע איז געוואָרן קריטיש דורך דעם אָנקומען פון אַ גרויסער צאָל אימיגראַנטן, האָט דער מאָנטרעאָלער הילפס־קאָמיטעט זיך גע־ווענדט צום באַראָן און אַפּעלירט נאָך שטיצע. אין דעם בריוו וואָס איז צו אים געשיקט געוואָרן, האָט דער קאָמיטעט דערקלערט, אַז געלט איז נויטיק פאַר אַן אויפנאַמס־פּלאַץ, וואו די אימיגראַנטן זאָלן זיך קענען צייטווייליק אויפהאַלטן ביז זיי וועלן קריגן פּרנסה. עס איז אויך דערמאָנט געוואָרן, אַז די קהילה נויטיקט זיך אין שטיצע פאַר אַ שולע פאַר אימיגראַנטן־קינדער. כדי דער באַראָן זאָל אויפ־נעמען די ערנסטקייט פון דער בקשה, איז דער בריוו אונטערגעשריבן געוואָרן פון די פאַרוואַלטער פון קאָמיטעט און אויך פון דעם מעיאָר פון מאָנטרעאָל, דזשיימס מעקשיין, און די קאָנסולן פון עסטרייך, דייטשלאַנד, פראַנקרייך און מעקסיקע.

דער ענטפער פון באַראָן איז געקומען מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער. ער האָט אויסגעדריקט פאַרשטענדעניש פאַר דער לאַגע און האָט צוגעשיקט די סומע פון צוואַנציק טויזנט דאָלער, אויך צוזאַגנדיק ווייטערע שטיצע.

דער אָפּרוף פון באַראָן האָט ניט נאָר געהאָלפן אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, נאָר האָט אויך געדינט אַלס אַ דעפרישנדיקער כוח אין דער קהילה גופא צו דערמוטיקן די נויטווענדיקע פילאַנטראָפּישע טעטיקייט. אַ ספּעציעלער קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן אין מאָנטרעאָל. דער קאָמיטעט האָט געקויפט אַ געביידע (אויף נומער 7, סט. עליזאַבעט גאַס) אין מאָנטרעאָל. מ׳האָט די גע־בײדע איבערגעבויט און צוגעפּאַסט צו דינען אַלס הכנסת־אורחים פאַר אימיגראַנטן און פאַר אַ שולע פאַר קינדער. די אָפיציעלע דערעפענונג איז פאָרגעקומען דעם 17־טן יוני 1891, ווען דער מעיאָר פון מאָנטרעאָל האָט דערקלערט די אינסטי־טוציע אָפן. אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער „באַראָן דע הירש אינסטיטוט״, וועל־כער איז דאָן באַצייכנט געוואָרן אַלס אַ „פרייע שולע פאַר די אָרעמע קינדער פון אידישן גלויבן און אַ צייטווייליקע היים פאַר נויטבאַדערפטיקע אימיגראַנטן און קינדער״.

די סקול איז געעפנט געוואָרן אין דעצעמבער 1890. די צאָל שילער האָט דער־גרייכט 227 אין משך פון יאָר. שפּעטער האָט מען אויך אָרגאַניזירט אָוונט־קלאַסן פאַר דערוואַקסענע, וואו זיי האָבן געלערנט ענגליש און אַנדערע קענטשטאַנדן.

ווי וויכטיק און ווי נויטווענדיק עס איז געווען די אונטערשטיצונג פון באַראָן דע הירש, איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אימיגראַנטן הילפס־אַרבעט דאָך געבליבן די אויפגאַבע פון דעם קאַנאַדער אידישן ישוב אַליין. אַזוי שנעל ווי דער אימיגראַנט האָט זיך איינגעאָרדנט, האָט ער געגומען שטיצן די וועלכע זענען געקומען נאָך אים. ס׳איז אַזוי אַרום געשאַפן געוואָרן די קייט פון קעגנזייטיקער הילף. דער ניי־געקומענער האָט אַריבערגעבראַכט זיינע קרובים און האָט זיי גע־האָלפן ווי ווייט מעגלעך. ווינציקסטנס, האָט דער אימיגראַנט געהאַט אימיצן וועלכער זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט אים ווען ער איז אָנגעקומען אין ווייטן און פרעמדן לאַנד. אין אַלע קהילות, וואו עס איז נאָר געווען אַ גרעסערע צי אַ קלענערע אידישע באַפעלקערונג, האָבן זיך גענומען שאַפן לאַנדסמאַנשאַפטן,

סאָסייטיס און אַנדערע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע פאַר קעגנזייטיקער הילף. אין די קלענערע ישובים איז עס געווען די שול, אַרום וועלכער די אַרבעט איז קאָנ־צענטרירט געוואָרן. אמת, דאָס איז ניט געווען קיין אָרגאַניזירטע אימיגראַנטן־הילפס־טעטיקייט ווי מיר פאַרשטייען עס היינט צו טאָג, אָבער דער ניי־געקו־מענער איז אויך ניט געווען איינגאַנצן אַליין. עס זענען אויך געווען סימנים, אַז אין געוויסע קרייזן אין קאַנאַדע האָט מען פאַרשטאַנען, אַז אימיגראַנטן־הילף איז ניט נאָר אַ פראַגע פון צדקה און פילאַנטראָפּיע, נאָר אַ סאָציאַלע פליכט. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מען אין סט. דזשאָן, ניו בראַנזוויק, אָרגאַניזירט אַ „אידישן אימיגראַנטן הילפס־פאַראיין״, וואו אימיגראַנטן הילף איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע אידישע פליכט, און ניט ווי אַ צדקה־אונטער־נעמונג. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן. קענטיק אַז די צייט איז נאָך געווען ניט גענוג רייף אויפצונעמען דעם געדאַנק, ווי אויך צוליב דער שוואַכער פאַרבינדונג וואָס האָט געהערשט צווישן די אידישע ישובים אין קאַנאַדע אין יענער צייט. ווי עס זאָל ניט זיין, האָט דער שטראָם פון דער אידישער אימיגראַציע געפאָדערט אַ קהילה־סטרוקטור פון אימיגראַנטן הילף. וואו בעסער און וואו ערגער, האָט אַזאַ סטרוקטור אָנגעהויבן פונקציאָנירן איבער קאַנאַדע.

(עלפטער קאַפּיטל)

די ריכטליניעס פון קאַנאַדער אימיגראַציע 1900 — 1920

די יאָרן 1900 — 1920 זענען געווען צוויי צענדליק יאָר פון וואוקס און אַנטוויקלונג אין קאַנאַדע. די קאַנאַדער באַפעלקערונג וועלכע האָט אין 1901 געציילט 5,371,239 מענטשן, איז אויסגעוואקסן און האָט דערגרייכט אין 1921 די צאָל פון 8,788,483, אַ פאַרגרעסערונג פון איבער דריי מיליאָן אין 20 יאָר.

דער גרויסער וואוקס פון דער קאַנאַדער באַפעלקערונג איז געווען אַדאַנק דער אימיגראַציע פון אייראָפּע און אויך פון די פאַראייניגטע שטאַטן. די פּאָליטיק פון קאַנאַדע איז געווען אַריינצוקריגן וואָס מער אימיגראַנטן. דער אָנפירער פון דער אינטענסיווער קאַנאַדער אימיגראַנטן־ווערבירונג איז געווען קליפאָרד סיפטאָן, דער אינערן־מיניסטער פון קאַנאַדע. ער איז געווען דער, וואָס האָט ווערבירט אימיגראַנטן ניט נאָר אין ענגלאַנד, נאָר אויך אין אייראָפּע. קאַנאַדע האָט אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע אימיגראַציע־פּראָפּאַגאַנדע, פאַרבעסערט די אימיגראַציע־פּראָצעדור, און אַ שטראָם פון אימיגראַנטן האָט גענומען אַנקומען אין לאַנד. זיי זענען געקומען פון ענגלאַנד, רוסלאַנד, דייטשלאַנד, איטאַליע, עסטרייך־אונגאַרן, די סקאַנדינאַווישע לענדער א״א.

דאָס פאַרטיילן פון באָדן אין די ניט־באַזעצטע טעריטאָריעס פון מערב־ און צפון־קאַנאַדע האָט זיך אויך פאַרבעסערט. מיט׳ן אויסנאַם פון אַ קורצן איבער־רייס אין 1908, ווען קאַנאַדע האָט געליטן פון אַ געוויסער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע, איז דער אימיגראַציע־שטראָם כסדר געוואַקסן און האָט אָנגעהאַלטן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיט׳ן אויסברוך פון דער מלחמה האָט זיך די אימיגראַציע פאַרקלענערט און נאָך דער מלחמה זענען שוין איינגעפירט געוואָרן אימיגראַציע־באַשרענקונגען. די צייט פון פרייער אימיגראַציע, ווען כמעט יעדער איינער האָט געקענט אַריינקומען אין לאַנד, האָט זיך געענדיקט.

די אידישע אימיגראַציע קיין קאַנאַדע איז אויך געגאַנגען אין דעמזעלבן טעמפּאָ, און איז אויך געווען אינטענסיוו. די נייע רעאַקציאָנערע כוואַליע וואָס האָט אַרומגעכאַפּט רוסלאַנד נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה אין 1904 און נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, האָט זיך נעגאַטיוו אָפּגערופן אויף דער אידישער לאַגע. דיסקרימינאַציע, פּאָגראָמען, פאַרפאָלגונגען אא״וו האָבן טעראָריזירט די אידישע באַפעלקערונג. דער עקאָנאָמישער קריזיס אין רוסלאַנד, וועלכער איז געקומען אַלס אַ רעזולטאַט פון דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה, האָט נאָך מער פאַרערגערט דעם צושטאַנד. דאָס זענען געווען די שטויס־כוחות צו עמיגראַציע. פון דער אַנדערער זייט זענען געווען די צוציאונגס־כוחות פון צפון־אַמעריקע און אַנדערע לענדער וואו מען האָט געקענט פרייער אַטעמען.

די אידישע אימיגראַציע פון 1900 — 1920 איז הויפּטזעכלעך געגאַנגען פון רוסלאַנד, רומעניע און עסטרייך־אונגאַרן. עס ווערט געשאַצט אַז אַרום זיבעציק פּראָצענט פון דער גאַנצער אידישער אימיגראַציע אין די יאָרן איז געקומען פון

רוסלאַנד; אַרום דרייצן פּראָצענט פון עסטרייך־אונגאַרן; אַרום זיבן פּראָצענט פון אַנדערע לענדער. די סטאַטיסטישע ציפערן פון דער אידישער עמיגראַציע אין דעם פּעריאָד ווייזן אַז 1,692,000 אידישע עמיגראַנטן האָבן פאַרלאָזן זייערע היים־פלעצער. פון אָט דער צאָל זענען 1,423,000 געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן; 91,000 קיין אַרגענטינע; 10,750 קיין בראַזיל; 1,000 קיין אורוגוואַי; 8,000 אין אַנדערע לענדער פון אַמעריקע (ניט אַריינגערעכנט קאַנאַדע); 22,000 קיין זיד־אַפריקע; 30,000 קיין פּאַלעסטינע; און 15,000 אין אַלע אַנדערע לענדער. די דורכשניטלעכע יערלעכע צאָל פון אידישע עמיגראַנטן צווישען די יאָרן 1900 — 1914 האָט באַטראָפן 115,000. עס איז פאַרשטענדלעך אַז אין די מלחמה־יאָרן 1914—1918, האָט דער עמיגראַציע־שטראָם זיך שטאַרק פאַרקלענערט, און די יערלעכע עמיגראַציע אין די יאָרן האָט באַטראָפן 15,000 מענטשן. עס איז כדאַי צו פאַרנאָטירן, אַז כמעט פערציק פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער עמיגראַציע פון רוסלאַנד אין די יאָרן 1900 — 1915 איז באַשטאַנען פון אידן, כאָטש פּראָצענטועל האָבן אידן אויסגעמאַכט נאָר פיר פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג.

וויפל אידן זענען געקומען קיין קאַנאַדע אין משך פון דעם צייט־אָפּשניט?

די אָפיציעלע סטאַטיסטיק פון אימיגראַציע, אַרויסגעגעבן פון דער קאַנאַדער רעגירונג, גיט נאָר אָן דעם עטנישן שורש פון די אימיגראַנטן, וועלכע זענען אַריינגעקומען דורך די קאַנאַדער ים־האַפנס. די סטאַטיסטיק גיט ניט אָן די דאָזיקע אינפאָרמאַציע וועגן אימיגראַנטן וואָס זענען אַריינגעקומען דורך די פאַראייניקטע שטאַטן. דעריבער, כדי צו באַקומען ראַיעלע ציפערן פון דער אַלגעמיינער אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע, מוז מען אָפּשאַצן וויפל אידן זענען אָנגעקומען דורך די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז געטאָן געוואָרן פון ל. ראָזענבערג, דעם קאַנאַדיש־אידישן סטאַטיסטיקער. אין זיין אָפּשאַצונג זאָגט ל. ראָזענבערג, אַז וויסנדיק די אַלגעמיינע צאָל פון אידישע אימיגראַנטן וועלכע זענען יעדן יאָר אַריינגעקומען דורך די קאַנאַדער ים־האַפנס, דעם וואוקס פון דער צאָל אידן ניט געבוירן אין קאַנאַדע, וואָס אָט־די אינפאָרמאַציע ווערט אָנגעגעבן אין די אָפיציעלע קאַנאַדער פאָלקס־ציילונגען, און וויסנדיק די צאָל אידן וואָס קומען אַריין פון די שטאַטן לויט די אָפיציעלע באַריכטן פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, קען מען אָפּשאַצן, אַן ערך די צאָל אידן וועלכע זענען געקומען קיין קאַנאַדע דורך די שטאַטן. דרך אגב דאַרף מען צוגעבן אַז אין 1926 האָט שוין די קאַנאַדער רעגירונג געהאַלטן אַ גענויע סטאַטיסטיק וועגן דעם עטנישן אָפּשטאַם פון אַלע אימיגראַנטן.

ווי שוין אויבן דערמאָנט, זענען 3,246,051 אימיגראַנטן אַריינגעקומען קיין קאַנאַדע אין משך 1900 — 1920. צווישען זיי זענען געווען 138,467 אידן. אַזוי אַרום האָט די אידישע אימיגראַציע באַטראָפן 4.3 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע אין דעם צייט־אָפּשניט. עס איז אויך אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען אַז 76,114 אימיגראַנטן זענען געקומען דורך קאַנאַדער האַפנס און 62,353 דורך די פאַראייניקטע שטאַטן.

אויב מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פון קאַנאַדע האָט באַטראָפן אין 1901 נאָר 16,717 נפשות און איז אויסגעוואַקסן ביז

126,201 אין 1921, קען מען גלייך זען אַז דער גיגאַנטישער וואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג אין קאַנאַדע אין משך פון די צוויי צענדליק יאָר איז געווען אַ רעזולטאַט פון אימיגראַציע, ווייל דער נאַטירלעכער צוואוואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די צוואנציק יאָר האַט באַטראָפן נאָר 24,676 נפשות.

די צאָל אידן און די פאַרטיילונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די קאַנאַדער פראָווינצען אין די יאָרן 1901 און 1921 קען מען זען פון דער פאָלגנדיקער טאַבעלע:

פראָווינץ	1901	1921
פרינץ עדוואַרד איילענד	17	21
נאָווא סקאָשיאַ	449	2,161
ניו בראַנזוויק	395	1,243
קוויבעק	7,607	47,977
אָנטעריאָ	5,337	47,798
מאַניטאָבאַ	1,514	16,669
סאַסקאַטשעוואַן	296	5,380
אַלבערטאַ	242	3,242
בריטיש קאָלאָמביאַ	554	1,696
יוקאָן און נ. וו. ט.	306	14
אין גאַנץ קאַנאַדע	16,717	126,201

ווי עס איז צו מערקן פון דער אויבן אָנגעגעבענער טאַבעלע, זענען די הויפּט פראָווינצען פון אידישער באַזעצונג געווען קוויבעק, אָנטעריאָ און מאַניטאָבאַ. דערך אגב האָט דאָס אָפּגעשפּיגלט די אַלגעמיינע פאַרטיילונג פון דער קאַנאַדער באַפעלקערונג. מיר זעען אָבער אַז די אידישע באַפעלקערונג פון די מערב־פראָווינצן איז אויך שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן, וואָס דאָס מיינט, אַז די אידישע אימיגראַנטן זענען מיטגעגאַנגען מיט דער אַנטוויקלונג פון לאַנד און האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אויפמאַכן פון די טויערן פון נייע געגנטן פאַר קאָלאָניזאַציע און באַזעצונג.

(צוועלפטער קאַפּיטל)

די עקאָנאָמישע צופּאַסונג פון אידישן אימיגראַנט

קיין גענויע אינפאָרמאַציע וועגן די באַשעפטיקונגען פון אידישן אימיגראַנט ווען ער איז אָנגעקומען קיין קאַנאַדע און וועגן די מלאכות, צו וועלכע ער האָט זיך גענומען נאָך זיין אָנקומען, איז ניט בנמצא. די שטודיעס וועלכע זענען יאָ געמאַכט געוואָרן, זענען אין בעסטן פאַל געשטוקעוועט, באַגרענעצט און פראַגמענטאַר. דאָס נעמט ניט אָוועק פון זייער וויכטיקייט ווייל אַ האַלבער ברויט איז בעסער ווי גאָרנישט. דעריבער איז אויך וויכטיק צו באַנוצן זיך מיט פאַרשיידענע אָבסערווירונגען, געמאַכט פון מענטשן, וועלכע האָבן דורכגעלעבט און מיטגעמאַכט די צייט. אַזעלכע אָבסערוואַציעס זענען סטאַטיסטיש נישט אויסגעהאַלטן, אָבער זיי גיבן דאָך אַ גאַנץ גוטן באַגריף פון דער לאַגע.

די ערשטע אימיגראַנטן, וועלכע זענען געקומען אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן פון נייַנצענטן יאָרהונדערט זענען באַשטאַנען מערסטנטיילס פון קליינהענדלער,האַנטווערקער און מענטשן אָן אַ באַשטימטער פּראָפעסיע. זיי זענען געווען דער פּראָדוקט פון דער עקאָנאָמישער דעקלאַסירונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די לענדער, וואו זיי האָבן געוואוינט. די שפּעטערדיקע אימיגראַציע, די וואָס איז געקומען אַרום 1900 און שפּעטער, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט שוין אַן אַרבעטער־עלעמענט. זיי זענען געווען אַ פּראָדוקט פון דער עקאָנאָמישער איבערשיכטונג, ווען די אידישע יוגנט, דער עיקר, האָט זיך גענומען צו מלאכות. דאָס איז אויך געווען די צייט ווען עס איז געבוירן געוואָרן די „אָרט"־געזעלשאַפט, וועמעס אויפגאַבע איז געווען און פאַרבליבן צו געבן די מעגלעכקייט דעם אידישן יוגנטלעכן זיך אויסצולערנען אַ פאַך. אַזוי אַרום האָט פון אַרום 1890, שוין גאָר אַ גרויסער פּראָצענט פון די אימיגראַנטן געהערט צו דער קאַטעגאָריע, וואָס האָבן געהאַט עפּעס אַ שטיקל מלאכה אין האַנט. י. לעשצינסקי, אין זיין אַרבעט „די אידישע וואַנדערונג פאַר די לעצטע 25 יאָר" שאַצט אַז אַרום זיבעציק פּראָצענט פון אַלע אידישע אימיגראַנטן אין די יאָרן 1900—1925, זענען געווען בעלי מלאכות, אין פאַרגלייך מיט אַרום צוואַנציק פּראָצענט צווישן ניט־אידן. די פאָלגנדיקע טאַבעלע וועט אַרויסברענגען דעם צושטאַנד מיט מער קלאָרקייט:

באַשעפטיקונגס־גרופּע	אידן	ניט־אידן
אינדוסטריע	60.3%	14.9%
קאָמערץ	10.0 "	4.1 "
אַגריקולטור	2.4 "	26.6 "
ליבעראַלע פּראָפעסיעס	2.0 "	2.3 "
שוואַרצע אַרבעטער	9.7 "	31.5 "
הויז־אַרבעטער	12.5 "	15.4 "
אומבאַשטימט	3.0 "	5.2 "

עס איז אויך קלאָר אַז די מלאכה, וואָס דער אימיגראַנט ברענגט מיט זיך, איז ניט דווקא די מלאכה צו וועלכער ער נעמט זיך אין נייעם לאַנד. מען מוז

דעוואַרטעז אַ גאַנץ גרויסן פּראָצענט פון אומשיכטונג אין באַשעפטיקונג צווישן אימיגראַנטן. איבערהויפּט איז עס ריכטיק, ווען דער אימיגראַנט קומט פון אַ לאַנד מיט אַ צוריקגעשטאַנענער, מער פּרימיטיווער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, צו אַ לאַנד וואָס איז מער פּראָגרעסיוו, פאַרמאָגט אַ דינאַמישע עקאָנאָמיק און גרעסערע עקאָנאָמישע האָריזאָנטן. די סיבות פון באַשעפטיקונג־אומבייט זענען פאַרשיידענע.

געוויסע אימיגראַנטן באַזיצן פאַכן וואָס קענען ניט צוגעפּאַסט ווערן צום נייעם לאַנד. אַנדערע ווילן פּשוט בייטן די באַשעפטיקונג צוליב סאָציאַלע אָדער עקאָנאָמישע סיבות. ווידער, די עקאָנאָמיק פון נייעם לאַנד פאַרלאַנגט מענטשן און באַשעפטיקונגען וועלכע זענען געווען אומבאַקאַנט אין דער אַלטער היים אָדער צו וועלכער אידן זענען ניט צוגעלאָזן געוואָרן. ס'איז קלאָר, דעריבער, אַז דער אימיגראַנט פאַלט אַריין אין באַשעפטיקונגען, וועלכע זענען צוגעפּאַסט צו דער צייט און דער עקאָנאָמישער קאָניונקטור פון לאַנד.

צו וואָס פאַר אַ מלאכות האָט זיך גענומען דער אידישער אימיגראַנט אין קאַנאַדע?

אַ צאָל אימיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט קליינהאַנדל אין דער אַלטער היים, האָבן זיך אויך גענומען צו דעם אין דעם נייעם לאַנד. אַזוי־אַרום איז פּעדלעריי געוואָרן אַ מלאכה, צו וועלכער מען האָט זיך שנעל גענומען. אויף צו ווערן אַ פּעדלער אָדער אַ קלאָפּער האָט מען קיין קאַפּיטאַל ניט באַדאַרפט. מען האָט געדאַרפט האָבן אַ שטאַרקע פּלייצע, אויסדויער און אַ שטיקל טאַלאַנט פאַר האַנדל. דער פּעדלער האָט טאַקע געאַרבעט צווישן דער אימיגראַנטן־באַפעלקערונג פון די פאַרשיידענע עטנישע גרופּן, וועלכע זענען געוואוינט געווען צו אַזאַ האַנדל. קיין לייכטע אַרבעט איז עס ניט געווען, קיין אַנגענעמע אויך ניט. די אויפשריפט „קיין שנאָרערס און פּעדלערס'', וואָס האָט זיך געפונען אין פילע געגנטן, האָט זיכער ניט צוגעגעבן חשיבות צו דער פּרנסה. מען הערט זייער אָפט וועגן די פּעדלער וועלכע זענען געווען דערפאָלגרייך און זענען אויסגעוואַקסן אין סטאַבילע געשעפטסלייט. וועגן די הונדערטער פּעדלער וועלכע זענען דורכ־געפאַלן הערט מען ווייניק.

די מאַסע פון אידישע אימיגראַנטן האָט זיך גענומען צו פּשוטער אַרבעט. אַט לייענען מיר אין דער „ווינעפּעג פרי פּרעס'', אַן ענגלישע טאָג־צייטונג, אין די נומערן פון מאַי 27, און יוני 1, 1882, ווי אַזוי מען האָט אויפגענומען די ערשטע גרופּן פון אידישע אימיגראַנטן אין ווינעפּעג. צווישן אַנדערעס זאָגט אויך די צייטונג, אַז באַלד נאָכן אָנקומען האָבן אַ צאָל אידישע אימיגראַנטן געפונען באַשעפטיקונג ביי אויסלאָדן שיפן מיט געהילץ, געאַרבעט ביי דער סי־פּי־אַר און אַנדערע מלאכות. דאָס ענלעכע דערציילט אונז אויך י. מדרש, אַ לאַנגיעריקער מיטאַרבעטער פון „קענעדער אָדלער'' אין מאָנטרעאַל, אין זיין בוך „מאָנטרעאַל פון נעכטן''. אימיגראַנטן־אידן האָבן זיך גענומען צו יעדער באַשעפטיקונג. אַ סך האָבן זיך גענומען צו שניידעריי, געוואָרן פּעדלערס, געאַרבעט אין פאַבריקן, געאַרבעט אַלס שלאָסערס, סטאָליאַרעס, בלעכערס, אויסגעלאָדן און אָנגעלאָדן שיפן און גלאַט שוואַרצע אַרבעט.

מיט דער צייט, ווען מען האָט זיך אַביסל „אויסגעגרינט'' און ווען מ'האָט

זיך באַקענט מיטן לאַנד, מיט דער שפּראַך, און אין אַלגעמיין געוואָרן היימישער אין דעם נייעם לאַנד, האָט מען געביטן באַשעפטיקונגען און מיר געפינען אידן פאַרטראַטן אין פאַרשיידענע בראַנזשעס פון קאַנאַדער עקאָנאָמישן לעבן. אַזוי, למשל, לויט אַן אָפיציעלן קאַנאַדער באַשעפטיקונגס־צענזוס פון אַלע אַרבעטנדיקע פּערזאָנען אין קאַנאַדע, אין עלטער פון צען יאָר און העכער, זענען קאַנאַדער אימיגראַנטן־אידן, וועלכע זענען געקומען קיין קאַנאַדע פאַר 1920, געווען פאַרטראַטן אין איבער דרייסיק פאַרשיידענע באַשעפטיקונגס־גרופּן. פאַר אַ בעסערן באַגריף וועלן מיר אָנגעבן די באַשעפטיקונגס־גרופּן און אין קלאַמערן אָנווייזן די צאָל אידן וועלכע זענען דעמאָלט דאָרט געווען באַשעפטיקט. די פולע טאַבעלע קען מען זען אין ל. ראָזענבערג׳ס בוך ,,דער איד אין קאַנאַדע״.

אַגריקולטור (413); פישפאַנג און יאַגד (4); וואַלד־אַרבעט (3); מינען (12); שפּייז־מאַנופאַקטור (272); זיסע געטראַנקען (16); טאַבאַק (32); גומע־אויסאַרבעטונג (24); פּיצוכט־שפּייז (1,078); פאַריער און פעלץ־אויסאַרבעטונג (426); לעדער־אויסאַרבעטונג (449); טעקסטיל־אונטערנעמונגען (5,215); באַקליידונגס־אינדוסטריע און אונטערנעמונגען (5,096); האָלץ־אויסאַרבעטונג (467); מעטאַל־אויסאַרבעטונג (923); עלעקטרישע אַפּאַראַטן (32); מינעראַל־פּראָדוקטן (61); כעמישע פּראָדוקטן (15); פאַרשיידענע מאַנופאַקטור (108); עלעקטרישע קראַפט (17); הייזער־בוי (1,098); טראַנספּאָרטאַציע (805); שפּייכלערס (187); האַנדל, אייגנטימער און אָנגעשטעלטע (11,516); פינאַנץ (61); פאַרזיכערונג (482); רעגירונגס־אָנגעשטעלטע און אַרמיי (26); פּראָפעסיאָנאַלן (1,211); פאַרווײַלונג (154); קליינינג, לאַנדריס, אאַ״וו (913); אָפיס־אַרבעטער (660).

ווי מיר זעען פון די אויבן־אָנגעגעבענע ציפערן איז דער אַרבעטס־פּראָפיל פון אידישן אימיגראַנט געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקער. דער אימיגראַנט האָט נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג און באַשעפטיקונגס־מעגלעכקייטן פון לאַנד און האָט געביטן זיין באַשעפטיקונג בכדי צוצופּאַסן זיך צו די אַנטוויקלונגען און באַדינגונגען פון דער צייט. אין אַלגעמיין גענומען איז דער אידישער אימיגראַנט געווען פאַרטראַטן מיט אַ גרעסערן פּראָצענט אין די קוואַליפיצירטע באַשעפטיקונגען, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע עטנישע גרופּן. אַ צווייטע וויכטיקע כאַראַקטעריסטיק פון אידישער אימיגראַציע איז געווען דער פאַקט פון איר פּערמאַנענטקייט און סטאַביליטעט. דער אידישער אימיגראַנט איז געקומען צו פאַרבלייבן. עס ווערט געשאַצט, אַז נאָר אַרום פינף פּראָצענט פון אידישע אימיגראַנטן האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע אַלטע היימען. נאָך אַ כאַראַקטעריסטיק פון אידישער אימיגראַציע איז געווען איר משפּחה־כאַראַקטער. דער אידישער אימיגראַנט איז געקומען מיט זיין משפּחה. דאָס אַליין האָט בייגעטראָגן צו דער דויערהאַפטיקייט און סטאַביליטעט פון דער אימיגראַנטן־גרופּע. אויב דער אידישער אימיגראַנט האָט פאַרלאָזן קאַנאַדע איז עס כמעט ווי שטענדיק געווען עמיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער דאָס איז ניט נאָר גילטיק פאַר אידישע אימיגראַנטן; עמיגראַציע אין די שטאַטן איז אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אין לעבן פון קאַנאַדע.

(דרייצנטער קאַפּיטל)

„קאָלומבוס'עס שניידער"

עס איז אַ פאַקט, אַז אידן האָבן פּרעדאָמינירט סיי אַלס באַלעבאַטים און סיי אַלס אַרבעטער אין דער באַקליידונגס־אינדוסטריע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. רעדנדיק וועגן אימיגראַנטישע פּראָבלעמען, דערציילט אונז י. מדרש אין זיין בוך „מאָנטרעאַל פון נעכטן" וועגן די עצות וואָס אַן אימיגראַנט פלעגט קריגן וועגן באַשעפטיקונג. „מאַנכע לאַנדסלייט האָבן געראָטן צו גיין אַרבעטן אין אַ שניידער־שאַפּ, אַנפאַנגנדיק אַלס אונטערפּרעסער אָדער „לייבינג־מייקער" און זיך אויסלערנען די טרעיד. שניידעריי, פלעגן זיי זאָגן, איז אפשר געווען אַן אָרימע מלאכה אין דער אַלטער היים, אָבער אין אַמעריקע איז אַ כבוד צו זיין אַ שניידער. פילע לייטישע מענטשן און בכבוד'יגע אידן פון אייראָפּע, וועלכע קומען קיין קאַנאַדע נעמען זיך צו שניידעריי".

ווי קומט עס, וואָס אידן האָבן זיך געכאַפּט צו שניידעריי? דער ענטפער איז, אַז עס איז געווען ניט דערפאַר וואָס אידן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט די מלאכה פון דער אַלטער היים. די סיבות ליגן אין סאָציאָלאָגישע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגען אין דעם נייעם לאַנד, וואָס האָט געפירט צו דער לאַגע.

צו די סאָציאָלאָגישע סיבות געהערט די טעריטאָריעלע באַזעצונג אָדער דער וואוינאָרט, וואו די אימיגראַנטן־באַפעלקערונג האָט זיך קאָנצענטרירט. ווען אַן אימיגראַנט קומט אין נייעם לאַנד, ווערט ער אונטערוואָרפן צו געוויסע פאַקטאָרן, וועלכע באַשטימען וואו ער וועט זיך באַזעצן. אויבנאויף קען זיך אויסדוכטן, אַז דער אימיגראַנט איז פריי זיך צו באַזעצן וואו ער וויל. טעאָרעטיש איז עס אפשר ריכטיק; פּראַקטיש, אָבער, זענען פאַראַן אומדירעקטע כוחות, וועלכע צווינגען אים צו גיין אין אַ באַשטימטער ריכטונג. ערשטנס, מיט געוויסע אויסנאַמען, וויל זיך אַן אימיגראַנט באַזעצן נאָענט צו זיינע קרובים, נאָענטע אָדער ווינציקסטנס זיינע לאַנדסלייט. אונטער די בעסטע אומשטענדן וויל קיין מענטש ניט זיין איזאָלירט, בפרט נאָך ווען מען איז אַ פרעמדער אין אַ שפּאָגל־נייעם לאַנד און אַן אומבאַקאַנטער סביבה; צווייטנס, אַן אימיגראַנט וועט זיך באַזעצן דאָרטן, וואו ער האָפט צו קריגן באַשעפטיקונג אין איינקלאַנג, מער אָדער ווייניקער, מיט זיין פריערדיקער אַרבעטס־דערפאַרונג. צום ביישפּיל, עס איז נוצלאָז פאַר אַ העבראַאישן לערער זיך צו באַזעצן אין אַ פּלאַץ וואו עס זענען קיין אידן ניטאָ, אָדער פאַר אַ פאַרמער צו באַזעצן זיך אין שטאָט, אויב ער וויל ווייטער אָנגיין מיט פאַרמעריי; דריטנס, די עטנישע, נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט פון אימיגראַנט שפּילט אויך אַ גרויסע ראָלע. געוויינטליך, וועט אַן אימיגראַנט זיך באַזעצן דאָרטן וואו עס וואוינען מענטשן פון זיין אייגענער נאַציאָנאַליטעט, וועלכע קענען רעדן זיין שפּראַך, וועלכע פאַרשטייען אים און מיט וועלכע ער פילט זיך נאָענט. אַזוי אַרום, אין סאָציאָלאָגישע טערמינען, ווערט דער וואוינפּלאַץ פון אימיגראַנט אין אַ גרויסער מאָס באַשטימט פון דעם פּרינציפּ „היומען אימפּאַבּיליטי" — דאָס וועלן אַנהאַלטן זיך אַן געוויסע פאַקטאָרן צו וועלכע מען איז שוין צוגעוואוינט.

פארשטענדליך, אַז דער פּרינציפּ איז גילטיק סיי פאַר אידן סיי פאַר ניט־אידן. דערפאַר זעען מיר טאַקע קאָלאָניעס און גאַנצע געגענטן באַזעצט מיט אימיגראַנטן פון אַ באַשטימטער גרופּע — ענגלענדער, פראַנצויזן, אוקראַאינער, דייטשן, איטאַליענער, א. אַז. וו. אידן אַלס אַ שטאָטישער עלעמענט האָבן זיך קאָנצענטרירט אין שטעט ווייל דאָרט האָבן זיי געקענט אַמבעסטן באַפרידיקן זייערע סאָציאַלע בויטן.

צו די עקאָנאָמישע סיבות געהערט דער פאַקט וואָס די באַקליידונגס־אינדוסטריע איז געווען צוגעפּאַסט צו די דעמאָלטדיקע נויטן פון אידישן אימיגראַנט. זיכער איז עס ניט געווען דערפאַר וואָס אידן זענען געווען פאַרליבט אין שניידעריי. אידן זענען געוואָרן שניידער קומענדיק קיין אַמעריקע, „קאָלומבוס׳עס שניידער״, ווי מען האָט זיך אַמאָל געוויצלט. קודם כל, ווען די מאַסן־אימיגראַציע האָט אָנגעהויבן צו קומען אין לאַנד, זענען שוין געווען אַ צאָל באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געהאַט פאַבריקן און וועלכע האָבן זיך געניוטיקט אין ביליקע אַרבעטס־הענט. כאָטש די פאַרדינסטן זענען געווען קליינע, האָט דאָך דער אידישער אימיגראַנט זיך צוגעכאַפּט צו דער שער און אייזן, ווייל עס האָט געגעבן אַ שטיקל ברויט. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער דעמאָלטיקער אימיגראַנט איז געקומען כמעט ווי אָן אַ גראָשן געלט. מען שאַצט, אַז דער דורכשניטלעכער ניי־געקומענער האָט פאַרמאָגט אַרום אַכט דאָלאַר. מען האָט גלייך געמוזט קריגן אַרבעט. די באַקליידונגס־אינדוסטריע, וועלכע האָט דעמאָלט גענומען וואַקסן אַלס אַ מאַסן־פּראָדוצירנדע מאַנופאַקטור האָט געגעבן אַן אַרבעטס־מעגליכקייט.

צווייטנס, די שניידעראינדוסטריע האָט אויך געגעבן אַן אַרבעטס־מעגליכקייט פאַר דער פרוי און די קינדער. אַזוי איז אויסגעוואַקסן דער „סוועט־שאַפּ״ סיסטעם. דעם מאַנ׳ס פאַרדינסטן האָבן ניט געקלעקט אויף חיונה, די משפּחה האָט געמוזט צוהעלפן.

דריטנס, האָט די אינדוסטריע אויך געגעבן דעם אידן אַ מעגליכקייט אָפּצוהיטן שבת. אַלעס צוזאַמען האָט געווירקט, אַז אַ גרויסע צאָל אימיגראַנטן זאָל זיך נעמען צום שניידער־פאַך. מען האָט געשקלאַפּט, אָבער מען האָט אויך געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט מען אַליין ווערן אַ שטיקל באַלעבאָס.

י. מדרש, אין דעם אויבנדערמאָנטן בוך „מאָנטרעאָל פון נעכטן״ דערציילט: „ווען פרומע אימיגראַנטן זענען געקומען קיין מאָנטרעאָל . . . זענען זיי געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט צו געפינען אַזעלכע דזשאָבס, ביי וועלכע מען זאָל ניט דאַרפן אַרבעטן שבת... זיי פלעגן יאָ קאָנען גיין אַרבעטן אין די שניידער־שעפּער. אין די מערסטע שניידער־שעפּער האָט מען שבת ניט געאַרבעט.

אַזוי אַרום האָט די קאָנצענטראַציע פון דער באַקליידונגס־אינדוסטריע אין די גרויסע שטעט און די קאָנצענטראַציע פון אידישע אימיגראַנטן אין די שטעט — „צוגעניייט״ דעם אידישן אימיגראַנט צו שניידעריי. אין דער שניידער־אינדוסטריע איז טאַקע אויך געווען דאָס וויגעלע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און טרעיד־יוניאָנס אין דער נייער וועלט. דער שידוך האָט אָנגעהאַלטן אַרום צוויי צענדליק יאָר, ווען עס האָבן זיך גענומען ווייזן סימנים פון אַ שיידונג. דער

שיידונגס־פּראָצעס איז געווען אַ לאַנגזאַמער, אָבער אַ דעפיניטיווער, און היינט זענען אידישע אַרבעטער אַ מינאָריטעט אין דער אינדוסטריע.

דער קאַפּיטל „קאָלומבוס׳עס שניידער״ איז אַ דראַמאַטישער און אַ העראָ־אישער קאַפּיטל אין דעם לעבן פון אידישן אימיגראַנט אין אַמעריקע. פון פינצטערע, איבערגעפּאַקטע טענעמענט־הייזער, וואו די גאַנצע משפּחה האָט געשוויצט פאַר אַ שטיקל ברויט, פון לאַנגע ארבעטס־שטונדען, פון „סלעק״ און אַרבעטסלאָזיקייט — האָבן „קאָלומבוס׳עס שניידער״ געוועבט אַ חלום פאַר דער צוקונפט, געשטו־קעוועט דעם קהילה־לעבן, צוגעשניטן זייער אייגענעם לעבנס־סטאַנדאַרד און לעבנס־וועג, אויסגעפורעמט די אידישע אַרבעטער באַוועגונג און מיט דער שער, נאָדל און אייזן אין האַנט האָבן זיי געהאָלפן באַקליידן און אויספּוצן די אידישע קהילה אין קאַנאַדע.

(פערצנטער קאַפּיטל)

אימיגראַנטן הילפס־אַרבעט און אידישע קאָלאָניזאַציע אין קאַנאַדע 1900 ־ 1920

אַדאַנק דער גרויסער אימיגראַציע פון 1900 ־ 1920 איז די אידישע קהילה אין קאַנאַדע געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. מיט דעם וואוקס פון דער קהילה איז אויך אויסגעוואקסן די צאָל אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן מכל המינים. כאָטש די צאָל שולן איז געוואַקסן, האָט דאָך די שול פאַרלוירן די ראָל וואָס זי האָט געשפּילט אין דער אַלטער היים. די שול האָט אויפגעהערט צו זיין דער צענטער פון דעם קהילה־לעבן. דער פאַקט וואָס די אימיגראַנטן, קומענדיג קיין קאַנאַדע, האָבן זיך באַזעצט דער־עיקר אין די גרעסערע שטעט און דער וואוקס פון נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און פּראָטערנאַלע אינסטיטוציעס האָט פאַראורזאַכט אַ ווייטערע צעגלי־דערונג און פאַרצווייגונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

עס זענען געווען פילע כוחות, וועלכע האָבן געטריבן דעם ניי־געקומענעם צו געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. אַ פרעמדער אין דער נייער וועלט, האָט דער אימיגראַנט געזוכט געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונג, וועלכע זאָל אים געבן אַ מעג־לעכקייט אָנצוהאַלטן פריינדשאַפט, ניט זיין איינזאַם און אויך אָנצוהאַלטן אַ געוויסן המשך פון דעם לעבן פון דער אַלטער היים. צו דעם איז אויך צוגעקומען דאָס שטרעבן צו באַזאָרגן זיך מיט עפּעס אַ פאַרזיכערונג אין צייט פון קראַנקהייט, אומגליקספאַל, אָדער אַן עת־צרה. די פאַרשיידענע פּראָטערנאַלע סאָסייעטיס, גמילות־חסדים, ביקור־חולים, מלביש ערומים אא״וו, זענען געווען דער פּועל־יוצא פון אָט דער שטרעבונג. דעמזעלבן כאַראַקטער האָבן אויך געהאָט, אין אָנהויב פון זייער אַנטוויקלונג, לאַנדסמאַנשאַפטן. שפּעטער צו זענען זייערע פונקציעס פאַרברייטערט געוואָרן.

די ריין־פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן און צדקה־אינסטיטוציעס האָבן זיך אויך פאַרשפּרייט. די סטרוקטורעלע פאַרבינדונג צווישן די אַלע אָרגאַניזאַציעס איז געווען אַ קליינע, כאָטש אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה באַווייזן זיך סימנים פון פאַראייניקונג, ווען אין די גרעסערע שטעט האָבן זיך געגרינדעט די פעדעריישאָנס.

קיין אָרגאַניזירטע הילף פאַר אימיגראַנטן איז ניט געווען. זיכער איז די הילף ניט צענטראַליזירט געווען. אין דער ערשטער ריי זענען עס געווען קרובים, וועלכע האָבן די ערשטע צייט אַרויסגעהאָלפן מיט וואָס זיי האָבן געקענט. לאַנדס־מאַנשאַפטן און אַנדערע סאָסייעטיס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, ווי אויך די פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן.

עס איז אויך געמאַכט געוואָרן אַן ערנסטער פּרואוו צו באַזעצן דעם אידישן אימיגראַנט אויף לאַנד. שוין אין 1884 איז געגרינדעט געוואָרן די „מאָנטעפיאָרע אַגריקולטורעלע געזעלשאַפט״, וואָס איר צוועק איז געווען: העלפן דעם אידישן

אימיגראַנט זיך נעמען צו אַגריקולטורעלער אַרבעט אין די מערב־פּראָווינצן פון קאַנאַדע. קיין דערפאָלג האָט די געזעלשאַפט ניט געהאַט.

די אַרבעט איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין 1891 ווען אַ קאָלאָניזאַציע־קאָמיטעט, געשטיצט פון באַראָן דע הירש, איז עטאַבלירט געוואָרן אין מאָנטרעאָל. דאָ איז שוין יאָ עפּעס דערגרייכט געוואָרן. אין פרילינג פון 1892 האָבן 47 משפּחות זיך באַזעצט אויף פאַרמס אין מאַניטאָבאַ און די ערשטע אידישע אַגריקולטורעלע קאָלאָניע „הירש" אויפן נאָמען פון באַראָן דע הירש, איז אַזוי־אַרום געגרינדעט געוואָרן. די פּלענער פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע זענען געווען גרויסע אָבער די רעזולטאַטן האָבן ניט אַנטשפּראָכן די פּלענער. דער היסטאָריקער פון אידן אין קאַנאַדע ב. ג. זאַק האַלט אַז שולדיק אין דעם איז געווען די דעמאָלטיקע אידישע פירערשאַפט, וועלכע האָט ניט באַגריפן די היסטאָרישע מעגלעכקייטן און וויכטיקייט פון אַזאַ קאָלאָניזאַציע. די פירערשאַפט האָט מער געטראַכט פון פילאַנטראָפּיע ווי פון וויטגייענדיקע קאָלאָניזאַציע־פּלענער. עס זיינען אָבער אויך געווען אַנדערע סיבות פאַר דעם קנאַפּן קאָלאָניזאַציע־דערפאָלג. מען דאַרף ניט פאַרגעסן אַז אידן זענען געווען אָפּגעריסן פון ערד־אַרבעט פאַר לאַנג עיאָרן, און צוריקקומען צו אַגריקולטור איז געווען אַ שווערער ענין. אַגריקולטורעלע אַרבעט פאַרלאַנגט אַ לאַנגע און פּראַקטישע ירושה־אויסבילדונג. מען דאַרף אויך געדענקען, אַז דאָס איז געווען די צייט ווען קאַנאַדע האָט אַנגעהויבן דורכצומאַכן דעם איבערגאַנג פון אַן אַגריקולטורעלער צו אַן אינדוסטריעלער עקאָנאָמיק. דאָס מיינט אַז דאָס עקאָנאָמישע לעבן איז ניט געגאַנגען פון שטאָט אין דאָרף, נאָר פאַרקערט פון דאָרף אין שטאָט.

דאָך האָט די „איקאָ", די אידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט, פאַרצייכנט באַדייטנדיקן דערפאָלג אין איר קאָלאָניזאַציע־ און אימיגראַנטן־הילפס־אַרבעט.

אין 1901 איז אַ אידישע קאָלאָניע עטאַבלירט געוואָרן אין סאַסקאַטשעוואַן און נאָכער אין מאַניטאָבאַ און אין אַנדערע טיילן פון קאַנאַדע.. צוערשט איז די אַרבעט אַנגעפירט געוואָרן פון דעם „איקאָ" ביוראָ אין ניו יאָרק און אין 1907 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קאַנאַדער ביוראָ. ש. בעלקין, דער לאַנגיעריקער פאַרוואַלטער פון „איקאָ" אין קאַנאַדע און וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער טוער, סומירט די אַרבעט פון דעם קאַנאַדער קאָמיטעט פון דער „איקאָ"־געזעלשאַפט און ווייזט אָן אַז צווישן 1907 און 1911 זיינען די צוויי קאָלאָניעס, „פיין רידזש" און „בירד׳ס היל" עטאַבלירט געוואָרן נעבן וויניפּעג. די אידישע קאָלאָניעס אין מאַקאַזא און סט. סאָפי, נעבן מאָנטרעאָל, זענען עטאַבלירט געוואָרן אַרום יאָר 1904. אין 1910 און 1911 זענען עטאַבלירט געוואָרן קאָלאָניעס אין סאַסקאַ־טשעוואַן און אַלבערטאַ. לויט אַ שטודיום, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1920, זענען אין קאַנאַדע דעמאָלט געווען אַרום זיבן הונדערט און פופציק אידישע פאַרמערס, וואָס צוזאַמען מיט זייערע משפּחות האָבן באַטראָפן אַרום דריי טויזנט פינף הונדערט נפשות. די אידישע פאַרמערס האָבן פאַרמאָגט אַרום 150,000 אַקער לאַנד. דער ווערט פון די פאַרמס האָט באַטראָפן אַרום זעקס און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר, אויף וועלכע די פאַרמס זענען געווען שולדיק אַנדערטהאַלבן מיליאָן דאָלאַר. די פּראָדוקציע פון די אידישע פאַרמערס האָט באַטראָפן אַ מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר.

אין אַלגעמיין, קען מען זאָגן, אַז אין דעם צייט־אָפּשניט פֿון 1900־1920, זענען אין קאַנאַדע פֿאַרמירט געוואָרן אַ גרויסע צאָל געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס. די אַנטוויקלונג איז ניט דווקא געווען אַ לאַגישע. עס איז אויך ניט דווקא געווען פּלאַנירט. די אָרגאַניזאַציעס זענען אויסגעוואַקסען ספּאָנטאַן. יעדע אימיגראַציע־כוואַליע, יעדע אימיגראַנטן־גרופּע, האָט געפֿילט אַז זיי מוזן עפּעס אויפֿשטעלן אַ געזעלשאַפֿט, כדי צו האָבן עפּעס אַ פֿאַרבינדונג צווישן זיך. זיכער איז ניט אַלץ נויטיק געווען, און אָפֿט איז אויך געווען אומנויטיקע קאָנקורענץ.

די אימיגראַנטן־כוואַליע האָט דערגרייכט איר שפּיץ אין די יאָרן 1912־1913. מיט׳ן אויסברוך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך דער אימיגראַנטן־שטראָם פֿאַרקלענערט, כאָטש ביז אַרום 1917 זענען אימיגראַנטן אָנגעקומען קיין קאַנאַדע דורך די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט אָפֿיציעל ניט באַטייליקט אין דער מלחמה. די מלחמה־יאָרן האָבן אַרויסגעבראַכט נייע פּראָבלעמען פֿון שטאַנדפּונקט פֿון קהילה־לעבן און אויך פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אימיגראַציע. די צייט וואו יעדע אָרגאַניזאַציע האָט זיך געקענט פֿאַרגינען צו פֿראַווען שבת פֿאַר זיך איז אַוועק. עס איז נויטיק געוואָרן אַ נייער צוגאַנג, אַ נייע מעטאָדיק, אַ ברייטערער פֿאַרנעם און אַ שטאַרקערע קאָאָרדינירונג פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע כוחות, אַנטקעגנצוקומען די נייע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייטן, וועלכע זענען געשטאַנען פֿאַרן קאַנאַדער אידישן ישוב.

(פופצנטער קאַפּיטל)

די ווירקונג פון דער אימיגראַציע־כוואַליע 1900־1920 אויף דעם אידישן ישוב אין קאַנאַדע

די דירעקטע פעולה פון דער אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע אין די יאָרן 1900־1920 האָט פשוט רעוואָלוציאָניזירט די אידישע קהילה אין לאַנד. אין משך פון צוויי צענדליק יאָר האָט זיך די אידישע באַפעלקערונג פאַרגרעסערט מיט 110,845 נפשות פון וועלכע אַרום 86,000 איז געווען דורך אימיגראַציע. פאַקטיש איז די צאָל אימיגראַנטען געווען אַ סך גרעסער, אָבער פון דעם סך הכל איז אַראָפּ־גענומען געוואָרען די צאָל אידן וועלכע האָט פאַרלאָזט קאַנאַדע, און האָבן עמי־גרירט הויפּטזעכליך צו די שטאַטן.

דער איינפלוס איז געווען ניט נאָר אין קוואַנטום, נאָר אויך אין דער קוואַ־ליטעט פון דעם אימיגראַנט און דעם סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן באַגאַזש, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט.

אין משך פון די צוויי צענדליק יאָר איז אויסגעוואַקסן אַן אַקטיווער, אינ־האַלטסרייכער, אינטעלעקטועל־לעבעדיקער געזעלשאַפטלעכער לעבן. אין די אַלטע פאָרמען פון אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן איז אַריינגעבלאָזן געוואָרן אַ נייע נשמה, און נייע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון דעם נייעם באָדן.

לאַנדסמאַנשאַפטן און אַנדערע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פאַר־שפּרייט. אידיש איז געווען די שפּראַך פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין די גרעסערע שטעט האָבן זיך געעפנט אידישע דרוקערייען, און אין 1907 איז עטאַבלירט געוואָרן דער „קענעדער אַדלער״, די ערשטע אידישע טאָג־צייטונג אין קאַנאַדע. נאָכדעם איז געקומען דער „אידישער זשורנאַל״. אין טאָראָנטאָ און „דאָס אידישע וואָרט״ אין וויניפּעג. עס זענען אויך אַנטשטאַנען אידישע צייטשריפטן אין ענגליש.

די אידישע אַרבעטער באַוועגונג אין קאַנאַדע איז אויך געבוירן געוואָרן אין דעם פּעריאָד. דער שטראָם פון אידישער אימיגראַציע האָט געבראַכט מענשען וועלכע זענען געוואָרן אַרבעטער ערשט אָנקומענדיק אַהער אין לאַנד. די אידישע אַרבעטערשאַפט איז אויך געווען מזל׳דיק מיט דעם וואָס זי האָט געהאַט אַן אינטעליגענטע, באַוואוסטזיניקע פירערשאַפט. די יוניאָנס וואו אידישע אַרבעטער זענען געווען פאַרטראָטן, זענען געוואָרן דער רוקנביין פון אַ פּראָגרעסיווער פראָ־פעסיאָנעלער באַוועגונג. חוץ די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זענען אויך אָרגאַ־ניזירט געוואָרן פראַטערנאַלע געזעלשאַפטן ווי דער אַרבעטער־רינג און דער אידי־שער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד.

מיטן וואוקס פון דעם ישוב זענען אַנטשטאַנען פאַרשיידענע דערציאונגס־אינסטיטוציעס, די תלמוד תורה׳ס און די אידיש־וועלטלעכע שולן, אַזוי ווי די

פאָלקס־שולע, די פּרץ־שולע און ביבליאָטעקן, ליטעראַרישע אַוונטן, קאָנצערטן און כל המינים פאַרוויילונגען פון אַ געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן כאַראַקטער זענען געווען זייער פּאָפּולער.

די פאַרשיידענע באַוועגונגען אין אידישן לעבן האָבן אויך געפונען זייער אָפּקלאַנג אין קאַנאַדע און זענען אויסגעדריקט געוואָרן אין אַן אַקטיווער פּאָלי־טישער טעטיקייט סיי אויף דעם אידיש־נאַציאָנאַלן געביט ווי אויך אין די פאַר־שיידענע סאָציאַליסטישע שטרעמונגען. עס איז געווען אַן אַקטיווער פעריאָד אין לעבן פון אידישן אימיגראַנטן־ישוב. עס איז אויך געווען אַ פעריאָד פון פער־זענליכער און קהילה׳שער זעלבסט־באַוואוסטזיניגקייט. דער אידישער ישוב אַנשטאָט צו זיין צעשוואומען און צעטיילט אין פאַרשיידענע געמיינדעס, האָט גענומען טראַכטן ווי אַ גאַנצער אָרגאַניזם. אַט־דער געפיל איז איבערהויפּט געקומען צום אויסדרוק אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די טראַגעדיע פון די אידישע ישובים אין רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע, עסטרייך, אין די געגנטן וואו די מלחמה האָט געבושעוועט, האָט געגעבן דעם קאַנאַדער אידישן ישוב דעם שטויס צו טראַכטען ווי אַ פאַראייניקטער אָרגאַניזם. די אידן פון קאַנאַדע האָבן דערפילט אַז אייניקייט איז נויטיק סיי צו דערפילן די אינער־לעכע קהילה־פליכטען אַלס אַן עטנישע גרופּע און סיי צו געבן די נויטיקע הילף צו די אידן מעבר לים. עס זענען אַנטשטאַנען אַ צאָל הילפס־קאָמיטעטן. אָבער ערשט דאַ, מער ווי ערגעץ אַנדערש, האָט זיך אַרויסגעוויזן די נויטיקייט פון קהילה־אייניקייט, אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, כדי אַז די זאַמלונג און פאַר־טיילונג פון די פאָנדן זאָל זיין עפעקטיוו.

דער פּראָצעס פון צוזאַמענשמידן די אידישע קהילה אין קאַנאַדע איז ניט געווען קיין גרינגער. עס זענען געווען אַ צאָל קעגנזייטיקע פּראַקציעס און אידעאָ־לאָגיעס. עס איז אויך געווען די קלאַסן־צעטיילונג פון „אַפּטאַון״ און „דאַונטאַון״. דאָד, ניט קוקנדיק אויף די פאַרשיידנע רייבונגען, איז די נויטווענדיקייט פון אַן איינהייטלעכער קאַנאַדער אידישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל רעפּרעזענטירן דאָס קאַנאַדער אידנטום, באַשטעטיקט געוואָרן. ווידער אַמאָל זענען עס געווען די אימיגראַנטישע אידן, וועלכע זענען געווען די וואָרטזאָגער און די שטויס־קראַפט פון דער אידייע. אַלס אַ רעזולטאַט איז געבוירן געוואָרן דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס. די ערשטע פּלענאַרע זיצונג פון קאָנגרעס איז פאַרגעקומען אין מאָנטרעאַל אין מערץ 1919. עס זענען אַנוועזנד געווען איבער צוויי הונדערט דעלעגאַטן, פאַרטרעטנדיק די קהילות פון פאַרשיידענע טיילן אין קאַנאַדע. דער הויפּט־צוועק פון קאָנגרעס איז געווען צו ווערן אַ פאָרום, אַ פּלאַטפאָרמע, וועלכע זאָל אויס־דריקן די מיינונגען פון קאַנאַדער אידנטום בנוגע ענינים פון אידיש לעבן איי קאַנאַדע און אויך כלפּי חוץ.

די ערשטע פּלענאַרע קאָנפערענץ פון קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַ צאָל וויכטיקע רעזאָלוציעס. ליידער האָט דער קאָנגרעס, אַלס אַן אַקטיווע אָרגאַניזאַציע ניט באַוויזן דעם כוח צו פונקציאָנירן, און ער איז ערשט צוריק אויפגעלעבט געוואָרן אין 1934, מיט פופצן יאָר שפּעטער. דאָך, ניט קוקנדיק אויף דעם, איז

פארבליבן דער געדאַנק פון אידישער אייניקייט אין קאַנאַדע, אייניקייט אויף אַ געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלן באַזיס. דער געדאַנק האָט זיך פּראַקטיש אויסגעדריקט אין אַ צאָל פאַזן פון אידיש־קאַנאַדער לעבן. די אידישע קהילה אין קאַנאַדע איז רייף געוואָרן; מ׳האָט פאַרשטאַנען די נויטיקייט פון אַל־קאַנאַדער פאַראייניקונג. די טרייב־קראַפט פון אַט דער אַנטוויקלונג, אידעאָלאָגיש און אויך אָרגאַניזאַציאָנעל, איז געווען דער אימיגראַנטישער עלעמענט, וועלכער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט און האָט אַנטוויקלט די נויטיקע אַטריבוטן פון פירערשאַפט און זעלבסטבאַוואוסטזיין פאַר דעם געדאַנק „אם אין אני לי מי לי?״. דער געדאַנק איז רייף געוואָרען, אַז דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע קען אַנטקעגנקומען זיינע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן נאָר דורך זעלבסט־אָנשטרענגונג — סיי פאַר אינערלעכע קהילה צוועקען און סיי צו דערפילן די פליכטן לגבי אידן אין אייראָפּע.

די ערשטע פּראַקטישע מאַניפעסטאַציע פון אַ פאַראייניקטער אַרבעט אין לעבן פון קאַנאַדער אידישן ישוב איז געווען די עטאַבלירונג פון אַן אימיגראַנטן הילפס־פּראָגראַם פאַר קאַנאַדע. כאָטש, ווי שוין פריער דערמאָנט, האָט דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס ניט געהאַט קיין אריכת־ימים, דאָך האָט די ערשטע פּלענאַרע קאָנפערענץ איבערגעלאָזן אַ ירושה־געדאַנק וואָס איז יאָ פאַרווירקלעכט געוואָרן. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער אידישער אימיגראַנטן הילפס־פאַראיין פון קאַנאַדע — אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געוואָרן דער אויסדרוק פון רעטונגס אַרבעט דורך אַ באַוואוסטזיניקער פּראָגראַם פון אימיגראַציע און אימיגראַנטן־איינאָרדענונג. דער געדאַנק און די רעזאָלוציע וועגן שאַפן אַ קאַנאַדער אימיגראַנטן הילפס־פאַראיין איז אָנגענומען געוואָרן ביי דער זעקסטער זיצונג פון דער ערשטער פּלענאַרער סעסיע פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 19־טן מערץ, 1919.

(זעכצנטער קאַפּיטל)

דער סוף פון אַן עפּאָכע

בנוגע אימיגראַציע קיין קאַנאַדע קען דער צייט־אָפּשניט 1760 — 1920 באַטראַכט ווערן אַלס דער סוף פון אַן עפּאָכע — די עפּאָכע פון פרייער אימיגראַציע. פון 1760, ווען דער ערשטער איד האָט זיך באַזעצט אין קאַנאַדע, ביז אַרום 1920, ווען עס זענען אַרייַן אין קראַפט די ערשטע אימיגראַציע־באַשרענקונגען, האָט יעדער איינער, מיט געוויסע קליינע אויסנאַמען, געקענט קומען און זיך באַזעצן אין קאַנאַדע. די אימיגראַציע־געזעצן, אויף וויפל זיי האָבן איבערהויפּט עקזיסטירט, זענען געווען מילדע. די לאַגע האָט זיך אינגאַנצן געענדערט אַרום 1920. דעריבער וועלן מיר אין דעם קאַפּיטל סומירן די הויפּט־ריכטליניעס פון דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע, כדי בעסער צו פאַרשטיין די אינטענסיוויטעט און דעם שוואונג אין דער אידישער אימיגראַציע־אַרבעט, וואָס איז געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער ערשטער פּעריאָד פון אידישער אימיגראַציע און באַזעצונג אין קאַנאַדע האָט געדויערט פון 1760 ביז אַרום 1840. די אידישע קהילה איז געווען קליין און דער וואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג כמעט ווי אַ סטאַטישער. אַרום 1840 האָט די גאַנצע אידישע קהילה אין קאַנאַדע געציילט אַרום אַ 150 נפשות.

אַרום 1840—1850 האָט זיך באַוויזן דער ערשטער שטראָם פון אידישער אימיגראַציע. אמת, דער שטראָם איז געווען אַ קליינער אין צאָל, אָבער אַ באַדייטנדיקער אין באַצוג צו דער דעמאָלטיקער אידישער באַפעלקערונג אין קאַנאַדע. דער פּעריאָד האָט אָנגעהאַלטן ביז אַרום 1870 און די אימיגראַציע איז הויפּטזעכלעך געקומען פון דייטשלאַנד, ענגלאַנד און פּוילן. אין דער געשיכטע פון אידישער אימיגראַציע איז דער פּעריאָד באַקאַנט אַלס די איינוואַנדערונג פון אשכנזישן עלעמענט.

אַרום 1870 האָט זיך אָנגעהויבן די איינוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע. דער אימיגראַציע־שטראָם האָט אָנגעהאַלטן ביז אַרום 1920 און קען איינגעטיילט ווערן אין צוויי צייט־אָפּשניטן. דער פּעריאָד — פון אַרום 1870 ביז 1900 און דער צווייטער — פון 1900 ביז 1920.

אין משך פון די דרייסיק יאָר, 1870—1900, זענען אין לאַנד אַריינגעקומען אַרום פערצן טויזנט אידישע אימיגראַנטן. אָט דער שטראָם פון אימיגראַציע האָט פאַרענדערט דעם פּרצוף פון דעם קאַנאַדער אידישן ישוב און האָט געשאַפן דעם סקעלעט, די רושטאָוואַניעס, פאַר דער ניי־וואַקסנדיקער אידישער קהילה. אין דעם פּעריאָד איז אויך צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן פאַר דער אימיגראַציע־כוואַליע וואָס איז געקומען אַרום 1900 און האָט אָנגעהאַלטן ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די אידן פון מזרח־אייראָפּע, קומענדיק אין נייעם לאַנד, האָבן אָנגעהויבן בויען זייערע אייגענע אינסטיטוציעס, לאַנדסמאַנשאַפטן, פּראָטערנאַלע געזעלשאַפטן,

אא״וו. צוערשט איז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן געווען צעברעקלט. די מערסטע אינסטיטוציעס זענען געווען אימפּראָוויזירט. מיט דער צייט האָט זיך גענומען איינשטעלן אַ געוויסע פּלאַנמעסיקייט.

די אידישע אימיגראַציע פון דעם פּעריאָד האָט זיך כאַראַקטעריזירט מיט איר פאַמיליע־כאַראַקטער און מיט איר דויערהאַפטיקייט. אידן, מער ווי אַנדערע עטנישע גרופּן, האָבן געוואַנדערט מיט זייערע משפחות, און זיי זענען געקומען צו פאַרבלייבן. די אידישע אימיגראַציע האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט אַ גרעסערן פּראָצענט פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער.

אידן האָבן זיך באַזעצט אין פאַרשיידענע טיילן פון קאַנאַדע. דער גרעסטער פּראָצענט אָבער האָט זיך באַזעצט אין די גרעסערע שטעט, ווייל אידן, מער ווי אַנדערע גרופּן, זענען געווען אַן אורבאַנישער עלעמענט. זיי זענען געקומען פון שטעט און שטעטלעך און האָבן זיך באַזעצט אין שטעט סיי צוליב עקאָנאָמישע, פּרנסה־מעגלעכקייטן, און סיי צוליב סאָציאַלע סיבות — צו זיין צוזאַמען אַלס אַ געמיינדע.

ב. שערמאַן אין זיין בוך „אידן און אַנדערע גרופּן אין די פאַראייניקטע שטאַטן״, סומירט די אויפטועז פון דער מזרח־אייראָפּעאישער אימיגראַציע — ביז 1920 — אויפן פאָלגנדיקן אופן:

א) די פאַרוואַנדלונג פון דער אָרטאָדאָקסיע אין דעם מערהייטס־גלויבן פון דער אידישער באַפעלקערונג;

ב) די באַשאַפונג פון אַ אידישער אַרבעטער־באַוועגונג;

ג) די באַשאַפונג פון אַ אידישער ליטעראַטור, פּרעסע און קולטור אויף דער אידישער שפּראַך;

ד) די באַשאַפונג פון אַ סעקולערן אידישן נאַציאָנאַליזם;

ה) די אויסבילדונג פון אַ אידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט באַדינט דעם ישוב מיט געזעלשאַפטלעכע פירערס, לערערס און טוערס;

ו) די דעמאָקראַטיזירונג פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט און אַ פאַר־שפּרייטערטן באַזיס פון אידישע אינסטיטוציעס.

די צעברעקלטקייט פון אידישן לעבן און די געאָגראַפישע אָפּגעזונדערטקייט פון די פאַרשיידענע קהילות אין קאַנאַדע האָט זיך פאַרענדיגט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער ישוב איז געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז ער מוז פונקציאָנירן אַלס אַ גאַנצער ישוב, כדי צו דערפילן די פליכטן לגבי די נויטן אין קאַנאַדע גופא, און אויך לגבי די אידישע נויטן מעבר לים. אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון אַ קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, וואָס זאָל שאַפן אַ צענטראַלן פונקט פון דעם אידישן קאָמונאַלן אויסדרוק אין קאַנאַדע.

וואָס איז דער סך־הכל פון דער אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע ביז 1920, אויסגעדריקט אין ציפערן?

אין דעם צייט־אַפשניט 1760—1900 קען מען שאַצן אַז קיין קאַנאַדע זענען אַריינגעקומען אַרום זעכצן טויזנט אידן. פון 1900 אַן ווערן די ציפערן פון אידישער און אַלגעמיינער אימיגראַציע אַנגעגעבן אין דער פאַלגנדיקער טאַבעלע:

פיסקאַלער יאַר	אידישע אימיגראַציע	אַלג. אימיגראַציע
1900 — 1901	3,376	49,149
1901 — 1902	1,244	67,379
1902 — 1903	2,534	128,364
1903 — 1904	4,578	125,899
1904 — 1905	9,427	142,653
1905 — 1906	9,067	184,064
1906 — 1907	9,822	122,165
1907 — 1908	11,849	257,309
1908 — 1909	4,702	141,370
1909 — 1910	6,164	196,044
1910 — 1911	8,729	294,517
1911 — 1912	9,099	334,853
1912 — 1913	11,624	382,841
1913 — 1914	18,031	367,240
1914 — 1915	7,677	126,778
1915 — 1916	6,539	37,453
1916 — 1917	6,533	65,128
1917 — 1918	1,311	65,945
1918 — 1919	2,316	48,942
1919 — 1920	3,785	108,408

(זיבעצנטער קאַפּיטל)

די אידישע לאַגע אין איראָפּע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה — פליכטלינגען און עמיגראַציע־נויטן

דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען אַ קאַטאַסטראָפע פאַר אַלעמען, ספּעציעל אָבער האָבן געליטן די באַפעלקערונגען פון די קעמפנדיקע צדדים אין די געגנטן וואו עס האָבן געפלאַקערט די שלאַכטן. די מלחמה האָט אויך פאַראורזאַכט אַ טיפע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע צעטרייסלעניש אין איראָפּע. מיליאָנען מענטשן זענען געוואָרן פאַרוואָרפן און אויסגעוואָרצלט פון זייערע היימען.

די צעטרייסלעניש און אויסגעוואָרצלטקייט האָט איבערגעלאָזן אַ שטאַרקערן און אַ שווערערן דרוק אויף דער אידישער ווי אויף דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. די אידן פון רוסלאַנד, פּוילן, עסטרייך, אונגאַרן, רומעניע און די באַלטישע לענדער, האָבן זיך געפונען אין דעם מיטן ברען פון דעם מלחמה־פייער. אַרום די גרעניץ־געגנטן פון די דאָזיקע לענדער האָבן געוואוינט אַרום זעקס מיליאָן אידן און אין אַט־דעם שטח זענען די הויפּט־שלאַכטן פאָרגעקומען. מיר רעדן דאָ ניט וועגן די צענדליקער טויזנטער אידישע סאָלדאַטן, וועלכע זענען געווען אַ טייל פון די קעמפנדיקע אַרמייען. מיר רעדן דאָ אויך ניט פון די טויזנטער פון דער אידישער ציווילער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געליטן ווי די אַלגעמיינע באַפעלקערונג. דאָס זענען געווען די קרבנות פון דער גרויסער מלחמה. וואָס עס האָט געמאַכט די אידישע טראַגעדיע שטאַרקער און גרויליקער איז געווען דאָס פאַרטיליקן, דאָס אומברענגען פון טויזנטער אידן דורך די ווילדע אויסברוכן פון אַנטיסעמיטיזם. צענדליקער טויזנטער פון דער אידישער ציווילער באַפעלקערונג זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע היימען, אויסגעהרגעט געוואָרן, אָדער זענען געוואָרן קרבנות פון הונגער און קרענק. צווישן די יאָרן 1918 - 1920, ווען עס איז פאָרגעקומען דער בירגער־קריג אין רוסלאַנד און ווען כאַאָס האָט געהערשט אין לאַנד, האָט אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען פאַרפלייצט דאָס לאַנד, איבערהויפּט אין דער אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד און מזרח־גאַליציע. מען שאַצט, אַז אין 1918 און 1919 זענען פאָרגעקומען אַרום טויזנט צוויי הונדערט פּאָגראָמען. אַרום פופציק טויזנט אידן זענען אויסגעהרגעט געוואָרן, אַ סך אַ גרעסערע צאָל זענען פאַרוואונדעט און צעקאַליעטשעט געוואָרן, און עטליכע הונדערט ישובים איינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן. רומעניע, פּוילן און די באַלטישע לענדער זענען פאַרפלייצט געוואָרן מיט פליכטלינגען.

זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז אידן זענען נאָר געווען אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם פליכטלינגס־שטראָם. דאָס איז געווען דער פּעריאָד ווען עס איז געבוירן געוואָרן דער נייער מין מענטש — דער שטאַטלאָזער, אַ באַגריף וואָס האָט ביז דאַן ניט עקזיסטירט. פאַר אַ סך פון די פליכטלינגען, פון די שטאַטלאָזע, איז געווען אוממעגליך צוריקצופאָרן צו זייערע אַלטע היימען. אייניקע האָבן זיך ניט געוואָלט צוריקקערן, דער גרעסטער טייל האָט ניט געקענט, און פאַר אַ סך אידן איז פּשוט

ניט געווען אפילו קיין פלאַץ, ווייל זייערע היימען זענען פאַרניכטעט געוואָרן. עס איז געווען נאָר איין אויסוועג פאַר די פליכטלינגען — עמיגראַציע.

נאָך אַ פאַקטאָר וואָס האָט געשטויסן צו עמיגראַציע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען די אינערליכע עקאָנאָמיע, פּאָליטישע און סאָציאַלע לאַגע פון אַזעלכע לענדער ווי פּוילן, רומעניע און די באַלטישע ניי־אַנטשטאַנענע מלוכות, ליטע און לאַטוויע. די פאַרשיידענע שלום־טראַקטאַטן צווישן די מלוכות, און די אָפּמאַכן וואָס זענען שפּעטער אונטערגעשריבן געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון דער פעלקער־ליגע, האָבן גאַראַנטירט מינאָריטעטן־רעכט פאַר די עטנישע גרופּן אין די פאַרשיידענע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. די אָפּמאַכן האָבן בפירוש געזאָגט, אַז מינאָריטעטן האָבן אַ רעכט צו געניסן פון געוויסע קולטורעלע רעכט און זיכער מיט די פונדאַמענטאַלע ציווילע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רעכט, צוגלייך מיט דער מאַיאָריטעט־באַפעלקערונג. צווישן טעאָריע און דער פּראַקטיק איז אָבער פאַראַן אַ געוויסער מהלך. אין טאָג־טעגליכן לעבן האָבן די מינאָריטעטן ניט געגאָסן פון גלייכע רעכט פּשוט דערפאַר ווייל עס איז זיי ניט געגעבן געוואָרן די מעגליכקייט. זיכער איז עס געווען דער פאַל בנוגע אידן, וועלכע זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס צווייט־קלאַסיקע בירגער און מ׳האָט קעגן זיי דיסקרימינירט. די שאָוויניסטישע, אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן אין דער באַפעלקערונג האָבן זיך אויך אויסגעדריקט אין אָפיציעלע רעגירונגס־מאָסנאָמען און פאַראָרדנונגען. מ׳האָט געדריקט דעם אידישן סוחר און קליינהענדלער, דעם אידישן האַנטווערקער, אַרבעטער אָדער אנגעשטעלטן. דער פּראָצעס פון אַרויסשטופּן דעם אידן פון עקאָנאָמישע פּאָזיציעס איז באַגלייט געוואָרן מיט אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, אַ פּראָפּאַגאַנדע וואָס איז באַנוצט געוואָרן צו כשרן די אַנטי־אידישע, דיסקרימינאַטאָרישע פּאָליטיק. צו אָט־דער מכה איז נאָך צוגעקומען אַ געשוויר. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די לענדער איז טאַקע ניט געווען קיין גוטע, און דאָס האָט אויך געווירקט אַז דער דרוק אויף אידן זאָל זיין שטאַרקער. אַזוי אַרום האָט מען פון איין זייט די פּראָבלעם פון אַנגעלאָפענע פליכטלינגען, און פון דער צווייטער זייט די פּראָבלעם פון דיסקרימינאַציע און עקאָנאָמיש־סאָציאַלער דעקלאַסירונג, — געצוואונגען די אידישע באַפעלקערונג צו זוכן אַ רעטונג, אַן אויסוועג דורך עמיגראַציע.

די עמיגראַציע־מעגליכקייטן האָבן זיך אָבער קאַרדינאַל פאַרענדערט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. קודם כל, אין דער צייט פון דער מלחמה, האָט זיך די עמיגראַציע, צוליב פאַרשטענדליכע סיבות, דראַסטיש פאַרקלענערט. נאָך דער מלחמה האָבן די אימיגראַציע־לענדער אָנגעהויבן איינפירן באַשרענקונגען. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דעם סוף פון דער עפּאָכע פון פרייער אימיגראַציע, וואָס האָט געהערשט ביז דעמאָלט. די טראַדיציאָנעלע לענדער פון אימיגראַציע, די פאַראייניגטע שטאַטן, קאַנאַדע, א.א.וו. האָבן גענומען צומאַכן די טירן. אַזוי אַרום איז די טראַגעדיע געווען אַ דאָפּלטע. אין אַ צייט ווען די עמיגראַציע־נויטן זענען געוואַקסן און דער פאַרלאַנג פאַר עמיגראַציע איז געשטיגן, זענען די מעגלעכקייטן געוואָרן קלענער. די פראַגע פון עמיגראַציע איז געוואָרן איינע פון די הויפּט־פּראָבלעמען פון דער וועלט. עס איז ניט נאָר געווען אַ פראַגע פון איבערוואַנדערונג צוליב פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע אָדער סאָציאַלע פּאָזיציעס; עמיגראַציע איז ממש געוואָרן אַ פראַגע פון רעטונג.

דאָס מזרח־אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער אידנטום האָבן געגומען זוכן אַן אויסוועג צום פּראָבלעם. עס האָבן פונקציאָנירט הילפס־און עמיגראַציע־קאָמיטעטן אין פאַרשיידענע לענדער. מ׳האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז ווי וויכטיק ס׳זאָל ניט זיין די אַרבעט פון די איינצלנע קאָמיטעטן, קאָן די אַרבעט ניט זיין עפעקטיוו. עמיגראַציע איז געוואָרן ניט נאָר אַן ענין פון אַרויסהעלפן מיט אַ שיפסקאַרטע אָדער מאַטעריעלע אונטערשטיצונג פאַר אַ קורצער צייט. עמיגראַציע איז אויך געוואָרן אַן ענין פון קאָמפּליצירטער לעגאַלער פּראָצעדור, כדי אָפן צו האַלטן די טירן פון די אימיגראַציע־לענדער, אויף ווי ווייט מעגליך, און צו זוכן נייע אימיגראַציע־לענדער. נאָך אַ צאָל פאַרהאַנדלונגען האָט זיך אין 1921 געשאַפן דער פאַראייניקטער קאָמיטעט פאַר אידישער עמיגראַציע, באַקאַנט אונטערן נאָמען, „עמיגדירעקט״. די נייע געזעלשאַפט האָט אָנגעהויבן אַ צאָל פאַרהאַנדלונגען מיט פאַרשיידענע רעגירונגען וועגן אידישער אימיגראַציע, און האָט אויך גענומען פאָרשן די אימיגראַציע־מעגליכקייטן אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער: אַרגענטינע, בראַזיל א.א.

אין דער זעלבער צייט ווען די אידישע עמיגראַציע־הילפס־אַרבייט האָט זיך גענומען אַביסל קאָאָרדינירן — איז פאַרעפענטלעכט געוואָרן דער ערשטער קוואָטע־געזעץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז געווען דער געזעץ פון 1921, וועלכער האָט באַשרענקט די צאָל אימיגראַנטן צו דער צאָל פון דריי פּראָצענט פון די פרעמד־געבוירענע נאַציאָנאַלע גרופּן, וועלכע האָבן געוואוינט אין די שטאַטן לויט דעם צענזוס פון 1910. דער קוואָטע־געזעץ איז געווען אַ שאַרפער קלאַפּ סיי פאַר די אָרום צוויי הונדערט טויזנט אידישע פּליטלינגען פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן זיך געפונען אין פּוילן, רומעניע, א.א.וו., ווי אויך פאַר אַלע, וואָס האָבן געמוזט עמיגרירן.

אַן ענליכע לאַגע האָט געהערשט אין קאַנאַדע. אויך דאָ זענען דעמאָלט איינגעפירט געוואָרן באַשרענקונגען, און האָבן אַוועקגעשטעלט דעם ענין אימיגראַציע אלס דעם וויכטיקסטן פּראָבלעם פון דעם קאַנאַדער אידנטום. דער גאַנצער ישוב, אַן אויסנאָמען, האָט זיך פאַראייניגט פאַר אַ געמיינזאַמער, פאַראייניקטער אַקציע פון אימיגראַציע, דאָס הייסט, העלפן אידן קומען אַהער און העלפן דעם אימיגראַנט זיך איינצואָרדנען אין לאַנד.

(אכצנטער קאַפּיטל)

דער אַרויסרוף און דער ענטפער

קרובים, פריינט, באַקאַנטע און די אידישע קהילה אַלס אַ גאַנצע האָבן געוואָלט אויסשטרעקן די האַנט פון הילף צו די ליידנדיקע אידן מעבר־לים. די ערשטע רעאַקציע, דער ערשטער אימפּולס באַלד נאָכדעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז געווען אַ באַוועגונג צו שאַפן די נויטיקע פאָנדן פאַר הילף־צוועקן. אָבער עס איז אויך קלאָר געווען אַז ווי וויכטיק עס זאָל ניט זיין מאַטעריעלע און פינאַנציעלע הילף, איז דאָס אַליין ניט גענוג. עס האָט זיך אויך געפאָדערט אַן אַקציע, וואָס זאָל געבן אַ מעגלעכקייט דעם פּליכטלינג, און אויסגעוואָרצלטן, צו עמיגרירן, זיך באַזעצן אין אַ נייעם לאַנד און זיך רעהאַבּיליטירן — פיזיש, סאָציאַל און עקאָנאָמיש. אַזוי אַרום איז דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט אַ צווייפאַכער אויפגאַבע. ערשטנס, בייצוקומען, ווי ווייט מעגלעך, די נייע אימיגראַציע־באַגרענעצונגען, אויב ניט אינגאַנצן איז כאָטש טיילווייז. צווייטנס, אָרגאַניזירן אַ פּראָגראַם פון הילף פאַר די אימיגראַנטן וועלכע וועלן יאָ קענען אַריינקומען. עס איז אויך קלאָר געווען, אַז אָט די צווייענדיקע אויפגאַבע קען ניט איבערגעלאָזט ווערן, ווי עס איז געטאָן געוואָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, צום צופעליקן, ניט־אָרגאַניזירטן און ניט־קאָאָר־דינירטן גוטן ווילן פון פאַרשיידענע קערפּערשאַפטן. עס איז געווען אַ גרויסע און ערנסטע פּראָבלעם, וואָס האָט געפאָדערט אָרגאַניזאַציע, פירערשאַפט, אייג־הייטלעכע אַקציע און פּלאַנירונג אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

די נויטווענדיקייט פאַר אַזאַ צוגאַנג איז געוואָרן נאָך בולטער ווען די ספּעצ־יפישע אייגנשאַפטן פון דעם פּליכטלינג און דעם נאָך־מלחמה־אימיגראַנט זענען געוואָרן קלאָר. יעדער אימיגראַנט איז פרעמד צום נייעם לאַנד, צו דעם לעבנסוועג פון לאַנד, צו זיין קולטור, אאַ״וו. אַלע אימיגראַנטן לעבן דורך אַ געוויסע שרעק פאַרן אומבאַקאַנטן לעבן, וואָס שטייט פאַר זיי, זיי זאָרגן פאַר זייער צוקונפט און זענען אין אַלגעמיין באַזאָרגט וועגן דעם גאַנצן פּראָצעס פון אימיגרירן. די פּראָבלעמען פון אימיגראַנט פאַרלאַנגען אַ סימפּאַטעטישן צוגאַנג, פאַרשטענדעניש פון זייערע נויטן און וויסן וואָס צו טאָן כדי צו העלפן דעם ניי־געקומענעם געפינען אַן אויסוועג פאַר זיינע פּראָבלעמען, איבערהויפּט אין דער ערשטער צייט נאָך זיין קומען אין לאַנד. דער אויבנדערמאָנטער צוגאַנג איז באַשטימט געווען נויטיג צום נאָך־מלחמה אימיגראַנט, וואָס איז אויך געווען אַ קרבן פון די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אויפטרייסלונגען און פון דער אומזיכערקייט וואָס האָבן באַהערשט די נאָך־מלחמה וועלט.

דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע האָט געענטפערט דעם אַרויסרוף מיט צוויי דעפיניטיווע מאָסנאָמען. דאָס ערשטע איז געווען דאָס אַנטוויקלען פון אַ ספּעצ־יעלער אידישער אימיגראַציע־פּראָגראַם, אַ פּראָגראַם וואָס זאָל מאַקסימאַל אויסנוצן די עקזיסטירנדיקע אימיגראַציע־מעגלעכקייטן. דאָס צווייטע, איז געווען די עטאַב־לירונג פון אַ פּראָגראַם פון אויפנעמען דעם אידישן אימיגראַנט ווען ער קומט אָן

אין לאַנד און העלפן אים אין זיין איינאָרדענונג. כדי צו קאָאָרדינירן אַט־די אויבן־דערמאָנטע טאָפּלטע אויפגאַבן, האָט דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע עטאַבלירט אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, דעם אידישן אימיגראַנטן־הילפס־פאַראיין פון קאַנאַדע, וועלכער איז געוואָרן דער עקזעקוטיווער אינסטרומענט פון דער אידישער אימיגראַנטן־הילפס־אַרבעט אין לאַנד.

אין מערץ 1919 איז פאָרגעקומען אין מאָנטרעאָל די ערשטע פּלענאַרע זיצונג פון דעם ניי־אָרגאַניזירטן קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. דאָס אָרגאַניזירן אַט־די קערפּערשאַפט איז ניט צוגעגאַנגען לייכט. עס זענען געווען שטרייטן, מיינונגס־פאַרשיידנקייטן און עס האָט גענומען צייט ביז דער געדאַנק איז רייף געוואָרן, אַז עס איז נויטיק אַ רעפּרעזענטאַטיווע און פאַראַנטוואָרטלעכע קערפּערשאַפט פון קאַנאַדער אידנטום, צו האַנדלען אין דעם נאָמען פון קאַנאַדער ישוב, מיט די פאַרשיידענע אידישע נאָך־מלחמה פּראָבלעמען. דער קאָנגרעס האָט זיך דערעפנט דעם 16־טן מערץ, 1919, אין דעם מאָנומענט־נאַשיאָנאַל טעאַטער אין מאָנטרעאָל. עס זענען געקומען אַרום צוויי הונדערט דעלעגאַטן פון אַלע טיילן פון קאַנאַדע. עס זענען באַשטימט געוואָרן עטלעכע קאָמיטעטן צו באַטראַכטן ספּעציפישע ענינים וועלכע זענען געשטאַנען אויפן סדר־היום פון דער קאָנגרעס־סעסיע. איינער פון די קאָמיטעטן איז געווען אַ קאָמיטעט וועגן אימיגראַציע. אַלס פאָרזיצער איז באַשטימט געוואָרן ס. וו. דזשייקאָבס, אַ באַוואוסטער אידישער אַדוואָקאַט און כלל־טוער — אַ פּאַרלאַמענט־מיטגליד. די אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט זענען געווען יוסף שובערט פון מאָנטרעאָל ; מ. טעסלער פון וויניפּעג ; א. אַראָנאָף פון האַליפאַקס און ס. שאַפּיראָ פון טאָראָנטאָ.

די פראַגע פון אימיגראַציע איז געווען פּראָמינענט אויפן סדר־היום. דעם 19־טן מערץ, 1919, האָט ס. וו. דזשייקאָבס געהאַלטן אַ רעדע וועגן אימיגראַציע. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז קאַנאַדע נויטיקט זיך אין אַ געזונטן אימיגראַציע־שטראָם, כדי צו פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג און כדי צו עקספּלואַטירן די נאַטירלעכע רייכטימער פון לאַנד. ער האָט אויך צוגעזאָגט, אַז ער, אַלס פּאַרלאַ־מענט־מיטגליד, וועט אונטערשטיצן אין פּאַרלאַמענט די מיינונגען, וואָס דער קאָנגרעס וועט אַרויסזאָגן וועגן אימיגראַציע־ענינים. ער האָט אויך פאָרגעשלאָגן, אַז אַ פּערמאַנענטער אימיגראַציע־קאָמיטעט זאָל באַשטימט ווערן וואָס זאָל אויף זיך נעמען די אויפגאַבע צו שטודירן די פּראָבלעמען פון אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע און זאָל אויך אויסדריקן קאָנסטרוקטיווע קריטיק וועגן קאַנאַדער אימיגראַציע־ענינים בכלל.

עס זענען אָנגענומען געוואָרן צוויי רעזאָלוציעס וועגן אימיגראַציע. איין רעזאָלוציע האָט פאָרגעשלאָגן, אַז קאַנאַדע זאָל ווייטער אָנגיין מיט איר טראַדי־ציאָנעלער פּאָליסי פון פרייער אימיגראַציע. די צווייטע רעזאָלוציע — אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלע אידישע אימיגראַציע־ביוראָ, מיט אָפּצווייגונגען איבערן גאַנצן לאַנד, וועמעס אויסשליסלעכע אויפגאַבע ס׳זאָל זיין העלפן אידן קומען אין לאַנד און געבן זיי די ערשטע שטיצע נאָכן אָנקומען. די רעזאָלוציע האָט אויך אונטערגעשטראָכן, אַז אימיגראַציע־הילף דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ נאַציאָנאַלע פליכט און דאַרף דעריבער אָרגאַניזירט ווערן אויף אַ נאַציאָנאַלן אופן. די צוויי רעזאָלוציעס לייענען זיך :

1. דער ערשטער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס האַלט אַז עס איז אין די בעסטע אינטערעסן פון לאַנד, אַז קאַנאַדע זאָל פאַרזעצן איר טראַדיציאָנעלע פּאָליסי פון האַלטן די טיר אָפן פאַר אַלע אימיגראַנטן, און אַז די עקזעקוטיווע זאָל האַלטן אַן אויג אויף די פּלאַנירטע באַשרענקונגען אין אימיגראַציע.

2. אזוי ווי עס איז נויטיק אַז די אימיגראַציע קיין קאַנאַדע זאָל רעגולירט ווערן, און אַז יעדע מעגלעכע הילף זאָל געגעבן ווערן דעם אימיגראַנט, כדי ער זאָל ניט אומגינסטיק באַווירקן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון קאַנאַדע, ווערט באַשטימט אַז דער קאָנגרעס זאָל זיין אינסטרומענטאַל אין גרינדן אַ צענטראַלע אימיגראַציע־ביוראָ מיט אָפּטיילונגען אין אַלע גרעסערע שטעט און האַפנס, און אַז די ביורא זאָל געבן דירעקטע הילף צו אימיגראַנטן; די דאָזיקע הילף זאָל באַטראַכט ווערן אַלס אַ נאַציאָנאַלע פליכט און זאָל אָרגאַניזירט ווערן אויף אַ נאַציאָנאַלן באַזיס.

צוויי געדאַנקען, צוויי באַגריפן זענען געקומען צו אַ פּראַקטישן אויסדרוק — די געבורט פון אַ אידישער אימיגראַציע־פּאָליטיק אין קאַנאַדע און דאָס עטאַבלירן פון אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פאַר אידישער אימיגראַציע און אימיגראַנטן־צופאַסונג.

(ניינצנטער קאַפּיטל)

די ענדערונגען אין די קאַנאַדער אימיגראַציע געזעצן נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה

די אימיגראַציע קיין קאַנאַדע ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען כמעט ווי אַ פרייער איינוואַנדערונגס פּראָצעס. די טיר פון קאַנאַדע איז געווען אָפן. ביז אַרום 1910 איז אַפילו ניט געווען קיין אימיגראַציע־אַקט. דער אימיגראַציע־אַקט וואָס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין 1910 האָט קלאָר געזאָגט אַז אַלע פּערזאָנען וועלכע ווילן קומען קיין קאַנאַדע מעגן אַריינקומען. אויסנאַמען זיינען געמאַכט געוואָרן נאָר פאַר אַזעלכע קאַטעגאָריעס ווי פיזיש, גייסטיג אָדער מאָראַליש־דעפעקטיווע, שפּיאָנען, קאָנספּיראַטאָרן, א.א.וו. דער גאַנצער צוגאַנג צו אימיגראַציע איז געווען אַן אָפענער און פרייער.

נאָך דער מלחמה, אַרום 1918, האָט זיך די לאַגע ניט נאָר געענדערט, נאָר זיך אינגאַנצן איבערגעדרייט. קודם כל האָט די רעגירונג פאַרעפנטליכט אַ צאָל באַגרענעצונגען, דורך ספּעציעלע אָרדערס־אין־קאָונסיל, אָדער באַשטימונגען פון פעדעראַלן קאַבינעט. דערנאָך זענען די אַלע איינצעלנע באַגרענעצונגען פאַרקערפּערט געוואָרן אין אַ נייעם אימיגראַציע־אַקט, פאַרעפנטליכט אין 1927.

די נייע אימיגראַציע פּאָליטיק איז געווען דער היפוך פון דער פאַר־דער־מלחמה־פּראָצעדור: אַנשטאָט אַז אַלע פּערזאָנען מעגן אַריינקומען אין לאַנד, מיט דער אויסנאַם פון געוויסע קאַטעגאָריעס, האָבן די נייע געזעצן געזאָגט, אַז קיינער קען ניט אַריינקומען אין לאַנד, מיט דער אויסנאַם פון געוויסע קאַטעגאָריעס. מיט אַנדערע ווערטער: דער דישעל האָט זיך אינגאַנצן אויסגעדרייט.

נאָך אַ וויכטיקע באַמערקונג איז נויטיק צו מאַכן וועגן די קאַנאַדער אימיגראַציע געזעצן: דער קאַנאַדער אימיגראַציע אַקט קען נאָר געענדערט ווערן פון קאַנאַדער פּאַרלאַמענט. אָבער אימיגראַציע־רעגולאַציעס קענען געענדערט ווערן צו יעדער צייט דורך אָרדערס־אין־קאָונסיל, געוויינליך באַקאַנט אַלס פּי.סי. (פּריווי קאָונסיל), דאָס הייסט באַשטימונגען פון מיניסטאָרן־קאַבינעט, מיט אַנדערע ווערטער: טעאָרעטיש איז מעגליך אַז דורך אַן „אָרדער־אין־קאָונסיל" זאָל קאַנאַדע אינגאַנצן אָפּשטעלן אימיגראַציע, אָדער אַריינלאָזן מיליאָנען מענטשן — און דאָס קען געטאָן ווערן כהרף־עין, נאָר דורך אַ באַשטימונג פון מיניסטאָרן קאַבינעט. אָט דער קאָנטראָל פון אימיגראַציע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די נאָך־מלחמה יאָרן.

אין 1919 האָט מען דורך אַן אָרדער־אין־קאָונסיל (פּי.סי 1202) פאַרבאָטן דאָס אַריינקומען אין לאַנד פון פאַכמענער און שוואַרצע אַרבעטער. אַזוי אַרום זיינען די אימיגראַציע געזעצן געניצט געוואָרן אַלס קאָנטראָל איבער דעם אַרבייטס־מאַרק אין לאַנד און דאָס אַריינלאָזן פון אַרבעטס־הענט איז געוואָרן אָפּהענגיג פון דעם אינדוסטריעלען מצב אין קאַנאַדע.

אין 1921 איז דורך אַן אָרדער־אין־קאָונסיל (פּי.סי. 2669) באַשטימט געוואָרן, אַז יעדער אימיגראַנט מוז באַזיצן אַ גילטיגן פּאַספּאָרט אַרויסגעגעבן פון דער

רעגירונג, וואו דער אימיגראַנט איז אַ שטאַטס־אַנגעהעריקער. עס איז אויך באַשטימט געוואָרן, אַז יעדער פּאַספּאָרט דאַרף זיין ניט עלטער פון איין יאָר און אַז ער מוז געשטעמפּלט ווערן מיט אַ וויזע, אַרויסגעגעבן פון אַ בריטישן קאָנסולאַט אָדער דיפּ־לאָמאַטישן פאַרשטייער. די פאַראָרדנונג האָט זיך זייער שווער אָפּגערופן אויף אידישע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע. ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן האָבן אַ סך פון זיי געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון פּליכטלינגען און האָבן זיך ניט געפונען אין די לענדער פון זייער געבורט, אַזוי ווי למשל רוסישע אידן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין רומעניע, פּוילן, לאַטוויע א.א.וו. פאַרשטענדליך, אַז זיי זיינען אַנטלאָפן אָן דאָקומענטן אָדער פּאַספּאָרטן.

נאָך אַ פאַראָרדנונג (פּי.סי. 920) אַרויסגעגעבן צוערשט אין 1910, באַנייט דורך פּי.סי. 23 אין 1914, איז געבראַכט געוואָרן צום לעבן אין משך פון דער צייט. דאָס איז געווען די פאַראָרדענונג, אַז אַן אימיגראַנט מעג קומען קיין קאַנאַדע אויב ער פאָרט דירעקט פון זיין געבורטסלאַנד און קומט אָן דירעקט קיין קאַנאַדע דורך אַן „אומאונטערגעבראָכענער״ רייזע. ווי עס קוקט אויס, איז דאָס געווען הויפּט־זעכליך געווענדט געגן אימיגראַציע פון אינדיע. אַזוי ווי אין יענע יאָרן איז ניט געווען קיין דירעקטע שיפס־ליניע פון אינדיע קיין קאַנאַדע, האָט עס פּשוט גע־מיינט אַז אימיגראַנטן פון אינדיע קענען ניט אריינקומען קיין קאַנאַדע. מען האָט דעם געזעץ ניט אַנגעווענדעט געגן אימיגראַנטן פון אייראָפּע. נאָך דער מלחמה אָבער, איז די דאָזיקע דירעקטיווע אויפגעלעבט געוואָרן אויך געגן אייראָפּעאישער אימיגראַציע. אין דער פּראַקטיק האָט עס געמיינט, אַז, לאָמיר זאָגן, אַ בירגער פון רומעניע, וועלכער איז אַנטלאָפן פון לאַנד און געפונען אַזיל־רעכט אין פראַנק־רייך, און ער האָט ניט געוואָלט אָדער ניט געקענט זיך צוריקקערן קיין רומעניע, האָט ניט געקענט קומען קיין קאַנאַדע, ווייל ער האָט ניט אימיגרירט דורך אַן „אומ־אונטערבראָכענער״ רייזע דירעקט פון רומעניע. מען קען גלייך זען אַז אַזאַ געזעץ האָט זיך שווער אָפּגערופן אויף די אידישע פּליכטלינגען.

אין 1922 איז דורך דער פאַראָרדנונג פּי.סי. 2668 באַשטימט געוואָרן, אַז יעדער אימיגראַנט מוז באַזיצן צום ווינציקסטן 250 דאָלער ביים אריינקומען אין לאַנד. פאַר אַ משפּחה פון 5־4 פּערזאָן האָט עס געמיינט, אַז זיי מוזן האָבן איבער טויזנט דאָלאַר, און גאָר אַ גרויסע צאָל אימיגראַנטן אין יענער צייט האָט עס זיכער ניט געקענט באַווייזן. ביז 1922 האָט די סומע באַטראָפן 25 דאָלאַר אַ פּערזאָן אין די זומער מאָנאַטן און 50 דאָלאַר אַ פּערזאָן אין ווינטער־מאָנאַטן. דרך אגב איז די פאַראָרדנונג אָפּגעווישט געוואָרן אין 1923 אָבער עס איז אריינ־געקומען אַן אַנדער באַשרענקונג פּי.סי. 183, וואו די אַריינלאָזבאַרע קאַטעגאָריעס פון אימיגראַנטן זיינען באַגרעניצט געוואָרן צו אימיגראַנטן וועלכע האָבן געהאַט בדעה זיך צו פאַרנעמען מיט אַגריקולטור, הויז־אַרבעטער און קרובים פון דער ערשטע מדרגה, אַזוי ווי אַ פרוי, אומפאַרהייראַטע קינדער, עלטערן. בריטישע אימיגראַנטן און בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען ניט געווען אונטער־וואָרפן צו די דאָזיקע באַשרענקונגען.

עס איז ניט שווער צו זען אַז כאָטש די אימיגראַציע־באַשרענקונגען זיינען ניט געווען דירעקט געווענדט געגן אידן, האָבן דאָך אידישע אימיגראַנטן געליטן

פון זיי אַממייסטן ווייל זיי זענען דורך די אומשטענדן פון דער צייט און צוליב די פאַרשיידענע מלחמה נאַכווייענישן אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם האַמער פון די פאַראַרדנונגען.

אַ חוץ דעם איז צוגעקומען נאָך אַ שווערקייט: קאַנאַדע האָט איינגעטיילט די עמיגראַציע־לענדער, דאָס הייסט, די לענדער פון וועלכע אימיגראַנטן קענען קומען אין דריי קאַטעגאָריעס: פּריווילעגירטע, ניט־פּריווילעגירטע און אַנדערע. דאָס האָט נאָך שווערער געמאַכט די לאַגע. דעם פּראָבלעם וועלן מיר באַהאַנדלען אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל.

(צוואנציקסטער קאַפּיטל)

פּריווילעגירטע און ניט־פּריווילעגירטע

חוץ די פאַרשידענע באַשרענקונגען אין דער קאַנאַדער אימיגראַציע וואָס מיר האָבן אַרומגערעדט אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל, זענען אויך די עמיגראַציע־לענדער איינגעטיילט געוואָרן אין קאַטעגאָריעס פון פּריווילעגירטע און ניט־פּריווי־לעגירטע. אין קורצן קען מען די איינטיילונג קלאַסיפיצירן אין די פאָלגנדיקע דריי גרופּן: פּריווילעגירטע, ניט־פּריווילעגירטע און אַנדערע.

צו די פּריווילעגירטע לענדער בנוגע קאַנאַדער אימיגראַציע האָבן געהערט די פאָלגנדיקע: בעלגיע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, האָלאַנד, שווייצאַריע, און די סקאַנדינאַווישע לענדער. אין אַלגעמיין האָבן בירגער פון די פּריווילעגירטע לענ־דער געקענט אַריינקומען קיין קאַנאַדע אויפן זעלבן סמך ווי בריטישע אונטערטאַנען. זיי האָבן אָבער געמוזט דורכמאַכן און דורכגיין אַ געוויסע פּראָצעדור, וואָס זאָל פעסטשטעלן אַז זייער געזונט־צושטאַנד איז גוט; אַז זיי קענען לייענען און שרייבן; אַז זייער אויפפירונגס־רעקאָרד איז אַנשטענדיק; אַז זיי קענען קומען קיין קאַנאַדע דירעקט פון דעם לאַנד פון וועלכן זיי זענען בירגער; אַז זיי באַזיצן אַ גילטיקן פּאַספּאָרט, וועלכער דערמעגליכט זיי צוריקקערן זיך צו זייער געבורטסלאַנד צו יעדער צייט; אַז זיי קומען קיין קאַנאַדע צו אַ באַשטימטער באַ־שעפטיקונג אָדער אַז זיי פאַרמאָגן גענוג געלט זיך אויפצוהאַלטן ביז זיי וועלן קריגן באַשעפטיקונג.

די ניט־פּריווילעגירטע לענדער זענען געווען: עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן, אונגאַרן, רומעניע, ליטע, לאַטוויע, סערביע, עסטאָניע, רוסלאַנד און די פריי־שטאָט דאַנציג. פון די ניט־פּריווילעגירטע לענדער האָבן געקענט אַריינקומען נאָר די פאָלגנדע אימיגראַנטן קאַטעגאָריעס: פאַרמערס; הויז אַרבעטער און נאָר אַזעלכע וועלכע האָבן בפירוש געקענט באַווייזן אַז זיי זענען אַפיציעל באַשעפטיקט אַלס אַזעלכע. זיי האָבן, פאַרשטענדלעך, אויך געמוזט דורכגיין די אַלע נויטיקע פאָרמאַליטעטן בנוגע געזונט, אויפפירונג, א.אז.וו.

אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער זענען קלאַסיפיצירט געוואָרן אַלס „אַנ־דערע לענדער". בירגער פון די „אַנדערע לענדער" האָבן געמוזט פאַרויס באַקו־מען אַ פּערמיט, און פּערמיטן זענען געגעבן געוואָרן אויף אַ ריין אינדיווידועלן באַזיס און האָבן געמוזט אינדיווידועל באַשטעטיקט ווערן אין קאַנאַדע.

עס מוז אויך דערמאָנט ווערן, אַז אימיגראַציע פון בריטישע אונטערטאַנען איז געבליבן כמעט ווי פריי; פאַרקערט, פאַרשידענע מיטלען זענען אָנגענומען געוואָרן, כדי צו דערמוטיקן אַזאַ אימיגראַציע דורך פינאַנצירן רייזע־הוצאות, קלענערע רייזע־טאַריפן, א.אז.וו.

די באַשרענקונגען קעגן אינדיווידועלער אימיגראַציע בכלל און די איינטיילונג פון לענדער אין פּריווילעגירטע און ניט־פּריווילעגירטע, איז געצילט געווען הויפּטזעכלעך קעגן אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע. ראַבײַ באַרנעט ברוקנער, אַ קאַנאַדער רב, אין אַן אַטיקל אין דער „קענעדיען דזשואיש רעוויו", פון אַפּריל 28, 1922, זאָגט

אַרויס די מיינונג, אַז די הויפּט־פֿראַגע אין דער קאַנאַדער אימיגראַציע־פּאָליטיק, איז געווען דער קאַמף צווישן דער פּראַנצויזיש־קאַטוילישער פּראַווינץ קוויבעק און דער אַנגלאָ־סאַקסישער פּראַווינץ אָנטעריאָ.ביידע עטנישע גרופּן האָבן געוואָלט אָנהאַלטן דעם סטאַטוס־קוואָ, די גלייכמעסיקייט פֿון כוחות אין קאַנאַדע. דער אַנגלאָ־סאַקסישער, פּראָטעסטאַנטישער עלעמענט אין אָנטעריאָ האָט געוואָלט אָנהאַלטן אַ פֿרייע אימיגראַציע פֿון ענגלאַנד, כּדי צו פֿאַרשטאַרקן די בריטישע פּאָזיציע אין קאַנאַדע אין נאַציאָנאַלע, לעגאַלע און רעליגיעזע ענינים, און כּדי אָנצוהאַלטן די דאָמינירנדיקע בריטישע לאַגע אין קאַנאַדע. זיי זענען געווען קעגן אימיגראַנטן פֿון מיזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע, ווייל אַזעלכע אימיגראַנטן זענען געווען הויפּט־זעכליך קאַטאָליקן און ניט קיין ענגליש־רעדנדיקע. זייער קומען וואָלט דערפֿאַר געפֿירט, אַזוי האָבן געטראַכט די קעגנער פֿון אַזאַ אימיגראַציע, צו דער פֿאַר־שטאַרקונג פֿון דער קאַטוילישער קירך אין קאַנאַדע.

ווי עס זאָל ניט זיין, און וואָס פֿאַר אַ מאָטיוון עס זאָלן ניט געווען זיין, וועלכע האָבן באַווירקט דאָס איינפֿירן פֿון אימיגראַציע־באַשרענקונגען, זענען די רעזולטאַטן געווען נעגאַטיוו בנוגע אידישער אימיגראַציע. עס איז אויך קלאָר פֿאַרוואָס:

די צאָל אידישע איינוואַנדערער וועלכע וואָלטן געקענט אַריינקומען פֿון די „פּריווילעגירטע לענדער", איז געווען אומבאַדייטנד, ווייל אידישע בירגער פֿון אַט־די לענדער האָבן ניט געהאַט די זעלבע עמיגראַציע־נויטן ווי די מיזרח־אייראָ־פּעאישע אידן. די אידישע בירגער פֿון בעלגיע, פֿראַנקרייך, דייטשלאַנד, שווייצאַ־ריע אָדער די סקאַנדינאַווישע לענדער, זענען ניט געווען אונטערגעוואָרפֿן צו קיין דיסקרימינאַציע. זייער לאַגע אין די לענדער וואו זיי זענען געווען בירגער איז געווען אַ בעסערע, און די וואָס האָבן געוואָלט עמיגרירן האָבן עס געקענט טאָן מיט גאַנץ קליינע שוועריקייטן.

אידישע עמיגראַנטן, פֿאַר וועמען אימיגראַציע און אימיגראַציע־מעגליכקייטן זענען געווען לעבנסוויכטיק, זענען געקומען פֿון די ניט־פּריווילעגירטע לענדער און פֿון דער קאַטעגאָריע „אַנדערע לענדער", ד. ה. פֿון די לענדער, קעגן וועלכע די קאַנאַדער אימיגראַציע־באַשרענקונגען זענען געווען געצילט. פּונקט פֿאַר זיי זענען די טירן געווען געשלאָסן. עס איז געווען בפֿירוש אַ טראַגיש־פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע: די וועלכע האָבן געמעגט אימיגרירן האָבן דווקא ניט געמוזט אויסוואַנ־דערן; די, פֿאַר וועלכע עמיגראַציע איז פּשוט געווען אַ פֿראַגע פֿון ראַטעווען זיך, האָבן דווקא ניט געטאָרט אימיגרירן.

(איין־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל)

די געבורט פון אידישן אימיגראַנטן־פאַריין

די ערשטע פּלענאַרע זיצונג פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז עס זאָל עטאַבלירט ווערן אַ צענטראַלע ביוראָ פאַר אידישער אימיגראַציע. לײדער אָבער איז דער מהלך צווישן ווערטער און מעשים אַ גאַנץ גרויסער. גוטע, ערליכע כוונות זענען נויטיק פאַר יעדער אונטערנעמונג. אָבער גוטע כוונות מוזן באַגלײט ווערן פון מעשים, אַניט בלײבן די כוונות נאָר אויפן פּאַפּיר. די סעסיע פון קאָנגרעס האָט זיך געענדיקט, און די דעלעגאַטן זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן. אָבער דער קאָנגרעס האָט ניט איבערגעלאָזן קײן אַקטיווע אָרגאַניזאַציע. די אידייע פון אַ קאָנגרעס האָט געטליעט, אָבער אַלס געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע האָט עס ניט געלעבט און האָט ניט פונקציאָנירט ביז אַרום 1934, ווען ס'איז צוליבן קומען פון דער היטלער־עפּאָכע, נויטיק געוואָרן אַן אַפּאַראַט פאַר זאַמלען הילפס־פאָנדן און פאַר באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטישן סם. די אָרגאַניזאַציאָנעלע שוואַכקײט פון קאָנגרעס האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אויף דער פאַרווירקליכונג פון די רעזאָלוציעס, וואָס מ'האָט אָנגענומען בײ דער קאָנגרעס־סעסיע, און די אַקטועלע אָרגאַניזירונג פון אימיגראַנטן־פאַריין האָט זיך פאַרצויגן אויף אַ יאָר צײט.

וואָלט די פראַגע פון אימיגראַציע געווען אַ טעאָרעטישע, וואָלט די רעזאָלוציע וועגן עטאַבלירן אַ ספּעציעלע אימיגראַנטן־הילפס־אָרגאַניזאַציע מסתמא געהאַט די זעלבע מערכה ווי אַנדערע אָנגענומענע באַשלוסן. אָבער אימיגראַציע איז ניט געווען קײן טעאָרעטישער ענין. אימיגראַנטן זענען אָנגעקומען אין לאַנד. זײ האָבן זיך גענויטיגט אין הילף — מאָראַלישער, מאַטעריעלער און לעגאַלער. אַ גרויסע צאָל פון אידישע אימיגראַנטן איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין די קאַנאַדער האַפנס ווײל זײ האָבן ניט געקענט נאָכקומען די פאַרשריפטן פון די נײע באַשרענקונגען. עס האָט זיך געפאָדערט אַ באַלדיקע און עפעקטיווע אינטערווענץ בײ די רעגירונגס־אויטאָריטעטן, ווײל פּשוט הונדערטער אימיגראַנטן זענען געשטאַנען אונטער דער דראָאונג פון דעפּאָרטירט צו ווערן. דער זשורנאַליסט א. אלמי, שרײבט אין אַן אַרטיקל געדרוקט אין דער „קענעדיען דזשואיש קראָניקל" פון יוני 25, 1920, אונטער דעם נאָמען „הילפלאָזע אידישע אימיגראַנטן אין קאַנאַדע", אַז ווי עס ווײזט אויס, זענען די קאַנאַדער אידן נאָך אַלץ אונטער דער אילוזיע פון פאַר־מלחמהדיגע אימיגראַציע באַדינגונגען. אידישע אימיגראַנטן קומען אַן און נויטיקן זיך אין הילף און באַשיצונג. ער ווײזט אָן אַז אַ צאָל אידישע אימיגראַנטן זענען צוריקגעשיקט געוואָרן ווײל עס איז פּשוט קײנער ניט געווען צו אינטערווענירן פאַר זײ. ער שטרײכט אונטער די אַבסאָלוטע נויטיקײט פון אַן אָרגאַניזירטן אַפּאַראַט, אַן אינסטיטוציע וועלכע וואָלט זײ געקענט ראַטעווען. א. אלמי פאַרענדיגט זײן אַרטיקל מיט דער באַהויפּטונג, אַז עס וועט זײן אַ קרימינעלע נאַכלעסיקײט אויב באַלדיקע שריט וועלן ניט גענומען ווערן צו אָרגאַניזירן אַן אימיגראַנטן־פאַריין, וועלכער זאָל קענען געבן דעם הילפלאָזן און אויסגעוואָרצלטן אידישן אימיגראַנט די נויטיקע אונטערשטיצונג און באַשיצונג.

נויט ברעכט אייזן. די לאַגע איז געווען קריטיש. עס האָט זיך געפאָדערט אַ באַלדיקער ענטפער. דעם 23־טן יוני, 1920, איז פאַרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון אָרגאַניזאַציעס כדי צו עטאַבלירן אַ ספּעציעלע אידישע אימיגראַנטן־ביוראָ אין קאַנאַדע. אין דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך באַטייליגט די פאָלגענדע אָרגאַניזאַציעס: דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס, די „איקא", דער „אוקראַינער פאַרבאַנד", דער „רומענישער פאַרבאַנד", די „היברו לעידיס אימיגראַנט פּראָטעקטיוו אסס'ן" און די „אסס'ן פון אידישע רעליף סאָסייעטיס".

די פראַגע פון דער נויטווענדיקייט פון אַ ספּעציעלער אימיגראַנטן־הילפס־געזעלשאַפט איז ברייט אַרומגערעדט געוואָרן. קענטיק אַז אין פּרינציפּ האָבן אַלע מסכים געווען אַז אַזאַ אינסטיטוציע איז נויטיק. עס זענען אָבער געווען חלוקי־דעות וועגן אַדמיניסטראַטיווע פראַגן. די „איקא", למשל, האָט געהאַלטן, אַז כאָטש באַלדיקע הילף צו אימיגראַנטן איז אַבסאָלוט נויטיק, איז אפשר ניט נויטיק קיין באַזונדערע אָרגאַניזאַציע, ווייל די „איקא" האָט שוין געהאַט דערפאַרונג מיט אימיגראַנטן־הילף פון פריערדיקע יאָרן און זי קען ווייטער טאָן די אַרבעט. ה. מ. קייזערמאַן, וועלכער איז געווען דער ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר פון קאָנגרעס, און אַ וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער טוער אין קאַנאַדע פאַר לאַנגע יאָרן, ווייזט אָן אין אַ רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן ביים 25־יעריקן יובילעי פון אימיגראַנטן־פאַריין, אַז די „איקא" האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט גלייך אונטערצונעמען די אַרבעט. ה. מ. קייזערמאַן, וועלכער האָט בייגעוואוינט די אויבן־דערמאַנטע פאַרזאַמלונג, האָט דאָרט אויפגעוויזן אַז די „איקא" איז הויפּטזעכליך אַ קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט. די אימיגראַציע־אַרבעט פון דער „איקא" איז געווען באַגרענעצט צום אַרויסהעלפן אידישע פאַרמער־אימיגראַנטן. אמת, די „איקא", האָט אין פאַרשיידענע לענדער סובסידירט אימיגראַציע־אַרבעט, און דעריבער האָט ה. מ. קייזערמאַן פאָרגעשלאָגן, אַז נאָכדעם ווי דער פאַריין וועט אָרגאַניזירט ווערן, זאָל די „איקא" קאָאָפּערירן און אונטערשטיצן די נייע אינסטיטוציע. ער האָט געהאַלטן אַז די עטאַבלירונג פון אַ נאַציאָנאַלן אימיגראַנטן־פאַריין, מיט אָפּצווייגן איבערן לאַנד איז אַ היסטאָרישער מוז.

די מערהייט פון די דעלעגאַטן ביי דער פאַרזאַמלונג האָבן מסכים געווען דערמיט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז אַ אידישער אימיגראַנטן־פאַריין זאָל תיכף אָרגאַניזירט ווערן און מען זאָל עפענען אַ ביוראָ אין דער שטאָט קוויבעק. דער „אוקראַינער" און דער „רומענישער" פאַרבאַנד האָבן באַלד בייגעשטייערט צו פינף הונדערט דאָלאַר כדי צו דעקן אַדמיניסטראַטיווע אויסגאַבן, און די „היברו ליידיס פּראָטעקטיוו אסס'ן" האָט בייגעשטייערט הונדערט דאָלאַר.

מיט עטליכע טעג שפּעטער, דעם 30־טן יוני, 1920, איז פאַרגעקומען נאָך אַ פאַרזאַמלונג וואו עס זענען פאָרמעל אָנגענומען געוואָרן די פאָלגענדיגע רעזאָלוציעס:

1) אַז די געזעלשאַפט זאָל הייסן „אידישער אימיגראַנטן־פאַריין פון קאַנאַדע (דזשואיש אימיגראַנט עיד סאָסייטי)". איר הויפּט־ביוראָ זאָל זיין אין מאָנטרעאַל און ברענטשעס זאָלן אָרגאַניזירט ווערן איבער גאַנץ קאַנאַדע, וואו נאָר מעגליך.

2) אַ קאָמיטעט זאָל גלייך אָפּפאָרן אין דער שטאָט קוויבעק, אָנשטעלן אַ מענטשן, וועלכער זאָל באַגעגענען אידישע אימיגראַנטן און אַרויסהעלפן זיי מיט וואָס נאָר נויטיק.

3) דער ציל פון דער נייער אָרגאַניזאַציע זאָל זיין צו באַגעגענען אידישע אימיגראַנטן ווען זיי קומען אָן אין לאַנד און געבן זיי די נויטיקע באַשיצונג, לע־גאַלע הילף און אונטערשטיצונג.

אַ צייטווייליקע עקזעקוטיווע זאָל אויסדערוויילט ווערן, אויף אָנצופירן מיט דער אַרבעט ביז עס וועט גערופן ווערן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און אַ פּער־מאַנענטער דירעקטאָרן־ראַט וועט דערוויילט ווערן.

ביי דער פאַרזאַמלונג איז אויך דערוויילט געוואָרן אַ פּראָוויזארישע עק־זעקוטיווע פון די פאָלגענדיגע פּערזאָנען: פּרעזידענט — לואי פיטש, אַ באַקאַנטער מאָנטרעאָלער אַדוואָקאַט; גענעראַל סעקרעטאַר — ה. מ. קייזערמאַן; קאַסירער — רבי הירש קאָהן, דער שפּעטערדיקער הויפּט־רב פון מאָנטרעאָל.

אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער אידישער אימיגראַנטן־פאַריין פון קאַנאַדע. ווי יעדע געבורט איז אויך די געבורט באַגלייט געווען מיט חבלי־לידה. די ערשט־געבוירענע אָרגאַניזאַציע איז גלייך געוואָרן אַריינצואוואַרפן אין אַ קעסל־גרוב פון אימיגראַנטן־פּראָבלעמען און העלפן וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

(צוויי־און־צוואנציקסטער קאפיטל)

פארהאלטענע און דעפארטירטע

ווי מיר האבן דערקלערט אין די פריערדיקע קאפיטלען האבן זיך די נאך־מלחמה׳דיקע אימיגראציע באשרענקונגען אויסגעדריקט אויף צוויי אופנים: ערשטנס, זענען ארויס רעגולאציעס, וועלכע האבן געפאדערט פון יעדן אימיגראנט נאכצוקומען געוויסע פראצעדוראלע באשטימונגען. און אויב ניט, זענען זיי גע־שטעלט געווארן אונטער דער געפאר פון דעפארטירט צו ווערן אפילו נאכדעם ווי זיי זענען אנגעקומען אין א קאנאדער האפן. צווייטנס, זענען די עמיגראציע־לענדער איינגעטיילט געווארן אין פארגעצויגענע און ניט־פארגעצויגענע. פון די פארגעצויגענע לענדער איז מעגלעכקייט פון אימיגראציע געווען גאנץ לייכט, פון די ניט־פארגעצויגענע — זייער שווער. די גרעסטע צאל אידן האט זיך געפונען אין ניט־פארגעצויגענע לענדער, אזוי־ווי פוילן, רומעניע, עסטרייך, א.א.וו. דעריבער איז די אויפגאבע פון דער אידישער אימיגראציע־ארבעט געווען א צווייענדיקע. פון איין זייט ארויסצוהעלפן די יעניקע וועלכע זענען אנגעקומען אין לאנד, אבער וועלכע האבן צוליב טעכנישע סיבות ניט געקענט נאכקומען די אריינפאר־באדינ־גונגען. די צווייטע אויפגאבע איז געווען, אין די ראמען פון די עקזיסטירנדיקע געזעצן, שאפן מעגלעכקייטן פאר באשטענדיקער אידישער אימיגראציע. אין דעם קאפיטל וועלן מיר אנווייזן אין וואס ס׳איז באשטאנען די ערשטע אויפגאבע און וואס עס האט געמיינט פארן אידישן איינוואנדערער די גרינדונג פון אימי־גראנטן־פאראיין.

פון א באריכט פונם קוויבעקער אפיס פון אידישן אימיגראנטן־פאראיין לער־נען מיר די פאלגענדיקע פאקטן: אין משך פון דעם זומערדיקן נאוויגאציע־פעריאד, פון אפריל 30 ביז נאוועמבער 30, 1921, זענען 5,587 אידישע אימיגראנטן אנ־געקומען קיין קאנאדע דורך דעם קוויבעקער האפן. די צאל האט מיט זיך פאר־געשטעלט 7.7 פראצענט פון דער גאנצער אימיגראציע קיין קאנאדע אין דעמדאזיקן פעריאד דורך דעם קוויבעקער האפן. פון דער צאל 5,587 זענען 4,434 אדער ארום 81.5 פראצענט גלייך ארייננעלאזן געווארן. אבער 1,253 אדער 18.5 פראצענט זענען פארהאלטן געווארן צוליב פארשיידענע סיבות. די פארהאלטענע זענען בא־שטאנען פון 480 מענער, 385 פרויען און 388 קינדער אונטער זיבן יאר. די געפאר פון צוריקגעשיקט ווערן פאר די 1,253 מענטשן איז געווען זייער און זייער אקטועל.

צוריקגעשיקט ווערן — אבער וואוהין? לאמיר זען: פון וואנען זענען די פארהאלטענע אימיגראנטן געקומען, זיי זענען אנגעקומען פון די פאלגנדיקע לענדער: פון פוילן — 577; פון רומעניע — 229; פון רוסלאנד — 82; פון אוּ־קראינע — 247; פון לאטוויע — 51; פון ענגלאנד — 22; פון ליטע — 26; פון עסטרייך — 3; פון פאלעסטינע — 4; פון טערקיי — 2;. מיט אנדערע ווערטער: די מערהייט איז געקומען פון די ניט־פארגעצויגענע לענדער בנוגע קאנאדער אי־מיגראציע און פון לענדער אין וועלכע דעם אידישן אימיגראנט איז געווען שווער אדער אוממעגלעך זיך צוריקצוקערן.

זענען די פאַרהאַלטענע חס־וחלילה געווען אַ שלעכטער אימיגראַנטן־מאַטע־ריאַל? דער ענטפער איז: ניין. זיי האָבן געהאַט פאַכן און וואָלטן זיך גאַנץ לייכט איינגעאָרדנט אין קאַנאַדע. פון פּראָפעסיאָנעלן שטאַנדפּונקט איז די גרופּע פון די פאַרהאַלטענע באַשטאַנען ווי פאָלגט. פאַרמערס און אַגריקולטור — 90; שניי־דערס — 61; סוחרים — 59; הויז־אַרבעטער — 29; שוואַרצע אַרבעטער — 23; שוסטערס — 19; סטודענטן — 19; קאַרפּענטערס — 15; העברעאישע לערער — 11; לעדער־אַרבעטער — 11; קצבים — 9; מאַשיניסטן — 8; מילנער — 7; באַרבערס — 7; גאָלדשמידן — 6; בעקערס — 5; בלעכערס — 4; זייגערמאַכערס — 4; אַפּטייקערס — 19; קענדי־מאַכערס — 3; פעלץ־אַרבעטער — 3; גלעזער — 3; דענטיסטן — 2; בוכבינדערס —2; דרוקערס — 2; פּרעסערס — 2; פיינטערס — 2; חזנים — 2; רבנים — 2; שמידן — 2; פאָטאָגראַפיסטן — 2; מוזיקער — 1; עלעקטראָטעכניקער — 1; אַנדערע פאַכן — 3.

מיר האָבן מיט אַ כיוון אָנגעגעבן אַ דעטאַל בילד פון די פאַרהאַלטענע. ערש־טנס צו ווייזן, אַז פּראָפעסיאָנעל האָבן זיי מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גוטן אימי־גראַנטן־עלעמענט. צווייטנס גיט עס אונז בכלל אַ בילד פון דעם פּראָפעסיאָנעלן צושטאַנד פון אידישן אימיגראַנט אין יענע יאָרן.

פאַרוואָס האָט מען זיי פאַרהאַלטן? די אָפיציעלע סיבות, אָנגעגעבן פון די אימיגראַציע־אויטאָריטעטן זענען געווען:

1) 323 פערזאָנען זענען פאַרהאַלטן געוואָרן צוליב דעם, וואָס זיי זענען געקומען מיט אַן „אונטערבראָכענער רייזע”. דאָס הייסט, זיי זענען ניט געקומען דירעקט פון זייער געבורטסלאַנד.

2) 39 — צוליב „אונטערבראָכענער רייזע” ווי אויך צוליב דעם וואָס זיי האָבן ניט געהאַט גענוג געלט ביים לאַנדן אין קאַנאַדע.

3) 279 — „אונטערבראָכענע רייזע” און ניט־גילטיקער פּאַספּאָרט.

4) 116 — ניט גענוג געלט ביים לאַנדן.

5) 176 ניט־גילטיקער פּאַספּאָרט אָדער רייזע דאָקומענט.

6) 19 ניט־גילטיקער פּאַספּאָרט און ניט גענוג געלט.

7) 147 ניט געקענט דורכגיין די מעדיצינישע אונטערזוכונג.

8) 154 — פאַרשיידענע אַנדערע סיבות.

ווי מיר זעען, איז דער גרעסטער טייל פאַרהאַלטן געוואָרן צוליב דעם וואָס זיי זענען געווען פּליטלינגען און במילא האָבן זיי ניט געקענט קומען דירעקט פון זייער געבורטסלאַנד. צוליב דערזעלבער סיבה האָבן זיי ניט געקענט קריגן פּאַספּאָרטן דירעקט אַרויסגעגעבן פון די רעגירונגען פון זייערע געבורטסלענדער. כאָטש די סומע געלט וואָס איז פאַרלאַנגט געוואָרן ביים לאַנדן איז ניט געווען גרויס, זענען אָבער אַ סך אימיגראַנטן, פּשוט געווען אָן אַ גראָשן געלט.

וואָס האָט פּאַסירט מיט דער אויבנדערמאַנטער גרופּע פון 1,253 פאַרהאַל־טענע אימיגראַנטן?

דורך די באַמיאונגען פון אימיגראַנטן־פאַראיין האָט מען דורכגעלאָזן 1080 מענטשן; 171 האָט מען צוריקגעשיקט און 2 אימיגראַנטן זענען אַנטלאָפן און נעלם געוואָרן. פון די 171 צוריקגעשיקטע האָט דער אימיגראַנטן־פאַראיין צוריקגעבראַכט 18 פּערזאָנען דורך אַ ספּעציעלן פּערמיט.

מיר האָבן באַשריבן דעם איינעם פאַל, ווי ער האָט פּאַסירט אין דעם קוויבעקער האַפן. קיין פּירושים זענען ניט נויטיק. עס איז אויך ניט נויטיק צו דערקלערן די ראָלע פון דעם ניי־געשאַפענעם אימיגראַנטן־פאַראיין. וואָלט די אָרגאַניזאַציע דעמאָלט ניט עקזיסטירט, וואָלט גאָר אַ גרויסע צאָל אידן ניט געקענט פאַרבלייבן אין קאַנאַדע.

די זעלביקע לאַגע האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט אין אַנדערע האַפנס אין קאַנאַדע, וואו עס זענען אָנגעקומען אידישע אימיגראַנטן.

אין האַליפאַקס זענען דעמזעלבן יאָר, אָנגעקומען 1855 אידישע אימיגראַנטן, פון וועלכע 419 זענען פאַרהאַלטן געוואָרן. 381 זענען באַפרייט געוואָרן דורך דעם אימיגראַנטן־פאַראיין און 38 זענען צוריקגעשיקט געוואָרן.

אין סט. דזשאָן, ניו בראַנזוויק, זענען צווישן דעצעמבער 1921 און אַפּריל 1922 אָנגעקומען 971 אידישע אימיגראַנטן. 202 זענען פאַרהאַלטן געוואָרן. פון די פאַרהאַלטענע זענען 193 פרייגעלאָזן געוואָרן דורך די באַמיאונגען פון אימיגראַנטן־פאַראיין און נאָר 9 זענען צוריקגעשיקט געוואָרן.

דאָס זענען נאָר עטלעכעביישפּילן וואָס דערציילן אָבער זייער אַ סך.

(דריי־און־צוואנציקסטער קאַפּיטל)

די גרינדונגס־תקופה פון אידישן אימיגראַנטן הילפס־פאַריין פון קאַנאַדע

אַ געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע קען זיין לעבעדיק און ווירקזאַם נאָר דאַן, ווען זי האָט צו דערפילן אַ באַשטימטע געזעלשאַפטליכע פונקציע. פון דער צווייטער זייט, אָבער, אַפילו ווען די פונקציע עקזיסטירט, קען די אינסטיטוציע ניט זיין ווירקזאַם, סיידן זי פאַרמאָגט אָרגאַניזאַציע, דאָס הייסט: דעם אַפּאַראַט, וועלכער אַרבעט אינטעליגענט, אינטענסיוו און מיט פאַראַנטוואָרטליכקייט.

ווען דער אידישער אימיגראַנטן פאַריין איז געגרינדעט געוואָרן אין יוני 1920, האָט די אינסטיטוציע זיך גלייך אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון אימיגראַנטן־הילף. די אימיגראַנטן־אַרבעט האָט געוואַרט, איז געווען דרינגענדיג און פונקציעס זענען געווען איבערן קאָפּ. דער אימיגראַנטן־פאַריין האָט אויך אָנגעהויבן בויען זיין אַפּאַראַט, און גלייכצייטיג פאָרמולירן די סטרוקטור און דעם דרך, די פּאָליסי פון דער אינסטיטוציע.

בריוו זיינען געשיקט געוואָרן צו פאַרשיידענע קהילות אין קאַנאַדע מיט אַ פאַרלאַנג בייצושטייערן צו דער אַרבעט. באַלד איז געשאַפן געוואָרן די סומע פון $13,000, פאַר וועלכע מען האָט געקויפט אַ געביידע. די געביידע האָט געדינט סיי אַלס ביוראָ פון פאַריין און סיי אַלס צייטווייליקער אויפהאַלטס־פּלאַץ פאַר אימיגראַנטן, וועלכע האָבן ניט געהאַט ניט קיין קרובים און ניט קיין געלט. די געביידע איז געקויפט געוואָרן אין נאָוועמבער 1920 און האָט זיך געפונען אין מאָנטרעאַל אויף 725 נאָטר דעים וועסט.

דעם 14טן נאָוועמבער, 1920, איז פאָרגעקומען די ערשטע אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג פון אימיגראַנטן־פאַראיין. די צייטווייליקע עקזעקוטיווע, וועלכע איז אויסגעקליבן געוואָרן אין יוני 1920, האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט איבער דער אָפּ־געטאָנענער אַרבעט צווישן יולי און נאָוועמבער 1920. די פאַרזאַמלונג האָט דערוויילט אַ סטאַבילע עקזעקוטיווע און דירעקטאָרן ראַט. דער באַוואוסטער אי־דישער פאַרלאַמענטאַרער און אַדוואָקאַט ס. וו. דזשייקאָבס, איז דערוויילט געוואָרן אַלס ערן־פּרעזידענט. פּיטער בערקאָוויטש, אויך אַ באַוואוסטער אַדוואָקאַט און מיטגליד פון פּראָווינציעלן פּאַרלאַמענט אין קוויבעק, איז דערוויילט געוואָרן אַלס נאַציאָנאַלער פּרעזידענט.

איינע פון די ערשטע אויפגאַבן פון פאַריין איז געווען צו עפענען אַ ביוראָ אין דער שטאָט קוויבעק. פון דעם ערשטן יערליכן באַריכט פון דעם פאַריין, דערוויסן מיר זיך, אַז צו יענער צייט זענען די אידן געווען די איינציגע עטנישע און רע־ליגיעזע גרופּע, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין ביוראָ אין קוויבעק. דער אימיגראַציע־אַמט האָט באַוויליקט אַ פּלאַץ אין זיין געביידע איינצושטעלן אַן אָפיס. אַזוי־אַרום איז געשאַפן געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון פאַריין אין קוויבעק און מען האָט אָנגע־שטעלט מענטשן אָנצוגיין מיט דער אַרבעט.

אינטערעסאַנט איז, אַז דער סאַמע ערשטער פאַל וואָס איז געקומען צו דער אויפמערקזאַמקייט פון פאַריין איז געווען אַ גרופּע פון פיר יונגעלייט, וועלכע זיינען געקומען פון פּוילן אויסבאַהאַלטן אויף אַ שיף. פאַרשטענדליך, אַז זיי האָבן ניט געהאַט ניט קיין וויזעס, ניט קיין פּאַספּאָרטן. דער אימיגראַנטן פאַריין האָט געוואוסט אַז עס איז ניטאָ קיין שום לעגאַלער באַזיס, אויף וועלכן מען וואָלט געקענט פאַר זיי אינטערווענירן. דאָך האָט דער עמאָציאָנעלער אויפרודער און דאָס געפיל פון רחמנות באַוואויגן די פירערשאַפט פון פאַריין זיך זען מיטן מי־ניסטער, און דער מיניסטער, אויף זיין אייגענער אחריות, האָט זיי דערלויבט צו פאַרבלייבן אין קאַנאַדע. דורך־אָגב ווערט אָנגעוויזן, אַז דאָס איז געווען דער ערש־טער פאַל אין דער קאַנאַדער אימיגראַציע־געשיכטע, וואו דער מיניסטער האָט גענוצט זיין ספּעציעלע מיניסטעריעלע רעכט צו מאַכן אַ אויסנאַם און ערלויבן די אימיגראַנטן צו פאַרבלייבן, כאָטש זיי זיינען ניט געקומען אין די ראַמען פון די עקזיסטירנדיקע פאַראָרדנונגען.

אין פאַרבינדונג מיט דעם אויבן־דערמאָנטן פאַל איז כדאי צו פאַרצייכענען נאָך אַ באַשלוס פון אימיגראַנטן־פאַריין. עס איז געווען די מיינונג פון דער פאַרוואַלטונג, אַז כאָטש מען איז געווען דערפאָלגרייך מיט דעם פאַל פון די פיר יונגעלייט, דאַרף וועט אין דער צוקונפט דער פאַריין ניט אינטערווענירן אין פאַלן פון אימיגראַנטן, וועלכע שמוגלען זיך אַריין אין לאַנד. פאַרטיידיקן די רעכט פון אימיגראַנטן און אימיגראַציע איז איין זאַך, אָבער זיין דירעקט אָדער אומ־דירעקט פאַרבונדן מיט אומלעגאַלע אימיגראַציע־מעטאָדן, איז אַ צווייטע זאַך.

אידישע אימיגראַנטן זיינען באַגעגנט געוואָרן פון אימיגראַנטן־פאַריין און זיינע פאַרשטייער. צו פאַרהיטן די אימיגראַנטן פון שווינדלער מכל המינים, האָט יעדער אימיגראַנט, ביים אָנקומען אין לאַנד, געקראָגן אַ קאַרטל צו זיין אָפּגעהיט מיט געלט, בילעטן און אַנדערע זאַכן. די קאַרטל פון פאַריין האָט אויך אָנגעוויזן אַז אַלע פראַגן קאָנען געענטפערט ווערן פון פאַריין. די אַדרעסן פון די צווייגן פון פאַריין אין פאַרשיידענע שטעט, זיינען געווען אָפּגעדרוקט אויף דער קאַרטל.

אימיגראַנטן זיינען אַרויסגעהאָלפן געוואָרן מיט שפּייז, טראַנספּאָרטאַציע, פאַרמאַליטעטן א.א.וו. טעלעגראַמעס זיינען געשיקט געוואָרן צו קרובים וועגן אָנקומענדיקע אימיגראַנטן.

אין דעצעמבער 1920, זיינען אין קוויבעק פאַרהאַלטן געוואָרן 300 אידישע אימיגראַנטן. די לאַגע איז געווען ערנסט. אַז אַפילו וועלכן מען האָט געשיקט צו דער רעגירונג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן און מ׳האָט פאַראָרדנט אַלע צו דע־פּאָרטירן. דער אימיגראַנטן־פאַריין האָט אָבער אינטערווענירט און האָט איינ־געצאָלט די סומע פון דריי טויזנט דאָלער פאַר אויסהאַלטן די אימיגראַנטן ביז דער אַפּיל וועט געהערט ווערן. די „איקא״ האָט צוגעזאָגט, אַז אויב מען וועט די אימיגראַנטן אַרויסלאָזן, וועלן זיי אַלע איינגעאָרדנט ווערן אויף פאַרמס אין מערב־קאַנאַדע. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. די רעגירונג האָט געענטפערט, אַז געזעץ איז געזעץ. מען האָט אין דעם ענין פאַראינטערעסירט אייניגע חשובע פּערזענליכקייטן אין קאַנאַדע, וועלכע זאָלן אויסאיבן אַ ווירקונג אויף די אויטאָריטעטן, גלייכצייטיק האָט מען געזוכט פאַר זיי אַן אַנדער פּלאַץ פאַר אימיגראַציע. סוף כל סוף האָט מען געפועלט ביי די אויטאָריטעטן אַז מען

זאָל אַרויסלאָזן די אימיגראַנטן פון דעם אימיגראַנטן פאַרהאַלטונגס־לאַגער ביז אַ דעפיניטיווער באַשלוס וועט אָנגענומען ווערן. דער אימיגראַנטן פאַריין האָט אָבער געמוזט איינלייגן הונדערט דאָלאַר פאַר אַ פּערזאָן אַלס אַ גאַראַנטיע. די סומע איז געשאַפן געוואָרן. מען האָט אַרויסגעלאָזט די אימיגראַנטן.

וואָס איז געווען דער סוף פון דעם אינצידענט? עס איז באַריכטעט געוואָרן אַז אַ צאָל האָט מען ערלויבט צו פאַרבלייבן, אַרום 30 האָט מען דעפּאָרטירט, און אַ צאָל זיינען פאַרשוואונדן. אין אַ באַריכט צוגעשטעלט צום דירעקטאָרן־ראַט פון פאַריין ווערט געזאָגט, אַז דער פאַריין האָט ניט געקענט מסכים זיין מיט די אימיגראַנטן, וועלכע זיינען נעלם געוואָרן, אָבער מען קען פאַרשטיין פאַרוואָס זיי האָבן ביי זיך געפּועלט און זענען נעלם געוואָרן כדי צו פאַרבלייבן אין לאַנד.

די הויפּט־ביוראָ פון פאַריין איז געווען אין מאָנטרעאַל. צווייגן זענען עטאַבלירט געוואָרן אין אַלע האַפן־שטעט — קוויבעק, האַליפאַקס און סט. דזשאָן, ניו בראַנזוויק. מען האָט אויך עטאַבלירט אַ ביוראָ אין אָטאַוואַ צו האַנדלען אין פאַלן פון אַפּילס און אינטערווענץ. עס זענען געשאַפן געוואָרן אימיגראַנטן־הילפס־קאָמיטעטן אין אַכצן שטעט. מען האָט אָרגאַניזירט אַ מיטגלידערשאַפט אַקציע, ווייל עס זענען געווען גרויסע פינאַנציעלע שוועריקייטן און מען האָט געמוזט שאַפן גענוג פאָנדן אַנצופירן מיט דער אַרבעט.

אַ ביישפּיל פון דער לעגאַלער אַרבעט אין יענער צייט קען מען אַרויסלערנען פון אַ באַריכט פון דער אָטאַוואַ ביוראָ פון אימיגראַנטן־פאַריין פאַר דעם צייט־אָפּשניט אָקטאָבער 1921 ביז אַפּריל 1922. אין משך פון די זיבן מאָנאַטן האָט די אָטאַווער ביוראָ אינטערווענירט אין 436 אינדיווידועלע פאַלן אין וועלכע עס זענען געווען פאַרוויקלט 1271 נפשות. די אינטערווענץ איז געווען דערפאָלגרייך אין פאַל פון 1247 פּערזאָנען; אין 18 פאַלן, ניט־דערפאָלגרייך. אין דערזעלבער צייט האָט די ביוראָ באַהאַנדלט 14 אַפּילס מיט „עליס איילענד" אין די שטאַטן; געקראָגן 42 פּערמיטן פאַר קרובים, פאַרלענגערט אַ צאָל פּערמיטן, א.א.וו.

דעם בעסטן באַגריף וועגן דער אינטענסיוויטעט פון דער אַרבעט פון אימי־גראַנטן־פאַריין אין דער גרינדונגס־תקופה קען מען אפשר באַקומען פון די פאָלגנדי־גע ציפערן. צווישן מאַי 1921 און אַפּריל 1922, דאָס הייסט, אין איין יאָר צייט, האָט די עקזעקוטיווע פון פאַריין געהאַט 32 מיטינגען; עס זענען גערופן געוואָרן 25 מיטינגען פון דירעקטאָרן־ראַט; 4 ספּעציעלע עקזעקוטיוו־מיטינגען; און 3 אַלגע־מיינע פאַרזאַמלונגען. די ציפערן רעדן פאַר זיך אַליין וועגן דער אינטענסיוויטעט און אינטערעס אין דער אַרבעט. גלייכצייטיק האָבן זיך אויך אויסגעקריסטאַליזירט די פאַרשיידענע פונקציעס און די סטרוקטור פון פאַריין. די גרינדונגס־תקופה האָט זיך געענדיקט אין 1922 ווען דער פאַריין האָט אויסגעאַרבעט זיין קאָנסטיטוציע.

(פיר־און־צוואנציקסטער קאַפּיטל)

די אינקאָרפּאָרירונג פון אימיגראַנטן פאַריין

אין אויגוסט 1922 איז דער אימיגראַנטן פאַריין אָפיציעל אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אונטער דעם דאָמיניאָן קאָמפּאַניס עקט. דאָס האָט געמיינט, אַז די אינסטיטוציע האָט באַקומען אַ לעגאַלן פּרצוף. אין די צוויי יאָר, צווישן דער גרינדונג פון פאַריין אין יוני 1920 ביז דער אינקאָרפּאָרירונג אין אויגוסט 1922, איז די אינערלעכע אָרגאַניזאַציע פון פאַריין קריסטאַליזירט און פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן אין די פאָלגנדיקע דעפּאַרטמענטס אָדער לייסטונגען:

1) „לענדינג דעפּאַרטמענט" — האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ענינים פון אימי־גראַציע, אויפנאַמע פון אימיגראַנטן, לעגאַלע הילף א.א.וו.

2) „אינפאָרמיישאָן ביוראָ" — האָט באַהאַנדלט אַלע אָנפראַגעס בנוגע געזעצן, איינוואַנדערונג, איינאָרדנונג און אַנדערע פּראָבלעמען פון אימיגראַנטן־צופּאַסונג. אַ גרויסער טייל פון דער אַרבעט איז באַשטאַנען פון ענטפערן אויף אָנפראַגעס און קאָרעספּאָנדענץ פון מעבר־ליום.

3) לייבאָר ביוראָ — צו געפינען אַרבייט פאַר ניי־געקומענע.

4) „סוירטשינג דעפּאַרטמענט" — האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אָפּזוכן קרובים, פריינט, א.א.וו. אַ צאָל משפחות האָבן פאַרלאָרן קאָנטאַקט אין צייט פון דער מלחמה. די „קרובים געזוכט" אָפּטיילונג פון אימיגראַנטן פאַריין האָט געפּרוּווט, דורך פאַרשיידענע אופנים (פּרעסע־אַנאָנסן, א.א.) צו פאַרבינדן די משפחות.

5) „שעלטערינג האָום" — האָט געגעבן צייטווייליקע וואוין־געלעגנהייטן צו אימיגראַנטן — אַ פּלאַץ צום שלאָפן, שפּייז, מעדיצינישע דיספּענסערי, א.א.וו.

אין יולי 1922 איז פאָרגעקומען אין אָטאַווע אַ נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון אימיגראַנטן פאַריין. ביי די זיצונגען זיינען באַהאַנדלט געוואָרן פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון דער אַרבעט און עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן עפענען צוויי נייע אָפּטיילונגען — אַ נאַטוראַליזאַציע ביוראָ און לעגאַלען הילפס קאָמיטעט.

די גרינדונגס־תקופה האָט זיך געענדיגט אין אויג. 1922. דער אימיגראַנטן פאַריין איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרן און די קאָנסטיטוציע פון דער געזעלשאַפט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן. די צילן פון דער אָרגאַניזאַציע, לויט דער אָנגענו־מענער קאָנסטיטוציע, זענען געווען:

1) ארויסצוהעלפן דעם לעגאַלן אריינקום פון אידישע אימיגראַנטן.

2) צו באַזאָרגן זיי מיט צייטווייליגען אויפהאַלט, וואוינונג, שפּייז, קליי־דונג און אַנדערע פאָרמען פון שטיצע;

3) העלפן דעם אימיגראַנט צו דערגרייכן זיין אָנקום־פּלאַץ אין קאַנאַדע;

4) העלפן דעם אימיגראַנט ניט צו פאַלן צו לאַסט דער געזעלשאַפט דורך אַרויסהעלפן אים צו באַקומען באַשעפטיקונג;

5) ווירקן אויף די אימיגראַנטן, אַז זיי זאָלן זיך ניט באַזעצן אין ענג־באַפעל־קערטע געגנטן;

6) אָנצוהאַלטן ביוראָ־צווייגן אין פאַרשיידענע שטעט וועגן אימיגראַציע־ענינים און צו פאַרשפּרייטן אינפאָרמאַציע־מאַטעריאַל וועגן דעם אינדוסטריעלן, אַגריקולטורעלן און מסחר־מצב פון לאַנד;

7) דערמוטיקן די אימיגראַנטן צו פאַרנעמען זיך מיט פאַרמעריי;

8) אָנצונעמען די נויטיקע מאָסנאָמען, כדי ניט צו דערלאָזן אַז ניט־געוואונטשענע פּערזאָנען זאָלן קענען אַריינקומען אין לאַנד;

9) צו פאַרשפּרייטן בריטישע אידעאַלן צווישן די ניי־געקומענע און צו באַזאָרגן זיי מיט אַ גרינדליכן וויסן פון קאַנאַדער געשיכטע און קאַנאַדער אינסטיטוציעס און איינפלאַנצן אַן אמת׳ן פאַטריאָטיזם און ליבע צו זייער נייעם לאַנד.

10) באַקאַנטמאַכן צווישן דער קאַנאַדער באַפעלקערונג די פולע פאַרצוגן פון אַ פּאָזיטיווער אימיגראַציע, און צו פּראָפּאַגאַנדירן די דאָזיקע פאַרצוגן דורך פאַרזאַמלונגען, לעקציעס און געדרוקטן וואָרט.

11) מיטאַרבעטן אָדער זיך פאַראייניקן מיט אַנדערע געזעלשאַפטן, וועלכע האָבן ענליכע צילן; אָנהאַלטן אייגנטום, איבערנעמען חובות בעת פאַראייניקונג, אויף באַדינגונגען פון געגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג.

12) שאַפן געלט־מיטלען דורך עפנטליכע קאַמפּיינען און איינצופירן אַ מיט־גלידס־אָפּצאָל.

13) צו קויפן, אָנהאַלטן, פאַרקויפן ריעל־עסטייט און אַנדער אייגנטום, וואָס איז נויטיק כדי אויסצופירן די צילן פון דעם פאַריין.

אַזוי אַרום איז אין משך פון דער גרינדונגס־תקופה דער אימיגראַנטן פאַריין געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע. ער האָט געדינט אַלס דער צענטראַלער קאָאָרדינירענדיגער פונקט פאַר אידישער אימיגראַנטן־אַרבייט אין קאַנאַדע. די טעטיקייט פון פאַריין איז פולשטענדיק אָנערקענט געוואָרן סיי פון דער רעגירונג און סיי פון דער אידישער קהילה. בנוגע די אויטאָריטעטן האָט דער פאַראיין שטענדיק דערפילט יעדן צוזאָג און יעדע גאַראַנטיע וועלכע איז פאַרלאַנגט געוואָרן בנוגע אימיגראַנטן.

אין 1923, כדי צו פאַרבעסערן די אַרבייט, האָט דער פאַריין איינגעטיילט די אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס צווישן דריי ראַיאָנען.

דער מזרח ראַיאָן, וואָס האָט אַרומגענומען די מאַריטימע פּראָווינצן און די פּראָווינץ קוויבעק.

דער צענטראַלער ראַיאָן, וואָס האָט אַרומגענומען די פּראָווינץ פון אָנטאַריאָ און דער מערב ראַיאָן, וואָס האָט אַרומגענומען די מערב פּראָווינצן.

די הויפּט־ביוראָ, וועלכע האָט קאָאָרדינירט און אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון אַלע צווייגן איז געווען אין מאָנטרעאַל. די ראַיאָנען־אָפיסעס האָבן זיך גע־פונען אין מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און וויניפּעג.

דער צענטראַלער פּונקט פון אַקטיוויטעטן איז געווען די הויפּט־ביוראָ אין מאָנטרעאַל. די אַקטיוויטעטן פון פאַריין האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די נויטן פון דער צייט און יעדער ענין וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט אימיגראַציע און אימי־גראַנטן־הילף, איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ פונקציע פון אימיגראַנטן פאַריין. עס זיינען שטענדיק געווען פינאַנציעלע שוועריקייטן און מ׳האָט אינטענסיוו געאַרבעט צו קריגן עפנטליכע שטיצע דורךביישטייערן און מיטגליד־אָפּצאָל.

אַרום 1922 האָט זיך דער אימיגראַציע שטראָם פאַרקלענערט צוליב די פאַרשידענע אימיגראַציע באַשרענקונגען. עפּעס האָט געמוזט געטאָן ווערן כדי אָפּ־צעשוואַכן די ווירקונג פון די געזעצן אויפן לויף פון דער אידישער אימיגראַציע. אַלס פועל־יוצא איז געבוירן געוואָרן אַ נייע ווענדונג אין אידישער איינוואַנדע־רונג קיין קאַנאַדע — דאָס זיינען געווען די ספּעציפיש אידישע אימיגראַציע־פּראָיעקטן און דער ענין פון ספּעציעלע פּערמיטן.

(פינף־און־צוואנציקסטער קאפיטל)

דער רוף פאר א אידישער אימיגראציע פאליטיק אין קאנאדע

די וויכטיקייט פון אימיגראציע אין אידישן קהילה־לעבן אין קאנאדע און די פראבלעמען, וועלכע די פראגע האט אוועקגעשטעלט פארן אידישן ישוב אין לאנד, זיינען שוין דערמאנט געווארן. גלייכצייטיק איז ארויפגעשטעלט געווארן אויפן סדר היום די פראגע פון אן אקטיווער אידישער אימיגראציע פאליטיק. אן אנאליז פון דעם פראבלעם איז געמאכט געווארן פון איינעם פון די חשובסטע געזעלשאפט־ליכע פירער פון קאנאדער אידנטום אין יענער צייט, י. ל. קאהן. אין דעם קאפיטל וועלן מיר סומירן די מיינונג און די געפילן פון מר. קאהן בנוגע דער פראגע, ווי ער האט עס אויסגעדריקט אין אן ארטיקל „אן אימיגריישן פאליסי פאר קע־נעדיען דזשורי", געדרוקט אין דער „קענעדיען דזשואיש רעוויו" פון סעפטעמבער 29, 1922. מר. קאהן שרייבט:

„א פאראדאקסאלע סיטואציע הערשט צווישן קאנאדער אידנטום בנוגע אי־מיגראציע, א לאגע, וועלכע רעדוצירט דאס אריינקומען פון אידישע אימיגראנטן צו א הייפעלע, האט אנשטאט צו ברענגען זארג, גאר פארטעמפט, אונמעכטיג געמאכט די אידישע קהילה.

„די אדמיניסטראטיווע פאזע נעמט ארום די ארבייט פון באשיצען דעם אי־מיגראנט, ארויסהעלפן אים אין זיין איינארדנונג, א.א.וו.

„די פאליטישע פאזע מיינט דער אינטערעס פון קאנאדער אידנטום אין דער קאנאדער אימיגראציע־פאליטיק בכלל און אויף וויפל עס רופט זיך אפ אויף אידישער אימיגראציע קיין קאנאדע בפרט. די פאליטשע און אדמיניסטראטיווע פאזן זיינען זיכער שטארק פארבונדן צווישן זיך, אבער יעדע איינע איז גענוג וויכטיק באטראכט צו ווערן באזונדער.

„די אדמיניסטראטיווע פאזע פון אימיגראנטן פראבלעם איז דערליידיקט געווארן דורך דער עטאבלירונג פון אידישן אימיגראנטן הילפס־פאריין. דער פאריין, מיט זיינע אפצווייגן איבערן לאנד, טוט די נויטיקע ארבעט צו באשיצן דעם אי־מיגראנט, העלפן אים זיך צוצופאסן צום לאנד, און די ארבעט ווערט געטאן אויף אן עקאנאמישען און גאר צופרידנשטעלדיקן אופן. די ארגאניזאציע דארף אונטער־שטיצט און אויפגעהאלטן ווערן פון דער קאנאדער קהילה, ווייל די ארבעט פון דער אינסטיטוציע וועט אנגיין אומאונטערבראכן און די עפעקטיוויטעט פון דעם אפאראט מוז קאנסערווירט ווערן און די דערפארונג אויסגענוצט ווערן פאר דער צוקונפט.

„די פאליטישע פאזע פון אימיגראציע איז אבער פארנאכלעסיקט געווארן. די רעגירונגס־פאליטיק צו באשרענקען דעם אימיגראציע שטראם, און דאס בא־גרענעצן די אימיגראציע צו פארמערס, הויז־ארבעטער און געוויסע קאטעגאריעס פון קרובים, האט ניט געקראגען די נויטיגע אויפמערקזאמקייט. די רעגירונג, מיט דער נייער פאליטיק, האט פשוט זיך אפגעזאגט צוצוהערן זיך צו די מיי־

נונגען וועלכע באַטראַכטן אימיגראַציע אויך פון דעם שטאַנדפּונקט פון די אינ־דוסטריעלע און קאָמערציעלע נויטן פון לאַנד.״

בנוגע אידישער אימיגראַציע, זאָגט דער שרייבער, אַז מען טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אויף שתדלנות און זיין אָפּהענגיג פון דעם גוטן ווילן פון איינפלוסרייכע פערזאָנען. שתדלנות און איינפלוס זענען וויכטיק, אָבער די הויפּט פאַראַנטוואָרט־ליכקייט ליגט אויפן קאַנאַדער אידישן ישוב אַלס אַ קאָלעקטיוו. מען דאַרף וועקן די געזעלשאַפטליכע מיינונג פון לאַנד און פון אידישן ישוב. עס ווערט אויך פאָרגעשלאָגן אַז וויסנשאַפטליכע שטודיען זאָלן אונטערגענומען ווערן צו זען, צי איז טאַקע אמת אַז אימיגראַציע האָט אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויף אַרבעטסלאָזיקייט און וואָס איז דער פּאָזיטיווער איינפלוס פון אימיגראַציע אויף אַזעלכע וויטאַלע ענינים ווי דער סטאַנדאַרד פון לעבן, אַנטוויקלונג פון לאַנד און אַנדערע פראַגן פון נאַציאָנאַלן וואוילזיין פון לאַנד. ספּעציעלע שטודיען דאַרפן אויך געמאַכט ווערן וועגן דעם איינפלוס פון אידישער אימיגראַציע אויף קאַנאַדע. אַנטי־אימי־גראַציע טענדענצן, האַלט דער שרייבער, דאַרף מען באַקעמפן ניט נאָר מיט פּאָ־לעמיק און אַלגעמיינער פּראָזעלאָגיע, נאָר הויפּטזעכליך מיט דורכגעטראַכטן, גוט־צוגעגרייטן, סאָציאָלאָגיש־וויסענשאַפטליכן מאַטעריאַל. אַט די אַרבעט פון באַאיינפלוסן די אימיגראַציע־פּאָליטיק פון לאַנד אויף אַ פּאָזיטיוון אופן, דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס אַ לאַנג־טערמיניקע אויפגאַבע פונעם אידישן ישוב אין קאַנאַדע.

דער שרייבער שלאָגט אויך פאָר, אַז מען זאָל מאַקסימאַל אויסנוצן די עקזיס־טירנדיקע אימיגראַציע מעגלעכקייטן. אַזוי ווי די רעגירונג לעגט דאָס געוויכט אויף אַגריקולטורעלער אַנטוויקלונג, דאַרף דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע זיך אָרגאַניזירן אַרויסצוהעלפן אידן זיך צו באַזעצן אויף ערד. פאַר דעם צוועק דאַרף מען אויך אויסגעפינען וואָס פאַר אַ אידישער פאַרמער־מאַטעריאַל איז דאָ אין אייראָפּע, און מען דאַרף זיך אויך פאַרשטענדיקן מיט דער „אָרט״־אָרגאַניזאַציע פאַר אַ פּראָגראַם פון פאַך־ און לאַנדווירטשאַפט אויסבילדונג. אין דער אַרבעט דאַרף אויך אריינגעצויגן ווערן די „איקא״ געזעלשאַפט און מ׳דאַרף תיכף אָנהויבן פאַרהאַנדלען מיט דער רעגירונג.

לסוף מאַכט דער שרייבער די פאָלגנדיקע קאָנקרעטע פאָרשלאָגן:

1) דער אימיגראַנטן פאַריין דאַרף געשטאַרקט ווערן אַלס דער אַדמיניסטראַ־טיווער אינסטרומענט פון אַ אידישער אימיגראַציע־פּאָליטיק אין קאַנאַדע;

2) אַ נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ זאָל פאַררופן ווערן צו באַטראַכטן אַן אָרגאַ־ניזירטע און אינטענסיווע אידישע אימיגראַציע פּאָליטיק — דורך פּראָפּאַגאַנדע, וויסענשאַפטליכע שטודיען און אַנדערע מעטאָדן צו דערווייזן די נוצליכקייט פון אימיגראַציע און ספּעציעל דעם בייטראַג פון אידישער אימיגראַציע צום לאַנד;

3) בכדי אויסצונוצן די גילטיקע אימיגראַציע־מעגליכקייטן, דאַרף גלייך אָר־גאַניזירט ווערן אַ קאָנסטרוקטיווע פּראָגראַם פון לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָני־זאַציע פאַר אינדוסטריעלע אידישע פאַרמערס.

אַט די אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן פון דעם ישוב. מען קען זיך אויף אַנדערע ניט פאַרלאָזן. עס איז ניט קיין פראַגע פון אומצוטרוי צו אַ ניט־אידישער אינסטי־טוציע, נאָר פשוט: ספעציפיש־אידישע נויטן פאַרלאַנגען אַ אידישן צוגאַנג. קענטיג אַז דעמאָלט זיינען געווען פאַרשלאָגן צו פאַראייניקן כוחות מיט אַ ניט־אידישער קערפערשאפט. מר. קאַהן שטימט ניט איין מיט די פאַרשלאָגן און דער־ציילט דעם פאָלגנדיקן אַנעקדאָט:

אַ אידיש אינגל, פון אַ רייכער משפחה, איז געגאַנגען אין אַ פריוואַטער שולע פאַר „בעסערע" קינדער. איינמאָל קומט ער אהיים און זאָגט זיין מאַמען: „מאַמע, ווי קומט עס וואָס יעדן טאָג איידער איך גיי אין שולע, וואַשסטו מיך, רייניקסט מיך און מאַכסט זיכער אַז איך זאָל אויסקוקן ווי אַ ליאַלקע. דאָך ווען איך קום אין סקול, רופן מיך מיינע קלאַס־חברים שמוציקער איד?"

די ספעציפישע פאַרשלאָגן געמאכט פון מר. קאהן האבן אפשר זיך ניט פאַר־ווירקליכט ווי עס איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן, אבער אַ אידישע אימיגראַציע פּאָליטיק איז צושטאַנד געקומען און האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ סעריע פון אימיגראַציע פּראָיעקטן.

(זעקס־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל)

דער ערשטער אימיגראַציע יתומים פּראָיעקט

אין זומער פֿון 1920 איז אין קאַנאַדע אָנגעקומען פֿון אייראָפּע פּראָפֿעסאָר אליהו חפץ וועלכער האָט געבראַכט דעם טרויעריקן גרוס פֿון דעם חורבן פֿון פֿילע אידישע ישובים אין דער אוקראַינע און אַנדערע געגנטן. ער האָט אויך דער־ציילט וועגן די טויזנטער אידישע יתומים וועלכע וואַלגערן זיך אַרום, הונגעריקע, און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. פּראָפֿעסאָר חפץ האָט געזוכט שטיצע פֿון דעם אַמע־ריקאַנער ישוב. ער האָט אויך אָבער געבעטן אַז מען זאָל ראַטעווען אַ צאָל פֿון די קינדער און דערמעגלעכן זיי צו קומען קיין קאַנאַדע.

אין יולי 1920, ביי אַ זיצונג פֿון אַ צייטווייליקן קאָמיטעט אין מאָנטרעאַל, איז באַשלאָסן געוואָרן איינצולאַדן מרס. ליליאַן פֿרימאַן פֿון אָטאַוואַ, אָנצונעמען די אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער אַרבעט. די פֿרוי פֿון באַקאַנטן געשעפֿטסמאַן און גע־זעלשאַפֿטלעכן טוער איי. דזש. פֿרימאַן, און אַ טיכטיקע געזעלשאַפֿטלעכע טוערין אַליין, האָט מרס. פֿרימאַן זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט.

דער קאָמיטעט האָט געבעטן די קאַנאַדער רעגירונג אַריינצולאָזן טויזנט יתומים. די אויטאָריטעטן האָבן געענטפֿערט אַז זיי זענען איינשטימיק אַריינ־צולאָזן צוויי הונדערט קינדער און אויב די איינאָרדנונג פֿון דער ערשטער גרופּע וועט זיין דערפֿאָלגרייך וועט מען ווייטער באַטראַכטן דעם ענין. די אימיגראַציע־אויטאָריטעטן האָבן אויך פֿאַרגעשריבן אַז אַלע צוגרייטונגען פֿון באַגעגענען, און אַדאָפּטירונג פֿון די קינדער מוזן געמאַכט ווערן פֿאַרויס, און אַז אַ ספּעציעלע אָרגאַני־זאַציע זאָל געשאַפֿן ווערן אָנצופֿירן מיט דער אַרבעט.

אין אויגוסט 1920 ביי אַ קאָנפֿערענץ אין מאָנטרעאַל איז אָפֿיציעל געשאַפֿן געוואָרן דער אוקראַינער יתומים קאָמיטעט און מרס. פֿרימאַן איז באַשטימט גע־וואָרן אלס די נאַציאָנאַלע פּרעזידענטין פֿון קאָמיטעט. אַן אויפֿרוף איז געשיקט געוואָרן צו אַלע ישובים אין קאַנאַדע אָנטיילצונעמען אין דער אַרבעט און אַ נאַציאָנאַלע קאָנפֿערענץ איז פֿאַררופֿן געוואָרן אין אָטאַוואַ אין אָקטאָבער 1920. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן אַן אַפּיל פֿאַר געלט און מרס. פֿרימאַן האָט זיך אַרויסגעלאָזן אויף אַ טור איבער קאַנאַדע צו סטימולירן דעם אינטערעס און צוגרייטן היימען צו מקבל פּנים זיין די יתומים. אין יעדער קהילה איז געשאַפֿן געוואָרן אַ לאָקאַלער קאָמיטעט וועלכער האָט באַטראַכט און געפּאָרשט צי די היימען, וועלכע זענען אָנגעבאָטן געוואָרן, זענען פּאַסנד. מען האָט אָפּגעקליבן נאָר די היימען וועלכע האָבן געקענט געבן דאָס קינד אַ נויטיקע אויפֿפּאַסונג און אַ געוויסע צוקונפֿט. מען האָט אויך אָנגענומען געלט ביישטייערונגען פֿון $120 אַ יאָר, וואָס איז נויטיק געווען אויף אויסצוהאַלטן אַ יתום־קינד אין די לענדער וואו זיי האָבן זיך געפֿונען.

אין דעצעמבער 1920 איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיטעט וועלכער זאָל דע־לעגירט ווערן מעבר לים, אויסקלייבן די קינדער און ברענגען זיי קיין קאַנאַדע. מען האָט זיך אויך פֿאַרשטענדיקט מיט דעם אַמעריקאַנער דזשאָינט קאָמיטעט וועגן געבן די נויטיקע קאָאָפּעראַציע צום קאַנאַדער קאָמיטעט.

דער קאַמיטעט איז אַפּגעפאָרן פון קאַנאַדע אין פעברואַר 1921. אין אַפּריל 1921, האָט דער קאַמיטעט עטאַבלירט אַ ביוראָ אין ראָוונע, פּוילן, וואָס איז געוואָרן דער הויפּט זאַמלונגס־צענטער.

פון איבער טויזנט קינדער, עקזאַמינירט פון דעם דאָקטער, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון קאַמיטעט, זענען אָפּגעקליבן געוואָרן נאָר זעקס און פערציק, וועלכע דער דאָקטער האָט געמיינט וועלן קענען נאָכקומען די קאַנאַדער מעדיצינישע פאָרשריפטן. עס ווערט דערציילט, אַז איבער אַכט טויזנט קינדער זענען עקזאַמינירט געוואָרן איידער די קוואָטע איז פאַרפולט געוואָרן.

די אַרבעט פון קאַמיטעט האָט זיך פאַרצויגן לענגער ווי מען האָט געטראַכט. חוץ דעם, איז אויפגעשוואָומען נאָך אַ פּראָבלעם. די גרעסטע צאָל פון אַפּליקאַציעס פאַר קינדער, דאָס הייסט קאַנאַדער וועלכע האָבן געוואָלט אַדאָפּטירן די קינדער, האָבן אָנגעגעבן אַז זיי ווילן, אַז די קינדער זאָלן זיין אינגער פון זיבן יאָר. פון דער צווייטער זייט זענען געווען זייער ווייניק קינדער אין דעם עלטער.

די ערשטע גרופּע קינדער איז אָנגעקומען אין קוויבעק אין אויגוסט 1921, און די לעצטע גרופּע אין יאַנואַר 1922. אין גאַנצן זענען אָנגעקומען הונדערט און זעקס און פערציק קינדער.

עס איז קיין פראַגע ניט, אַז דער קאַנאַדער קאַמיטעט האָט זייער פיל געטאָן בנוגע דעם יתומים פּראָיעקט. עס איז אויך קיין פראַגע ניט, אַז די קינדער וועלכע זענען געקומען קיין קאַנאַדע האָבן דאָ געפונען אַ נייע היים און אַ ניי לעבן. עס איז אָבער שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס נאָר אַזאַ קליינע צאָל איז געבראַכט געוואָרן. די קאַנאַדער רעגירונג האָט באַוויליקט אַ קוואָטע פון צוויי הונדערט קינדער און האָט צוגעזאָגט אַז אויב די ערשטע גרופּע וועט ווערן איינגעאָרדנט, וועט מען באַטראַכטן אַ ווייטערע צאָל. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַפילו די באַשטימטע קוואָטע איז ניט דערפילט געוואָרן. דער שרייבער פון די שורות האָט געפּרואווט זיך דערגרונטעווען די סיבה פון דעם ענין און קריגן אַן ענטפער אויף דער פראַגע. ער האָט גערעדט מיט אייניקע מענטשן וועלכע זענען געשטאַנען נאָענט צו דער אַרבעט, אָבער קיין קלאָרע תשובה האָט קיינער ניט געקענט געבן. עס איז אַ השערה פון דעם שרייבער פון די שורות, אַז סיי דער קאַמיטעט אין קאַנאַדע, וועלכער האָט געקליבן די היימען פאַר די קינדער, און סיי דער קאַמיטעט מעבר לים, וועלכער האָט געקליבן די קינדער פאַר קאַנאַדע, זענען געווען עטוואָס צו שטרענג אין די אָפּקלייב סטאַנדאַרטן וואָס זיי האָבן געשטעלט פאַר זיך.

דער קאַמיטעט אין קאַנאַדע האָט קענטיק געזוכט נאָר היימען פון אַ הויכן, מער אָדער ווייניקער רייכן שטאַנד, וועלכע האָבן געהאַט די פינאַנציעלע מעגליכקייטן צו פאַרזאָרגן די קינדער ניט נאָר מיטן היינט נאָר אויך מיט אַ מאָרגן. פון איינעם פון די באַריכטן דערוויסן מיר זיך, צום ביישפּיל, אַז אין פעברואַר 1921 זענען באַשטעטיקט געוואָרן 228 היימען. די צאָל האָט פאַרגעשטעלט נאָר אַ קליינע פּראָפּאָרציע פון אַלע היימען וועלכע האָבן געוואָלט עפענען זייערע טירן פאַר די קינדער. דער קאַמיטעט האָט געקליבן נאָר היימען וואו די קינדער, לויט זיין מיינונג, האָבן געקענט גוט באַזאָרגט ווערן. מיר ווייסן, אַז אַ שיינע און אַ רייכע היים איז ניט דווקא די פּאַסיקסטע היים פאַר אַ קינד. עס קען אויך זיין, אַז די וואָס האָבן געוואָלט אַדאָפּטירן קינדער, האָבן געפאָדערט גאַנץ יונגע

קינדער. פון שטאַנדפּונקט פון די אַדאָפּטיווע עלטערן איז עס פאַרשטענדלעך, אָבער פון שטאַנדפּונקט פון קהלה אינטערעס האָט מען מן הסתם געקאָנט מאַכן אַנדערע אַראַנזשירונגען.

פון דער צווייטער זייט, דער קאָמיטעט וואָס האָט געקליבן די קינדער מעבר לים איז אפשר אויך געווען צו שטרענג לגבי דעם פיזישן צושטאַנד און אויסזען פון קינד. אויב מען זאָל אַננעמען, אַז דער קאָמיטעט האָט אונטערזוכט איבער אַכט טויזנט קינדער און האָט נישט געקענט אָפּקלייבן אַפילו צוויי הונדערט, מוז מען קומען צום סך הכל, אַז דער אויסוואַל איז געווען אַביסל צו שטרענג.

די אויבן דערמאָנטע באַטראַכטונגען זענען נאָר השערות און נעמען נישט אַוועק פון דער וויכטיקייט פון דעם ערשטן יתומים אימיגראַציע־פּראָיעקט. דער פּראָ־יעקט איז געווען די ערשטע אָרגאַניזירטע מאַניפעסטאַציע פון קאַנאַדער אידנטום, אויפן געביט פון אימיגראַציע, און דער ערשטער אויסדרוק פון דער ניי־געבוירענער אידישער אימיגראַציע פּאָליטיק אין קאַנאַדע, וועלכע איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין אַ צאָל אימיגראַציע אונטערנעמונגען אין די שפּעטערע יאָרן.

(זיבן־און־צוואנציקסטער קאַפּיטל)

די רומענישע פּליכטלינגען

דאָס אַריינברענגען אַ גרופּע פון אידישע יתומים איז געווען דער ערשטער ספּעציפיש־אידישער אימיגראַציע־פּראָיעקט אין קאַנאַדע, ווען אַ גרופּע אידן איז דערלויבט געוואָרן אַריינקומען אין לאַנד לויט אַ ספּעציעלער פאַראָרדנונג. זעלבסט־פאַרשטענדלעך, די ספּעציעלע קאָנצעסיע האָט ניט אַנגערירט די אַלגעמיינע אימיגראַציע אין די ראַמען פון עקזיסטירנדיקע געזעצן און מעגלעכקייטן.

אַ צווייטער, גאָר וויכטיקער, ספּעציפיש אידישער אימיגראַציע־פּראָיעקט, איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין 1923. דאָס איז געווען דער אימיגראַציע־פּראָיעקט פון די רומענישע פּליכטלינגען.

אין דער צייט פון בירגער־קריג אין רוסלאַנד, ווען די רוסישע אימפּעריע האָט אויסגעהויכט די נשמה, זענען די געבורט־ווייען פון אַ נייער רעגירונג און שטאַטס־אָרדנונג באַגלייט געוואָרן מיט פּאָגראָמען, דעניקינס, פּעטלורעס, און פאַרוויסטונג פון אַ גרויסן טייל פון אידישן ישוב אין רוסלאַנד. אַ צאָל אידן פון דער אוקראַינע האָבן זיך געראַטעוועט און געלאָפן קיין רומעניע. זיי האָבן דאָרט באַקומען צייטווייליקן אַזיל־רעכט, אָבער זייער לאַגע איז געווען אַ פינצטערע. די רומענישע רעגירונג איז באַשטאַנען, אַז די פּליכטלינגען זאָלן פאַרלאָזן רומעניע. עס ווערט געשאַצט, אַז אין אָנהויב 1923 זענען אין רומעניע געווען אַרום צען טויזנט אידישע פּליכטלינגען. די פאַרשיידענע אידישע הילפס־געזעלשאַפטן האָבן געזוכט אַן אויסוועג צום פּראָבלעם און מען האָט געזוכט אימיגראַציע־לענדער וועלכע זאָלן אויפנעמען די פּליכטלינגען. די לאַגע איז געווען קריטיש.

די אידישע קהילה אין קאַנאַדע, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דעם קאַנאַדער קאָמיטעט פון דער „איקא״, האָט אַפּעלירט צו דער קאַנאַדער רעגירונג אַריינצולאָזן פינף טויזנט פּליכטלינגען פון רומעניע. די „איקא״ האָט זיך אויך פאַרפּליכטעט איבערצונעמען די פינאַנציעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם פּראָיעקט. די קאַנאַדער רעגירונג האָט איינגעשטימט. עס איז באַוויליקט געוואָרן אַז אַראָנ־זשירונגען זאָלן געמאַכט ווערן אַריינצולאָזן הונדערט פּליכטלינגען אַ וואָך. עס איז אויך פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז די איינאָרדנונג פון די אימיגראַנטן וועט זיין די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער אידישער קהילה אין קאַנאַדע און אַז זיי וועלן ניט פאַלן צו לאַסט דאָ דער רעגירונג. די אימיגראַנטן האָבן אויך געדאַרפט נאָכקומען די נויטיקע מעדיצינישע און אַנדערע אימיגראַציע־פאָרשריפטן.

די ערשטע גרופּע פון די רומענישע פּליכטלינגען איז אָנגעקומען אין נאָוועמבער 1923 און די אימיגראַציע האָט אָנגעהאַלטן אין משך פון 1924. לויט אַן אָפיציעלן באַריכט פון דער „איקא״, האָבן 3,329 פּערזאָן באַקומען וויזעס אַלס רומענישע פּליכטלינגען. צוליב פאַרשיידענע סיבות האָבן 289 אימיגראַנטן ניט אויסגענוצט זייערע וויזעס. אַזוי אַרום זענען פאַקטיש 3,040 אימיגראַנטן אַריינגעקומען קיין קאַנאַדע. איבער ניינציק פּראָצענט פון די פּליכטלינגען האָבן זיך געניטיקט אין הילף, און 2,758 זענען אַרויסגעהאָלפן געוואָרן אין פינאַנסירן זייער אימיגראַציע.

נאָר 282 אימיגראַנטן האָבן געקענט פינאַנסירן זייערע אייגענע אימיגראַציע־אויסגאַבן.

די אויפנאַמע און די איינאָרדנונג פון די רומענישע אימיגראַנטן איז אַנגעגאַנגען אונטער דער אויפזיכט פון אידישן אימיגראַנטן פאַראיין. עס ווערט געשאַצט, אַז אַרום דרייסיק פּראָצענט האָבן זיך באַזעצט אין מערב־קאַנאַדע; אַרום דרייסיק פּראָצענט אין אָנטעריאָ און אַרום פערציק פּראָצענט זענען פאַרבליבן אין מאָנטרעאַל און די מאַריטימע פּראָווינצן.

דער רומענישער פליכטלינג־פּראָיעקט איז געווען אַ גרויסע און וויכטיקע אימיגראַציע־אונטערנעמונג און די קאַנאַדער רעגירונג פאַרדינט די דאַנקבאַרקייט פון קאַנאַדער אידנטום פאַר איר פאַרשטענדעניש און ליבעראַלער באַציאונג. פון דער צווייטער זייט האָט די קאַנאַדער אידישע קהילה אָפּגעהיט די פאַר־פליכטונגען בנוגע דער אויפנאַמע און דער איינאָרדנונג פון די אימיגראַנטן. קיין אידישער אימיגראַנט איז ניט געפאַלן צו לאַסט צו דער רעגירונג. ווי אַ ביישפּיל איז כדאי צו ציטירן איין פאַל. צווישן די אימיגראַנטן איז אַריינגעקומען אַ משפחה וואו דער מאַן און נאָכהער די פרוי זענען קראַנק געוואָרן. זיי האָבן געמוזט אַריינגעגעבן ווערן אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק קראַנקע. דער מאַן איז געשטאָרבן. די פרוי לעבט נאָך און איז נאָך אַלץ אין אַנשטאַלט. פון 1924 ביז היינט, פאַר די לעצטע פינף און דרייסיק יאָר, צאָלט דער אימיגראַנטן־פאַראיין דעם שפּיטאָל פאַר דעם אויפהאַלט פון דער פרוי.

דער רומענישער פליכטלינג־פּראָיעקט האָט זיך פאַרענדיקט אין 1924, כאָטש, ווי אויבן אַנגעוויזן, האָט מען ניט דערגרייכט די באַוויליקטע קוואָטע פון פינף טויזנט אימיגראַנטן. באַטראַכטנדיק דעם ענין אין געשיכטלעכן פּערספּעקטיוו שטעלט זיך די פראַגע: פאַרוואָס האָט מען ניט אַריינגעבראַכט די פולע פינף טויזנט מענטשן?

קיין גענויעם ענטפער קען דער שרייבער פון די שורות ניט געבן. עס זענען אָבער פאַראַן צוויי השערות. איין השערה זאָגט, אַז עס זענען פשוט ניט געווען קיין אַפּליקאַנטן, ווייל ניט אַלע האָבן געקענט נאָכקומען די נויטיקע אימיגראַציע־פאָרמאַליטעטן.

די צווייטע השערה איז גאָר פון אַן אַנדער מין, און האָט צו טאָן מיט געוויסע פּערזענלעכע אינטערעסן און אינטעראָרגאַניזאַציאָנעלע מיספאַרשטענדענישן.

אין דעם „קענעדיען דזשואיש קראָניקל" פון 21טן סעפּטעמבער 1924, אין אַן אַרטיקל „די איקא און די רעגירונג", ווערט דערציילט דאָס פאָלגנדע.

אין סעפּטעמבער 1924 זענען אין קאַנאַדע אַריינגעקומען אַרום דריי טויזנט פון די רומענישע פליכטלינגען. אַזוי ווי די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן פאַר דעם אַריינקומען פון פינף טויזנט, זענען פאַרבליבן אַרום צוויי טויזנט ניט באַנוצטע וויזעס. אין קאַנאַדע האָט מען געוואָלט אויסנוצן די וויזעס פאַר קאַנאַדער קרובים וועלכע זענען ניט דווקא געווען קיין פליכטלינגען אין דעם שטרענגן זין פון וואָרט. מען האָט געשיקט פון קאַנאַדע קיין אייראָפּע דעם הער פּ. לעווין, אַ קאַנאַדער געזעלשאַפטלעכער טוער, וועלכער איז אויך דרך אגב געווען דער פאַר־טרעטער פון אַ שיפס־געזעלשאַפט. צווישן דעם הער לעווין און דער „איקא" איז עפּעס פאָרגעקומען אַ שטרייט און מען האָט אויך פאַרדעכטיקט לעווינען אַז ער

וויל אויסנוצן די לאגע, און בענעפיטירן פון פארקויפן שיפסקארטן צו די אימיגראנטן, כאטש דער פרייז פון א שיפסקארטע איז געווען באשטימט פאראויס און כאטש די אפליקאנטן פאר די וויזעס האבן געדארפט באשטעטיקט ווערן פון אימיגראנטן־פאראיין אין קאנאדע. די פאריזער ביורא פון דער „איקא" האט געענטפערט אז איר פארפליכטונג איז געווען לגבי פליכטלינגען און ניט סתם אימיגראנטן, און זי האט זיך אנטזאגט פרייצולאזן די וויזעס. נאכמער, די „איקא" האט געמאלדן די קאנאדער אויטאריטעטן, אז אלע פליכטלינגען פון רומעניע האבן געקראגן די וויזעס און אז די איבעריקע צוויי טויזנט פערמיטן קענען ניט אויסגענוצט ווערן. די קאנאדער אויטאריטעטן, זעלבסטפארשטענדלעך, האבן גלייך צוריקגעצויגן די דערלויבעניש.

עס איז גאנץ מעגלעך, אז ווען די „איקא" מעלדעט ניט דער קאנאדער רעגירונג, און וואלט אויסגענוצט די וויזעס פאר קאנאדער קרובים, וואלטן אפשר די קאנאדער אימיגראציע־אויטאריטעטן ניט געהאט דאקעגן. אבער אז מען האט זיי אפיציעל געמאלדן, אז דער עניך פון רומענישע פליכטלינגען איז געווארן דערליידיקט, האבן זיי זיכער ניט געהאט קיין אנדער ברירה ווי צוריקציען די דערלויבעניש פאר די פארבליבענע צוויי טויזנט פערמיטן. דער קאנאדער קאמיטעט האט אבער געטענהט אז דער הער לעווין איז געווען ניט פאראינטערעסירט אין אייגענע אינטערעסן. זיי האבן שפעטער אויך צוגעגעבן, אז ער איז ניט געווען דער פאסיקער מענטש צו דערליידיקן די שליחות. ווי עס זאל ניט זיין, די דערלויבעניש איז ניט אינגאנצן אויסגענוצט געווארן, און עס איז גאנץ מעגלעך אז ווען עס וואלט געווען א בעסערע פארשטענדעניש צווישן די אידישע ארגא־ניזאציעס, וואלטן נאך צוויי טויזנט אימיגראנטן געקענט קומען קיין קאנאדע. עס איז שווער צו זאגן וועלכער צד איז געווען גערעכט אדער אומגערעכט. אייגנטלעך זענען ביידע צדדים געווען גערעכט, אבער די מיספארשטענדעניש האט זיך אויסגעלאזט צום אידישן וואנדערער, וועלכער וואלט אפשר געהאט א בעסערע מעגלעכקייט צו קריגן די וויזע ווען עס וואלט געווען א בעסערע און אינטעלי־גענטערע קאארדינירונג פון די כוחות. דער פעלער איז שפעטער, אין א געוויסן זין, גוטגעמאכט געווארן דורך אן אנדער פראיעקט. דאך, איז עס קיין פראגע ניט אז דער רומענישער אימיגראציע־פראיעקט איז געווען א גרויסער אויפטו מצד דער קאנאדער אידישער קהילה.

(אַכט־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל)

ספּעציעלע פּערמיטן

די אידישע אימיגראַציע קיין קאַנאַדע אין די יאָרן צווישן 1925 און 1930, איז הויפּטזעכלעך אַנגעגאַנגען אין די ראַמען פון די עקזיסטירנדיקע אימיגראַציע־געזעצן. דער אידישער אימיגראַנטן־פאַראיין האָט אָנגעהאַלטן אַן אַקטיווע טעטיקייט צו באַקומען קאַנצעסיעס און פּערמיטן פאַר אידישע אימיגראַנטן. מען האָט אויך געבעטן די רעגירונג, אַז די ניט אויסגענוצטע קוואָטע פון דעם רומענישן פליכטלינגס־פּראָיעקט זאָל באַוויליגט ווערן פאַר אימיגראַנטן, וועלכע האָבן געהאַט קרובים אין קאַנאַדע.

די אימיגראַציע־געזעצן אין קאַנאַדע זענען אַביסל פאַרלייכטערט געוואָרן. מען האָט געקענט אַפּליקירן פאַר אומפאַרהייראַטע ברידער, שוועסטער און קינדער אין דעם עלטער איבער אַכצן יאָר. דאָס איז אויך געווען אַ פּריאַד, ווען עס איז מעגלעך געווען צו קריגן ספּעציעלע פּערמיטן פאַר אימיגראַנטן, וועלכע זענען ניט אַריינגעגאַנגען אין די אַריינלאָזבאַרע קאַטעגאָריעס לויט די עקזיסטירנדיקע געזעצן. פאַר אַזעלכע אימיגראַנטן האָט מען געדאַרפט באַקומען ספּעציעלע פּערמיטן וועלכע דער מיניסטער פון אימיגראַציע האָט געהאַט דאָס רעכט אַרויס־צוגעבן. געוויינטלעך האָט דער קאַנאַדער קרוב געדאַרפט קענען באַווייזן, אַז ער איז בכוח אויפצונעמען דעם אימיגראַנט, באַזאָרגן אים מיט וואוינונג און אַרבעט, און אַז ער גאַראַנטירט אַז דער אימיגראַנט וועט ניט פאַלן צו לאַסט צו דער רעגירונג. איינער פון די וויכטיקסטע כלל־טוער און אַדוואָקאַטן פון יענער צייט, ס. וו. דזשייקאָבס, וועלכער איז אויך געווען דער איינציקער אידישער פאַרשטייער אין קאַנאַדער פּאַרלאַמענט, האָט דערקלערט ביי דער יערלעכער פאַרזאַמלונג פון אידישן אימיגראַנטן־פאַראיין, אין מאַי 1927, אַז די רעגירונג האָט באַשלאָסן ניט צו געבן קיין ספּעציעלע קאָנצעסיעס צו עטנישע גרופּן. אָבער, יעדער איינער וואָס וויל אַריינברענגען אַ קרוב קיין קאַנאַדע, קען אָנגעבן אַ ביטע צו דער רעגירונג פאַר אַ ספּעציעלן פּערמיט, און אויב זיי האָבן שוועריקייטן עס צו באַקומען, קענען זיי זיך ווענדן צו זייער פאַרשטייער אין פּאַרלאַמענט, וועלכער וועט נוצן זיין איינפלוס, אַז זייער ביטע זאָל באַוויליגט ווערן.

אַזוי אַרום איז שתדלנות געוואָרן אַ וויכטיקער ענין. עס איז קיין פראַגע ניט, אַז אַ צאָל אימיגראַנטן האָבן פון דעם בענעפיטירט. אָבער עס איז אויך קיין פראַגע ניט, אַז עס האָט געמוזט פירן צו געוויסע איבלען, וואו דאָס קריגן פון אַ פּערמיט האָט זיך געווענדעט אַן דעם פינאַנציעלן צושטאַנד פון קאַנאַדער קרוב. פון אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז עס ניט געווען קיין ווינטשנסווערטע דערשיינונג. עס איז אָבער געווען אַן אויסדרוק פון דער צייט, און אין אַלגעמיין גענומען, אַן אינטענסיווער שטודיום פון דעם פּעריאָד ווייזט, אַז מיט אפשר איינצלנע אויסנאַמען, זענען די איבלען ניט געווען קיין גרויסע, און אין אידישן לעבן איז אויך אויסגעאיבט געוואָרן אַ געוויסער געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל וועלכע האָט פאַרמיטן הויטשינדנדע עקספּלואָטאַציע. אין אַלגעמיין,

ווען מען לייגט אוועק אויף דער וואגשאל די פאזיטיווע און נעגאטיווע אספעקטן פון דער לאגע, איבערוועגן די פאזיטיווע רעזולטאטן.

דער אידישער אימיגראנטן־פאראיין איז געשטאנען אויף דער וואך סיי פון שטאנדפונקט פון קריגן פערמיטן פאר אידישע אימיגראנטן און סיי פון שטאנד־פונקט פון האלטן די טויערן פון קאנאדע אפן דורך א ליבעראלער אויסטייטשונג פון די אימיגראציע־געזעצן. ווען מען בלעטערט דורך די רעקארדס פון אימיגראנטן־פאראיין, וועלכע ווייזן אן די ארבעט וואס איז געטאן געווארן בנוגע דעם אידישן אימיגראנט, ווערט קלאר, אז טויזנטער איינוואנדערער האבן צו פארדאנקען זייער קומען קיין קאנאדע צו די באמיאונגען פון פאראייז. די דירעקטארן פון פאראיין האבן געהאלטן פאר זייער פליכט צו באקעמפן יעדן פארזוך צו באגרע־נעצן אידישע אימיגראציע. אלסביישפיל וועלן מיר ברענגען א קליינעם אינ־צידענט, וועלכער איז מינדערוויכטיק אבער וועלכער שפיגלט אפ א קוריאזיטעט פון דער צייט, און איז פון ספעציעלן אינטערעס פארן אידישן לייענער.

אין 1930, האט א גרופע העברעאישע לערער אין מאנטרעאל, וועלכע זענען קענטיק געווען באקאנט אלס דער „העברעאישער לערער־קרייז”, זיך געווענדעט צום אימיגראנטן־פאראיין מיט דער בקשה, אז דער פאראיין זאל מעלדן דורך די אפיליאירטע אימיגראציע־געזעלשאפטן אין אייראפע, אז עס פעלן אויס שטעלעס פאר העברעאישע לערער אין קאנאדע און אז דער ארייננקום פון לערער זאל אזוי ארום באגרענעצט ווערן. דער פאראיין, ביי א דירעקטארן־ראט, האט באטראכט די בקשה און האט געענטפערט ווי פאלגט: „עס איז באשלאסן געווארן צו מעלדן דעם „העברעאישן לערער־קרייז”, אז קרוב צו פיר טויזנט אידן א יאר קומען אריין קיין קאנאדע און אז א סך פון די אימיגראנטן פארנעמען זיך ניט דווקא מיט דער מלאכה וואס זיי האבן געטאן אין דער אלטער היים. דער אימיגראנטן־פאראיין קען ניט דיסקרימינירן קעגן לערער. עס וואלט געווען אין ווידערשפרוך מיט די פליכטן פון פאראיין ניט צו אויסנוצן יעדע מעגלעכקייט ארייצוברענגען אויף א לעגאלן אופן אידן קיין קאנאדע און פארלייכטערן די סיטואציע אין די איבערבאפעלקערטע געגנטן פון מזרח־אייראפע”.

אין דעם צייט־אפשניט 1930־1920 זענען געווען צוויי פאזן אין אידישער אימיגראציע. דער ערשטער פעריאד, פון 1920 ביז 1925 און דער צווייטער, פון 1925 ביז 1930.

צווישן 1920 און 1925 האבן פארלאזן אייראפע ארום 425 טויזנט אידן. די מערהייט האט עמיגרירט אין די שטאטן (280,000); ארגענטינע (40,000); בראזיל (7,000); אורוגוואי (3,000); פאלעסטינע (61,000); דרום־אפריקע (4,500); אלע אנדערע לענדער (17,000).

דער ארייננפיר פון דער קוואטע־סיסטעם אין די פאראייניקטע שטאטן און באשרענקונגען אין אימיגראציע אין אנדערע לענדער, האבן קארדינאל געביטן די לאגע. צווישן 1925 און 1930 האבן עמיגרירט אינגאנצן ארום 173 טויזנט אידן. ניט נאר האט זיך פארקלענערט די צאל עמיגראנטן, נאר עס האט זיך אויך געביטן די פראפארציע פון אויסוואנדערונג אין די פארשיידענע אימיגראציע־לענדער. די פאראייניקטע שטאטן, וועלכע זענען געווען די אפנעמער פון דער גרעסטער צאל פון אידישע אויסוואנדערער, האט אנגעהויבן צו שפילן א קלענערע

ראַל, בעת אַרגענטינע, בראַזיל און אַנדערע לענדער האָבן אַנגענומען אַ גרעסערע צאָל. אַזוי, צום ביישפּיל, פון די 173 טויזנט אימיגראַנטן האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן אויפגענומען 55,000 ; אַרגענטינע — 34,000 ; בראַזיל — 22,000 ; אורוגוואַי — 6,500 ; דרום־אַפריקע — 10,000 ; פּאַלעסטינע — 10,000 ; און אַלע אַנדערע לענדער, קאַנאַדע ניט אַריינגערעכנט — 20,000.

וואָס איז געווען דאָס בילד פון דער קאַנאַדער אימיגראַציע צווישן 1920 און 1930 ?

די אַלגעמיינע צאָל פון קאַנאַדער אימיגראַנטן אין דעם צייט־אָפּשניט איז געווען 1,267,774. פון דער צאָל זענען געווען 48,437 אידן. מיט אַנדערע ווערטער, די אידישע אימיגראַציע קיין קאַנאַדע האָט באַטראָפן 3.9 פּראָצענט פון דער טאָטאַלער קאַנאַדער איינוואַנדערונג אין די צען יאָר צווישן 1920 און 1930.

עס איז כדאי נאָך אַמאָל צו דערמאָנען, אַז דאָס אַריינקומען פון כמעט פופציק טויזנט אידישע אימיגראַנטן אין אָט דעם פעריאָד פון שוועריקייטן, איז געווען גאָר אַ גרויסע דערגרייכונג. די רעזולטאַטן זענען געווען אַ פּועל־יוצא פון דעם באַוואוסטזיניקן, אָרגאַניזירטן צוגאַנג וואָס די אידישע קהילה אין קאַנאַדע און דער אימיגראַנטן־פאַראיין אַלס דער עקזעקוטיוו־אָרגאַן פון דער קהילה, האָבן אָנגענומען בנוגע אימיגראַציע־ענינים.

(נײַן־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל)

מענטשן וואָס זײַנען הפקר

אַנטי־אידישע דיסקרימינאַציע איז ניט קיין נײַעס אין אידישן לעבן. אין די יאָרן 1920־1930 זענען אויך געווען פֿאַלן פֿון האַלב־אָפֿענער און אויך אומדירעקטער דיסקרימינאַציע קעגן אידישע אימיגראַנטן. עס איז ניט געווען קיין פֿראַגע פֿון אַן אָפֿיציעלער פּאָליסי מצד די קאַנאַדער אויטאָריטעטן און עס האָט זיך הויפּטזעכליך אויסגעדריקט אין געוויסע האַנדלונגען מצד באַאַמטע.

עטלעכע בײַשפּילן וועלן באַלײַכטן דעם ענין. ל. ראָזענבערג אין זײַן בוך „דער איד אין קאַנאַדע", דערציילט, אַז אין 1927 האָט די קאַנאַדער רעגירונג באַאויפֿטראַגט די צוויי קאַנאַדער באַן־קאָמפּאַניס, די סי.ען.אַר. און די סי.פּי.אַר. אַרײַנצובריינגען אַ צאָל אימיגראַנטן. די קאָמפּאַניס האָבן געהאַט אַ רעכט אויסצוקלײַבן די אימיגראַנטן און די אויסגעקליבענע האָבן געקראָגן וויזעס. אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אידן, האָט מען געמוזט באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש. עס זענען געווען פֿאַלן וואו די קאָמפּאַניס האָבן געבראַכט קיין קאַנאַדע פּוילישע, רומענישע און לאַטווישע בירגער אָבער אויב זיי זענען געווען אידן האָט מען זיי פֿאַרהאַלטן בײַם אָנקומען אין לאַנד.

אין דער מאַנאַטשריפֿט „די אידישע אימיגראַציע" וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿאַר אַ באַשטימטער צײַט, און וועלכע איז געדרוקט געוואָרן אין בערלין אין 1929, איז געווען אַן אָפּטײלונג אונטער דעם נאָמען „אַ בינטל פֿאַקטן וועגן אימיגראַנטן־צרות". מיר וועלן דאָ געבן אײניקע אויסצוגן פֿון אַן אַרטיקל מיטן נאָמען „שמד־שטיק פֿון אַ קאַנאַדער געזעלשאַפֿט".

„אַז די קאַנאַדישע קאָנסולאַטן האָבן געהיימע פֿאַראָרדנונגען ניט אַרײַנצולאָזן קיין אידן, וועלכע זיי ווענדן אָפּט אָן, האָבן מיר שוין לאַנג געוואוסט. אָבער איצט דערוויסן מיר זיך וועגן אַ פֿאַקט, אַז די „קענעדיען־פּאַסיפֿיק", וואָס נעמט אָן אויף אַרבעט און פֿירט עמיגראַנטן קיין קאַנאַדע, האָט געשטעלט אידישע עמיגראַנטן אַ תנאַי, אַז נאָר דאַן ווען זיי וועלן זיך שמדן, וועט מען זיי לאָזן אַרײַנקומען אין קאַנאַדישן גן־עדן.

צוויי אידיש־עסטרײַכישע עמיגראַנטקעס פֿון ווין... האָבן געוואָלט פֿאָרן קיין קאַנאַדע און האָבן זיך געווענדעט צו דער „קענעדיען־פּאַסיפֿיק" נאָך אַ פּערמיט. מען האָט זיי דערקלערט, אַז מען נעמט אָן נאָר עמיגראַנטן פֿון קאַטוילישן אָדער פּראָטעסטאַנטישן גלויבן. וועלן די עמיגראַנטקעס אַרויסטרעטן פֿון דער אידישער רעליגיע קענען זיי אַרײַנגענומען ווערן; איצט אָבער ניט... אַזוי ווערן ציוויליזירטע אַנטיסעמיטן פֿאַרשטעלטע מיסיאָנערן".

אין אַ צווייטן אַרטיקל „ציוויליזירטע אינקוויזיטאָרס", ווערט דערציילט דאָס פֿאָלגנדע:

„עס פֿאָרן עלטערן צו קינדער קיין קאַנאַדע. דער קאָנסול פֿרעגט זיי, וויפֿל קינדער זיי האָבן אין קאַנאַדע. דער ענטפֿער איז: צוויי. עס שטעלט זיך אָבער אַרויס

אַז זיי האָבן דריי. דער קאָנסול גיט זיי ניט די וויזע. אין ביוראָ פון „היאַס" אין ריגע דערציילן די עמיגראַנטן, אַז זיי האָבן טאַקע דריי קינדער, אָבער איינער פון זיי וויל ניט העלפן די אַנדערע צוויי אַראָפּצובריינגען די עלטערן צו זיך — ווילן זיי פון אים ניט וויסן. דער קאָנסול, אָבער, גלויבט שוין ניט, אַז זיי זענען די ריכטיגע עלטערן, וויבאַלד זיי ווייסן ניט וויפל קינדער זיי האָבן, — און זאָגט זיי אָפּ די וויזע".

אין 1927 האָט די קאַנאַדער רעגירונג באַשלאָסן צו ענדערן די סיסטעם פון אירע מעדיצינישע אונטערזוכונגען איבער די איינוואַנדערער קיין קאַנאַדע, ווייל ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט פלעגן די צייגנישן מצד פּריוואַטע דאָקטוירים אָפּטמאָל ניט זיין גענוג אויף אַריינגעלאָזט צו ווערן אין לאַנד. די אויטאָריטעטן האָבן באַשלאָסן, אַז אויף להבא זאָלן די עמיגראַנטן אונטערזוכט ווערן מערב־לים און די רעגירונג האָט אַרויסגעשיקט דאָקטוירים אין פאַרשידענע האַפנס כדי אויף די ערטער גופא דורכצופירן די מעדיצינישע אונטערזוכונג. דער באַשלוס איז דווקא געווען אַ געזונטער ווייל דאָס וואָלט אויסמיידן אַ סך טראַגעדיעס פון אימיגראַנטן, וועלכע אָנקומענדיק קיין קאַנאַדע מוזן צוריקגעשיקט ווערן צוליב געזונטס־ענינים. עס ווייזט אויס אָבער, אַז געוויסע דאָקטוירים, צוליב אַנטיסעמיטי־שע אָדער אַנדערע טעמים, האָבן נעגאַטיוו געהאַנדלט בנוגע זייערע פונקציעס. אין דעם אויבן דערמאָנטן אַרטיקל, „ציוויליזירטע אינקוויזיטאָרס" ווערן דערציילט עטליכעביישפּילן וועגן אַזאַ האַנדלונג פון אַ קאַנאַדישן דאָקטער אין ריגע. „דער דאָקטער לאָזט אַרומלויפן אין זיין צימער עלטערע מענער און פרויען גאַנצע צען מינוט און דערקלערט נאָכדעם, אַז זיי האָבן שוואַכע הערצער". דער דאָזיקער דאָקטער האָט זיך ניט געשעמט איינמאָל שטעלן זיך מיט די פיס אויפן בויך פון אַן עמיגראַנט און ווען יענער האָט אים ניט געקענט אויסהאַלטן — האָט ער אים געפּסלט אַלס צו שוואַכן..."

אין „קענעדער אַדלער" פון סעפּטעמבער 25, 1928 אין אַן אַרטיקל „אַהין אַדער אַהער", וואו עס ווערט באַהאַנדלט דער ענין דער דיסקרימינאַציע קעגן אידישע איינוואַנדערער ווערט געזאָגט:

„די מאָטיוון פאַרוואָס די דאָזיקע עמיגראַנטן ווערן אָנטזאָגט זיינען גאַנץ פאַרשיידענע: איינעם, ווייל ער איז צו מאָגער, און אַן אַנדער פרוי ווערט אָנטזאָגט ווייל זי איז צו פעט, און אַ דריטן דערקלערט ער סתם פאַר משוגע, און גיי טו אים עפּעס..."

„קומט אַ פרוי מיט צוויי קינדערלאַך צום קאָנסול אין דאַנציג פאַר אַ וויזע. זי פאָרט צו איר מאַן אין קאַנאַדע... אָנטזאָגט מען איר די וויזע, ווייל זי איז משוגע..." לאָזט זיך אויס, אַז דער פרוי האָט מען דערקלערט, אַז מען אָנטזאָגט איר די וויזע צוליב אַ שוואַד הארץ. קיין אָטאָוואַ האָט מען געשריבן, אַז מען אָנטזאָגט איר די וויזע ווייל זי איז משוגע.

די לאַגע איז געווען אַן ערנסטע פאַר אַ גרויסער צאָל אימיגראַנטן. אין אַ באַריכט, צוגעשטעלט צום דירעקטאָרן־ראַט פון אימיגראַנטן־פאַריין אין סעפּטעמבער 1928, ווערט דערציילט וועגן דער זייער ערנסטער לאַגע וואָס איז אַרויסגערופן

געוואָרן דורך די מעדיצינישע אונטערזוכונגען פון געוויסע קאַנאַדער דאָקטוירים. הונדערט אידן, וועלכע וואָלטן פריער קיין שוועריקייטן ניט געהאַט ביים באַקומען וויזעס, זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן, און עס קוקט אויס ווי עס וואָלט געווען אַן איינשטעל, וואָס איז געווענדעט קעגן אידישער אימיגראַציע.

דער אידישער אימיגראַנטן פאַראיין האָט אינטערווענירט מיט די קאַנאַדער אויטאָריטעטן. מען האָט פון קאַנאַדע געשיקט אַ הויכן באַאַמטן פון געזונטהייטס־דעפּאַרטמענט אויסצופאָרשן דעם ענין. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די גרעסטע צאָל אָפּגעזאָגטע אימיגראַנטן האָט מען נאָכאַמאָל עקזאַמינירט און זיי האָבן גע־קראָגן די וויזעס. דרך אגב, געוויסע פון די דאָקטוירים האָט מען ווי עס ווייזט זיך אַרויס, אָפּגעזאָגט פון די שטעלעס און צוריקגערופן קיין קאַנאַדע.

(דרייסיקסטער קאַפּיטל)

צען יאָר פון אָרגאַניזירטער אימיגראַנטן־אַרבעט

דער עקזעקוטיוו־אויספירנדיקער אינסטרומענט פון דער אידישער אימיגראַציע־אַרבעט אין קאַנאַדע אין די יאָרן 1920־1930 איז געווען דער אידישער אימיגראַנטן־פאַראיין. זינט 1920, ווען דער פאַראיין איז געשאַפן געוואָרן, האָט די אָרגאַניזאַציע אַנגעזאַמלט אַ וועלט מיט דערפאַרונג און איז געוואָרן די אַנערקענטע אימיגראַציע־אינסטיטוציע סיי לפנים, בנוגע דער אידישער קהילה און סיי לחוץ, בנוגע דער קאַנאַדער רעגירונג און קאָנטאַקט מיט מעבר לים. זיכער ניט אַלץ איז צוגעגאַנגען לייכט און אָן שוועריקייטן. נייך, די שוועריקייטן זענען געווען גרויס. דאָך, אין משך פון צען יאָר פון זיין עקזיסטענץ, איז דער אימיגראַנטן־פאַראיין געוואָרן דער אינסטרומענט דורך וועלכן איבער איין־און־פערציק טויזנט אידישע אימיגראַנטן זענען געקומען קיין קאַנאַדע.

דער צענטער יערלעכער באַריכט פון פאַראיין גיט אַ גאַנץ גענויעם בילד פון דער אָפּגעטאַנענער אַרבעט. דער באַריכט ווייזט אַז אַז אין משך פון די צען יאָר, צווישען 1920 און 1930, זענען 41,873 אידישע אימיגראַנטן געקומען קיין קאַנאַדע. פון דער צאָל זענען 3,038 אימיגראַנטן פאַרהאַלטן געוואָרן אָדער אין די קאַנאַדער האַפנס גופא אָדער פון די קאָנסולן מעבר לים. פון די 3,038 פאַרהאַלטענע האָט מען דעפּאָרטירט נאָר 276, און 2,762 האָט מען דורכגעלאָזן אַלס פועל יוצא פון אינטערווענץ מיט די קאַנאַדער אויטאָריטעטן.

אין משך פון די צען יאָר האָט דער אימיגראַנטן פאַראיין באַזאָרגט ניי־געקומענע מיט 49,986 מאָלצייטן און 16,606 נאַכט־לעגער. חוץ דעם זענען אַלע אידישע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך געניטיקט, באַזאָרגט געוואָרן מיט שפּייז או״ו ביים אָנקומען אין לאַנד און אויפ׳ן וועג צו זייער אָפּשטעל־פּלאַץ אין קאַנאַדע. אין משך פון דער זעלבער צייט האָט דער אימיגראַנטן־פאַראיין באַקומען פון דער רעגירונג 8,329 משפּחה־פּערמיטן.

1,889 אָנפראַגן זענען אָנגעקומען אויסצוגעפינען קרובים און פריינט און אין גרעסטן טייל זענען די בקשות דערפאָלגרייך דערלידיקט געוואָרן. כמעט צוויי הונדערט און אַכציק טויזנט דאָלאַר איז אויסגעגעבן געוואָרן אויף דירעקטער מאַטעריעלער שטיצע צו אימיגראַנטן.

די אידישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג האָט פולשטענדיג אונטערשטיצט די אַרבעט פון אימיגראַנטן־פאַראיין. די אידישע פּרעסע האָט שטענדיק אונטער־שטראָכן די וויכטיקייט פון דער אימיגראַציע־הילפס־אַרבעט און האָט געהאַלטן וואַך דעם עולם בנוגע דעם פּראָבלעם. אין אַן עדיטאָריאַל אין „קענעדיען דזשואיש קראָניקל״ פון פעברואַר 1924, ווערט אונטערשטראָכן די נויטווענדיקייט פון צוויי־פאַכיקן צוגאַנג צו אימיגראַנטן־הילף. דער עדיטאָריאַל זאָגט אַז מיט דעם אָנקומען פון אַן אימיגראַנט ווערן גלייך באַשאַפן צוויי פּראָבלעמען. קודם כל איז דער פּראָבלעם פון העלפן דעם אימיגראַנט זיך איינצואָרדענען און צופּאַסן

זיך צום נייעם לאַנד. דאָס צווייטע איז דער פּראָבלעם פאַר דער קהילה צו זאָרגן אַז די צופּאַסונג פון ניי־געקומענעם זאָל פאָרקומען אָן שוועריקייטן, שנעל און מיט אַזוי ווייניק ליידן ווי נאָר מעגלעך. אַרומרעדנדיק דעם פּראָבלעם פון אימיגראַנטן־הילף באַריכות, זאָגט דער עדיטאָריאַל, אַז דער ניי־געקומענער ווערט אַ קהילה־פּראָבלעם ווען ער קומט אָן אין לאַנד. מיט דער צייט, אָבער, וועלן אַ סך פון די אימיגראַנטן ווערן די אידישע קהילה־פירער; זייערע קינדער וועלן ווערן חברים פון „אונזערע" קינדער. דעריבער, דער וואוילזיין פון אימיגראַנט, סיי דער פיזישער און סיי דער גייסטיקער, מוז באַווירקן אונזער וואוילזיין. און דער עדיטאָריאַל גיט צו: „פון אַ ריין־סעלפּישן שטאַנדפּונקט, קען די קהילה באַשטימען איר אייגענע צוקונפט און רואיקייט דורך אַרויסהעלפן און מאַכן לייכטער פאַרן אימיגראַנט דעם אַריינגאַנג אין זיין נייעם לעבן".

אין אַן אַנדער עדיטאָריאַל, וואָס איז דערשינען מיט זעקס יאָר שפּעטער אין דעם „דזשואיש סטענדערד" פון אויגוסט 1930, ווערט אונטערשטראָכן די נויטווענדיקייט פון אַ ספּעציעלער אינסטיטוציע פאַר אימיגראַציע־ענינים סיי אין צייטן ווען אימיגראַציע איז אין פולן שוואונג און סיי ווען אימיגראַציע ליידט פון פאַרשיידענע באַשרענקונגען. דער עדיטאָריאַל זאָגט, אַז די קהילה אונטער־שטיצט ניט גענוג די אידישע אימיגראַציע־אַרבעט אין קאַנאַדע, ווען צוליב די באַשרענקונגען קומען ניט אַריין קיין סך אידישע אימיגראַנטן אין לאַנד. דאָס איז אַ פאַלשער חשבון, זאָגט דער עדיטאָריאַל. פאַרקערט, ווייל די שוועריקייטן זענען גרעסער, פונקט דעמאָלט איז מער נויטיק די טעטיקייט פון אימיגראַנטן־הילפס־אָרגאַניזאַציעס. אין אַ צייט פון שוועריקייטן האָבן די אימיגראַנטן הילפס־אָרגאַניזאַציעס ניט נאָר די אויפגאַבע פון העלפן דעם אימיגראַנט אַריינ־צוקומען און העלפן אין זיין איינאָרדנונג, נאָר זיי האָבן נאָך די אויפגאַבע צו שטיין אויף דער וואַך און זוכן נייע מעגלעכקייטן פאַר אימיגראַציע און נייע לענדער וואו דער אידישער וואַנדערער קען געפינען אַ מקום מנוחה.

אין 1931 האָט די אידישע באַפעלקערונג פון קאַנאַדע געציילט 156,726 נפשות. עס האָט זיך פאַרדאָפּלט אין משך פון צוואַנציק יאָר זינט 1911, ווען די אידישע באַפעלקערונג האָט געציילט 75,838 מענטשן. כאָטש איבער פערציק טויזנט אימיגראַנטן זענען אַריינגעקומען קיין קאַנאַדע צווישן 1920 און 1930, דאַך האָט דער ריינער צוואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג דורך אימיגראַציע באַטראָפן 16,800 פּערזאָן. דאָס מיינט, אַז אין משך פון דעם פּעריאָד איז אויך געווען אַ באַדייטנדע אויסוואַנדערונג פון קאַנאַדע, הויפּטזעכלעך אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. דער נאַטירלעכער צוואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג אין משך פון די צען יאָר איז געווען 23,980.

אין 1931 האָבן זיך אידן געפונען אין יעדער פּראָווינץ פון קאַנאַדע. די פאַר־טיילונג פון דער אידישער באַפעלקערונג לויט פּראָווינצן אין 1931 איז געווען ווי פאָלגט: פּרינץ עדוואַרד איילענד (20); נאָוואַ סקאָשיאַ (2,046); ניו בראַנזוויק (1,262); קוויבעק (60,087); אָנטעריאָ (62,383); מאַניטאָבאַ (19,341); סאַסקאַ־טשעוואַן (5,116); אַלבערטאַ (3,722); בריטיש קאָלאָמביאַ (2,743); יוקאָן און נ. וו. טעריטאָריעס (5).

די אַלגעמיינע און אידישע אימיגראַציע קיין קאַנאַדע אין די יאָרן צווישן 1920 און 1930 ווערט אַנגעוויזן אין דער פאָלגנדער טאַבעלע. די טאַבעלע איז אויסגעשטעלט לויט דעם פיסקאַלן צייט־אָפּשניט, דאָס הייסט פון 1־טן אַפּריל ביז 31־טן מערץ.

יאָר	טאָטאַלע אימיגראַציע	אידישע אימיגראַציע
1921 — 1920	138,728	7,045
1922 — 1921	82,324	8,454
1923 — 1922	67,446	2,843
1924 — 1923	145,250	4,305
1925 — 1924	111,362	4,509
1926 — 1925	96,064	4,014
1927 — 1926	143,989	4,863
1928 — 1927	151,600	4,766
1929 — 1928	167,723	3,848
1930 — 1929	163,288	4,164

די גרויסע דעפּרעסיע וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די וועלט אין 1930, און דער היטלער אויפקום וואָס האָט נאָכגעפאָלגט אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך טראַגיש אָפּגעשפּיגלט אויפן אידישן לעבן בכלל און אויף דער אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע בפרט. פון 1930 ביז דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין 1945 האָט די אידישע אימיגראַציע־אַרבעט אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער. עס איז געוואָרן אַ פראַגע פון ממש פיזישער רעטונג, און ניט נאָר אַן ענין פון סאָציאַלער און עקאָנאָמישער פאַרבעסערונג.

(איין־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל)

דער אָפּרוף פון דער גרויסער דעפּרעסיע אויף קאַנאַדער אימיגראַציע

די עקאָנאָמישע דעפּרעסיע וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט די וועלט אין 1929 האָט אויך אַריינגענומען אין איר קלעם קאַנאַדע. די שטייגנדיקע אַרבעטסלאָזיקייט און די וואַקסנדיק־פאַרערגערטע עקאָנאָמישע לאַגע, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די אימיגראַציע־געזעצן. שטרענגע אימיגראַציע־באַשרענקונגען זענען אַריין אין קראַפט. מיט׳ן אויסנאַם פון געוויסע קאַטעגאָריעס, זענען די אימיגראַציע־טויערן פון קאַנאַדע כמעט ווי פאַרמאַכט געוואָרן. די אויסנאַם־קאַטעגאָריעס זענען געווען בריטישע בירגער און בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיגע לאַגע האָט זיך אויך שאַרף אָפּגערופן אויף דער אידישער אימיגראַציע. קוואַנטיטאַטיוו, איז די צאָל אימיגראַנטן וועלכע זענען אַריינגעקומען אין לאַנד צווישן די יאָרן 1930 און 1940, געווען קליין. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז מיט סטאַטיסטישע ציפערן אַליין מעסט מען נישט די וויכטיקייט אין אימיגראַציע־ענינים. עס פאָדערט זיך אויך אַ קוואַליטאַטיווער צוגאַנג. אימיגראַציע האָט נישט צו טאָן מיט פּראָדוקטן וואָס מען פּראָדוצירט אין אַ פאַבריק. אימיגראַציע איז אַ לעבעדיקער ענין וואָס האָט צו טאָן מיט מענטשליכע וועזנס. פאַר יעדן יחיד וואָס איז פאַרוויקלט אין דעם אימיגראַציע־פּראָצעס, איז די פראַגע פון יאָ אָדער נישט קענען אימיגרירן נישט נאָר אַ וויכטיקע פראַגע, נאָר זייער אָפט פשוט אַ לעבנס־פראַגע. איבערהויפּט איז עס אַזוי ביי אידישער אימיגראַציע, וואו דער פּראָבלעם פון רעטונג איז שטענדיק אינטענסיווער.

אידישע אימיגראַציע און אימיגראַנטן־הילפס־אַרבעט האָט זיך דעריבער שטענדיק קאָנצענטרירט אויף יחידים, משפּחות און קליינע גרופּן. אין אימיגראַציע־אַרבעט איז דעריבער שטענדיק געלייגט דער טראָפּ אויף אויסנוצן אַלע געלעגנהייטן, קליין צי גרויס, אַבי נאָר עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו האַלטן די טיר אָפן פאַרן אידישן וואַנדערער. דאָס איז טאַקע געווען די לאַגע אין קאַנאַדע אין די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס איז אויך געווען אַ צייט, וואו עס האָט זיך געפאָדערט נישט נאָר אַן אינטענסיווע טעטיקייט צו מינימיזירן די שטרענגע באַשרענקונגען, נאָר עס האָט זיך אויך געפאָדערט אַ בויגעוודיקייט אין דער אַרבעט, צוליב דעם נייעם טיפּ אימיגראַנט, דעם פּליכטלינג פון דער פאַשיסטישער פאַרפאָלגונג, אַ נייע טראַגישע דערשיינונג אין אידישן לעבן. עס זענען אויפגעשוואומען נייע פּראָבלעמען פאַר וועלכע עס האָט זיך געניטיקט אַ נייער צוגאַנג.

אין וואָס זענען באַשטאַנען די נייע באַגרענעצונגען אין דער קאַנאַדער אימיגראַציע ?

ווי מיר האָבן אָנגעוויזן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, האָט קאַנאַדע, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איינגעטיילט די עמיגראַציע־לענדער אין דריי קאַטעגאָריעס: פאַרגעצויגענע אָדער פּריווילעגירטע; נישט־פּריווילעגירטע; און „אַנדערע״. פון די פּריווילעגירטע עמיגראַציע־לענדער איז געווען נישט שווער צו עמיגרירן קיין

קאנאדע. די פריווילעגירטע קאטעגאריע האט זיך באצויגן צו בריטישע אונטער־טאנען, אמעריקאנער בירגער, א.אז.וו. פון די ניט־פריווילעגירטע לענדער איז געווען שוין א סך שווערער אריינצוקומען. פון די „אנדערע" איז געווען גאר שווער צו קומען. די אידישע אימיגראציע קיין קאנאדע איז געקומען הויפטזעכלעך פון די ניט־פריווילעגירטע און „אנדערע" לענדער. די אימיגראציע־באשרענקונגען וועלכע מען האט איינגעפירט אין 1930, האבן זיך נעגאטיוו אפגערופן אויף אלע אימיגראנטן־קאטעגאריעס, אבער דער הויפט־קלאפ איז געגעבן געווארן צו דער אימיגראציע פון די ניט־פריווילעגירטע און „אנדערע" לענדער, און אזוי ארום האט די אידישע אימיגראציע געליטן אמשטארקסטן.

די פארארדענונג, פּי. סי. נומער 1113, ארויסגעגעבן אין 1929, האט פארבאטן דאס אריינקומען אין לאנד פון ארבעטער אויף ארבעטס־קאנטראקטן. פארמערס און הויז־ארבעטער זענען ניט אריין אין דער באגרענעצונג. א נייע פארארדענונג, פּי. סי. נומער 1957, ארויסגעגעבן אין 1930, האט אפגעשטעלט אימיגראציע פון דעם אייראפעאישן קאנטינענט מיט דער אויסנאם פון פרויען און מינדעריעריקע קינדער, און אנדערע „דעפענדענטס", וועמעס מענער זענען שוין געווען אין קאנאדע. פארמערס מיט גענוג קאפיטאל זיך צו עטאבלירן אויף א פארם, האבן אויך געמעגט אריינקומען. נאך א פארארדענונג, פּי. סי. נומער 659, ארויסגעגעבן אין מערץ 1931, האט פארבאטן דאס אריינקומען פון אלע אימיגראנטן חוץ די פאלגנדע קאטעגאריעס:

1) בריטישע אונטערטאנען פון ענגלאנד, אירלאנד, אויסטראליע, ניו־זילענד און דרום־אפריקע — אויב זיי האבן גענוג מיטלען זיך איינצוארדענען און זיך באזארגן ביז זיי קריגן ארבעט;

2) בירגער פון די פאראייניקטע שטאטן — אויב זיי האבן גענוג מיטלען זיך צו באזארגן;

3) פרוי און אומפארהייראטע קינדער, אונטער אכצן יאר, אויב דער מאן און פאטער איז אן איינוואוינער אין קאנאדע און קען באווייזן אז ער איז בכוח אויפצונעמען און באזארגן זיין משפחה;

4) פארמערס, וואס האבן גענוג מיטלען צו קויפן און זיך באזעצן אויף לאנד.

5) כלות, אויב דער חתן קען אויפווייזן אז ער איז פינאנציעל בכוח צו באזארגן זיין צוקונפטיקע פרוי.

אלע אנדערע קאטעגאריעס, אזוי ווי ברידער, שוועסטער, עלטערן, פאר־הייראטע קינדער, אימיגראנטן אונטער ספעציעלע פערמיטן, אא"וו, זענען אינגאנצן אויסגעשלאסן געווארן.

דרך אגב, בנוגע אידן איז אויך געווען באשטימט, אז אויב זיי געהערן צו דער קאטעגאריע פון פארמערס וועלכע האבן גענוג געלט צו קויפן און זיך באזעצן אויף א פארם, קענען זיי ניט אריינקומען פונקט ווי אלע אנדערע אין דער קאטעגאריע, נאר מוזן באקומען א „ספעציעלן" פערמיט. מיט אנדערע ווערטער: די „פארמערישקייט" פון אידן איז געשטאנען אונטער א פארדאכט.

די באשרענקונגען האבן געווירקט אויף דער אלגעמיינער און אויך אויף דער אידישער אימיגראציע. אין משך פון די צען יאר, למשל, צווישן 1920 און 1930, זענען אריינגעקומען קיין קאנאדע 1,267,774 אימיגראנטן אין פארגלייך

מיט 231,909 וועלכע זענען אַריינגעקומען אין משך פון די צען יאָר 1930־1940. מיט אַנדערע ווערטער, אין משך פון די דעפּרעסיע־יאָרן 1940־1930, זענען אַריינגעקומען מיט איבער אַ מיליאָן ווייניקער אימיגראַנטן ווי אין דער דעקאַדע פון נאָך דער מלחמה, 1930־1920.

אין דער אידישער אימיגראַציע איז געווען דאָס אייגענע: אין די יאָרן 1930, 1931 און 1940, איז די יערלעכע צאָל פון אידישע אימיגראַנטן געווען מער פון טויזנט מענטשן אַ יאָר; אין די אַנדערע יאָרן פון דער דעפּרעסיע — ווייניקער פון טויזנט אידישע נפשות אַ יאָר. אין אַלגעמיין זיינען צווישן 1930 און 1940 אַריינגעקומען 11,005 אידישע אימיגראַנטן, ווי עס איז צו זען פון דער פאָלגנדיקער טאַבעלע:

פיסקאַלער יאָר	טאָטאַלע אימיגראַציע	אידישע אימיגראַציע
1930 — 1931	88,223	3,421
1931 — 1932	25,752	649
1932 — 1933	19,782	772
1933 — 1934	13,903	943
1934 — 1935	12,136	624
1935 — 1936	11,103	880
1936 — 1937	12,023	619
1937 — 1938	15,654	584
1938 — 1939	17,128	890
1939 — 1940	16,205	1,623

(צוויי־און־דרייסיקסטער קאפיטל)

אידישע אימיגראציע אין די צען יאר פון דער דעפרעסיע (1939־1930)

עס ווערט געשאצט, אז ווען די נייע אימיגראציע באשרענקונגען זיינען אריין אין קראפט, זיינען געבליבן שטעקן אין אייראפע ארום דריי טויזנט אידישע עמיגראנטן, וועלכע האבן אדער שוין געהאט פערמיטן און זיינען געווען גרייט אפצופארן קיין קאנאדע אדער פאר וועלכע מען האט באלד דערווארט פערמיטן. צווישן זיי זיינען אויך געווען אזעלכע וועלכע האבן געווארט אין פארשיידענע אייראפייאישע האפנס אויף מעדיציניש אונטערזוכונגען. אין א באריכט צום דירעקטארן ראט פון אידישן אימיגראנטן־פאראיין פון אויגוסט 1930, וואו דער ענין ווערט ארומגערעדט, ווערט דערקלערט: „די נייע באשרענקונגען האבן זיי אלעמען אויסגעשלאסן פון אריינקומען‟. דער אימיגראנטן־פאראיין האט אויפגענומען די פראגע מיט די אויטאריטעטן, וועלכע האבן געגעבן א שוואכן צוזאג, אז אפשר, אינגיכען וועט זיך אביסל פארבעסערן די לאגע. עס איז אויך באטראכט געווארן די פראגע צי מען זאל שיקן קיין אטאווא אן אפיציעלע דעלעגאציע, אבער מען האט באשלאסן עס ניט צו טאן אויפן מאמענט, ווייל עס איז געווען די מיינונג פון א צאל פראמינענטע טוער, אז די עקאנאמישע לאגע אין לאנד איז אזא, אז מען קען ניט דערווארטן קיין פאזיטיווע רעזולטאטן.

דער עלפטער יערלעכער באריכט פון אימיגראנטן־פאראיין, ארויסגעגעבן אין אפריל 1931, זאגט אז די אנאנסירטע באגרענצונגען אין אימיגראציע זיינען געווען, אהן שום ספק, צו שטרענג. דער פאראיין האט אונטערגעשטראכן, אז די רעגירונג האט ניט געהאט קיין סיבה ניט אריינצולאזן אזעלכע גאר־נאענטע קרובים ווי עלטערן, קינדער א. א. וו. עס איז געווען די מיינונג פון פאראיין, אז דאס אריינלאזן פון קרובים פון ערשטער מדרגה טאר ניט זיין אפהענגיק פון דער ארבעסט־לאגע אין לאנד. דאס ניט אריינלאזן פון קרובים, האט דער אימיגראנטן־פאראיין גע׳טענה׳ט, גראבט אונטער דעם פונדאמענט פון אונזער געזעלשאפט — דאס שטארקן פון דער משפחה. אזא פאליטיק איז אנטי־סאציאל, און אויך עקאנאמיש ניט קלוג. א סך פון די קאנאדער קרובים מוזן שיקן שטיצע צו זייערע משפחות מעבר לים, און עס וואלט געווען א סך בעסער ווען מען לאזט אריין די משפחות, און ווען דאס געלד זאל אויסגעגעבן ווערן אין לאנד כדי צו סטימולירן די עקאנאמישע לאגע.

די פארקלענערונג אין אימיגראציע וואס איז דערפילט געווארן אין 1932, האט אבער ניט געמינערט די שארפקייט פון דער לאגע. דער אידישער אימיגראנטן פאראיין האט געוואוסט, אז די עקאנאמישע לאגע אין לאנד, וועט האלטן טויב די אויערן פון די רעגירונגס־אויטאריטעטן פאר אימיגראציע־פארלייכטערונגען. אבער מען האט אויך געוואוסט אז די לאגע אין די עמיגראציע־לענדער ווערט ניט לייכטער. אין דעם צוועלפטן יערלעכן באריכט פון אימיגראנטן־פאראיין,

אפּגעגעבן אין 1932 ווערט געזאָגט, אַז די אידישע לאַגע אין פּוילן, רומעניע און אַנדערע לענדער פון מערב־אייראָפּע איז געוואָרן ערגער.

קאַנאַדער קרובים פלעגן קומען טעגלעך אין אימיגראַנטן־פאַראיין און בעטן מען זאָל עפּעס טאָן, אָבער ליידער האָבן אַלע באַמיאונגען קיין פּועל יוצא ניט געבראַכט. עס איז אָבער אויך דערקלערט געוואָרן, אַז די אַרבעט ווערט ניט אָפּגעשטעלט ווערן און אַז מען טאָר זיך ניט אונטערגעבן צו אַ שטימונג פון פּעסימיזם.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַרג־אַרויף אימיגראַציע אַרבייט אויף אַ צאָל קליינע פּראָיעקטן, פּראָיעקטן וועלכע זיינען אפשר ניט געווען פאַרנעמיג אין צאָלן אָבער זייער וויכטיג און העכסט דראַמאַטיש פאַר די וועלכע זיינען אין דעם געווען פאַרוויקלט.

אין 1931 האָט דער אימיגראַנטן־פאַראיין אַפּעלירט צו די אויטאָריטעטן וועגן דער לאַגע פון געוויסע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען אַריינגעקומען קיין קאַנאַדע אַלס אומפאַרהייראַטע אָבער וועלכע האָבן פאַקטיש איבערגעלאָזן פרויען און קינדער מעבר לים. זיכער האָבן די אימיגראַנטן מיסרעפּרעזענטירט די פאַקטישע לאַגע ביי זייער אַריינקומען אין לאַנד און פון שטרענג געזעצלעכן שטאַנדפונקט האָבן זיי ניט געהאַט קיין באַדן פאַר אַן אַפּיל. פאַרוואָס האָבן די דאָזיקע אימיגראַנטן מיסרעפּרעזענטירט זייער פאַמיליע־צושטאַנד? פּשוט דערפאַר וואָס דאָס קאַנאַדער געזעץ אין יענער צייט האָט געגעבן פאָרצוג צו אומפאַרהייראַטע קרובים. וועלנדיק זיך אַרויסרייסן פון זייערע וואוילנלענדער, האָבן זיי זיך אָנגעגעבן אַלס אומפאַרהייראַטע, און אַזוי אַרום האָט מען זיי דערלויבט אַריינצוקומען אין לאַנד. די צאָל פון אַזעלכע פאַלן איז געווען קליין, אָבער פאַר יעדן אייגציגן פון זיי איז דאָס אָפּגעריסנקייט פון דער משפּחה געווען אַ טראַגעדיע. דער אימיגראַנטן־פאַראיין האָט באַטראַכט דעם ענין און עס איז געווען אַ פראַגע צי דער פאַראיין זאָל אינטערווענירן אין אַזעלכע פאַלן, ווייל דאָס אימיגראַציע־געזעץ איז געווען קלאָר און דייטלעך געגען זיי. פון דער צווייטער זייט איז אָבער אויך גענומען געוואָרן אין באַטראַכט די ספּעציפישע לאַגע וואָס האָט געטריבן די מענשן אַזוי צו האַנדלען. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַן אינטערווענץ איז באַרעכטיקט. מען האָט באַשטימט אַ קאָמיטעט פון דריי פערזאָן צו זען דעם מיניסטער. דער אַפּיל איז געווען דערפאָלגרייך. עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט אָבער סוף כל סוף האָבן די אימיגראַנטן געקראָגן לעגאַלן סטאַטוס און דאָס האָט געמיינט, אַז זיי מעגן אָנגעבן אַפּליקאַציעס פאַר זייערע משפּחות.

אין 1935 האָט די רעגירונג עטוואָס פאַרלייכטערט די אימיגראַציע־געזעצן, ווינציקסטנס אויף אַזוי פיל, אַז אין אינדיווידועלע פאַלן, אויב די קאַנאַדער קרובים האָבן געקענט באַווייזן, אַז זיי קענען גאַראַנטירן פאַר די אימיגראַנטן, זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן ספּעציעלע פּערמיטן.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן די אַרבעט בנוגע די דייטשע פּליטלינגען, אידישע פאַרמערס און אימיגראַנטן אין טראַנזיט דורך קאַנאַדע, וועלכע זיינען געפאָרן אין אַנדערע לענדער. די דאָזיקע פּראָיעקטן און אַנטוויקלונגען וועלן באַהאַנדלט ווערן באַזונדער אין די קומענדיקע קאַפּיטלען.

אין אַלגעמיין איז די אידישע אימיגראַציע־אַרבעט און די טעטיקייט פון אימי־

גראַנטן פאַראיין אין די דעפּרעסיע־יאָרן קלאָר כאַראַקטעריזירט געוואָרן פון ב. ראַבינזאָן, אַ באַקאַנטער אַדוואָקאַט און דער דעמאָלטיגער פּרעזידענט פון פאַראיין. ער האָט געזאָגט, אַז די אידישע אימיגראַציע־אַרבעט גייט אָן אומאונטערבראָכן ניט קוקנדיק אויף דער פאַרקלענערטער צאָל פון אידישע אימיגראַנטן. אידן קומען אָן אין לאַנד און זיי נויטיקן זיך אין הילף אַנצוהויבן אַ ניי לעבן. אַלס אַ רעזולטאַט פון דער הילפס־אַרבעט פון אימיגראַנטן־פאַראיין איז כמעט ווי קיין איין איד ניט דעפּאָרטירט געוואָרן פון קאַנאַדע. עס ווערט אָנגעהאַלטן אַ פּאַרצווייגטער קאָנטאַקט מיט אַנדערע לענדער און די באַמיאונגען צו האַלטן די טויערן פון קאַנאַדע אָפן פאַר אידישער אימיגראַציע, ווי ווייט נאָר מעגלעך, ווערן פאַרטגעזעצט טאָג איין טאָג אויס.

אין דעם פאַריקן קאַפּיטל האָבן מיר אָנגעגעבן די טאַבעלע פון אידישער און אַלגעמיינער אימיגראַציע אין די יאָרן 1930־1940. אין משך פון די צען יאָר זיינען אריינגעקומען 11,005 אידישע אימיגראַנטן פון 231,921 וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די אַלגעמיינע קאַנאַדער אימיגראַציע אין דעם פּעריאָד. מיט אַנדערע ווערטער, אידישע אימיגראַציע איז געווען כמעט ווי פינף פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער. דאָס מיינט, אַז פּראָצענטוועיז האָט די אידישע אימיגראַציע ניט געליטן, און אַז די אידישע אימיגראַציע אַרבעט איז שטענדיק געווען אויף דער וואַך און האָט אויסגענוצט יעדע מעגלעכקייט אין די ראַמען פון דער סיטואַציע פון יענער צייט.

(דריי־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל)

דער צווייענדיקער בונד — דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס און דער אימיגראַנטן־פאַראיין

אין דעם קאַפּיטל וועלן מיר עטוואָס אָוועקגיין פון דעם דירעקטן ענין פון אימיגראַציע און מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף אַ קאַרדינאַלער דערשיינונג אין אידישן לעבן פון קאַנאַדע, וואָס האָט געשפּילט און שפּילט אויך איצט גאָר אַ גרויסע און פונדאַמענטאַלע ראָלע אין אַלע ענינים פון אידישן לעבן אין קאַנאַדע און אימיגראַציע בתוכם. דאָס איז דער ווידערגעבורט פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס.

די אידעע פון אַ קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס איז געבוירן געוואָרן קורץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די אינערלעכע געזעלשאַפטלעכע נויטן פון דער קאַנאַדער אידישער קהילה און די אויסערלעכע נויטן פון די אידן מעבר לים, די קרבנות פון דעם מלחמה־חורבן, האָבן געפאָדערט אַ פאַראייניקטע טעטיקייט מצד די אידן אין קאַנאַדע. דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס האָט געדאַרפט ווערן אָט יענער פאָרום, פון וועלכן עס זאָל קומען די שטימע און די אויסגע־שטרעקטע הילפס־האַנט פון קאַנאַדער אידנטום.

די ערשטע פּלענאַרע זיצונג פון קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין מאָנטרעאַל אין מערץ 1919. עס איז געווען סיי אַן אימפּאָזאַנטע און סיי אַ וויכטיקע סעסיע. עס זענען באַטראַכט געוואָרן אַ צאָל דרינגענדיקע פראַגן פון אידישן לעבן, בתוכם די פראַגע פון אימיגראַציע, און עס זענען אָנגענומען געוואָרן אַ צאָל רעזאָלוציעס. ליידער, אָבער, האָט דער קאָנגרעס ניט איבערגעלאָזן קיין טעטיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אויספירן די באַשלוסן. אמת, אַ צאָל פירנדיקע פערזאָנען פון קאָנגרעס זענען געבליבן אויף זייערע פּאָסטנס אַלס די מנהיגים פון די פאַרשיידענע אידישע קהילות איבערן לאַנד, אָבער זיי זענען פאַרבליבן טעטיק נאָר אין די ראַמען פון זייערע אינדיווידועלע אינסטיטוציעס. די אידייע פון אַ קאָנגרעס איז אָבער ניט אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן. אַ פונק האָט געטליעט.

דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס איז רעאָרגאַניזירט און אויפגעלעבט געוואָרן אין 1934. דאָס זענען געווען די יאָרן ווען די היטלעריסטישע מגפה האָט גענומען פאַרשפּרייטן איר סם איבער דער גאָרער וועלט. דירעקטע און אומדירעקטע היטלער־אַגענטן אין קאַנאַדע האָבן אָנגעהויבן צו פירן אַן אינטענסיווע פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע. די שוואַרצע כוחות האָבן אומעטום אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַנטי־סעמיטיזם איז ניט נאָר געווען אַ מיטל צו פאַרטיליקן די אידן. עס איז אויך אויסגענוצט געוואָרן אַלס אַ מיטל אַריינצוברענגען צעשטערונג, מאָראַלישע און פיזישע, צווישן די דעמאָקראַטישע לענדער. אַנטי־אידישע און אַנטי־דעמאָקראַ־טישע פּראָפּאַגאַנדע איז אָפן אנגעפירט געוואָרן אין קאַנאַדע. כוליגאַנישע פאַשיסטישע גרופּן זענען אָרגאַניזירט געוואָרן. דער וואַקסנדיקער אַנטיסעמי־טישער סענטימענט האָט זיך אויסגעדריקט אויף פאַרשיידענע אופנים — אַרבעטס־

דיסקרימינאציע, אוניווערזיטעט־דיסקרימינאציע קעגן אידישע סטודענטן, סתם כוליגאנישע אטאקעס אויף אידן, אא״וו.

עס איז געווען קלאר, אז די כוחות פון קאנאדער ישוב מוזן פאראייניקט און מאביליזירט ווערן זיך אנטקעגנצושטעלן דער וואקסנדיקער געפאר. אזא מאביליזאציע האט אויך געפאדערט די שטייגנדיקע שלעכטע לאגע פון די אידן מעבר־לים. די דאזיקע אנטוויקלונגען זענען געווען דער הויפט־סטימול אין 1934, ווידעראויפצולעבן און רעארגאניזירן דעם קאנגרעס. שפעטער זענען צוגעקומען א צאל אנדערע אויפגאבן, און אזוי ארום, האט זיך געשאפן א אידישער קהלה־פארום אין קאנאדע.

כמעט גלייך פון אנהויב האט דער ווידעראויפגעלעבטער און באנייטער קאנגרעס גענומען אן אנטייל אין ענינים פון אידישער אימיגראציע. דער אנטייל האט זיך אויסגעדריקט דורך אן ענגער שותפות מיט דעם אידישן אימיגראנטן־פאראיין סיי אין רעפרעזענטאציעס צו דער רעגירונג בנוגע ענינים פון אידישער איינוואנדערונג און סיי אין דער הילפס־ארבעט פאר די שוין אנגעקומענע אימיגראנטן און פליכטלינגען. מיט דעם וואוקס פון דער ארגאניזאציאנעלער און פונקציאנעלער סטרוקטור פון קאנגרעס איז די שותפות געווארן אינטענסיווער, און האלט אן עד היום. אלס א פארום פון קאנאדער אידנטום איז דער קאנגרעס ניט באשאפן געווארן איבערצונעמען די ארבעט פון די עקזיסטירנדיקע אידישע אינסטיטוציעס. דער ציל פון קאנגרעס איז געווען און פארבליבן די אויפגאבע פון געבן דעם טאן צו די נאציאנאלע אידישע בויטן אין לאנד און כלפי חוץ. דער קאנגרעס האט אויך דערמעגליכט צו מאביליזירן די גרעסטע ווויגע כוחות אין דער אידישער קאנאדע אויפן געביט פון קהילה־פונקציעס און קהילה־פירערשאפט.

דאס האט שוין אויך ממילא געפירט דערצו, אז ס׳זאל קומען א פאראייניקונג פון די פארשיידענע געלט־זאמלענדיקע ארגאניזאציעס, וועלכע האבן געשאפן פאנדן פאר דער הילפס־ארבעט מעבר־לים. סיי אויפן געביט פון געלט־זאמלונג און סיי אויפן געביט פון געלט־פארטיילונג, איז נויטיק געווען א קאארדינאציע פון כוחות, כדי צו ברענגען די בעסטע רעזולטאטן. דער פועל יוצא פון דעם איז געווען די באשאפונג פון אן ארגאניזאציע באקאנט אלס די פאראייניקטע אידישע הילפס־ארגאניזאציע „יונייטעד דזשואיש רעליף איידזשענסיס״ — אדער אין קורצן די יו. דזשעי. אר. איי. די געלט־זאמלענדיקע ארגאניזאציע איז באשאפן געווארן אין 1939, קורץ נאך דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די מלחמה איז טאקע געווען דער סטימול וואס האט פארשנעלערט די באשאפונג פון דער יו. דזשעי. אר. איי. פון דעמאלט אן, זענען דורך אט דער ארגאניזאציע פארטיילט געווארן די נויטיקע פאנדן, ספעציעל פאר אימיגראנטן־הילפס־ארבעט אין קאנאדע, ווי אויך פאנדן פאר רעליף מעבר־לים, דורך אונטערשטיצן די טעטיקייט פון דעם אמעריקאנער דזשאינט — די גרעסטע אידישע הילפס־ארגאניזאציע אין דער וועלט.

אויפן געביט פון אידישער אימיגראציע זענען דער קאנגרעס, בשותפות מיט דעם אימיגראנטן־פאראיין, געווארן די פלאנירנדיקע כוחות. דער אימיגראנטן־

פאַראיין האָט ווייטער אָנגעהאַלטן זיינע פונקציעס אַלס דער עקזעקוטיווער כוח פון דער אידישער אימיגראַציע אין קאַנאַדע. די פינאַנציעלע שטיצע פאַר דער אַרבעט, וועלכע האָט אָנגענומען גאָר אַ גרויסן פאַרנעם אין משך פון די דרייסיקער יאָרן, און איבערהויפט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געקומען דורך די פאַרשיידענע אַפּילס איבערן לאַנד, ביישטייערונגען, און מיטלען פון דער יו. דזשעי. אַר. איי. אַט דער צווייפאַכיקער בונד — אָרגאַניזאַציאָנעלער און פינאַנציעלער — האָט דערמעגלעכט דעם קאַנאַדער אידנטום אַריינצוברענגען איבער זעכציק טויזנט אימיגראַנטן אין משך פון וואַסערע צוואַנציק יאָר, צווישן 1939 און 1959. אין דעם זין האָט קאַנאַדע פּראָפּאָרציאָנעל פאַרנומען דעם צווייטן אָרט אין דער וועלט, נאָך ישראל, אַלס אַ לאַנד פון אידישער איינוואַנדערונג.

(פיר־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל)

די אימיגראַציע פון דייטש־אידישע פליכטלינגען

די היטלער־געפאַר האָט ארומגענומען די וועלט אין 1933 און דער ערשטער פועל־יוצא פון היטלעריזם זענען געווען די דייטשע פליכטלינגען, די ערשטע קרבנות פון נאַציזם. די אַטאַקעס זענען איבערהויפּט געצילט געוואָרן קעגן אידן, וועלכע זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס ניט־ווירדיק צו זיין מיטגלידער פון דייטשן פאָלק און האָבן דעריבער באַדאַרפט אַרויסגעשטויסן ווערן פון דייטשן לעבן. אין פעברואַר־מערץ 1933 זענען אַלע פּערזאָנען פון אידישן אָדער טייל־אידישן אָפּשטאַם באַזייטיקט געוואָרן פון עפנטלעכן לעבן. יציאת־דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן. אידן, טייל־אידן און דייטשע אַנטי־פאַשיסטן, האָבן גענומען זוכן אַזיל־רעכט אין אַנדערע לענדער. עס ווערט געשאַצט, אַז אין דעם אָנהויב־פּעריאָד פון נאַציזם האָבן אַרום פופציק טויזנט מענטשן פאַרלאָזן דייטשלאַנד, צווישן זיי אַרום פינף־און־דרייסיק טויזנט אידן.

אין 1935 זענען באַקאַנט געמאַכט געוואָרן די טרויעריק־באַרימטע נירענבערגער געזעצן. דער שטראָם פון פליכטלינגען האָט זיך פאַרגרעסערט און אַרום 1937 האָבן אַרום 140,000 מענטשן פאַרלאָזן דייטשלאַנד, און דער פליכטלינג־שטראָם האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

די אידישע וועלט איז דערשיטערט געוואָרן. אומעטום, וואו נאָר מעגלעך, האָט מען גענומען מאָביליזירן די געזעלשאַפטלעכע כוחות פאַר אַן אַקציע פון הילף. אימיגראַציע־מעגלעכקייטן פאַר די טויזנטער פליכטלינגען איז געוואָרן אַ דרינגענדע נויט. אויך דער אידישער ישוב אין קאַנאַדע איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו ענטפערן דעם רוף נאָך הילף.

אין מערץ 1933 האָט דער אידישער אימיגראַנטן־פאַראיין געקראָגן אַ טעלעגראַמע פון „היקעם", אָדער היאַס־איקא־עמיגדירעקט, אַ אידישע אימיגראַציע־געזעלשאַפט גוט באַקאַנט אין יענע יאָרן, אַז ספּעציעלע באַמיאונגען זאָלן גלייך געמאַכט ווערן כדי צו פועל'ן ביי דער קאַנאַדער רעגירונג אַז מען זאָל אַריינלאָזן קיין קאַנאַדע אַ צאָל דייטש־אידישע פליכטלינגען. עס איז אויך פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז ספּעציעלע גאַראַנטיעס וועלן געגעבן ווערן צו דער רעגירונג אַז קיינער פון די פליכטלינגען וועט ניט פאַלן צו לאַסט. דער ענין איז אַרומגערעדט געוואָרן ביי אַ דירעקטאָרן־ראַט פון אימיגראַנטן־פאַראיין אין מערץ 1933. עס איז געווען די מיינונג, אַז כאָטש די עקאָנאָמישע לאַגע אין קאַנאַדע איז ניט קיין גוטע, און דאָס וועט זיכער שטיין אין וועג אַז די אויטאָריטעטן זאָלן פּאָזיטיוו באַטראַכטן דעם פאַרלאַנג, מוזן דאָך באַמיאונגען געמאַכט ווערן אַז די קאַנאַדער אויטאָריטעטן זאָלן דערלויבן די אימיגראַציע פון אַ צאָל דייטש־אידישע פליכטלינגען.

דעמאָלט האָט אַ אידישע דעלעגאַציע זיך געטראָפן מיטן קאַנאַדער אימיגראַציע־מיניסטער. אין אַ שפּעטערדיקן באַריכט פון אימיגראַנטן־פאַראיין ווערט איבערגעגעבן, אַז דער מיניסטער האָט אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע און פאַרשטענ־

דעניש צו דער לאַגע. די דעלעגאַטן וועלכע האָבן זיך באַגעגנט מיטן מיניסטער, האָבן אויך אָבער געפילט, אַז מען קען ניט דערוואַרטן אַז די רעגירונג זאָל באַטראַכטן אַריינצולאָזן אַ גרעסערע גרופּע פון פּליכטלינגען, און אַז דאָס בעסטע וואָס מען קען טאָן אונטער די אומשטענדן איז פּרוּוון צו קריגן אינדיווידועלע פּערמיטן און אַזוי אַרום אַריינברענגען וויפל אימיגראַנטן עס לאָזט זיך. מיט אַנדערע ווערטער, די רעגירונג האָט זיך קענטיק אָפּגעזאָגט צו באַטראַכטן די ערנסטקייט פון דער לאַגע. די סיבות זענען מסתמא געווען סיי עקאָנאָמישע און סיי פּאָליטישע. די שלעכטע עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד איז זיכער געווען אַן אויסרייד. צו דעם איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס אין לאַנד האָבן דעמאָלט געוועלטיקט וואַקסן אַנטי־פּליכטלינגען און אַנטי־אידישע סענטימענטן.

אין מאָנטרעאָלער שטאָט־ראַט, למשל, איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז די קאַנאַדער רעגירונג זאָל ניט דערלויבן דאָס אַריינקומען פון דייטש־אידישע פּליכטלינגען. אין דער קאַנאַדער־פראַנצויזישער צייטונג, „לע דעוואואַר" פון 1־טן יוני 1933, איז דערשינען אַ בייס־נאַטיץ, אונטער אַ שרייענדיקן קעפּל, אַז אַ גרויסע גרופּע דייטשע אידן גרייטן זיך צו פאַרפלייצן קאַנאַדע. אַלץ צוזאַמען, סיי די עקאָנאָמישע לאַגע און סיי דער אַנטי־פּליכטלינג־סענטימענט, האָבן געווירקט נעגאַטיוו אויף די באַשלוסן פון דער רעגירונג בנוגע דעם עניין.

די שוועריקייטן זענען געווען גרויס. דאָך איז די אידישע קאַנאַדע ניט געבליבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. מען האָט געטאָן אַלץ וואָס מען האָט נאָר געקענט אין אינדיווידועלע פאַלן, און מען האָט אינטערווענירט וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. מען האָט אויך אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט אַ צאָל איינפלוסרייכע מענטשן, ניט־אידן, וועלכע זאָלן אויסאיבן אַ פּאָזיטיוון איינפלוס לגבי די אימיגראַציע־מעגלעכקייטן פאַר פּליכטלינגען. מען האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם הויך־קאָמישאַנער פאַר פּליכטלינגען, פון דער פעלקער־ליגע, אַז ער זאָל באַזוכן קאַנאַדע און אַרומרעדן דעם עניין מיט דעם פרעמיער־מיניסטער. געוויסע רעזולטאַטן זענען יאָ דערגרייכט געוואָרן, אָבער אין פאַרגלייך מיט דעם ריזיקן פּראָבלעם וואָס די פּליכטלינגען האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט, איז די צאָל אַריינגעקומענע ניט געווען גרויס.

די אַרבעט פון אימיגראַנטן־פאַראיין האָט זיך באַדייטנדיק פאַרגרעסערט. די אַרויסגעטריבענע און אַנטלאָפענע פּליכטלינגען האָבן געהאַלטן אין איין שרייבן בריוו, בעטנדיק הילף, אויפזוכן קרובים, אאַ"וו. די אימיגראַנטן־פּראָבלעמען זענען אויך געוואָרן מער קאָמפּליצירט. דער דייטשער איד איז ניט געווען געוואוינט צו וואַנדערונג. ער האָט זיך געפילט גאַנץ זיכער איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. מיט אַמאָל איז אים באַפאַלן אַן אומגליק. ער און זיינע קרובים מעבר־לים זענען פשוט צעטומלט געוואָרן, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן. זיי האָבן זיך געווענדעט סיי אין דירעקטער אימיגראַציע־הילף און סיי אין אומדירעקטער הילף, פשוט זיך צו קענען אָריענטירן אין דער ניי־געשאַפענער סיטואַציע.

די באַמיאונגען לטובת אימיגראַציע־מעגלעכקייטן פאַר דייטשע פּליכטלינגען זענען כסדר אָנגעגאַנגען, און אַ צאָל זענען אַריינגעקומען דורך ספּעציעלע פּערמיטן געגעבן אויף אַן אינדיווידועלן באַזיס.

קיין געניוע ציפערן וויפל פליכטלינגען ס׳זענען געקומען קיין קאַנאַדע צווישן 1933 און 1939 זענען ניט בנמצא. די אָפּיציעלע אימיגראַציע־סטאַטיסטיק האָט ניט באַצייכנט די איינוואַנדערער אַלס פליכטלינגען, נאָר לויט זייער נאַציאָנאַליטעט. אָבער, לויט אַ באַריכט פון מר. פּ. ס. בלעיר, דעם דעמאָלטיקן דירעקטאָר פון קאַנאַדער אימיגראַציע־אַמט, אַרויסגעגעבן אין 1941, ווערט אָנגעוויזן אַז צווישן 1935 און 1940, האָבן די גרעסטע צאָל אימיגראַנטן פון קאָנטינענטאַלער אייראָפּע, באַלאַנגט צו דער פליכטלינג־קאַטעגאָריע. אַ צאָל זענען אַריינגעקומען אַלס קאַפּיטאַליסטן. leider אָבער איז די אַלגעמיינע צאָל ניט געווען גרויס. אויב מען באַטראַכט אַז אין משך פון די צען יאָר 1930־1940 זענען אין קאַנאַדע אַריינגעקומען 11,005 אידן פון אַלע לענדער, די פּאַראייניקטע שטאַטן אַריינגערעכנט, קען מען זיך משער זיין, אַז די צאָל פליכטלינגען, כאָטש באַדייטנדיק, איז ניט געווען גרויס. אָט דער פאַקט האָט טאַקע געצוואונגען אַ פאַרשטייער פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס צו זאָגן ביי אַ פאַרהער פון קאַנאַדער סענאַט אין יולי 1946, אַז: „עס איז די סיבה פון גרויס ווייטיק און גרויס צער פאַר דער אידישער געמיינדע אין קאַנאַדע, וועלכע האָט געזען זייער אייגן פלייש און בלוט פאַרפאָלגט, געשענדט און צעשניטן, צוליב דעם וואָס דאָס לאַנד (קאַנאַדע) האָט ניט געהאַט קיין מער פריינטלעכע אימיגראַציע־פּאָליטיק״.

(פינף־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל)

ערב דער צווייטער וועלט מלחמה — אידישע פּאַרמערס; אימיגראַנטן אין טראַנזיט און אימיגראַציע סטאַטיסטיק 1930־40

צווישן די אָנגעשטרענגטע באַמיאונגען פון דער קאַנאַדער אידישער קהילה אַריינצוברענגען די פליכטלינגען פון דער נאַצישער מגפה, האָט אַ גאַר וויכטיקן אָרט פאַרנומען דער אימיגראַציע־פּראָיעקט פון אידישע פּאַרמערס. מיר האָבן שוין אין פריערדיקן קאַפּיטל אָנגעוויזן די שוועריקייטן וועלכע האָבן ניט דערלויבט אַז די טויערן פון קאַנאַדע זאָלן כאָטש עטוואָס געעפנט ווערן פאַר די דייטש־אידישע פליכטלינגען. אויב אַן אימיגראַנט איז יאָ אַריינגעקומען, איז עס געווען נאָר אויפן גרונט פון אינדיווידועלער אַנטשיידונג. ליידער האָבן די קאַנאַדער אויטאָריטעטן זיך ניט דערהויבן צו אַ מדרגה פון סימפּאַטישער באַציאונג בנוגע דער פאַרצווייפל־טער לאַגע פון די דייטשע פליכטלינגען. דאָך האָט די אידישע פירערשאַפט געזוכט וועגן און מיטלען צו פאַרלייכטערן די שוועריקייטן. אַזוי אַרום איז אין 1936 אויסגעוואַקסן דער געדאַנק פון אַריינברענגען אידישע פּאַרמערס.

אין 1936, לויט אַ פּראָטאָקאָל פון דירעקטאָרן־ראַט פון אימיגראַנטן־פאַריין, האָט ה. מ. קייזערמאַן ז״ל, וועלכער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס און אויך דעם אַמט פון ערן־סעקרעטאַר פון אימיגראַנטן־פאַריין, באַזוכט פּאַריז, וואו צווישן אַנדערע ענינים האָט ער אויך אַרומגערעדט די מעגלעכקייטן פון אַן אימיגראַציע־פּראָיעקט פון אידישע פּאַר־מערס קיין קאַנאַדע. דער פּראָיעקט האָט זיך מאַטעריאַליזירט מיט אַ צייט שפּעטער. די פּאַרמערס זענען אָנגעקומען אונטער דער אויפזיכט פון די קאָלאָניזאַציע־אָפּ־טיילונגען פון די צוויי קאַנאַדער באַן־געזעלשאַפטן, די סי.פּי.אַר. און סי.ען. אַר., וועלכע זענען אויטאָריזירט געוואָרן פון דער קאַנאַדער רעגירונג אַריינצוברענגען פּאַרמערס אין לאַנד. אויף דער ליסטע פון פּאָטענציעלע קאַנדידאַטן פאַר קאַנאַדע וועלכע זענען געווען רעגיסטרירט מיט די צוויי אויבן־דערמאָנטע באַן־געזעלשאַפטן, זענען אויך געווען אידישע פּאַרמערס פון פּוילן, לעטלאַנד, דייטשלאַנד, א.אז.וו. זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז די אידישע קאַנאַדע געווען פאַראינטערעסירט אין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן און האָט צוגעלייגט אַ האַנט וואו עס איז געווען נויטיק. דער דעמאָלסטיקער דירעקטאָר פון אידישן פליכטלינג־קאָמיטעט אין קאַנאַדע גיט איבער אַז אַ סך פון די אידישע פּאַרמערס זענען אָנגעקומען מיט גאָר קליינע פינאַנציעלע מיטלען, כאָטש זיי האָבן געהאַט גענוג קאַפּיטאַל כדי נאָכצוקומען די נויטיקע פאַרשריפטן פון די באַן־קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטמענטס. דאָס איז אָבער ניט געווען גענוג זיך איינצואָרדנען אויף אַ פאַרם, איבערהויפּט נעענטער צו אידישע ישובים. די אידישע קהילה האָט אויך געוואוסט אַז מען מוז די מענטשן אַרויסהעלפן צו פאַרבלייבן אויף די פאַרמס. וואָלט מען דאָס ניט געטאָן, און וואָלטן די פּאַרמערס צוליב מאַנגל אין פאַרדינסט מוזן אַריבערגיין אין שטאָט זוכן באַשעפטיקונג, וואָלט זיכער זיך אויפגעהויבן אַ געשריי אַז אידן טויגן ניט פאַר פאַרמעריי, און דאָס וואָלט נאָר געגאָסן אויל אין דעם קעסל פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע.

עס איז דאָן באַשאַפן געוואָרן דער קאַנאַדער אידישער קאָמיטעט פאַר פּליכט־לינגען, וועלכער האָט פונקציאָנירט אונטער דער אויפזיכט פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. דער קאָמיטעט האָט אונטערגענומען די אַרבעט פון געבן הלוואות צו אידישע פאַרמערס זיך איינצואָרדנען און האָט זיי אויך אַרויסגעהאָלפן מיט עקס־פּערטן אין אַגריקולטור, וואו און ווי אַזוי זיך אַמבעסטן איינקויפן פאַרמס. עס ווערט געשאַצט אַז אַרום צוויי הונדערט משפחות אָדער אַרום ניין הונדערט פּערזאָן, זענען אויף אַזאַ אופן אַרויסגעהאָלפן געוואָרן. די אידישע אימיגראַנטן־פאַרמערס האָבן זיך באַזעצט אין פאַרשיידענע קאַנאַדער פּראָווינצן: קוויבעק, אָנטעריאָ, בריטיש קאָלאָמביאַ, די מאַריטימע פּראָווינצן און די פּרעיִרי־פּראָווינצן.

דער אידישער אימיגראַנטן־פאַריין האָט ענג קאָאָפּערירט מיט דעם פּליכטלינג־קאָמיטעט אין דער אַרבעט. דער אימיגראַנטן־פאַריין האָט געגעבן די נויטיקע ערשטע הילף צו אידישע אימיגראַנטן־פאַרמערס, ביז פּאַסיגע פאַרמס זענען געפונען געוואָרן. דער פאַריין האָט זיי אויך באַזאָרגט מיט קליידונג, מעבל, א.אז.וו. און האָט אַרויסגעהאָלפן אין דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פון פאַרשן די אַפּליקאַציעס פאַר הלוואות, איינאָרדנונג א.אז.וו.

אין 1938 האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פון באַזאָרגן פּליכטלינגען וועלכע זענען אָנגעקומען קיין קאַנאַדע אין טראַנזיט צו אַנדערע לענדער. די פּליכטלינגען האָבן געהאַט וויזעס אין די שטאַטן, אויסטראַליע, ניי־זעלאַנד, און אַפילו כינע. אין משך פון דער צייט וואָס זיי האָבן געמוזט פאַרבלייבן אין קאַנאַדע, האָט דער אימיגראַנטן־פאַריין זיי באַזאָרגט מיט דער נויטיקער מאַטעריעלער און לעגאַלער הילף. אין דער אַרבעט האָבן זיך זייער טיכטיק באַטייליקט דער נאַציאָנאַלער קאָונסיל פון אידישע פרויען, דער קאָנגרעס, און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

י. לעשצינסקי שאַצט אַז אין די צען יאָר צווישן 1930 און 1940 האָבן 508,000 אידן אימיגרירט אין פאַרשיידענע לענדער. פון דער צאָל האָבן די פאַר־אייניקטע שטאַטן אויפגענומען 97,805; אַרגענטינע — 27,489; בראַזיל — 23,675; אורוגוואַי — 10,957; פאַרשיידענע לענדער אויפן אַמעריקאַנער קאָנטי־נענט (אויסער קאַנאַדע און די שטאַטן) — 30,000; דרום אַפריקע — 9,807; פּאַלעסטינע — 202,012; אַלע אַנדערע לענדער — 80,000.

קאַנאַדע, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן אין אַ פריערדיקן אַרטיקל, האָט אויפגענומען אין משך פון דעם צייט־אָפּשניט 11,005 אידישע אימיגראַנטן. דאָס זענען געווען ניט נאָר פּליכטלינגען נאָר אידישע אימיגראַנטן פון פאַרשידענע לענדער. זיכער, איז דער רעקאָרד פון קאַנאַדע לגבי אידישע פּליכטלינגען ניט קיין צופרידנשטעלנ־דיגער. אַ ביסל מער סימפּאַטיע, אַ ביסל מער פאַרשטענדעניש און מער מיטגעפיל צו דער אידישער לאַגע מצד די אויטאָריטעטן וואָלט זיכער געראַטעוועט טויזנטער מענטשן פון דעם גרויליקן טויט וועלכן זיי האָבן באַגעגנט אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און אין די אויוונס פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

(זעקס־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל)

אַן איראָניע פֿון שיקזאַל

אויבן אויף קען זיך אויסדוכטן, אַז מיטן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך אימיגראַנטן־אַרבעט געמוזט כמעט ווי אָפּשטעלן, אָדער זיכער זיך פֿאַרקלענערן. די לאָגישקייט פֿון אַזאַ השערה וואָלט זיך לייכט געלייגט אויפֿן שכל. פֿאַקטיש אָבער איז די לאַגע געווען גאַנץ אַנדערש. די טעטיקייט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. אייניקע זייער וויכטיקע פּראָיעקטן זענען דורכגעפֿירט געוואָרן. עס זענען אויך פֿאַרמולירט געוואָרן פּלענער, און צוגרייטונגען זענען געמאַכט געוואָרן, פֿאַר די עתיד־פּליטים און אַרבעטן וועלכע מען האָט זיך משער געווען וועלן נויטיק זיין נאָך דער מלחמה. איינעם פֿון די פּראָיעקטן, די דראַמאַטישע געשיכטע פֿון די „אינטערנירטע", וועלן מיר ארומרעדן אין דעם קאַפּיטל.

אין 1940, ווען די אַליאירטע האָבן גענומען דערפֿילן די מעכטיקע נעגל פֿון דער נאַצישער בעסטיע, האָט מען אין ענגלאַנד אינטערנירט אַלע דייטשע בירגער וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען אין לאַנד. דאָס איז פֿאַרגעקומען באַלד נאָכדעם, ווי די דאַנקורק־שלאַכט איז פֿאַרלאָרן געוואָרן צו די דייטשן. צווישן די אינטערנירטע האָבן זיך געפֿונען אַ גרויסע צאָל אידן, פּליטים פֿון דייטשלאַנד, וועלכע האָבן געפֿונען אַזיל אין ענגלאַנד. די אינטערנירונג איז ניט פֿאַרגעקומען צוליב דעם וואָס מען האָט צווישן זיי געפֿונען סימנים פֿון פֿאַרראַט. פֿאַרדאַכטן זענען זיכער געווען, אָבער מען קען פֿאַרשטיין אַז דאָס איז זיכער ניט געווען קיין פּראָבלעם צווישן די אידישע אינטערנירטע. די בריטישע רעגירונג האָט דורכגעפֿירט די אַקציע פּשוט אַלס אַ פֿאַרהיטונגס־מיטל קעגן אַ פּאָטענציעלן פֿינפֿטן קאָלום. אַ צאָל פֿון די אינטערנירטע זענען איבערגעשיקט געוואָרן, דורך די בריטישע אויטאָריטעטן, קיין קאַנאַדע וואו מען האָט זיי געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט אין ספּעציעלע לאַגערן. קאַנאַדע, אין דעם פֿאַל, איז פּשוט נאָכגעקומען דעם פֿאַרלאַנג פֿון די בריטישע אויטאָריטעטן. ווי פֿריער דערמאָנט, מען האָט די אינטערנירטע אין גאָרניט באַשולדיקט. און אַזוי, זענען אַרום צוויי טויזנט מענער געבליבן איזאָלירט, ניט וויסנדיק וואָס עס טוט זיך מיט זיי. זיי זענען אַלע געווען יונגע מענטשן אין די יאָרן צווישן אַכצן און פֿינף־און־פֿערציק.

צוליב זיכערקייט סיבות, איז דער ענין געהאַלטן געוואָרן בסוד. דאָך האָט די אידישע קהילה אין קאַנאַדע זיך דערוואוסט וועגן דער לאַגע דורך דעם פּליטלינגס־קאָמיטעט אין ענגלאַנד. פֿאַרשטענדלעך, אַז די אידישע קהילה אין קאַנאַדע האָט ניט געקענט טאָלערירן אַזאַ אַנאָמאַליע — אידן, אַנטלאָפֿענע פֿון היטלער־טעראָר, זאָלן זיין אינטערנירט אין קאַנאַדע און זאָלן באַצייכנט ווערן אַלס שונאים פֿון די אַליאירטע!

מען האָט זיך באַלד פֿאַרשטענדיקט מיט די אויטאָריטעטן אין קאַנאַדע און אויך אין ענגלאַנד. עס איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קאָמיטעט אין וועלכן עס זענען אַריין אַ צאָל ניט־אידן. דער ציל פֿון קאָמיטעט איז געווען אַרויסצוהעלפֿן אין דער אַרבעט פֿון באַפֿרייען די אינטערנירטע. דער קאָמיטעט, באַקאַנט

אַלס די „קענעדיען סענטראַל קאָמיטי אָן אינטערנד רעפּיודזשיס״, איז אָנגעפירט געוואָרן פון אַזעלכע פּראָמינענטע קאַנאַדער ווי סער ראָבערט פאַלקאָנער און סענאַטאָר קעירין ווילסאָן. מען האָט קודם כל געדאַרפט פועלן ביי די אויטאָ־ריטעטן מען זאָל באַטראַכטן די בקשה פון באַפרייען די אידישע אינטערנירטע. מען האָט אויך גאַראַנטירט אַז די אידישע קהילה אין קאַנאַדע נעמט איבער אויף זיך די פליכט זיי איינצואָרדנען, אאַ״וו.

סיי די קאַנאַדער און סיי די בריטישע אויטאָריטעטן האָבן צוגעגעבן אַז זיי באַטראַכטן ניט די אידישע אינטערנירטע אַלס שונאים. די אויטאָריטעטן האָבן אויך באַוויליקט אַז מען זאָל קענען באַזוכן די לאַגערן וואו די אינטערנירטע האָבן אויך געפונען און מען האָט דערלויבט איינצופירן אין די לאַגערן געוויסע וואוילזייך־פּראָגראַמען: ספּאָרטס, ביבליאָטעקן, און דער „אָרט״ האָט אויך אָרגאַ־ניזירט פאַך־קורסן.

אין 1941 האָבן די אויטאָריטעטן איינגעשטימט פּרייצולאָזן די אינטערנירטע וועלכע האָבן געקענט נאָכקומען איינע פון די פאָלגנדע באַדינגונגען:

א) די וואָס האָבן געהאַט נאָענטע קרובים אין קאַנאַדע און וועלכע האָבן זיך פאַרפליכטעט זיי אויפצונעמען;

ב) סטודענטן, אונטער 21 יאָר אַלט, וועלכע האָבן געוואָלט פאָרטזעצן זייער שטודיום. אַזעלכע סטודענטן האָבן געמוזט זיין געספּאָנסאָרד פון אַ קאַנאַדער איינוואוינער וועלכער האָט געדאַרפט זיין וויליק און קענען באַהויפּטן ביישטייערן טויזנט דאָלאַר אַ יאָר פאַר זייער שטודיום און אויפהאַלט. יעדער סטודענט האָט געמוזט באַווייזן, אַז ער איז אָנגענומען געוואָרן אַלס סטודענט פון אָן אָנערקענטן קאַנאַדער אוניווערזיטעט;

ג) די וועלכע האָבן געקראָגן פאַרשלאָגן אָנצונעמען אַרבעט אין קאַנאַדער אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

די קאַנאַדער אידישע קהילה און די פאַראַנטוואָרטלעכע אינסטיטוציעס האָבן זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט כדי צו דערמעגלעכן די אינטערנירטע נאָכ־צוקומען די באַדינגונגען פאַר באַפרייאונג.

אַ צאָל יונגעלייט זענען געספּאָנסאָרד געוואָרן כדי זיי זאָלן קענען פאָרטזעצן זייער שטודיום אין אוניווערזיטעט.

אַרום זעכציק יונגעלייט זענען באַפרייט געוואָרן פאָרטצוזעצן זייערע לימודים אין אַ ישיבה.

די וועלכע האָבן געהאַט דערפאַרונג אין אַגריקולטור האָט מען באַזאָרגט מיט אַרבעט אויף פאַרמס.

די וועלכע זענען געווען קוואַליפיצירט אַלס מעכאַניקער אאַ״וו, האָבן געקראָגן באַשעפטיקונג אין דער אינדוסטריע. די סטודענטן פון דער „אָרט״ שולע, איינגעשטעלט אין איינעם פון די קעמפּס, האָבן אויך בענעפיטירט פון זייער פאַך־אויסבילדונג. אַרום אַ הונדערט אינטערנירטע זענען אָנגעשטעלט געוואָרן אין איינעם פון די קאַנאַדער מלחמה־פּלענטס.

די וועלכע זענען געווען פּראָפעסיאָנאַלן זענען אויך באַפרייט געוואָרן.

צוערשט זענען די אַלע אינטערנירטע באַפרייט געוואָרן אויף פּאַראָל. אין 1943, האָט די רעגירונג, דורך אַן אָרדער־אין־קאָונסיל, פּי. סי. 9440, אויטאָריזירט

אַז די פּרייגעלאָזענע זאָל געגעבן ווערן צייטווייליקער אימיגראַנטן־סטאַטוס. דאָס האָט געמיינט, אַז זיי קענען זיך פריי באַוועגן איבערן לאַנד אָבער זיי האָבן נאָך ניט געהאַט פולע אימיגראַנטן רעזידענץ־רעכט אין קאַנאַדע. דאָס איז ערשט געקומען אין 1945, נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די אויטאָריטעטן האָבן באַוויליקט צו געבן אימיגראַנטן־רעכט צו אַלע פליכטלינגען, וועלכע זענען געווען אין קאַנאַדע אויף צייטווייליקע וויזעס, זינט 1939. עס ווערט געשאַצט, אַז אַרום אַ טויזנט פון די אינטערנירטע זענען פאַרבליבן אין קאַנאַדע. אַ צאָל זענען געפאָרן ערגעץ אַנדערש, אָדער זיך צוריקגעקערט קיין ענגלאַנד.

רעדנדיק וועגן די אידישע אינטערנירטע, האָט סעמיועל בראָנפמאַן, פּרעזידענט פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, זייער ריכטיק באַצייכנט זייער לאַגע אַלס אַ איראָניע פון שיקזאַל. אַ גרופּע מענטשן, פאַרפאָלגטע פון באַרבאַרישע נאַציס, וועלכע האָבן געהאַסט דעם נאַצישן פאַשיזם, דווקא זיי האָט מען אינטערנירט אַלס שונאים־אייליענס.ווירקלעך, אַן איראָניע פון שיקזאַל!

(זיבן־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל)

די פּליכטלינגען פון איבעריע

דאָס וואָרט איבעריאַ אָדער היבעריאַ איז אַ לאַטייניש וואָרט, כאָטש עס האָט אויך אַ גריכישן שורש. געאָגראַפיש באַציט זיך דאָס וואָרט איבעריאַ צו אַ טייל פון אייראָפּע וואָס האָט אַרומגענומען אַ שטח לאַנד וועלכער באַשטייט היינט־צו־טאָג פון דרום־פראַנקרייך, שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. אין דעם שטח לאַנד האָבן געוואוינט די איבעריאַנער, אַ פאָלק, וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן, כאָטש עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז די איצטיקע באסקן פון שפּאַניע זענען אָפּשטאַמיקע פון די איבעריאַנער. פון אָט דער טעריטאָריע, פון דעם טייל פון אייראָפּע, זענען אין מיטן ברען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אָנגעקומען קיין קאַנאַדע עטלעכע הונדערט אידישע פּליכטלינגען. צוליב דעם וואָס זיי זענען געקומען פון דער אַמאָליקער, אוראַלטער טעריטאָריע באַקאַנט אַלס איבעריאַ, האָט מען זיי טאַקע אַ נאָמען געגעבן די איבערישע פּליכטלינגען.

די פּליכטלינגען פון איבעריע זענען פּשוט געווען די דייטש־אידישע און אנדערע אידישע פּליכטלינגען, וועלכע האָבן זיך געפונען אין פראַנקרייך און ווען פראַנקרייך איז אָקופּירט געוואָרן פון די נאַציס, האָבן זיי זיך געפּרואווט ראַטעווען אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. אייניקע זענען אויך געקומען קיין טאַנזשיר. מיט גרויס שוועריקייט און געפאַר האָבן זיי דערגרייכט די אויבנדערמאַנטע לענדער. פאַרשטענדלעך, קיין וויזעס האָבן זיי ניט געהאַט. אַלס אומלעגאַל־אַריינגעקומענע האָט מען זיי פאַרשפּאַרט אין פּליכטלינגס־לאַגערן.

דאָרט איז אָבער זיי געקומען צו הילף דער אַמעריקאַנער דזשאָינט. מען האָט לטובת זיי אינטערווענירט מיט די געהעריקע אויטאָריטעטן. קודם כל האָט מען געפּועלט אַז מען זאָל די פּליכטלינגען באַפרייען פון די לאַגערן. דער אַמעריקאַנער דזשאָינט האָט געמוזט גאַראַנטירן, אַז די אָרגאַניזאַציע וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער מאַטעריעלן אויסהאַלט, ווייל אַרבעטן האָט מען די פּליכטלינגען ניט דערלויבט, און פון וואָס צו מאכן א שטיקל חיונה איז ניט געווען.

מען האָט גענומען זוכן וועגן ווי אַזוי זיי אַרויסצוראַטעווען פון דאָרטן. מען האָט זיך אויך געווענדעט צו דער קאַנאַדער רעגירונג. דורך אָנגעשטרענגטע באַמיאונגען האָט די קאנאדער רעגירונג באוויליקט אריינצולאָזן אַרום פינף הונדערט פּליכטלינגען. די באַוויליקונג אַריינצולאָזן די פּליכטלינגען איז געגעבן געוואָרן מיט דעם באַדינג, אַז דער פאַראייניקטער פּליטים־קאָמיטעט, דער קאַנאַדער קאָמיטעט פאַר פּליכטלינגען און דער אידישער אימיגראַנטן־פאַראיין פון קאַנאַדע וועלן איבערנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די פּליכטלינגען און וועט גאַראַנטירן אַז זיי וועלן ניט פאַלן צו לאַסט צו דער רעגירונג.

אָבער דאָ איז צוגעקומען נאָך אַ פּראָבלעם — ווי אַזוי פירט מען אַריבער די מענטשן פון אייראָפּע קיין קאַנאַדע. די מלחמה האָט געברענט. חוץ די פאַרשיידענע געפאַרן האָבן די ימען געשווימלט מיט סובמאַרינען און עס איז

אויך געווען אַ פּראָבלעם אַפילו צו אַראַנזשירן געוויינלעכע טראַנספּאָרטאַציע. די געשיכטע ווי אַזוי די איבערישע פּליכטלינגען זענען אָנגעקומען אין קאַנאַדע ווערט דערציילט אין איינעם פון די באַריכטן צוגעשטעלט צו דער זעקסטער סעסיע פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס.

מען האָט געדונגען שיפן פון נייטראַלע לענדער. די רייזע הוצאות זענען געדעקט געוואָרן בשותפות פונעם אַמעריקאַנער דזשאָינט און האיאַס. די שיפן זענען אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן און האָבן געלאַנדעט אין פילאַדעלפיער האַפן. פון פילאַדעלפיע זענען זיי געבראַכט געוואָרן קיין קאַנאַדע דורך ספּעציעלע פאַרשטייער פון אימיגראַנטן־פאַראייז, וועלכע זענען געפאָרן קיין פילאַדעלפיע זיי צו באַגעגענען.

די פּליכטלינגען זענען אָנגעקומען אין דריי גרופּעס. די ערשטע גרופּע האָט דערגרייכט קאַנאַדע ערב פּסח; די צווייטע ערב שבועות און די דריטע ערב סוכות.

די ערשטע גרופּע איז אָנגעקומען בשלום, אָבער די שיף מיט וועלכער עס איז געפאָרן די צווייטע גרופּע איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין מיטן ים־וועג פון אַ דייטשער סובמאַרין. כאָטש די שיף איז געווען אַ פּאָרטוגעזישע, פון אַ נייטראַלן לאַנד, און האָט געהאַט רעכט פון באַוועגונג לויט דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָטאָקאָל פון פאַרקער־זיכערקייט פאַר נייטראַלע לענדער, דאָך האָבן די דייטשן פאַרהאַלטן די שיף. מען האָט באַפוילן אַלע פּאַסאַזשירן צו פאַרלאָזן די שיף און זיי האָבן געמוזט פאַרבלייבן אַ גאַנצע נאַכט אין רעטונגס־שיפלעך. מען קען זיך פאָרשטעלן די שרעק און די צעטומלעניש. אין דער סומאַטאָכע זענען דריי מענטשן דער־טרונקען געוואָרן.

די אָנגעקומענע פּליכטלינגען זענען וואָרעם באַגריסט און אויפגענומען געוואָרן אין קאַנאַדע. דער אידישער אימיגראַנטן הילפס־פאַראייז, דער נאַציאָנאַלער קאָונסיל פון אידישע פרויען און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיי געהאָלפן אין איינאָרדנען זיך. ניט אַלע זענען פאַרבליבן אין מאָנטרעאַל, אַ צאָל זענען פאַרטיילט געוואָרן אין פאַרשיידענע פּונקטן אין קאַנאַדע. די פינאַנציעלע אויסגאָבן פון שטיצע און איינאָרדנונגס־הילף, זענען געדעקט געוואָרן פון דעם פאַראייניקטן פּליטים־קאָמיטעט אין קאַנאַדע. אייניקע האָבן זיך איינגעאָרדנט גאַנץ גיך און אַ קליינע צאָל זענען געשטיצט געוואָרן פאַר אַ לענגערער צייט.

אַ געוויסע צאָל פון די פּליכטלינגען האָבן געהאַט קינדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די דאָזיקע קינדער זענען אַהין אָנגעקומען מיט אַ צייט פריער דורך דער פאַרמיטלונג און באַמיאונגען פון קאָמיטעט פאַר אייראָפּעאישע קינדער. דער קאָמיטעט, אַן אַנערקענטע וואוילטעטיקע אָרגאַניזאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו ראַטעווען קינדער און יוגנטלעכע פון די נאַצישע מערדער, און אַ סך איז אויפגעטאָן געוואָרן אויף דעם געביט. פאַרשטענדלעך, די עלטערן און די קינדער האָבן זיך ניט שוין ניט געזען אַ לאַנגע צייט. די מלחמה, די געשעענישן אין אייראָפּע, אאַ״וו, האָט געגעבן זייער ווייניק האָפענונגען, אַז מען וועט זיך אַמאָל קענען זען. עס איז ניט שווער זיך פאַר־צושטעלן די האַרצרייסנדע סצענעס ווען די עלטערן וועלכע זענען אָנגעקומען קיין קאַנאַדע האָבן געקראָגן אַ געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען מיט זייערע קינדער.

אינטערעסאַנט איז אויך דער פאָלגנדער פאַקט. ווי מיר האָבן געזען פון די פריערדיקע קאַפּיטלען איז די אויפנאַמע פון פליכטלינגען אין קאַנאַדע ניט געווען קיין פּאָפּולערער ענין און צוליב דעם טאַקע איז קאַנאַדעס ראָלע בנוגע דער רעטונג פון אידישע פליכטלינגען פון היטלעריזם ניט זייער קיין גוטע. ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך אָבער די לאַגע געביטן מיטן אויסברוך פון דער מלחמה. ווען די פליכטלינגען פון איבעריע זענען אָנגעקומען אין קאַנאַדע האָט זיי מקבל פּנים געווען ניט נאָר די אידישע קהילה. די גאַנצע פּרעסע פון לאַנד האָט זיי אָפּגעגעבן שלום עליכם. עדיטאָריעלע באַמערקונגען האָבן אויסגעדריקט באַדויערונג וואָס צו ווייניק זענען געקומען. די וואַרעמקייט האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין דער קאַנאַדיש־פראַנצויזישער פּרעסע.

אגב אורחא, זענען די איבערישע פליכטלינגען געווען די גרעסטע גרופּע וואָס איז אָנגעקומען אין קאַנאַדע זינט דעם אָנהויב פון דעם פליכטלינגס־פּראָבלעם אין די דרייסיקער יאָרן.

(אַכט־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל)

פּליכטלינגען פון יאַפּאַן, פּוילן, טראַנזיט־אימיגראַנטן און עוואַקואירטע

אין די ערשטע יאָרן נאָך דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, חוץ די פּליכטלינגען פון איבעריע, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל, האָט זיך די קאַנאַדער אידישע קהילה אויך פאַרנומען מיט געוויסע אַנדערע אימיגראַציע־פּראָיעקטן. דאָס זענען געווען באַמיאונגען לטובת פּליכטלינגען פון יאַפּאַן, פּוילן, עוואַקואירטע פון ענגלאַנד און אימיגראַנטן אין טראַנזיט דורך קאַנאַדע צו אַנדערע לענדער.

די געשיכטע פון די פּליכטלינגען פון יאַפּאַן ווערט אין קורצן איבערגעגעבן אין „קאָנגרעס־ביולעטין״, די צייטשריפט פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, פון אָקטאָבער 1951.

צווישן די מאַסן פּליכטלינגען וועלכע זענען געלאָפן פון פּוילן ווען די נאַציס האָבן אָקופּירט דאָס לאַנד, זענען געווען אַ גרופּע רבנים און ישיבה בחורים. זיי האָט זיך איינגעגעבן צו דערגרייכן יאַפּאַן, וואו זיי האָבן געפונען צייטווייליקן אַזיל רעכט. באַמיאונגען זענען געמאַכט געוואָרן, מיט דער הילף פון דער פּוילישע גלות־רעגירונג, אַז אַ צאָל פון די פּליכטלינגען זאָל דערלויבט ווערן אַריינצוקומען קיין קאַנאַדע. די קאַנאַדער רעגירונג האָט באַוויליגט אַכציק פּערמיטן. די ערשטע גרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען פון זיבן־און־צוואַנציק פּערזאָן, זענען טאַקע אָנגעקומען קיין קאַנאַדע איבער דעם פּאַציפישן אָקעאַן. דאָס איז געווען ערב דער „פּוירל האַרבאָר״ אַטאַקע, ווען עס האָט נאָך אָנגעהאַלטן אַ פאַרקער צווישן יאַפּאַן און די שטאַטן. פאַרשטענדלעך, אַז נאָכדעם ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און יאַפּאַן, זענען אַלע פאַרקער־מיטלען אָפּגעשטעלט געוואָרן.

די איבערגעבליבענע פּליכטלינגען אין יאַפּאַן זענען אינטערנירט געוואָרן און זענען געהאַלטן געוואָרן אין אַ געטאָ אין שאַנכאַי. זייער לאַגע איז געווען אַ ביטערע. חוץ דעם וואָס זיי זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס ציווילע געפאַנגענע פון אַ פיינטלעכן לאַנד, האָט אין יאַפּאַן אויך געגומען ווירקן דער היה'שער אַנטיסעמיטיזם פון די נאַציס.

מיט דעם צוזאַמענבורך פון יאַפּאַן האָט מען ווידער אַפּעלירט צו דער קאַנאַדער רעגירונג צו באַנייען די ניט־אויסגענוצטע פּערמיטן. דאָס איז באַשטעטיקט געוואָרן און דער רעשט פון דער גרופּע איז אָנגעקומען קיין קאַנאַדע אין 1946.

אין אַ באַריכט צום דירעקטאָרן־ראַט פון אידישן אימיגראַנטן הילפס־פאַראיין פון קאַנאַדע פון סעפּטעמבער 1941, ווערט דערציילט וועגן אַ גרופּע פון אַרום ניינציק פּליכטלינגען פון פּוילן פאַר וועלכע מען האָט אויסגעאַרבעט פּערמיטן, ווידער מיט דער הילף פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג. די רייזע און אַנדערע הוצאות פון איינאָרדנונג זענען געדעקט געוואָרן פון פאַראייניקטן פּליטים־קאָמיטעט. ווי די איינאָרדנונג פון דער גרופּע איז צוגעגאַנגען, קען מען זען פון

דעם פאָלגנדן קורצן באַריכט: „מר. דזש. סיגאַל, פאַרזיצער פון פליכטלינג־קאָמיטעט, האָט באַריכטעט וועגן די אַקטיוויטעטן פון זיין קאָמיטעט און האָט געזאָגט אַז מיט עטלעכע אויסנאַמען, זיינען די פופציק פוילישע פליכטלינגען וועלכע זיינען אָנגעקומען אין די מאָנאַטן יולי, אויגוסט און סעפּטעמבער, באַזאָרגט געוואָרן מיט אַרבעט און האָבן באַקומען אונטערשטיצונג, דורכשניטלעך צוויי וואָכן, מיט שפייז, וואוינונג, אאַ״וו. ער האָט אויך באַריכטעט ווי אַזוי דער איינאָרדנונגס־פּראָצעס ווערט דורכגעפירט פון דעם פליטים־קאָמיטעט און אימיגראַנטן־פאַראיין״.

אין 1940, ווען די דייטשן האָבן געדעגנט אויף ענגלאַנד מיט באָמבעס, האָט מען פון דאָרט עוואַקואירט אַ צאָל מענטשן, איינשליסנדיק אַרום זעקס טויזנט קינדער. דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס און דער פאַראייניקטער פליטים־קאָמיטעט איז געווען אַקטיוו אין דער אַרבעט און האָט ענג קאָאָפּערירט מיט דעם „קאָונסיל פאָר אָווערסיז טשילדרען״, אַ געזעלשאַפט וועלכע איז באַאויפטראָגט געוואָרן צו געבן אויפזיכט איבער דעם עוואַקואירונגס־פּראָיעקט. אין אַ פּראָטאָקאָל צום דירעקטאָרן־ראַט פון אימיגראַנטן־פאַראיין, לייענען מיר אַז די אידישע קהילה איז געווען פאַראינטערעסירט אַז אידישע קינדער זאָלן אויך געניסן פון דעם פּראָגראַם און עס האָט זיך אויך גערעדט וועגן ספּאָנסאָרן אַ צאָל פּערזאָנען וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין פריינט אָדער קרובים אין קאַנאַדע.

אין די ערשטע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איידער די שטאַטן זענען אַריין אין קריג, זענען דורך קאַנאַדע אַדורכגעפאָרן אַ צאָל פליכטלינגען וועלכע האָבן געהאַט וויזעס צו אַנדערע לענדער. דער אימיגראַנטן־פאַראיין, מיט דער מיטהילף פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, האָט באַגעגנט און אויפגענומען די פליכט־לינגען, געבנדיק זיי די נויטיקע מאַטעריעלע, מאָראַלישע און לעגאַלע שטיצע.

עס ווערט געשאַצט, אַז אַרום 132,000 אידן האָבן נאָך באַוויזן צו פאַרלאָזן אייראָפּע אין די יאָרן 1940־1942. דער גרעסטער טייל, איבער זיבעציק טויזנט זענען געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן; פּאַלעסטינע האָט אויפגענומען אַרום פינף־און־דרייסיק טויזנט; אַרגענטינע אַרום פינף טויזנט; בראַזיל אַרום זעקס טויזנט און אַלע אַנדערע לענדער אַרום פופצן טויזנט. אַרום 1942, ווען די לעצטע נאָך פרייע לענדער, אַזוי ווי דענמאַרק, האָלאַנד און נאָרוועגן זענען אויך אָקופּירט געוואָרן פון די נאַציס, זענען אַלע וועגן פון אַנטלויפן אינגאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן. אַפילו אין די יאָרן 1940־1941 איז שווער צו רעדן וועגן דעם געלויף ווי עמיגראַציע. דער ענין עמיגראַציע, אַפילו אונטער די ערגסטע אומשטענדן, מיינט נאָך אַלץ אַ געוויסן אויסוואַל פון וואוהין צו פאָרן. אין די דאָזיקע יאָרן איז אַפילו דער מינימאַלסטער אויסוואַל ניט געווען בנמצא — מען איז געלאָפן וואו נאָר די אויגן האָבן געטראָגן און מען איז געלאָפן אונטער אַלע אומשטענדן, אַבי נאָר מען האָט נאָר געהאַט וואוהין צו לויפן.

(ניין־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל)

דער כאַראַקטער און טעמפּאָ פון דער אידישער אימיגראַציע־הילפס־אַרבעט אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, צווישן די יאָרן 1940־1945 זיינען אַריינגעקומען קיין קאַנאַדע אַרום דריי־און־זיבעציק טויזנט אימיגראַנטן. צווישן זיי זענען געווען אַרום דריי־טויזנט־פינף־הונדערט אידן אָדער אַרום פיר פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער אימיגראַציע אין דעם צייט־אָפּשניט. מען דאַרף אָבער גע־דענקען אַז אין דער צאָל פון אידישע אימיגראַנטן זענען אויך אַריינגערעכנט גע־וואָרן ניט נאָר אַזעלכע וועלכע זענען געקומען פון מעבר־לים, נאָר אויך איינגע־וואַנדערטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אויבן אויף קען זיך אויסדוכטן אַז אין יאָרן פון מלחמה, אָדער אין יאָרן פון אימיגראַציע־באַשרענקונגען, ווען די אימיגראַציע איז נומעריש קליין, מוז זיך אויך פּראָפּאָרציאָנעל פאַרקלענערן די אַרבעט פון די אינסטיטוציעס וועלכע פאַר־נעמען זיך מיט אימיגראַציע־ענינים. פון ריין געשעפטליכן שטאַנדפּונקט וואָלט אַזאַ אויספאַסונג געווען אַ גאַנץ גערעכטע, און מאַטעמאַטיש אויסגעהאַלטן. אַז די אימיגראַציע איז גרעסער איז די טעטיקייט גרעסער און די ציפערן מער אימפּאָזאַנט. אין דער אמת׳ן אָבער איז די סיטואַציע גאַנץ אַנדערש. דווקא אין יאָרן פון שוועריקייטן איז די אימיגראַציע־אַרבעט אַ סך שווערער, פאַרנעמט מער צייט, נויטיקט זיך אין ספּעציעלע אָנשטרענגונגען, פאַרלאַנגט אַ מומחה־צוגאַנג צו אימיגראַציע־געזעצן, פּראָצעדור, א.אַז.וו. צו דעם קומט צו די צווייטע זייט פון דער מטבע — דער קליענט, וועלכער קומט צו דער אינסטיטוציע מיט זיינע בקשות און פאָדערונגען. אין נאָרמאַלע צייטן קענען די בקשות דערפילט ווערן לייכטער. אין שווערע צייטן מוז מען אָפּגעבן מער צייט אויף יעדן פאַל באַ־זונדער, דערקלערן די אומשטענדן, געבן צו פאַרשטיין די לאַגע, זוכן עפּעס אַן אַנדער אויסוועג. אגב, טראַכט יעדער אַפּליקאַנט אַז זיין פאַל איז עפּעס ספּע־ציעל און ער פּרואווט אויפווייזן פאַרוואָס זיין פאַל מוז זיין אַ יוצא מן הכלל. מיט אַנדערע ווערטער, די קוואַליטאַטיווע זייט פון מענטשליכע באַציאונגען,פון קענען אויסהערן, פון געדולדיק ענטפערן, שפּילט גאָר אַ גרויסע ראָליע. און עס איז אויך זייער וויכטיק, ווייל עס פאַרלייכטערט אַביסל דעם פאַרצאַרנטן געמיט פון דעם אַפּליקאַנט, עס האַלט אויף זיין מוט, עס גיט אים אַביסל בטחון. אַט דער פּראָצעס איז גילטיק סיי פאַר די פּערזאָנען וועלכע שטייען פּערזענליך אין פאַר־בינדונג מיט דער אינסטיטוציע, און סיי פאַר די וועלכע פאַרבינדן זיך שריפטליך. יעדע שריפטליכע אָנפראַגע מוז שנעל געענטפערט ווערן און עס טאָר ניט זיין אַ קאַזיאָנער, ביוראָקראַטישער ענטפער. עס איז צום ביישפּיל, אַ פאַקט, אַז אין צייטן פון שוועריקייטן פאַרגרעסערט זיך באַדייטנדיק די צאָל בריוו וואָס די אימי־גראַנטן־אינסטיטוציע דערהאַלט און שיקט אַרויס. אויך די קוואַליטעט־זייט פון דער קאָרעספּאָנדענץ פאַרלאַנגט קענטשאַפט, ווען און ווי אַזוי צו דערקלערן אַן עניין. אויך דער קאָנטאַקט מיט די אויטאָריטעטן איז פיל אינטענסיווער אין שווע־

רע צייטן, צוליב די אויבן דערמאָנטע טעמים. אין אַלגעמיין איז דער ברייטער עולם ניט באַקאַנט מיט אַזעלכע אינערליכע פּראָבלעמען, ווייל עס איז פּשוט שווער איבערצוגעבן און אויך אויפפּאַסן די קוואַליטאַטיווע זייט פון דער אַרבעט — נאָר דער וואָס טראָגט דעם שוד ווייס וואו עס קוועטשט.

דער כאַראַקטער פון דער אימיגראַנטן־הילפס־אַרבעט אין דער צייט פון דער מלחמה לטובת די אימיגראַנטן, וועלכע זענען יאָ אַריינגעקומען אין לאַנד, סיי אלס אימיגראַנטן און סיי אויף ציטווייליקע וויזעס, איז געווען אינטענסיוו און אַקטיוו. יעדער פאַל, יעדע בקשה, האָט פאַרלאַנגט אַן אינדיווידועלן צוגאַנג. חוץ די אַלגעמיינע אימיגראַציע־פּראָיעקטן וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אין די פאַריגע צוויי קאַפּיטלען, האָט דער אימיגראַנטן־פאַריין געהאַט פיל צו טאָן מיט די אינדיווידועלע טאָג־טעגליכע פּראָבלעמען פון יעדן איינציקן אימיגראַנט אָדער קרובים פון פּאָטענציעלע אימיגראַנטן. די טעטיקייטן זענען געווען פאַרשיידנאַרטיקע — לעגאַלע הילף; באַמיאונגען וועגן אימיגראַציע־מעגליכקייטן קיין קאַנאַדע אָדער אַנדערע לענדער; אויסאַרבעטונג פון אַפידייוויטס; דאָקומענטן; אינטערווענציע ביי די אויטאָריטעטן וועגן פאַרשיידענע ענינים; באַגעגענען אַנקומענדיקע שיפן, צוגן אָדער עראָפּלאַנען מיט אַנקומענדיגע אימיגראַנטן; באַזאָרגן מיט אַרבעט די נײַ־געקומענע; צייטווייליקע מאַטעריעלע אונטערשטיצונג; אויפזוכן פריינט אָדער באַקאַנטע; א.אז.וו. צום ביישפּיל, אַז מ׳האָט, קורץ נאָכדעם ווי קאַנאַדע האָט דערקלערט מלחמה, דורכגעפירט אין לאַנד די נאַציאָנאַלע רעגיסטראַציע פון אַלע איינוואוינער, האָט דער אימיגראַנטן פאַריין געמוזט ערליידיקן פילע פּראָבלעמען וועלכע זענען אַרויפגעשוואומען אין דער צייט פון דער רעגיסטראַציע וועגן גע־ווויסע לעגאַלע ענינים בנוגע דעם סטאַטוס פון אַ צאָל אימיגראַנטן.

אלס ביישפּיל פון דער טעטיקייט אין דער מלחמה־צייט וועלן מיר ברענגען צוויי ציטאַטן פון מאָנאַטליכע באַריכטן, אָפּגעגעבן צום דירעקטאָרן־ראַט פון אימי־גראַנטן־פאַריין. אין דעם באַריכט פון יאַנואַר 1942, ווערט דערציילט וועגן אַ דערפאָלגרייכער אינטערווענץ לטובת פערצן פליכטלינגען, וועלכע זענען פאַר־האַלטן געוואָרן אין סט. דזשאָן, נ. ב. די פליכטלינגען זענען געקומען פון ענגלאַנד אויפן וועג צו די פאַראייניקטע שטאַטן, אָבער מען האָט זיי אַהין ניט אַריינ־געלאָזן. קאַנאַדע האָט זיי דאָן פאַרהאַלטן אלס אונטערטאַנען פון אַ פיינטלעכן לאַנד. ניין פערזאָן פאַרהאַלטן ביים קאַנאַדער־אַמעריקאַנער גרעניץ האָבן גע־קראָגן די נויטיקע לעגאַלע הילף. פאַרהאַנדלונגען זענען געפירט געוואָרן מיטן אַמע־ריקאַנער קאָנסולאַט וועגן געוויסע פּריווילעגיעס לטובת אידן פון דייטשלאַנד וועלכע האָבן געוואָלט אַריינקומען אין די שטאַטן, אָבער זענען באַטראַכט געוואָרן אלס בירגער פון אַ פיינטלעכן לאַנד. ניין־און־צוואַנציק פליכטלינגען, אַ טייל פון דער גרופּע וועלכע איז אָנגעקומען פון פּאָרטוגאַל און קאַסאַבלאַנקאַ, זענען באַ־זאָרגט געוואָרן מיט וואוינונג, שפּייז, א.אז.וו. די פינאַנציעלע אויסגאָבן זענען געדעקט געוואָרן פון דעם פאַראייניקטן פליטים־קאָמיטעט. דער באַריכט דער־ציילט אויך וועגן אַ פּלאַן פון זאַמלען קליידונג פאַר די פּוילישע פליכטלינגען אין רוסלאַנד און אויך פון באַנייען געלט־איבערווייזונגען פון קאַנאַדער צו זייערע קרובים און פריינט מעבר לים.

דער באַריכט פון סעפּטעמבער 1943 גיט אַ דעטאַלירטן סטאַטיסטישן

איבערזיכט פון די אַקטיוויטעטן פון פאַריין אין מאָנטרעאַל אין משך פון דעם אויבן דערמאָנטן מאָנאַט. מיר גיבן דאָ איבער די דעטאַלן, ווייל אין פילע אינסטיטוציעס ווערן אַזעלכע דאָקומענטן פאַרלאָרן, און ס'איז ווירקליך אַ פאַרלוסט פון היס־טאָרישן שטאַנדפּונקט. דעם דאָקומענט האָבן מיר צופעליק געפונען און מיר גלויבן אַז ער גיט איבער, דורך ציפערן, די אינטענסיוויטעט פון דער אַרבעט אין אַ צייט ווען, ווי אַ סך מיינען, די אימיגראַציע־טעטיקייט איז כמעט ווי אָפּגעשטעלט. אין משך פון סעפּטעמבער, זאָגט דער באַריכט, האָבן 2025 מענטשן באַזוכט דעם ביוראָ פון פאַריין אין מאָנטרעאַל; 70 „קעיסעס" אָדער אימיגראַציע־ענינים זענען אויפגענומען געוואָרן מיט די אויטאָריטעטן;

28 אַפּליקאַציעס פאַר פּערמיטן זענען אָנגעגעבן געוואָרן פון קאַנאַדער קרובים;

9 אימיגראַנטן אַריינגעקומען;

35 וויזעס זענען באַקומען געוואָרן פאַר די פּאַראַייניקטע שטאַטן;

38 איבערזעצונגען און אַפידעיוויטס זענען צוגעגרייט געוואָרן;

26 פּאַספּאָרטן האָט מען אויסגעאַרבעט פאַר קאַנאַדער בירגער;

15 פּאָליצײַ־רעקאָרדס באַקומען פאַר וויזעס;

90 אַפּליקאַציעס אָנגעגעבן פאַר בירגערשאַפט;

8 „קעיסעס" פון פאַרהאַלטענע אימיגראַנטן זענען באַהאַנדלט געוואָרן;

25 פּערזאָן זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט 45 נאַכט־געלעגערס, 75 מאָלצייטן און

196 קליידונג אַרטיקלען;

25 פּעקלעך מיט עסנוואַרג געשיקט קיין רוסלאַנד;

$562.79 איבערגעשיקט צו קרובים אין פּאַלעסטינע און קובאַ;

2 מאָל באַזוכט אָטאַוואַ אין ענינים פון אימיגראַציע;

57 טעלעגראַמעס געשיקט און באַקומען;

436 בריוו אָנגעקומען;

3297 בריוו אַרויסגעשיקט;

8000 רעגיסטראַציע־פאָרמען אַרויסגעשיקט אין פאַרשיידענע קאַנאַדער שטעט, כדי צו באַקומען אינפאָרמאַציע פון קאַנאַדער תושבים וועגן קרובים וועלכע זיי זוכן אָדער האָפן עווענטועל אַריבערברענגען קיין קאַנאַדע;

13 פּליטלינגען אין טראַנזיט דורך קאַנאַדע אויפן וועג צו די שטאַטן אויפ־גענומען און באַזאָרגט מיט נויטיקער הילף.

אַזוי איז די אימיגראַציע־אַרבעט שטענדיק אָנגעגאַנגען אין סאַמע ברען פון דער מלחמה. יעדע געלעגנהייט וואו הילף איז נויטיק געווען און וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט, איז אויסגענוצט געוואָרן. עס איז אויך געלייגט געוואָרן דער פונדאַ־מענט פאַר דעם נאָך־מלחמה־פּעריאָד מיט דעם ביטחון, אַז די נאַצי־שלאַנג וועט באַלד, באַלד, דערשטיקט ווערן.

(פערציקסטער קאַפּיטל)

דער דרייפאַכער ציל פון דער אידישער אימיגראַנטן־אַרבעט ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

ווי מיר האָבן געזען אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, איז אַפילו אין די מלחמה־יאָרן אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע אימיגראַציע־טעטיקייט. די צאָל אַריינגעקומענע אימיגראַנטן איז ניט געווען גרויס, אָבער די אינטענסיווקייט און די קוואַליטאַטיווע זייט פון דער אימיגראַציע־אַרבעט אין דעם מלחמה־פּעריאָד האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ צאָל פּראָיעקטן און איבערהויפּט אין דעם אינדיווידועלן צוגאַנג צו די נויטן פון דעם איינצלנעם איינוואַנדערער, אַנפאַנגען, דאָס זוכן פון אויסוועגן, און דאָס אויסנוצן פון יעדער געלעגנהייט צו געבן הילף אויב עס איז נאָר געווען אַ מעגלעכקייט. דער הויפּט כאַראַקטער־שטריך פון דעם צייט־אָפּשניט איז אָבער געווען דער בטחון, דער גלויבן אַז ניט קוקנדיק אויף דער שווערער צייט, און טראָץ די געפאַרן וואָס זענען געשטאַנען פאַר די אַליאירטע, מוז די האָפענונג ניט אויפגעגעבן ווערן, און דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַפּאַראַט פון אימיגראַנטן־פאַראיין מוז אָנגעהאַלטן ווערן צו דערפילן די אימיגראַציע־פליכטן פון דעם הווה און עתיד. אין אַ באַריכט אָפּגעגעבן פון פּרעזידענט פון אימיגראַנטן־פאַראיין ווערט געזאָגט, אַז כאָטש אידישע אימיגראַציע וועט זיכער פאַרקלענערט ווערן אין משך פון דער מלחמה, דאָך פאַרלירט ניט די פּראָבלעם איר וויכטיקייט און דרינגענדיקייט. דער סוף פון דער מלחמה וועט זיכער אַרויסרופן אַ מאַסן־וואַנדערונג. דער אידישער אימיגראַנטן־פאַראיין מוז דערפאַר זיין גרייט צו פאַר־גרעסערן און פאַרברייטערן זיינע טעטיקייטן.

ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די אידישע אימיגראַציע־אַרבעט אין קאַנאַדע באַשטאַנען פון דריי הויפּט־מאָמענטן: לעגאַלע הילף צו אימיגראַנטן אין קאַנאַדע אין באַצוג צו לעגאַליזירן זייער אימיגראַציע־סטאַטוס; ספּעציעלע אימיגראַציע־פאַלן; כסדרדיקער קאָנטאַקט מיט די אויטאָריטעטן צו באַווירקן אַז די נאָך־מלחמה אימיגראַציע־געזעצן זאָלן דערלויבן דאָס אַריינקומען פון ברייטערע אימיגראַנטן־קאַטעגאָריעס.

קורץ פאַר דעם סוף פון דער מלחמה איז אויפגעשוואומען די פּראָבלעם פון אַ געוויסער קליינער צאָל אימיגראַנטן־פּליכטלינגען, וועלכע האָבן זיך געפונען אין קאַנאַדע אָבער וועמעס אימיגראַציע־סטאַטוס איז ניט געווען לעגאַליזירט. די דאָזיקע אימיגראַנטן זענען געקומען קיין קאַנאַדע אויף פאַרשיידענע אופנים — אַלס באַזוכער; זענען אומלעגאַל אַריינגעקומען אויף שיפן וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין קאַנאַדע; אָדער זיי זענען געווען מיטגלידער פון דער מאַנשאַפט פון שיפן און ווען די שיפן האָבן געלאַנדעט אין קאַנאַדער האַפנס, זענען זיי דאָ פאַרבליבן. עס איז קיין פראַגע ניט אַז זייער סטאַטוס אין לאַנד איז געווען אַן אומלעגאַלער, און עס האָט זיי אַלעמען קענטיק געדראָט מיט דעפּאָרטאַציע. אין דער צייט פון דער מלחמה האָט מען זיי גאָרניט געקענט טאָן, אָבער נאָך דער מלחמה איז די פראַגע פון דעפּאָרטאַציע געוואָרן אַקטועל. פון אַ באַריכט אָפּגעגעבן

צום דירעקטאָרן־ראַט פון אימיגראַנטן־פאַראייַן, דערוויסן מיר זיך אַז זייער לאַגע איז געווען ערנסט, און אַז די דעפּאָרטאַציע־געפאַר האָט געלויערט ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די באַדינגונגען אין די לענדער צו וועלכע די אימיגראַנטן האָבן געדאַרפט דעפּאָרטירט ווערן זענען געווען אַזעלכע וואָס האָט געמיינט, אַז זיי מוזן זיך צוריקקערן צו חורבן און חורבות. דער אימיגראַנטן־פאַראייַן האָט באַשלאָסן צו אינטערווענירן, און עס זעט אויס אַז די אינטערווענץ איז געווען דערפאָלגרייך. אין אַ באַריכט וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן צום דירעקטאָרן־ראַט פון פאַראייַן אין אַנהויב 1946 ווערט דערציילט, אַז מען האָט פאַרלענגערט פאַר איין יאָר דעם אויפהאַלט פון די פּערזאָנען אין קאַנאַדע, און נאָכער וועט מען אויפנעמען מיט די אויטאָריטעטן די פראַגע צו באַטראַכטן זייערע אַפּליקאַציעס צו פאַרבלייבן אין לאַנד אַלס לעגאַלע אימיגראַנטן.

עס איז אויך באַטראַכט געוואָרן די פראַגע פון אינטערווענירן מיט די אויטאָריטעטן לטובת ספּעציעלע אימיגראַנטן־גרופּעס, אַזוי ווי יתומים, העברעאישע לערער אאַ״וו, וועלכע מען זאָל דערלויבן אַריינקומען אין לאַנד אויסער די ראַמען פון די עקזיסטירנדע אימיגראַציע־געזעצן.

איינע פון די פונקציעס פון אידישער אימיגראַציע־טעטיקייט קורץ נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געווען מיטצואַרבעטן מיט יענע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע האָבן געגלויבט אַז קאַנאַדע דאַרף עפענען אירע טירן פאַר אַ ברייטערער אימיגראַציע. אָט די באַוועגונג, אין וועלכער עס האָבן גענומען אַ טיכטיקן אַנטייל דער אידישער קאָנגרעס און דער אימיגראַנטן־פאַראייַן, האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ מעמאָראַנדום צוגעשטעלט צו דער רעגירונג פון סענאַטאָר קעירין ווילסאָן, די דעמאָלטיקע פּרעזידענטין פון דעם קאַנאַדער נאַציאָנאַלן פּליכטלינגס־קאָמיטעט.

אין דעם צוגעשטעלטן דאָקומענט האָט די קאַנאַדער סענאַטאָרין פאָרגעשלאָגן דאָס פאָלגנדע:

1) אַז די רעגירונג זאָל זוכן אַ וועג אַריינצולאָזן אימיגראַנטן אויף דעם באַזיס פון נויט און רחמנות, ביז קאַנאַדע וועט געפינען אַ מעגלעכקייט צו אַמענדירן די אימיגראַציע־געזעצן לטובת אַ ברייטערער אימיגראַציע.

2) אַז די קרובים־קאַטעגאָריע פון אַריינלאָזבאַרע אימיגראַנטן זאָל פאַרברייטערט ווערן און זאָל ניט זיין באַגרענעצט נאָר צו פרויען און קינדער אונטער אַכצן יאָר.

3) אַז די פאַר־מלחמה מעדיצינישע פאָדערונגען זאָלן ליבעראַליזירט ווערן נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט די מלחמה־לאַגע אין אייראָפּע און די באַדינגונגען אונטער וועלכע די אימיגראַנטן האָבן געלעבט אונטער דעם נאַצי־רעזשים.

דער ערשטער שטראַל פון האָפענונג אַז עפּעס וועט זיך אַ ריר טאָן, איז געקומען אין מאַי 1946, ווען די רעגירונג האָט אַביסל פאַרברייטערט די קרובים־קאַטעגאָריע. אָבער די הנחה איז געווען זייער אַ מינימאַלע. אַ פאַרשטייער פון אימיגראַנטן־פאַראייַן האָט דעמאָלט זיך אויסגעדריקט, אַז פון דער דאָזיקער אימיגראַציע־הנחה וועלן אפשר קענען בענעפיטירן עטלעכע הונדערט אידן, אָבער

עס הויבט ניט אָן צו באַפרידגין אַפילו אַ מינימאַלן טייל פון די אידישע נויטן. מען האָט געמוזט וואַרטן ביז סוף 1947 ווען די לאַגע האָט זיך קאַרדינאַל געענדערט. טעאָרעטיש, איז דער פעריאָד צווישן דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און סוף 1947, אפשר ניט געווען קיין לאַנגער. פראַקטיש, אָבער, האָט עס געמיינט נאָך צוויי יאָר ליידן פאַר טויזנטער און טויזנטער געראַטעוועטע פון היטלער׳ס גאַז־קאַמערן. איין טרייסט איז אָבער יאָ געווען. די אידישע קהילה אין קאַנאַדע, דורך דעם אימיגראַנטן־פאַראיין און דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, האָט אָנגעהאַלטן אַן אינטענסיווע צוגרייטונגס־אַרבעט און די קערנער וועלכע מען האָט פאַרזייט האָבן גענומען צוביסלעך וואַקסן.

(איין־און־פערציקסטער קאפיטל)

קרובים געזוכט

דער קאשמאר פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האט איבערגעלאזן ניט נאר מיליאנען הרוגים, נאר אויך מיליאנען אויסגעווארצלטע, צעבראכענע משפחות, וועלכע זענען צעשידן און פארלארן געגאנגען אין כאאס פון דער וועלט־צעטרייסלונג. דער אומגליק האט זיך אויסגעגאסן אויף אלע פעלקער אין די געגנטן וואו די מלחמה האט געברענט. פאר אידן, אבער, איז דער אומגליק געווען אומגעהויער גרעסער, טראגישער און גרויזאמער. אידן זענען געווען פארשפארט אין קאנצענטראציע־לאגערן, אין טורמעס, אדער איבערהויפט איזאלירט פון דער דרויסנדיקער וועלט. זיי האבן ניט געהאט קיין קאנטאקט מיט זייערע קרובים, האבן ניט געוואוסט צי זיי לעבן אדער ניט. אזוי ארום, איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאבעס, גלייך נאך דער מלחמה, איז געווען איינשטעלן אן אפאראט כדי אויפצוזוכן די פארלוירענע, פאראייניקן די צעריסענע משפחות, און ווינציקסטנס פעסטשטעלן ווער עס לעבט און ווער ניט.

צו דעם זענען נאך צוגעקומען ריין ציוויל־לעגאלע פראבלעמען. מענער און פרויען, אויב זיי האבן געוואלט נאכאמאל חתונה האבן, האבן געמוזט קענען ווי עס איז אויפווייזן אז זיי מעגן עס טאן, און אז זייער ערשטער מאן אדער פרוי זענען שוין ניט צווישן די לעבעדיקע. דאקומענטן און באווייזן זענען אויך נויטיק געווען אין פארבינדונג מיט ירושה־אנגעלעגנהייטן ,ענינים פון באַרעכטיקונג צו הילף, עמיגראציע־פלענער, א״וו.

אין 1943, נאך איידער די מלחמה האט זיך געענדיקט, איז אין לאנדאן געמאכט געווארן אן התחלה איינצושטעלן א קרובים־געזוכט ביורא. שפעטער נאך דער מלחמה, האבן ענלעכע ארגאניזאציעס אין פארשיידענע לענדער פאראייניקט זייערע טעטיקייטן אונטער דער אויפזיכט פון דער אינטערנאציאנאלער הילפס־געזעלשאפט פון די פאראייניקטע פעלקער און עווענטועל, אין 1948, איז געשאפן געווארן דער ,,אינטערנאשיאנאל טרעיסינג סערוויס״. אין א באריכט וועגן דער ארבעט פון דער ארגאניזאציע, אפגעגעבן אין 1947, איז פארנאטירט געווארן, אז עס ווערן ארומגעזוכט ארום דריי מיליאן פערזאן. דער גרעסטער טייל זענען מסתמא געווען טויט, אבער עס זענען ניט געווען קיינע אפיציעלע באווייזן, און סוף־כל־סוף האט מען עס געמוזט אפיציעל פעסטשטעלן. די ביורא האט אויך געהאט די גרויסע אויפגאבע פעסטצושטעלן דעם ציווילן סטאטוס פון די צענדליקער טויזנטער קינדער וועלכע זענען געווען אפגעריסן פון זייערע משפחות. פארשטענדלעך, דער עווענטועלער ציל איז געווען, אויב מעגלעך, צו פאראייניקן זיי מיט זייערע פאמיליעס.

אין קאנאדע, צווישן דער אידישער באפעלקערונג, איז די ארבעט איבערגענומען געווארן פון אידישן אימיגראנטן־הילפס־פאראיין, מיט וועלכן עס האבן קאאפערירט אנדערע וואוילטעטיקע ארגאניזאציעס.

די קרובים־געזוכט אפטיילונג פון אימיגראנטן־פאראיין האט געפירט א ביז

גאַר אינטענסיווע טעטיקייט, איבערהויפּט ביים סוף פון דער מלחמה. די אַרבעט פון דער קרובים־געזוכט אָפּטיילונג אין יענער צייט איז בילדעריש כאַראַקטעריזירט געוואָרן אין אַן אַרטיקל פון אַ מאָנטרעאָלער רעפּאָרטער קענעט דזשאָנסאָן, געדרוקט אין דעם „סטענדערד'' פון 31־טן מאַי, 1945. מיר גיבן דאָ איבער אַ פרייע איבערזעצונג פון די וויכטיקסטע פּונקטן פון דעם אַרטיקל וועלכער איז דערשינען אונטער דעם נאָמען „עני ווארירד ?''. מר. דזשאָנסאָן שרייבט:

יעדן זונטיק פרי קומען הונדערטער מענטשן אין ביוראָ פון אידישן אימיגראַנטן פאַראיין צו לייענען און שטודירן די ליסטן וואָס קומען אָן פון אייראָפּע און וועלכע גיבן אָן די נעמען פון די לעבן־געבליבענע אידן. דאָס זעלבע פּאַסירט יעדן טאָג פון דער וואָך. אויף יעדנס ליפּן איז נאָר איין פראַגע: איז דאָ עפּעס נייעס? אפשר איז אימיצער פאַרבליבן פון מיינע קרובים, פריינט און באַקאַנטע?

און פון צייט צו צייט קומט אָן די גוטע בשורה. צווישן די ליסטן פון נעמען פון די איבערגעבליבענע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָדער נעמען פון אידן וואָס האָבן זיך געפונען אין באַהאַלטעניש אין פאַרשיידענע שטעט און זענען באַפרייט געוואָרן דורך די אַליאירטע, דערזעט, דער אָדער יענער, דעם נאָמען פון אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ קאַזין, אַ פריינט. ביים נאָמען איז אויך אָנגעוויזן דער פּלאַץ וואו דער מענטש געפינט זיך און עס ווערט גלייך געמאַכט אַ פאַרבינדונג.

עס קומען אָבער אויך אָן ליסטן מיט נעמען פון מענטשן וועלכע זענען שוין ניט מער צווישן די לעבעדיקע — נעמען פון גאַנצע משפחות מיט אַ טראַגישער, גרויזאַמער, לאַקאָנישער פאַרצייכענונג — טויט.

ווי אַזוי איז די קרובים־געזוכט אַרבעט געטאָן געוואָרן פון אימיגראַנטן־פאַראיין?

קודם כל האָט דער פאַראיין זיך פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע אידישע און ניט־אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע וועלכע האָבן געקענט צושטעלן די נויטיקע אינפאָרמאַציע. נעמען פון מענטשן מיט קורצע פאַרנאָטירונגען וועגן זייער צושטאַנד פלעגן אָנקומען טעגלעך דורך בריוו און טעלעגראַמעס.

עס פלעגן אויך אָנקומען הונדערטער אינדיווידועלע בריוו מיט אָנפראַגעס. צופאַסנדיק פאַרשיידענע אינפאָרמאַציע האָט מען געקענט זייער אָפט שאַפן פאַרבינדונגען צווישן קרובים און פריינט.

דער אימיגראַנטן־פאַראיין האָט אויך אָנגאַזשירט אַ קאַנאַדער צייטונגס־קאָרעספּאָנדענט, וועלכער האָט נאָכגעפאָלגט די אַליאירטע אַרמייען ווי אויך די רוסישע אַרמיי. מען האָט אים געבעטן, אַז אין יעדער באַפרייטער שטאָט וואו ער קומט אַריין, זאָל ער גלייך פעסטשטעלן און טעלעגראַפירן די נעמען פון אידן וועלכע זענען לעבן געבליבן. פון די טעלעגראַמס זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן ליסטן וועלכע זענען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די פאַרשיידענע אָפיסעס פון אימיגראַנטן־פאַראיין אין קאַנאַדע און אויך אין די שטאַטן.

אַ נאָמען־קאַרטאָטעק איז איינגעפירט געוואָרן אַזוי, אַז פאַרשיידענע אינ־פאָרמאַציע וועגן משפחות זאָל קאָאָרדינירט ווערן.

דער שרייבער פון די שורות וויל דאָ דערציילן, אין קורצן איין פאַל, וואָס ער האָט פּערזענלעך דורכגעלעבט.

סוף 1947 זענען קיין קאַנאַדע אָנגעקומען אַ גרופּע יוגנטלעכע אימיגראַנטן מיט וועלכע דער מחבר האָט זיך צייטווייליג באַשעפטיגט אין העלפן זיי זיך איינצוואָרדענען אין לאַנד.

אין אָנהויב 1948 איז אין ביוראָ פון אימיגראַנטן־פאַראיין אַריינגעקומען אַ פרוי וועלכע איז ערשט געקומען קיין קאַנאַדע מיט אַ פּאָר וואָכן פריער. זי האָט זיך געוואָלט דורכרעדן וועגן אייניקע ענינים פון אימיגראַציע. אין משך פון דעם שמועס מיט דער פרוי, איז דעם מחבר איינגעפאַלן אַז די פרוי איז ענלעך צו איינעם פון די יוגנטלעכע וועלכע זענען געקומען מיט עטלעכע מאָנאַטן פריער. נאָכפאָרשנדיק פון וואַנען די פרוי קומט, משפחה, אאַ״וו, איז געוואַקסן דאָס געפיל אַז צווישן די צוויי איז עפּעס פאַראַן אַ שייכות. עס איז אָבער אויך געווען קלאָר, אַז די פרוי זאָגט ניט דעם גאַנצן אמת וועגן זיך. האָט דער מחבר באַשלאָסן אָוועקצולייגן די קאָרטן אויפן טיש, און האָט געזאָגט דער פרוי אַז עס געפינט זיך אין קאַנאַדע אַ יוגנטלעכער, זייער ענלעך צו איר, און עס זעט אויס, אַז זיי קומען פון דעם זעלבן געגנט. מען האָט גלייך געקענט באַמערקן אַז די פרוי איז געוואָרן אָן אויפגעציטערטע. דער שמועס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ באַמערקונג, אַז אויב זי וויל זען דעם יוגנטלעכן, קען זי אים טרעפן אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, זענען געווען גוטע סיבות פאַרוואָס די פרוי האָט ניט געוואָלט רעדן און דערציילן וועגן זיך. דאָס איז אַ חוץ המעשה.

די פרוי איז אָבער גלייך געגאַנגען זען דעם יוגנטלעכן און מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דאָס איז איר זון וועמען זי האָט פאַרלאָרן אין צייט פון דער מלחמה. זיי האָבן ניט געוואוסט איינע פון די אַנדערע. ביידע האָבן געביטן און געטראָגן פאַרשיידענע נעמען — אָבער די השגחה האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך טרעפן אין קאַנאַדע, דורך אַ צופעליקן געשפּרעך, און דורך אַ געפיל פון אַ פרעמדן מענטשן, אַז עס איז עפּעס דאָ אַ פאַרבינדונג צווישן די צוויי.

(צוויי־און־פערציקסטער קאַפּיטל)

די געשיכטע מיט די פּוילישע סאָלדאַטן

אין יולי 1946 האָבן די קאַנאַדער אויטאָריטעטן באַוויליקט אַריינצולאָזן אין לאַנד אַ גרופּע אימיגראַנטן וועלכע זענען באַשטאַנען פון געוועזענע סאָלדאַטן פון דער פּוילישער גלות־אַרמיי אַנגעפירט פון גענעראַל אַנדערס. דאָס איז געווען די אַרמיי וועלכע איז מאָביליזירט געוואָרן און האָט געקעמפט מיט די אַליאירטע נאָכדעם ווי פּוילן איז שוין צעקוועטשט געוואָרן אונטער דער נאַצישער מיליטער־רישער מאַשין. נאָך דעם סוף פון דער מלחמה, ווען די אַרמיי איז דעמאָביליזירט געוואָרן, האָט מען געדאַרפט געפינען אַ וועג פאַר דער ציווילער איינאָרדנונג פון די זעלנער. קאַנאַדע האָט צוגעזאָגט אַריינצולאָזן עטלעכע טויזנט סאָלדאַטן. דער תנאי פון זייער אַריינקומען אין לאַנד איז געווען אַז זיי מוזן אַרבעטן אויף פאַרמס אין משך פון צוויי יאָר, און נאָכדעם, וועט מען באַטראַכטן צי מען וועט זיי דערלויבן פאַרבלייבן אין לאַנד פּערמאַנענט. עס איז כדאי אויך צו פאַרנאָטירן, אַז כאָטש דער אימיגראַציע־פּראָיעקט האָט געטראָגן אַ גרופּן־כאַראַקטער, דאָס הייסט די אימיגראַנטן זענען אַלע געווען פון איין קאַטעגאָריע, דאָך איז יעדער פאַל באַהאַנדעלט געוואָרן באַזונדער. מיט דעם האָט זיך די רעגירונג באַוואָרנט אַז אויב נאָך די צוויי יאָר אַרבעט אויף אַ פאַרם וועט די אויפפירונג פון דעם אָדער יענעם יחיד פון דער גרופּע ניט זיין אין איינקלאַנג מיט קאַנאַדער אינטערעסן, קען מען אים בעטן מחילה און פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דאָס איז אויך מסתמא געווען איינע פון די סיבות פאַרוואָס מען האָט זיי נאָר דערלויבט אַריינקומען אויף אַ צייטווייליקן אופן. אַ צווייטע סיבה האָט מער געהאַט צו טאָן מיט עפנטלעכער מיינונג און די דעמאָלטדיקע אימיגראַציע־געזעצן. אַריינלאָזן זיי אַלס נאָרמאַלע אימיגראַנטן איז געווען אַ ביסל שווערלעך, און וואָלט מען זיי יאָ אַריינגעלאָזן, וואָלט זיך זיכער אויפגעהויבן אַ ויצעקו: סטייטש, פאַרוואָס זיי יאָ, און אַנדערע נישט! איז געבליבן אַז מען זאָל זיי אַריינלאָזן אויף אַ צייטווייליקן פּערמיט. זיי וועלן קודם כל דערפילן אַ וויכטיקע עקאָנאָמישע נויט אין לאַנד אין צושטעלן אַרבעטס־הענט אין דער אַגריקולטור־אינדוסטריע און נאָך צוויי יאָר וועט מען ווייטער זען וואָס מען האָט צו טאָן. עס איז אָבער אויך קלאָר געווען, אַז, אפשר מיט געוויסע קליינע אויסנאַמען, וועט מען זיי שוין פון לאַנד ניט צוריקשיקן. דעריבער, פון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט, האָט מען דעם פּלאַן געקענט באַטראַכטן אַלס אַן אימיגראַציע־פּראָיעקט. דורך אגב, אונטער דעם דאָזיקן פּלאַן האָט מען עווענטועל אַריינגעלאָזן קיין קאַנאַדע 4,527 נפשות.

די רעאַליזירונג פון דעם פּראָיעקט מיט די פּוילישע זעלנער האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט די קאַנאַדער אידישע קהילה, ווייל מען האָט געוואוסט אַז אין דער פּוילישער גלות־אַרמיי האָבן זיך געפונען אַ גרעסערע צאָל אידן. דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס און דער אימיגראַנטן־פאַראיין האָבן תיכף גענומען די נויטיקע שריט, אַז די אידישע סאָלדאַטן זאָלן אויך האָבן אַ מעגלעכקייט צו אַפּליקירן פאַר אַריינקומען אין לאַנד. מען האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט די

אויטאָריטעטן, מען האָט אויך קענטיק גערעדט מיט דעם אַמבאַסאַדאָר פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג, ווי אויך מיט אַנדערע פּערזאָנען וועלכע האָבן געקענט האָבן אַ דעה אין דעם ענין.

דער אויבנאויפיקער אַפּרוף איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען זייער אַ פּאָזיטיווער. אין איינעם פון די באַריכטן צוגעשטעלט צום דירעקטאָרן־ראַט פון אימיגראַנטן־פּאַראיין אין 1946, ווערט אָנגעצייכנט, אַז מען האָט דערוואַרט אַז אַרום צען פּראָצענט פון אַלע אימיגראַנטן אונטער דעם פּוילישן זעלנער־פּראָיעקט זאָלן זיין אידן. מען האָט אַפילו גענומען מאַכן הכנות זיי מקבל פנים צו זיין. אָבער עס האָט ניט גענומען לאַנג און מען האָט אויסגעפונען, אַז די לאַגע איז געווען גאָר אַנדערש. ווי שוין פריער אָנגעוויזן, האָט די צאָל זעלנער וועלכע זענען אַריינגעקומען אונטער דעם פּראָיעקט באַטראָפן 4,527 פּערזאָן. די צאָל אידן צווישן זיי איז אָבער געווען אַ נישטיקע. ווען מ. גאַרבער, דער באַקאַנטער מאָנטרעאַלער אַדוואָקאַט און וויצע־פּרעזידענט פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, איז אויפגעטראָטן, אין מאַי 1947, פאַר דעם אימיגראַציע־קאָמיטעט פון דעם קאַנאַדער סענאַט, האָט ער אָנגעוויזן אויף דער אַבנאָרמאַלער לאַגע בנוגע די אידישע זעלנער. מר. גאַרבער האָט דערציילט, אַז אין דעם פּוילישן זעלנער־פּראָיעקט, דעם גרעסטן אימיגראַציע גרופּן־פּראָיעקט אין קאַנאַדע אין יענעם צייט־אָפּשניט, זענען פון די 2900 סאָלדאַטן וועלכע מען האָט ביז דאַן אַריינגעלאָזן, געווען בלויז דריי אידן. מר. גאַרבער האָט געזאָגט אַז ער וויל ניט קריטיקירן דעם פּראָיעקט, אָבער ער וויל אויפווייזן אַז עס איז עפּעס ניט גלאַטיק מיט דעם פאַקט וואָס צווישן 2900 זעלנער זענען געווען נאָר 3 אידן, אין דער צייט ווען אַ גרעסערע צאָל אידישע סאָלדאַטן זענען געווען אין דער פּוילישער אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס. סאָל העיז, דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון קאָנגרעס, אויפטרעטנדיק ביי דער זיצונג פון דעמזעלבן סענאַט־קאָמיטעט האָט אָנגעוויזן, אַז ווי עס זעט אויס, זענען עס ניט געווען די קאַנאַדער אימיגראַציע־באַאַמטע וועלכע האָבן דיסקרימינירט קעגן אידן. די דיסקרימינאַציע איז קענטיק געווען מצד די פּוילישע אָפיצירן, וועלכע האָבן אָפּגעזאָגט די נויטיקע דערלויבעניש צו די אידישע סאָלדאַטן זיך צוצושטעלן צום קאַנאַדער אימיגראַציע־אַמט אָנצוגעבן זייערע אַפּליקאַציעס. דער זעלבער פּרעלעגענט גיט אויך אָן אַז לויט פאַרלעסלעכער אינפאָרמאַציע, זענען געווען ווינציקסטנס פופציק אידישע זעלנער וועלכע זענען געווען קוואַליפיצירט און וואָלטן אָנגענומען געוואָרן פון קאַנאַדע, אָבער, ווי געזאָגט, מען האָט זיי אַפילו ניט דערלויבט צו אַפּליקירן.

דערווייל האָט דער אימיגראַנטן־פּאַראיין אינטערוועניִרט לטובת אַ גרופּע פון אַרום פופציק אידישע זעלנער פון דער פּוילישער גלות־אַרמיי, וועלכע זענען אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה טריינירט געוואָרן אין קאַנאַדע און זענען נאָכער געשיקט געוואָרן מעבר־לים. די אינטערווענץ איז פּאָזיטיוו באַטראַכט געוואָרן פון די אויטאָריטעטן און אַ צאָל זענען שפּעטער אָנגעקומען קיין קאַנאַדע.

גלייכצייטיק איז אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע אַרבעט אַרויסצוהעלפן אין דער אונטערשטיצונג פון אינדיווידועלע אַפּליקאַציעס. דער קאַרדינאַלער מאָטיוו אין דער אַרבעט פון אימיגראַנטן־פּאַראיין איז געווען דער געדאַנק, אַז אַן אימיגראַנטן־וויזע טאָר ניט פאַרלאָרן גיין, ווייל אַן אימיגראַנטן־וויזע מיינט רעטונג פאַר אַ משפחה.

די פאָלגנדע טאַבעלע גיט אַ באַגריף װעגן דער אַלגעמײנער און אידישער אימיגראַציע קײן קאַנאַדע אין די מלחמה־יאָרן:

פיסקאַלער יאָר	אַלג. אימיגראַציע	אידישע אימיגראַציע
1940 — 1941	11,496	626
1941 — 1942	8,865	388
1942 — 1943	7,445	270
1943 — 1944	9,040	238
1944 — 1945	15,306	330
1945 — 1946	31,081	1,713

(דריי־און־פערציקסטער קאַפּיטל)

פון מאַי 1946 ביז מאַי 1947

אין מאַי 1946 האָט די קאַנאַדער רעגירונג אַרויסגעגעבן אַן אָרדער־איך־קאָונסיל, פּי.סי.2071, וועלכער איז אַמענדירט געוואָרן אין יאַנואַר 1947 דורך אַן אָרדער־אין־קאָונסיל, פּי.סי. 371. דורך די צוויי אויבנדערמאָנטע פאַראָרדנונגען האָט די קאַנאַדער רעגירונג אַביסל געעפנט די אימיגראַציע־טיר אין קאַנאַדע. די שפּאַרונקע איז געווען אַ קליינע, אָבער דאָך האָט די פאַרגליווערטקייט פון די קאַנאַדער אימיגראַציע־געזעצן גענומען עטוואָס אַפּלאַזן. לויט די נייע פאַראָרדענונגען, זענען די אימיגראַנטן־קאַטעגאָריעס עטוואָס פאַרברייטערט געוואָרן, און אַפּליקאַציעס זענען באַטראַכט געוואָרן פאַר די פאָלגענדע אימיגראַנטן־קאַטעגאָריעס :

א) פרויען, אומפאַרהייראַטע קינדער, ברידער און שוועסטער, עלטערן, טעכטער אָדער שוועסטער וועלכע זענען געווען אַלמנות מיט זייערע קינדער אונטער אַכצן יאָר. די אַפּליקאַנטן האָבן געמוזט זיין קאַנאַדער איינוואוינער, וועלכע זענען לעגאַל אַריינגעקומען אין לאַנד, און וועלכע האָבן געקענט אויפווייזן אַז זיי קענען אויס־האַלטן זייערע קרובים.

ב) פאַרמערס, וועלכע האָבן געקענט אויפווייזן אַז זיי האָבן גענוג מיטלען צו קויפן און באַאַרבעטן אַ פאַרם אין קאַנאַדע.

ג) פאַרמערס וועלכע קומען צו אַ פאָטער, שווער, זון, איידעם, ברודער, שוואָגער, פעטער אָדער פלימעניק. די אַפּליקאַנטן האָבן געמוזט זיין פאַרמערס, אַקטיוו אָנפירן מיט אַ פאַרם אין קאַנאַדע, און האָבן געמוזט באַווייזן אַז זיי קענען אויפ־נעמען דעם אָנקומענדיגן אימיגראַנט און באַזעצן אים אָדער ביי זיך אויף דער פאַרם אָדער באַזאָרגן אים מיט אַ נייער פאַרם.

ד) אַ פאַרם־אַרבעטער וועלכער קומט קיין קאַנאַדע צו אַ פאַרזיכערטן אַר־בעטס־פּלאַץ צו אַרבעטן אויף אַ פאַרם.

ה) אַרבעטער, וועלכע האָבן דערפאַרונג אין מינער־גרובן, וואַלד־אַרבעט אָדער געהילץ־אַרבעט, און וועלכע קומען קיין קאַנאַדע צו אַ פאַרזיכערטן אַרבעטס־פּלאַץ אין די אויבן־דערמאָנטע אינדוסטריעס.

מיר האָבן בכיוון אַביסל ברייטער באַשריבן די אַריינלאָזבאַרע קאַטעגאָריעס פון אימיגראַנטן, כדי צו האָבן אַ בעסערן באַגריף ווי אַזוי זיי האָבן זיך אָפּגערופן אויף דער אידישער אימיגראַציע. עס איז קיין פראַגע ניט אַז די נייע אימיגראַציע־פאַראָרדענונגען זענען געווען פיל ברייטער אין פאַרגלייך מיט די רעגולאַציעס פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָבער ליידער, בנוגע דער אידישער אימיגראַציע האָבן זיי ניט געהאַט דעם זעלבן עפעקט, ווי זיי האָבן אויסגעאיבט אויף דער אַלגעמיינער אימיגראַציע. ניט אומזיסט איז ביים דירעקטאָרן־ראַט פון אידישן אימיגראַציע־פאַריין פון סעפּטעמבער 1946, אויסגעדריקט געוואָרן די מיינונג אַז די ווירקונג פון די נייע פאַראָרדענונגען, לגבי דער אידישער אימיגראַציע איז

אַ מינימאַלע, און איז ניט אין איינקלאַנג מיט די אידישע אימיגראַציע־נויטן פון יענער צייט.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי געווען?

פון די פינף אימיגראַנטן־קאַטעגאָריעס פון די נייע רעגולאַציעס וואָס מיר האָבן פריער אָנגעגעבן, זענען פיר קאַטעגאָריעס געווען אָנגעווענדט נאָר אין באַצוג צו די פאַרמערס, מינען־אַרבעטער אָדער וואַלד־אַרבעטער. עס איז קלאָר, אַז צווישן די פּאָטענציעלע אידישע אימיגראַנטן זענען געווען זייער, זייער ווייניק אַזעלכע וועלכע האָבן געקענט נאָכקומען די רעגולאַציעס. דער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פון די אידישע אימיגראַנטן איז ניט געווען פאַרטראַטן אין פאַרמעריי, מינען־אַרבעט אָדער וואַלד־אַרבעט. אייניגע זענען יאָ אויף דעם אופן אַריינגעקומען, אָבער זייער צאָל איז געווען מינימאַל.

איז געבליבן נאָר איין פּונקט, און דאָס איז די פאַרברייטערונג פון דער קרובים־קאַטעגאָריע, לויט וועלכער קאַנאַדער איינוואוינער האָבן געקענט אַפּליקירן פאַר פרויען, אומפאַרהייראַטע קינדער, ברידער, שוועסטער א.אז.וו. איז אָבער די אידישע טראַגעדיע געווען אין דעם וואָס מיליאָנען אידישע ברידער, שוועסטער, עלטערן, א.אז.וו. זענען פאַרטיליגט געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און קרעמאַטאָריעס. אַ געוויסע אויספאָרשונג וועלכע איז פונעם אימיגראַנטן־פאַריין געמאַכט געוואָרן אין יענער צייט, האָט באַוויזן אַז טעאָרעטיש האָבן די קאַנאַדער קרובים געקענט אַפּליקירן פאַר וואָסערע טויזנט אימיגראַנטן, וועלכע וואָלטן אפשר געקענט נאָכקומען די פאַרברייטערטע קרובים־קאַטעגאָריע. דאָס זעלבע איז אָבער ניט געווען גילטיק פאַר אַנדערע עטנישע גרופּן — רוסן, פּאָליאַקן, אוקראַינער, א.אז.וו. זיי האָבן אויך פאַרלאָרן אַ סך עלטערן, ברידער און שוועסטער, אָבער קודם כל איז זייער פּאָטענציעלער רעזערוו פון אימיגראַנטן געווען אַ סך גרעסער, ווייל פּשוט נומעריש זענען זיי געווען פיל מער פון אידן. און צווייטנס, זייערע פאַרלוסטן זענען געווען קרבנות פון דער מלחמה אָבער אין קיין גאַז־קאַמערן האָט מען זיי ניט געשלעפּט.

קען מען די רעגולאַציעס באַטראַכטן אלס דיסקרימינאַטאָרישע טענדענצן לגבי אידן?

דער ענטפער איז: ניין. אָפיציעל זענען די קאַנאַדער געזעצן פון יענער צייט זיכער ניט געווען דיסקרימינאַטאָריש קעגן דעם אידישן אימיגראַנט. אין פּראַקטיק אָבער איז אַזאַ דיסקרימינאַציע יאָ געווען. די דיסקרימינאַציע איז אָבער געווען אַ דירעקטער פּועל יוצא פון דער לאַגע וועלכע האָט באַשרענקט די דעמאָלסטיקע אימיגראַציע־מעגליכקייטן, נאָר צו באַשטימטע קאַטעגאָריעס פון קרובים און נאָר צו ספּעציפישע אַגריקולטורעלע און וואַלד־אַרבעט־באַשעפטיקונגען, צווישן וועלכע די אידן זענען געווען ווייניק פאַרטראַטן.

עס איז אָבער אויך קלאָר געווען, אַז קאַנאַדע און אַנדערע לענדער, וועלן מוזן סוף־כל־סוף געבן אַן ענטפער צום פּראָבלעם פון די טויזנטער אויסגעוואָרצלטע אין אייראָפּע. די קאַנאַדער עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג האָט אויך געפאָדערט נייע

אַרבעטס־הענט. אין לאַנד האָט זיך גענומען אַנטוויקלען און וואַקסן אַ פּראָ־אימיגראַציע־שטימונג. דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס און דער אידישער אימיגראַנטן־פאַריין האָבן בייגעטראָגן זייער חלק אין ברענגען צו דער אויפמערקזאַמקייט פון דער קאַנאַדער רעגירונג, אַז עס איז נויטיק אַ קאַרדינאַלע רעוויזיע פון די אימיגראַציע־געזעצן. אין וואָרט און שריפט, דורך ספּעציעלע קאָנפערענצן און דעלעגאַציעס, איז נאָכאַנאַנד געהאַמערט געוואָרן דער געדאַנק, אַז די קאַנאַדער אימיגראַציע־געזעצן מוזן ליבעראַליזירט ווערן, אַזוי אַז זיי זאָלן דערמעגלעכן דאָס אַריינקומען אין לאַנד פון גרעסערע צאָלן אימיגראַנטן און אַז אַזאַ אימיגראַציע ליגט אין די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון קאַנאַדע. דער ערשטער סימן פון אַ געביטענער באַציאונג איז געקומען ווען דער קאַנאַדער פּרעמיער־מיניסטער, לייאָן מעקענזי קינג, האָט פּראָקלאַמירט אין קאַנאַדער פּאַרלאַמענט, דעם ערשטן מאַי 1947, אַ נייע קאַנאַדער אימיגראַציע־פּאָליסי. דאָס איז געווען דער בראשית פון דער אימיגראַציע־כוואַליע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

(פיר־און־פערציקסטער קאַפּיטל)

די אויסגעוואָרצלטע (די. פּי.ס)

די צווייטע וועלט־מלחמות האָבן פּראָדוצירט אַ נייעם סאָרט מענטש — ניי פון סאָציאַלן, און ניט ביאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געבוירן דעם שטאָטלאָזן, דעם מענטש אָן בירגערשאַפט אין וועלכן עס איז לאַנד. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אַרויסגעגעבן אַ שטאָטלאָזן מיט אַ סמיטשיק, דעם „דיספּלעיסד פּערסאָן״, דעם אויסגעוואָרצלטן, אָדער ווי מען באַצייכנט אים קורץ, דעם די. פּי. דער די. פּי. איז ניט נאָר געווען שטאָטלאָז נאָר ער איז אויך געווען אויסגעוואָרצלט, אויסגעריסן, זיין גאַנצער מאַטעריעלער, סאָציאַלער און געזעלשאַפטלעכער קיום, צעשטערט און צעשמעטערט.

דער פאַרנעם פון אויסגעוואָרצלטקייט פון דער אייראָפּעאישער באַפעלקערונג אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מיט זיך ניט געהאַט קיין גלייכן. דער דייטשער אַנגריף איבער פאַרשיידענע אייראָפּעאישע לענדער האָט אָנגעהאַלטען ביז 1943. מיליאָנען מענטשן זענען עוואַקואירט געוואָרן, — מענטשן וואָס זענען געלאָפן פון דער נאַצישער פאַרניכטונגס מאַשין. חוץ דעם האָבן די דייטשן פאַרשקלאַפט מיליאָנען מענטשן, וועלכע מען האָט פאַרשלעפּט אין צוואַנגס אַרבעטס־לאַגערן, צו אַרבעטן פאַר דער נאַצישער מלחמה־מאַשין. עס ווערט געשאַצט אַז אין 1943 זענען אין דייטשלאַנד געווען אַרום אַכט מיליאָן שקלאַפן אַרבעטער — רוסן, פּוילישע, פראַנצויזן, סלאָוואַקן, א.אז.וו.

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסן טייל פון אייראָפּע אין חורבות. אָבער דאָס אידישע לעבן איז ניט נאָר רואינירט געוואָרן — אין אַ סך לענדער אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן, און אין אַנדערע אויסגעוואָרצלט, און די אידישע באַפעלקערונג פאַרשניטן. די וואָס זענען פאַרבליבן ביים לעבן זענען געווען היימלאָז, אויסגעוואָרצלט סאָציאַל און פּסיכאָלאָגיש. זיי זענען געווען דער טראַגישער סעקטאָר פון דער מענטשהייט באַקאַנט אַלס די.פּי.׳ס.

נומעריש זענען אידען געווען נאָר אַ טייל פון דער מאַסע פון די אויסגעוואָרצלטע, אָבער אין טערמינען פון אידישן לעבן, איז די אויסגעוואָרצלקייט ביי אידן געווען אומגעהויער גרעסער, דער פאַרניכטונגס פּראָצעס שוידערליכער, און דעריבער דער פּראָבלעם פון רעהאַביליטירן די לעבן־פאַרבליבענע איז אויך געווען ברענענדער. די דייטשע און עסטרייכישע אידן, טויזנטער לעבן־פאַרבליבענע פון אַזעלכע לענדער ווי פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, א.אז.וו., האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט זיך אומקערן צו זייערע היים־לענדער. די ירושה פון אַנטיסעמיטיזם, דער פאַקט וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן זייערע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּאָזיציעס, האָט זיי פּאַקטיש געמאַכט פאַר פליכטלינגע, פאַר די.פּי.׳ס.

די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פאַרזאָרגונג פון די די.פּי.׳ס איז באַלד נאָך דער מלחמה איבערגענומען געוואָרן פון דער „יונייטעד נעישאַנס רעליף ענד רעהאַביליטעישאָן אַדמיניסטרעישאָן״, אין קורצן באַקאַנט אַלס די „אונרא״. די

„אונראַ‟ האָט פונקציאָנירט ביז יוני 1947, און די אַרבעט איז דאַן איבערגעגעבן געוואָרן פון אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע עטאַבלירט פון די פאַראייניקטע פעלקער — די „אינטערנעשאַנאַל רעפיודזשי אָרגאַניזעישאַן‟, אין קורצן באַקאַנט אלס די „איראָ‟.

די גרעסטע צאָל פון די די־פּי־ס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין ספּעציעלע לאַגערן, אָבער אַ סך האָבן געוואוינט אויך אויסער די קעמפּס. ווען די „איראָ‟ האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן אין יוני 1947, זענען דעמאָלט אָפיציעל געווען פאַררעגיסטרירט אַרום 180,000 אידישע די.פּי.־ס, וועלכע האָבן געוואוינט אין דייטשלאַנד און איטאַליע. די צאָל איז אָבער ניט געווען קיין סטאַבילע ווייל נייע פּליכטלינגען פלעגן שטענדיק צוקומען פון אַזעלכע לענדער ווי פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, א.אז.וו. חוץ דעם, זענען אַ צאָל אידן ניט געווען פאַררעגיסטרירט אלס די.פּי.־ס אָבער פאַקטיש זענען זיי געווען אין דער זעלבער לאַגע.

די קאָנסטיטוציע פון דער „איראָ‟ האָט פאָרויסגעזען דריי מעגלעכע לייזונגען צו דעם פּראָבלעם פון די אויסגעוואָרצלטע:

א) אַ מעגליכקייט פון פּערמאַנענטער באַזעצונג אין די לענדער וואו די די.פּי־ס האָבן זיך געפונען. מיט אַנדערע ווערטער מען האָט געפּאָרשט צי אַ טייל פון די די.פּי.ס וועלן קענען פאַרבלייבן און זיך איינאָרדנען אין געוויסע לענדער פון אייראָפּע, אַזוי ווי דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, א.אַז.וו.

ב) רעפּאַטריאַציע פון די אויסגעוואָרצלטע צו זייערע געבורטס־לענדער.

ג) עמיגראַציע — געפינען מעגליכקייטן פון עמיגראַציע מעבר לים פאַר די וואָס מען וועט ניט קענען באַזעצן אין די לענדער פון זייער צייטווייליקן אויפהאַלט אָדער די וועלכע מען וועט ניט קענען רעפּאַטריאירן.

בנוגע אידן זענען די ערשטע צוויי מעגליכקייטן ניט געווען קיין פּראַקטישער אויסוועג. אידן, אין אַלגעמיין, האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט פאַרבלייבן אין לענדער וואו זיי זיינען אויסגעשטאַנען אַזוי פיל צרות און וואו זיי זענען געווען עדות צו דער פאַרניכטונג פון זייער פלייש און בלוט, זייער אייגענטום און האָב און גוטס. רעפּאַטריאַציע צו די געבורטס־לענדער איז אויך געווען ניט פּראַקטיש צוליב די זעלבע טעמים — רעפּאַטריאַציע וואוהין? צו די חורבות, צו די מאַסן־קברים?

אַזוי אַרום, סיי צוליב פּסיכאָלאָגישע און סיי צוליב סאָציאַלע סיבות, איז דער הויפּט אויסוועג פאַרבליבן עמיגראַציע. אמת, אַ טייל אידן האָבן יאָ אויסגענוצט די ערשטע צוויי מעגליכקייטן, אָבער זייער צאָל איז געווען ניט גרויס. דאָס זענען געווען די אידן פון פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע, דענמאַרק, נאָרוועגיע, א.אז.וו. אידן, מיט קליינע אויסנאַמען, האָבן ניט געוואָלט פאַרבלייבן אין דייטשלאַנד אָדער עסטרייך. איטאַליע איז אין אַלגעמיין געווען איבערבאַפעלקערט. אומקערן זיך קיין פּוילן, רומעניע? זיכער אויך ניט. דער סך הכל איז געווען קלאָר. דער איינציקער אויסוועג פאַר זייער רעהאַביליטירונג איז געווען עמיגראַציע.

דער ענטפער פון די מערב־לענדער אויף די עמיגראַציע־נויטן פון די די. פּי.־ס

איז גלייך ניט געקומען. עס זענען דורכגעגאַנגען עטליכע יאָר ביז וואַנען עס האָט זיך גענומען עפּעס רירן. דערווייל זענען די לעבנגעבליבענע געזעסן אין די לאַגערן, ניט וויסנדיק וואָס וועט מיט זיי זיין. זיי האָבן געוואַרט און געוואַרט.

דער עמיגראַציע־שטראָם האָט זיך אָנגעהויבן אין 1947. די דריי לענדער וועל־כע האָבן אויפגענומען די גרעסטע צאָל די.פּי.׳ס זענען געווען די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און אויסטראַליע. בנוגע אידישער עמיגראַציע, חוץ די דריי אויבנדערמאַנטע לענדער, איז דאָס הויפּט לאַנד פון אימיגראַציע געווען ישראל. פון אַ אידישער באַפעלקערונג פון אַרום 24,000 אין יאָר 1882, האָט ישראל, אין 1951, פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון 1,405,000. אין די יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ישראל אַבזאָרבירט מער פליכטלינגע און די.פּי.׳ס ווי וועלכע עס איז אַנדער לאַנד.

קאַנאַדע האָט זיך אויך גענומען גרייטן אויפצונעמען אַ שטראָם פון אימיגראַנטן, און די אידישע קהילה האָט זיך געגרייט און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם אָנקומען פון די אידישע אויסגעוואַרצלטע, די. פּי.׳ס און פליכטלינגען.

(פינף־און־פערציקסטער קאַפּיטל)

די קאַנאַדער אימיגראַציע־פּאָליטיק נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה

פון 1947 אָן איז קאַנאַדע געווען איינע פון די וויכטיקסטע אימיגראַציע־לענדער. די טויערן פון קאַנאַדע האָבן זיך באַדייטנד געעפנט און גאָר אַ גרויסע צאָל אימיגראַנטן זענען אַריינגעקומען אין לאַנד.

אויבן־אויף קען זיך אויסדוכטן, אַז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך געביטן די קאַנאַדער אימיגראַציע־פּאָליטיק. פּאַקטיש אָבער האָט זיך דער קאַר־דינאַלער פּרינציפּ פון דער פּאָליטיק ניט געביטן. וואָס האָט זיך יאָ געביטן זענען געווען די אומשטענדן וועלכע האָבן בייגעטראָגן צו אַ ברייטערער אימיגראַציע אין די ערשטע פינף יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין אַלגעמיין, דער קאַרדינאַלער יסוד פון דער קאַנאַדער אימיגראַציע־פּאָליטיק איז שטענדיק געווען דער פּרינציפּ אַז אימיגראַציע איז אַן אינערלעכער ענין און מוז אָנגעפירט ווערן לויט די אינטערעסן פון קאַנאַדע. פאַרשטענדלעך, עס האָבן געקענט זיין פאַרשיידענע אויסטייטשונגען וואָס עס ליגט אין די אינטערעסן פון קאַנאַדע. אינטערעסן פון קאַנאַדע האָט אויך געקענט מיינען ניט נאָר די שטרענג עקאָנאָמישע נויטן פון לאַנד, נאָר עס האָט אויך געקענט אַריינגעמען אַ ברייטערן הומאַניטאַרן צוגאַנג צו געוויסע באַפעלקערונגס־פּראָבלעמען. ווי עס זאָל ניט זיין, און וואָס פאַר אַן אויסנאַמען מען זאָל ניט האָבן געמאַכט פון צייט צו צייט בנוגע אימיגראַציע, דער קאַרדינאַלער קורס פון נאַציאָנאַלן זעלבסט־אינטערעס האָט שטענדיק דאָמינירט דעם צוגאַנג צו אימיגראַציע־פּראָבלעמען אין קאַנאַדע.

דער יסוד פון דער קאַנאַדער נאָך־מלחמה פּאָליטיק, איז דערקלערט געוואָרן אין אַ סטייטמענט געמאַכט פון וויליאַם מעקענזי קינג, דעם פּרעמיער־מיניסטער פון קאַנאַדע, דעם 1־טן מאַי 1947, אין קאַנאַדער פּאַרלאַמענט. דער פּרעמיער מיניסטער האָט געזאָגט אַז קאַנאַדע וועט זיך באַטייליקן אין אַ ברייטערן פּראָגראַם פון אַריינגעמען אַ גרעסערע צאָל פון די־פּיס. ער האָט אָבער גלייכצייטיק אָנגעוויזן, אַז די קאַנאַדער אימיגראַציע־פּראָגראַם דאַרף באַטראַכט ווערן אין טערמינען פון דער צוקונפט פון לאַנד און מוז דעריבער זיין באַזירט אויף לאַנג־טערמיניקע יסודות. ער האָט פאַרעפנטלעכט די פאָלגנדע צילן פון דער קאַנאַדער אימיגראַציע־פּאָליטיק:

א) פאַרגרעסערונג פון דער קאַנאַדער באַפעלקערונג. אַ פאַרגרעסערטע באַפעלקערונג איז נויטיק כדי צו אַנטוויקלען די נאַטירלעכע רייכטימער פון לאַנד און כדי צו פאַרגרעסערן די צאָל פון פאַרברויכער אין קאַנאַדע און אַזוי אַרום אַנטוויקלען אַ מער אינטענסיוון אינערלעכן מאַרק, וואָס וועט דורך אַגב פאַרקלענערן קאַנאַדע׳ס אָפּהענגיקייט פון עקספּאָרט־האַנדל.

ב) דער אָפּקלייב פון אימיגראַנטן וועט געמאַכט ווערן זייער פאָרזיכטיק, דאָס אַריינקומען קיין קאַנאַדע אַלס אַן אימיגראַנט דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ פּריווילעגיע, און איז אָפּהענגיק פון דער אינערלעכער פּאָליטיק פון לאַנד.

עס איז ניט קיין פונדאַמענטאַל רעכט פון אַ פרעמד־געבוירענעם אַריינצוקומען קיין קאַנאַדע.

ג) די צאָל אימיגראַנטן וואָס וועלן אַריינגעלאָזן ווערן אין קאַנאַדע וועט זיין אָפּהענגיק אָן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד אויפצונעמען נייע אימיגראַנטן. אַזוי ווי די אויפנאַמס־פעאיקייט פון לאַנד צו אַבזאָרבירן אימיגראַנטן איז אַ פּועל יוצא פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, און אַזוי ווי די עקאָנאָמישע לאַגע קען זיך בייטן פון יאָר צו יאָר, וועט אויך די צאָל אַריינלאָזבאַרע אימיגראַנטן זיך ענדערן פון יאָר צו יאָר.

אָט די הויפּט־מאָמענטן פון דער קאַנאַדער אימיגראַציע־פּאָליטיק, פּראָקלאַמירט אין מאַי 1947, האָבן אָנגעהאַלטן אין משך פון די נאָך־מלחמה־יאָרן. אין אַן אָפיציעלן באַריכט פון קאַנאַדער אימיגראַציע־אַמט, אַרויסגעגעבן אין נאָוועמבער 1957, ווערט געזאָגט ווי פאָלגט: „קאַנאַדעס נאָך־מלחמה אימיגראַציע־פּאָליטיק האָט געצילט צו פאַרגרעסערן די קאַנאַדער באַפעלקערונג דורך דערמוטיקן אימיגראַציע, אָבער ניט ענדערנדיק דעם פונדאַמענטאַלן כאַראַקטער פון קאַנאַדער פאָלק. די רעגירונג האָט זיך באַמיט דורך לעגיסלאַציע, רעגולאַציעס און עפעקטיוועד אַדמיניסטראַציע, צו באַזאָרגן אַ פאַרזיכטיקערן אָפּקלייב פון אימיגראַנטן, אין צאָלן וואָס זענען ענג אַנטשפּרעכנד צו דער אויפנאַמס־קאַפּאַציטעט פון לאַנד״.

נאָך דער פּראָקלאַמאַציע פון דעם פּרעמיער־מיניסטער זענען באַלד גענומען געוואָרן אַ צאָל שריט לעבעדיק צו מאַכן די נייע אימיגראַציע־פּאָליטיק. דער קאַנאַדער אימיגראַציע־אַמט, וועלכער איז אין דער צייט פון דער מלחמה שטאַרק רעדוצירט געוואָרן, איז סיי פאַרגרעסערט און אויך פאַרשטאַרקט געוואָרן. עס זענען פאַרברייטערט געוואָרן די אַריינלאָזבאַרע קאַטעגאָריעס פון קרובים. אַ ספּעציעלע פאַראָרדענונג איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן וועגן אַריינלאָזן דרייסיק טויזנט אימיגראַנטן פון די די־פּי לאַגערן אין אייראָפּע.

ביים סוף פון דער מלחמה האָט מען די ערשטע אויפמערקזאַמקייט געשענקט צו די קינדער, פרויען און כלות פון די קאַנאַדער סאָלדאַטן וועלכע האָבן חתונה געהאַט זייענדיק מעבר לים. אַזוי צום ביישפּיל, אין 1946, פון דער צאָל 71,719 אימיגראַנטן וועלכע זענען אין דעם יאָר אַריינגעקומען אין לאַנד, זענען 64,451 געווען אימיגראַנטן פון דער אויבנדערמאָנטער קאַטעגאָריע. נאָכער זענען געקומען פאַרשיידענע אַנדערע פּראָיעקטן, ווי דער פּוילישער סאָלדאַטן־פּראָיעקט; פאַרמערס פון האָלאַנד — אונטער דעם פּראָיעקט זענען עווענטועל אַריינגעקומען 15,000 מענטשן, אאַ״וו.

דער קאַנאַדער אימיגראַציע־מיניסטעריום האָט אויך עטאַבלירט אַ נייע אָפּטיילונג — דעם „סעטלמענט דעפּאַרטמענט״. די נייע אָפּטיילונג איז געוואָרן פאַראַנטוואָרטלעך אַרויסצוהעלפן די ניי־געקומענע אין געפינען אַרבעט, פאַרטיילן זיי אין פאַרשיידענע געגנטן פון לאַנד וואו זיי קענען אַמגינסטיקסטן קריגן באַשעפטיקונג, פאַרטיילן צייטווייליקע שטיצע מיט אכסניה און שפּייז אויב דער אימיגראַנט איז פאַרבליבן אָבסאָלוט אָן מיטלען, אאַ״וו. דער סעטלמענט־דעפּאַרטמענט איז עטאַבלירט געוואָרן אין 1948. אין דעמזעלבן יאָר האָבן פּראָנצויזיש־געבוירענע

בירגער באַקומען דיזעלבע רעכט פון אימיגראַציע ווי די בריטישע בירגער, ד.ה., זייער אַריינקומען אין לאַנד האָט זיך אָנגעשטויסן אויף זייער ווייניק שווערקייטן.

אין יולי 1950 זענען די אימיגראַציע־רעגולאַציעס נאָך מער פאַרברייטערט געוואָרן און יעדער איינער וואָס האָט געקענט באַפרידיקן די רעגירונג אַז זיי זענען אַ פּאַסיקער אימיגראַנטן־עלעמענט און אַז זיי קענען נאָכקומען געוויסע צופּאַסונגס־באַדינגונגען, האָט געקענט אַפּליקירן פאַר אַ וויזע.

אין סעפּטעמבער 1950 האָבן דייטשע בירגער באַקומען דאָס רעכט צו אַפּליקירן פאַר קאַנאַדער אימיגראַציע. ביז דאַן זענען זיי באַטראַכט געוואָרן אַלס „שונאים״ עלעמענט, און האָבן ניט געקענט קריגן קיין וויזעס.

אין יאַנואַר 1950 איז דער אימיגראַציע־אַמט, וועלכער איז ביז דעמאָלט געווען אַן אָפּטיילונג פון דעם „דעפּאַרטמענט אָוו מאַינס ענד רעזאָרסעס״, געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקער מיניסטעריום באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „דעפּאַרט־מענט אָף סיטיזענשיפּ ענד אימיגריישן״.

אָט די אַלע איבערמאַנטע מיטלען זענען אָנגענומען געוואָרען כדי צו סטימולירן אימיגראַציע. דער טעמפּאָ, און די דערמוטיקנדיקע באַציאונג האָט אָנגעהאַלטן ביז סוף פון 1952, ווען עס זענען נאָכאַמאָל איינגעפירט געוואָרן געוויסע באַשרענקונגען. אין דער זעלבער צייט האָט די אינטערנאַציאָנאַלע פּליכטלינג־אָרגאַניזאַציע, די „אירא״, פאַרענדיקט אירע אַקטיוויטעטן. אַזוי, ווינציקסטנס אָפיציעל, האָט זיך פאַרענדיקט די ערשטע פאַזע פון דער נאָך־מלחמה אימיגראַציע קיין קאַנאַדע — דער די־פּי פּעריאָד. אומאָפיציעל, און איבערהויפּט אין אידישן לעבן, איז דער פּעריאָד גאָר ניט געווען פאַרענדיקט. דער מהלך צווישן טעאָריע און פּראַקטיק איז געבליבן אָפן.

(זעקס־און־פערציקסטער קאַפּיטל)

די דרייפאַכע אויפגאַבע פון אידישער אימיגראַציע הילפס־אַרבעט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה

די דריי הויפט־עיקרים פון דער אידישער אימיגראַציע־אַרבעט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען געווען רעטונג, רעהאַביליטאַציע, און אַ מעגלעכקייט פון אימיגראַציע צו אַ לאַנד וואו דער אידישער אויסגעוואָרצלטער האָט געקאָנט ווידער אויפבויען זיין צעבראָכן לעבן. אָט דער דרייפאַכער ציל האָט דורכגעפלאָכטן דעם מהות פון דער אידישער אימיגראַציע־אַרבעט אין קאַנאַדע. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן מיט ערנסטקייט, איבערגעגעבנקייט, פאַרשטענדעניש און אָרגאַניזאַציאָנעל־אַדמיניסטראַטיווער קאָאָרדינירונג. אין דער שפּיץ פון דער אַרבעט זענען געשטאַנען דער אימיגראַנטן הילפס־פאַראיין און דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס, וועלכע זענען פולשטענדיק געשטיצט געוואָרן פון דער גאַנצער אידישער קהילה אין קאַנאַדע. אימיגראַנטן הילפס־אַרבעט איז געווען אַן אינטענסיווע טעטיקייט, געטריבן פון אַ געפיל פון דרינגענדיקייט, אַ געפיל וועלכער איז אויסגעוואַקסן פון דער ספּעציעלער לאַגע פון דער אידישער אויסגעוואָרצלטקייט.

די פליכטלינגען וועלכע האָבן זיך געפונען אין אייראָפּע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה קען מען איינטיילן אין צוויי גרופּן. די ערשטע גרופּע פון אַרום אַ האַלבן מיליאָן זענען געווען פאַר־מלחמה פליכטלינגען. די צווייטע גרופּע, די פליכטלינגען וועלכע זענען געווען קרבנות פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן געציילט אַרום אַכט מיליאָן מענטשן. זיי האָבן זיך געפונען איבערהויפּט אין איטאַליע, דייטשלאַנד און עסטרייך. צווישן זיי זענען געווען רוסן, פּאָליאַקן, אוקראַאינער, רומענער, באַלטן, אאַ״וו. פילע פון די אויסגעוואָרצלטע זענען געווען אין די שקלאַפן אַרבעטס־באַטאַליאָנען פון די נאַציס אָדער די איבערגעבליבענע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

עס ווערט געשאַצט, אַז פון די אַכט מיליאָן די־פּיס, זענען אַרום זיבן מיליאָן רעפּאַטריאירט געוואָרן צו זייערע היים־לענדער אין משך פון דעם ערשטן יאָר נאָך דעם סוף פון דער מלחמה. אַרום אַ מיליאָן מענטשן זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס דעפיניטיוו אַזעלכע וועלכע קענען ניט, אָדער ווילן ניט רעפּאַטריאירט ווערן. צווישן זיי זענען געווען אַ גרויסע צאָל אידישע די־פּיס, סיי אַזעלכע וועלכע האָבן איבערגעלעבט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און סיי אַנדערע וועלכע זענען צוגעשטאַנען צו די רייען פון די־פּיס, לויפנדיק פון דעם פאַרבליבענעם אַנטיסעמיטיזם און די חורבות פון זייערע פריערדיקע היים־לענדער. זיי האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט צוריקקערן זיך צו זייערע היים־לענדער צוליב מורא פאַר רעליגיעזער, פּאָלימישער אָדער ראַסן־פאַרפאָלגונג. זייער אויסגעוואָרצלטקייט איז געווען אַבסאָלוט. פאַר זיי איז געווען נאָר איין וועג פון פיזישער, פּסיכאָלאָגישער אָדער סאָציאַלער רעטונג — דאָס איז געווען עמיגראַציע, איבערפלאַנצן זיך אין אַ נייעם לאַנד וואו מען זאָל קענען אויפסניי זיך רעהאַביליטירן. עמיגראַציע איז געוואָרן דער הויפט־אינסטרומענט פון דעם פּראָצעס. ישראל האָט ברייט אויפ־

גענומען אַ גרויסע צאָל פּליכטלינגען, אָבער עס זענען געווען נויטיק אויך אַנדערע לענדער פון אימיגראַציע. קאַנאַדע איז געווען איינע פון די לענדער און די אידישע קהילה פון קאַנאַדע האָט אַן שום רעזערוואַציעס אויסגעדריקט איר גרייטקייט צו טאָן איר חלק אַרבעט אוןביישטייערן וואָס נאָר עס איז נויטיק צו דער גיגאַנטישער אויפגאַבע פון אויפנעמען און רעהאַביליטירן די שארית הפליטה.

דער אָנהויב אָבער איז געווען שווער. מען האָט געוואָלט זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט, אָבער אומשטענדן אין קאַנאַדע האָבן געצוואונגן די אידישע קהילה צו וואַרטן. עס איז ניט געווען קיין ברירה — מען האָט געוואַרט מיט אומגעדולד און ווייטיק, ביז די אויטאָריטעטן האָבן געעפנט די טויערן פון לאַנד. דאָס האָט פּאַסירט ערשט אין 1947, צוויי יאָר נאָך דעם סוף פון דער מלחמה.

אין מאַי 1947 איז אַ אידישע דעלעגאַציע אויפגעטראָטן אַלס עדות פאַר דעם קאָמיטעט פון אימיגראַציע פון דעם קאַנאַדער סענאַט. די דעלעגאַציע האָט צוגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום וועגן ענינים פון קאַנאַדער אימיגראַציע. די פאַר־שטייער, רעדנדיק אין נאָמען פון קאַנאַדער אידנטום, האָבן דערקלערט, אַז אַלס קאַנאַדער בירגער אידענטיפיצירן זיי זיך מיט אַנדערע בירגער פון קאַנאַדע וועלכע האַלטן אַז עס איז אין די אינטערעסן פון לאַנד, עקאָנאָמיש, סאָציאַל און מאָראַליש, צו ליבעראַליזירן די עקזיסטירנדיקע אימיגראַציע־געזעצן. קאַנאַדע׳ס סאָציאַלע און עקאָנאָמישע צוקונפט איז אָפּהענגיק פון אַן אימיגראַציע־פּאָליטיק וועלכע זאָל זיין געבויט ניט אויף באַשרענקונג, נאָר אויף אַ ליבעראַלער אויסטייטשונג פון אימיגראַציע־געזעצן וועלכע זאָל דערמעגלעכן ערלעכע, האַרעפּאַשנע מענטשן צו קומען קיין קאַנאַדע וואו זיי זאָלן קענען בויען זייער לעבן.

די דעלעגאַציע האָט צוגעשטעלט די פאָלגנדע פאָרשלאָגן צו דעם אימיגראַציע־קאָמיטעט פון קאַנאַדער סענאַט:

א) אַ קאָמיסיע, באַשטייענדיק פון עטלעכע קאַנאַדער פּאַרלאַמענט־מיטגלידער זאָל באַזוכן די די־פּי קעמפּס אין דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע. אויפן באַזיס פון אינפאָרמאַציע וואָס די קאָמיסיע וועט זאַמלען, קענען גענומען ווערן שריט אַריינצולאָזן אין קאַנאַדע אַ צאָל אימיגראַנטן פון וועלכע דאָס לאַנד וועט זיכער האָבן גרויסע נוצן.

ב) דער אימיגראַציע־אַקט און פאַראָרדענונגען זאָלן ברייטער אַמענדירט ווערן אַזוי, אַז מען זאָל קענען אַפּליקירן פאַר קרובים פון קאַנאַדער תושבים, אַריינגערעכנט ניט נאָר ברידער, שוועסטער, עלטערן אאַ״וו, נאָר אויך ערשטע קוזינען, פעטערס און ענלעכע קרובים־קאַטעגאָריעס.

ג) אַזוי ווי קאַנאַדע נויטיקט זיך אין קוואַליפיצירטע אַרבעטער אין דער בוי־אינדוסטריע, נאָדל־פאַך, הויז־אַרבעטער אאַ״וו, זאָל דערלויבט ווערן אַריינצו־ברענגען אַלס אימיגראַנטן גרופּעס פון אַזעלכע קוואַליפיצירטע פאַכמענער.

ד) דערלויבעניש זאָל געגעבן ווערן אַריינצוברענגען אין לאַנד אַ צאָל אויס־געוואַרצלטע פּערזאָנען, וועמעס אימיגראַציע זאָל דערמעגלעכט ווערן אונטער גאַראַנטיעס געגעבן פון פאַראַנטוואָרטלעכע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

ה) אַז די קאַנאַדער אימיגראַציע־געזעצן זאָלן רעגולירט ווערן אויף אַ באַזיס פון גלייכהייט צו אַלע גרופּן פון אימיגראַנטן אַן אונטערשייד פון ראַסע אָדער רעליגיע.

עס איז קלאָר פון די אויבן־דערמאָנטע פאָרשלאָגן, געמאַכט פון די אידישע פאָרשטייער, אַז די אידישע קהילה אין קאַנאַדע איז געווען גרייט אונטערצונעמען אַלץ וואָס איז נאָר נויטיק צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אידישע אימיגראַנטן וועלכע מען וועט אַריינלאָזן אין לאַנד. פון די פראָגעס וועלכע די מיטגלידער פון סענאַט־קאָמיטעט האָבן געשטעלט צו די אידישע פאָרשטייער, איז אויך קלאָר געווען, אַז די אידישע דעלעגאַציע האָט געזאָגט אַז ניט נאָר איז די אידישע קהילה אין קאַנאַדע גרייט צו געבן די נויטיקע גאַראַנטיעס פאַר אימיגראַנטן וועלכע האָבן ניט קיין קרובים אין קאַנאַדע, נאָר מען איז גרייט, אויב עס איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, אויך צו באַצאָלן פאַר זייער טראַנספּאָרטאַציע. דאָס האָט געמיינט, אַז די קאַנאַדער אידישע קהילה איז געווען גרייט אַנצונעמען אויף זיך גאָר גרויסע פינאַנציעלע פאַרפליכטונגען. די האַנט פון הילף איז געווען ברייט אויסגעשטרעקט.

די רעזולטאַטן פון די באַמיאונגען האָבן זיך גאָר אינגיכן באַוויזן און האָבן זיך אויסגעדריקט אין אַ צאָל אַלגעמיינע און ספּעציעל אידישע אימיגראַציע־פּראָיעקטן.

(זיבן־און־פערציקסטער קאַפּיטל)

דער צווייטער יתומים־אימיגראַציע פּראָיעקט; די שאַנכאַי פּליכטלינגען

מלחמות באַשאַפן יתומים. דער ערשטער אידישער יתומים־אימיגראַציע פּראָיעקט אין קאַנאַדע איז רעאַליזירט געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער צווייטער יתומים אימיגראַציע פּראָיעקט האָט נאָכגעפאָלגט די צווייטע וועלט־מלחמה.

אין 1942 איז שוין געווען זייער קלאָר וואָס די נאַציס האָבן בדעה צו טאָן מיט די אידן. עס האָבן זיך געפאָדערט ממשותדיגע מעשים כדי צו ראַטעווען וויפל מען האָט נאָר געקענט. אין דעם „קאָנגרעס ביולעטין״ פון אָקטאָבער 1951 ווערט דערציילט אַז אין זומער 1942 האָט דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט״ באַטראַכט אַ פּראָיעקט פון ראַטעווען אַרום צען טויזנט אידישע קינדער וועלכע האָבן זיך געפונען אין פראַנקרייך. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט באַוויליקט אַריינצולאָזן אַרום פינף טויזנט קינדער. מען האָט אויך נאָכגעפרעגט צי די קאַנאַדער רעגירונג וועט זיין וויליג אויפצונעמען אַ צאָל קינדער. אויף דער אָנפראַגע פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס איז געקומען דער ענטפער אַז די רעגירונג וועט ערלויבן דאָס אַריינקומען אין לאַנד פון טויזנט קינדער, און אויב זייער איינאָרדנונג וועט זיין אַ צופרידנשטעלנדע וועט מען אַריינלאָזן נאָך פינף הונדערט. די באַוויליקונג פון דער רעגירונג איז באַקאַנט געוואָרן דעם 11־טן אָקטאָבער 1942, ביי אַ ראַיאָנען קאָנפערענץ פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס אין טאָראָנטאָ. זעלבסטפאַרשטענדליך אַז די בשורה איז אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם פון דעם אידישן ישוב, און אַז דער גאַנצער קהילה־אַפּאַראַט איז געווען גרייט צו טאָן זיין חלק אין דער אַרבעט. חוץ דעם, אַזוי ווי קינדער־פאַרזאָרגונג אין קאַנאַדע איז אַ פּראָווינציעלער ענין האָט מען געמוזט אָנפרעגן יעדע פּראָווינץ באַזונדער כדי נאָכצוקומען די פאַראָרדנונגען פון יעדער פּראָווינץ וואו די יוגנטליכע וועלן וואוינען. די אויטאָריטעטן פון יעדער פּראָווינץ האָבן זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופן און האָבן צוגעזאָגט זייער פולסטע קאָאָפּעראַציע.

אין דער זעלבער צייט זענען די נויטיגע צוגרייטונגען אָנגעגאַנגען מעבר לים — ברענגען די קינדער אין זאַמלונגס פּונקטן, אַראַנזשירן שיפן פאַר טראַנספּאָרטאַציע, באַגלייטונגס פּערסאָנאַל, א.אז.וו. אַלץ איז שוין געווען כמעט ווי גרייט אַדורכצופירן די אַקציע. דער שיקזאַל האָט אָבער געוואָלט עפּעס אַנדערש. די אַליאירטע כוחות, אלס אַ טייל פון זייער מלחמה סטראַטעגיע, האָבן באַשלאָסן דורכצופירן אַן אינוואַזיע פון צפון־אַפריקע אַריינגערעכנט די טעריטאָריע וועלכע איז געווען אונטער דעם רשות פון דער ווישי רעגירונג פון פראַנקרייך. די נאַציס האָבן אויף דעם געענטפערט מיט אָקופּירן גאַנץ פראַנקרייך. מיט דעם איז אויך צונישט געוואָרען דער גאַנצער פּראָיעקט. די ענטוישונג איז געווען גרויס, אָבער מען האָט גאָרנישט געקענט טאָן ביז די מלחמה האָט זיך געענדיגט.

אין 1947 האָט דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס געבעטן די קאַנאַדער רעגי־

רונג צו באַנייען די דערלויבעניש. דאָס איז באַווירקט געוואָרן אונטער דער פּאַר־אָרדענונג פּ.סי. 1647, אַפּריל 29, 1947. מען האָט אויטאָריזירט דאָס אַרײַנקומען אין קאַנאַדע פון איין טויזנט יתומים אויף די פאָלגנדע באַדינגונגען: א) זיי מוזן זיין אינגער פון אַכצן יאָר; ב) זיי מוזן קענען נאָכקומען די קאַנאַדער אימיגראַציע געזעצן; ג) זיי מוזן זיין קיילעכדיקע יתומים, ד.ה. אָן אַ פאָטער און מוטער; ד) דער אידישער ישוב מוז אַננעמען די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און דאַרף גאַראַנטירן אַז זיי וועלן ניט פאַלן צו לאַסט צו דער רעגירונג.

עס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן די נויטיקע טעטיגקייט מעבר לים און אין קאַנאַדע, אָפּצוקלייבן די יתומים און אָראַנזשירן זייער אויפנאַמע אין לאַנד. די ערשטע גרופּע איז אָנגעקומען אין סעפּטעמבער 1947 און די באַוועגונג האָט אָנגעהאַלטן אין משך פון 1948. שפּעטער, חוץ די ערשטע טויזנט, האָט די קאַנאַדער רעגירונג אויטאָריזירט אַרײַנצוברענגען נאָך 210 יתומים. פאַקטיש אָבער זענען עווענטועל אַרײַנגעקומען אונטער דעם פּראָיעקט 1,110 יוגנטליכע.

די קינדער זענען פאַרטיילט געוואָרן צווישן פאַרשיידענע ישובים אין קאַנאַדע. פאַרשטענדלעך, אַז די גרעסטע צאָל איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין די גרעסערע שטעט ווי: מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און וויניפּעג. יעדעס קינד איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער אָנערקענטער קינדער־פאַרזאָרגונג אינסטיטוציע אין דער קהילה וואו זיי האָבן זיך באַזעצט, און אין די קלענערע שטעט, וואו קיין ספּעציפיש־אידישע קינדער פאַרזאָרגונג אינסטיטוציע איז ניט געווען, איז די אַרבעט געטאָן געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון די לאָקאַלע קינדער־פאַרזאָרגונג געזעלשאַפטן. אַ סך פון די יוגנטליכע זענען באַלד אַוועק אַרבעטן, אַ צאָל האָט פאָרטגעזעצט זייערע שטודיומס, און אַ צאָל זענען קוואַרטירט געוואָרן מיט אידישע משפחות וועלכע האָבן זיי געגעבן אַ היים.

די אידישע קהילה אין קאַנאַדע האָט ברייטהאַרציק אויפגענומען די אָנגעקומענע און אַ צאָל קאָמיטעטן האָבן טיכטיק געאַרבעט לטובת די פאַרשיידענע פאַזן פון איינאָרדנונג. פאַרשטענדליך, ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן, זענען געווען איניגע קאָמפּליצירטע סיטואַציעס — אַז מען האָט האַלץ פליען שפּענער. אין אַלגעמיין, אָבער, איז דער צווייטער יתומים אימיגראַציע־פּראָיעקט געווען אַ גרויסער דערפאָלג, דורכגעפירט מיט איניציאַטיוו, מיט האַרץ און אַ פאַכמענישן צוגאַנג. די קאַנאַדער רעגירונג האָט פאַרדינט די דאַנקבאַרקייט פון אידישן ישוב פאַר איר פּאָזיטיווער באַציאונג און קאָאָפּעראַציע.

אין 1949 זענען אין קאַנאַדע אָנגעקומען אַ גרופּע פון אַרום 250 פּליכטלינגען פון שאַנכאַי. דאָס זענען געווען הויפּטזעכלעך דייטש־אידישע פּליכטלינגען וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון דייטשלאַנד און זענען אָנגעקומען קיין כינע וואו זיי האָבן דורכגעמאַכט די מלחמה־יאָרן. דער בירגער־קריג אין כינע און אַנדערע אומשטענדן פון דעם מין, האָבן באַווירקט צו באַטראַכטן וועגן און מיטלען ווי אַזוי זיי פון דאָרט אַרויסצונעמען. אַ טייל האָבן געהאַט גוטע אויסזיכטן צו קריגן וויזעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער קודם כל האָט מען געדאַרפט

געפינען אַ פּלאַץ וואו זיי זאָלן קענען זיין ביז זייער ענדגילטיקער עמיגראַציע קען דערליידיקט ווערן.

מען האָט זיך געווענדעט צו די קאַנאַדער אויטאָריטעטן וועלכע האָבן ערנסט און סימפּאַטיש אויפגענומען די בקשה און האָבן באַוויליקט צייטווייליקע וויזעס צו דער גרופּע פּליכטלינגען. נאָך זייער אָנקומען אין לאַנד זענען זיי באַטראַכט געוואָרן ווי אַלע אַנדערע אימיגראַנטן, אָבער מיטן באַדינג, אַז אין משך פון יאָר דאַרפן זיי באַשליסן צי זיי ווילן עמיגרירן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אָדער פאַרבלייבן אין קאַנאַדע. אַרום אַ העלפט האָבן באַשלאָסן צו עמיגרירן אין די שטאַטן און די איבעריקע האָבן אָנגעגעבן ביטעס צו פאַרבלייבן אין לאַנד. עס האָט גענומען אַביסל צייט און אַלע בקשות זענען פּאָזיטיוו באַטראַכט געוואָרן און זיי האָבן געקראָגן אָפיציעלע קאַנאַדער וויזעס.

(אַכט־און־פערציקסטער קאַפּיטל)

די גרופּן־אימיגראַציע — שניידער, קירזשנער, נייערינס, הויז־אַרבעטער, און אַנדערע

די אימיגראַציע־פאַראָרדענונגען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן אויך פאַראויסגעזען די מעגלעכקייט פון אַריינלאָזן אין קאַנאַדע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן ניט קיין קרובים אין קאַנאַדע, אָבער וועלכע ווערן אַרויסגעפאָדערט פון קאַנאַדער אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, ווייל די באַטרעפנדיקע אינדוסטריעס נויטיקן זיך אין אַרבעטס־הענט. אונטער דער קאַטעגאָריע זיינען אַריינגעקומען אַ צאָל מענשן. געוויינלעך זיינען די אימיגראַנטן געקומען אין באַשטימטע גרופּעס און דערפאַר איז די באַוועגונג באַקאַנט אַלס די גרופּן־אימיגראַציע.

כדי אויסצונוצן די אויבנדערמאָנטע מעגלעכקייטן און גלייכצייטיק כדי צו געבן אַן אימיגראַציע מעגלעכקייט צו די אויסגעוואַרצלטע, די די־פּי׳ס, וועלכע זיינען געזעסן אין פאַרשיידענע קעמפּס, האָט די אידישע קהילה אין קאַנאַדע, אונטער דער אָנפירונג פון קאָנגרעס און אימיגראַנטן פאַראיין, גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל, און איז געווען אינסטרומענטאַל אין באַוועגן אייניקע אינדוסטריעס אונטערצונעמען געוויסע אימיגראַציע־פּראָיעקטן.

אין אָקטאָבער 1947 האָט די קאַנאַדער רעגירונג אויטאָריזירט דאָס אַריינקומען אין לאַנד פון 2,136 שניידער און 500 פּוירערס. די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן אויפן פאַרלאַנג פון דעם „קלאָדהינג מענופעקטשורערס קאַונסיל״ און דער „פּויר אַסאָסיאיישן״, וועלכע האָבן אונטערשטראָכן, אַז עס פעלן אויס קוואַליפיצירטע אַרבעטער אין די באַטרעפנדע אינדוסטריעס. עס זיינען באַשטימט געוואָרן צוויי ספּעציעלע קאָמיסיעס דורכצופירן דעם פּראָיעקט. פאַר די שניידער איז עס געווען די „אוּוערסיס גאַרמענט וואָרקערס קאָמישן״ און פאַר די פּויריערס די „אוּוערסיס פּויר וואָרקערס קאָמישן״. ביידע קאָמיסיעס האָבן באַשטימט רעפּרעזענטאַנטן, וועלכע זיינען אָפּגעפאָרן מעבר־לים אויסצוקלייבן די פּאַסנדע אימיגראַנטן. אין יעדער אויסקלייב קאָמיסיע זיינען געווען פאַרטראָטן פאַרשטייער פון די באַלעבאַטעם און פון די יוניאָנס. מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז דאָס איז ניט געווען אַ רייך־ספּעציפיש אידישער פּראָיעקט. דער אָפּקלייב פון די אימיגראַנטן האָט געדאַרפט געמאַכט ווערן אויפן באַזיס פון קוואַליפיקאַציעס און ניט אויפן סמך פון רעליגיעזער אָדער עטנישער אָנגעהעריקייט. עס איז אָבער געווען קלאָר, אַז גאָר אַ באַדייטנדער פּראָצענט וועלן זיין אידן און עס איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס די אידישע קהילה איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער אונטערנעמונג.

מען האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט דער „אינטערנייישאַנאַל רעפיודזשי אָרגענאַיזיישן״ אָדער די „איראָ״, וועלכע האָט זיך אונטערגענומען צו דעקן די קאָסטן פון די שיפסקאַרטן. די באַטרעפנדע אינדוסטריעס האָבן אונטערגענומען צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די רייזע הוצאות פון די קאַנאַדער האַפנס ביז דעם פּלאַץ, וואו דער אימיגראַנט וועט זיך באַזעצן.

אין דעם אויסקלייב פון אימיגראַנטן איז אויך פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז אויב איינער פון דער משפחה ווערט אויסגעקליבן אַלס דער קוואַליפיצירטער אַר־בעטער, וועט די גאַנצע משפחה קענען מיטפאָרן. דאָס איז געטאָן געוואָרן, כדי אויסצומיידן די צעשיידונג פון משפחות.

דער קאָנטראַקט צווישן די אינדוסטריעס און די אימיגראַנטן האָט געלויטעט, אַז די אינדוסטריע וועט פאַרזאָרגן מיט אַרבעט יעדן אימיגראַנט און אַז די באַדינגונגען פון אַרבעט, שכירות, א.אַ.וו. וועלן זיין די זעלבע ווי פאַר קאַנאַדער אַרבעטער, דאָס מיינט די הערשנדיקע אַרבעט באַדינגונגען אין דער באַטרעפנדי־קער אינדוסטריע. מיט דעם האָט מען געוואָלט אויסמיידן יעדע פאָרם פון עקספּלואַטאַציע. מען דאַרף צוגעבן, אַז סיי די באַלעבאַטים און סיי די פּראָפע־סיאָנעלע פאַראיינען אין קאַנאַדע האָבן פולשטענדיק קאָאָפּערירט אין דעם פּראָיעקט.

עס ווערט געשאַצט, אַז אַרום זעכציק פּראָצענט פון אַלע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען עווענטועל געקומען אונטער די צוויי פּראָיעקטן, זיינען געווען אידן. די ערשטע גרופּע איז אָנגעקומען סוף 1947. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אויפנאַמע פון די אידישע אימיגראַנטן איז איבערגעגעבן געוואָרן צום אידישן אימיגראַנטן פאַראיין. די אימיגראַנטן זיינען באַגעגנט געוואָרן ביים אָנקומען אין קאַנאַדע, באַזאָרגט געוואָרן מיט צייטווייליקע וואוינונגען, און זיינען פינאַנציעל געשטיצט געוואָרן ביז זיי האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן און באַקומען שכירות.

די אימיגראַנטן זיינען פּראָפּאָרציאָנעל פאַרטיילט געוואָרן צווישן מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און וויניפּעג, ווייל דאָס זיינען געווען די צענטערן פון די באַטרעפנדע אינדוסטריעס. דאָס באַשטימען, וואו דער אימיגראַנט זאָל זיך באַזעצן איז געווען אָפּהענגיק פון די אַרבעט־מעגלעכקייטן אין די באַטרעפנדע שטעט. די אימיגראַנטן וועלכע האָבן געהאַט קרובים אין אַ באַשטימטער שטאָט האָבן געקענט בעטן מען זאָל זיי דעזיגנירן אַהין. עס איז אַלע מאָל געזאָרגט געוואָרן, אַז משפחות און קרובים זאָלן זיין צוזאַמען.

אַן ענלעכער פּראָיעקט איז שפּעטער אָרגאַניזירט געוואָרן פון דער מילינערי (הוט) אינדוסטריע, וועלכע האָט אַרומגענומען עטלעכע הונדערטער מענשן.

אידן זיינען אויך געווען פאַרטראָטן אין אַ צאָל אַנדערע אַרבעטס־אימיגראַציע פּראָיעקטן, וועלכע זיינען צושטאַנדגעקומען אונטער דער אויפזיכט פון פאַר־שיידענע אינדוסטריעס.

עס איז צום ביישפּיל באַוואוסט, אַז אַ געוויסע צאָל אידן איז געקומען אַלס וואַלד־אַרבעטער. צווישן די אַרום דריי טויזנט הויז־אַרבעטער (דינסט־מיידלעך), וועלכע זיינען געקומען אונטער דער אויפזיכט פון קאַנאַדער אַרבעטס־מיניסטעריום זיינען געווען אַרום הונדערט־און־פופציק אידישע מיידלעך. פון שוועדן זיינען אָנגעקומען אַרום 260 משפחות פון נייערינס (דרעסמייקערס), צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל אידן.

וועגן דער אויפנאַמע און דעם איינאָרדנונגס־פּראָצעס פון די אימיגראַנטן וועט נאָך אויסקומען צו רעדן אין אַן אַנדער קאַפּיטל. זיכער איז געווען אַ צאָל פּראָבלעמען פון אַרבעט, וואוינונגען, פּערזענלעכע ענינים, משפחה אָנגעלעגנהייטן, א.אַ.וו. עס זיינען אויך געווען פּראָבלעמען מיט די באַדינגונגען בנוגע אַרבעטס־פאַרפליכטונג מצד דעם אימיגראַנט. ווי שוין געזאָגט האָט יעדער אימיגראַנט

געמוזט זיך פֿאַרפֿליכטן צו אַרבעטן איין יאָר אין דער אינדוסטריע, וועלכע האָט אים אָראָפּגעבראַכט. צוליב געוויסע אומשטענדן איז עס ניט אַלע מאָל געווען מעגלעך און עס האָט זיך געפֿאָדערט אינטערווענץ מיט די אויטאָריטעטן אויסצוגלייכן די פֿאַרשיידענע קאָנפֿליקטן.

די גרופּן־אימיגראַציע פּראָיעקטן האָבן געגעבן אַ גרויסן שטויס צום אַלגעמיינעם קאַנאַדער אימיגראַציע שטראָם. ווי שוין פֿריער דערמאָנט, איז עס געווען אַ משפּחה־אימיגראַציע, און ניט דווקא די אימיגראַציע פֿון דער פּערזאָן, וועלכע איז אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר אַרבעט. די אידישע קהילה איז געווען פֿאַראינטערעסירט אין אַלע פֿאַזן פֿון דער אַרבעט, ווייל דער קאַרדינאַלער פּרינציפּ איז געווען ניט אונטער וועמעס אויפֿזיכט דער אימיגראַנט קומט אָן, נאָר אַז וואו נאָר מעגלעך זאָלן זיין פֿאַרטראָטן אידישע אימיגראַנטן. כדי צו מאַכן דעם פּראָצעס לייכטער, און כדי אויסצומיידן וועלכע עס איז שוועריקייטן און נעגאַטיווע קריטיק, האָט די אידישע קהילה אָרגאַניזירט איר אימיגראַנטן הילפֿס־אַרבעט אַזוי, אַז דער ניי־געקומענער זאָל שנעל קענען קריגן די ערשטע הילף — מאַטעריעלע און סאָציאַלע.

מיטן אָנקומען פֿון די אימיגראַנטן אונטער די אַרבעטס־גרופּן, האָט זיך אָנגעהויבן די „קייט רעאַקציע" פֿון קרובים אימיגראַציע, דאָס הייסט, די ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן האָבן אָנגעגעבן אַפּליקאַציעס פֿאַר דעם אַריינקומען פֿון זייערע קרובים. דאָס איז געווען זייער אַ וויכטיקע אַרבעט, וועלכע מיר וועלן באַלייכטן אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל.

(ניין־און־פערציקסטער קאפיטל)

די קייט רעאקציע

מיט דער אימיגראציע קיין קאנאדע פון א גרעסערער צאל אידן וועלכע זענען אריינגעקומען אונטער דער אויפזיכט פון פארשיידענע אינדוסטריעס — שניידער, פאריערס, נייערינס, אא״וו, האט זיך אנגעהויבן די „קייט רעאקציע״ פון ווייטערער אימיגראציע.

ווי שוין אנגעצייכנט אין די פריערדיקע קאפיטלען, זענען די קאנאדער אימיגראציע־געזעצן, פון 1947 אן, ליבעראליזירט און פארברייטערט געווארן. קאנאדער איינוואוינער האבן געקענט אפליקירן פאר זייערע קרובים. דער אפליקאנט האט געמוזט באווייזן אז ער קען אויפנעמען דעם קרוב, באזארגן אים מיט א וואוינונג, ארבעט, אא״וו. עס איז נאטירלעך, אז די ערשט־איינגעוואנדערטע אימיגראנטן האבן גלייך גענומען קלאפן אין די טירן פון אימיגראנטן־פאראיין און האבן געבעטעט הילף אריינצוברענגען זייערע קרובים פון מעבר־לים. לעגאל האבן די ערשט־איינגעוואנדערטע אימיגראנטן געהאט פולע רעכט צו אויספילן זייערע אפליקאציעס. עס איז אבער געווען איין שוועריקייט, וואס די גרעסטע צאל פון זיי האבן ניט געקענט דערפילן — דאס איז געווען דער פונקט אז זיי מוזן קענען אויפנעמען און פארזארגן די אימיגראנטן פאר וועלכע זיי אפליקירן. ווי מען קען זיך משער זיין, די ניי־אנגעקומענע אימיגראנטן האבן זיך ערשט געשטעלט ארבעטן און האבן קודם כל זיך אליין געמוזט באזארגן מיט די מינימאלסטע הצטרכותן. זיי האבן זיכער ניט געהאט קיין מיטלען, און זענען ניט געווען בכוח, אויך אויסצוהאלטן זייערע קרובים וועלכע זיי האבן געוואלט האבן אין קאנאדע.

ארומרעדנדיק דעם פראבלעם ביי א דירעקטאר־ראט מיטינג פון אימיגראנטן־פאראיין אין מערץ 1948, האט דער פרעזידענט פון פאראיין דערקלערט, אז איינע פון די הויפט־פראבלעמען וועלכע שטייען פארן פאראיין אין דעם מאמענט איז די פראגע פון אונטערשטיצן די אפליקאציעס פון די ערשט־געקומענע אימיגראנטן פאר זייערע פריינט און קרובים, וועלכע וואלטן געזעצלעך געקענט אריינקומען אין לאנד. עס איז דערקלערט געווארען אז דער אימיגראנטן־פאראיין האט אין די פארגאנגענע יארן געגעבן אזא הילף צו אפליקאנטן. אבער אין דער פארגאנגענהייט האט דער אימיגראנטן־פאראיין געוואוסט אז דער אימיגראנט האט קרובים וועלכע זענען וויליק און בכוח צו זיין שותפים צו די פארפליכטונגען לגבי דעם אימיגראנט ווען ער קומט אן אין לאנד. אין פאל, אבער, פון די נאך־מלחמה אימיגראנטן, מוז דער פאראיין איבערנעמען כמעט ווי די גאנצע פאראנט־ווארטלעכקייט, ווייל די קרובים אין קאנאדע זענען, אין די מערסטע פאלן, עס ניט בכוח צו טאן, אפילו מיטן בעסטן ווילן. ממילא וועלן די פאראנטווארטלעכקייטן פון דער קהילה זיין פיל גרעסער. חוץ דעם איז אויך די צאל פון די אפליקאנטן געוועזן און וועט זיין גרעסער, ווייל יעדער אימיגראנט וועט אויך גלייך וועלן אפליקירן פאר אנדערע קרובים. מיט אנדערע ווערטער, עס וועט זיך ציען א „קייט״ פון אפליקאנטן. עס איז געווען קלאר, אז אזא באוועגונג וועט זיין

פֿאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות. עס איז אָבער אויך געווען קלאָר, אַז די ליבעראַלע אימיגראַציע־געזעצן פֿון יענער צייט מוזן אויסגענוצט ווערן כדי אַרויסצושלעפּן פֿון די די־פּי לאַגערן וואָס מער מענטשן. עס איז דעריבער געווען די מיינונג פֿון אימיגראַנטן־פֿאַראיין, אַז דער פּראָבלעם דאַרף געבראַכט ווערן צו דער אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער קהילה און אַז אַלץ מוז געטאָן ווערן, כדי צו דערמוטיקן ערשט־געקומענע אימיגראַנטן צו אַפּליקירן פֿאַר זייערע קרובים.

נאָך אַ וויכטיקע אימיגראַציע־אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אויפֿן געביט פֿון קריגן פּערמיטן פֿאַר אַזעלכע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן ניט געקענט קומען אַלס קרובים און וועלכע זענען ניט אויסגעקליבן געוואָרן אונטער די גרופּן־פּראָיעקטן ווי די שניידער, נייערינס, אאַ״וו. די קאַנאַדער אימיגראַציע־פֿאַראָרדנונג האָט אויך דערלויבט אינדיווידועלע אונטערנעמער צו אַפּליקירן פֿאַר אַרבעטער, אויב זיי האָבן געקענט באַווייזן, אַז אַזעלכע אַרבעטער פֿעלן אויס אין לאַנד. אין אַזעלכע פֿאַלן האָט דער אונטערנעמער געמוזט אָננעמען געוויסע פֿאַרפּליכטונגען בנוגע דעם אימיגראַנט, איבערהויפּט אין דער ערשטער צייט פֿון זיין אָנקומען. דער קליינער אונטערנעמער האָט אָבער ניט געקענט שיקן קיין קאָמיסיעס מעבר־לים אויסצוקלייבן די אימיגראַנטן, און ער האָט ניט געקענט זיין זיכער צי דער אימיגראַנט האָט באמת די קוואַליפֿיקאַציעס וואָס ער באַדאַרף. חוץ דעם האָט דער קליינער אונטערנעמער אויך ניט געקענט געניי וויסן צי ער וועט דאַרפֿן דעם אימיגראַנט פּונקט ווען ער וועט אָנקומען אין קאַנאַדע. ער האָט אויך אויף זיך ניט געקענט נעמען די פֿינאַנציעלע לאַסט פֿון דעם אימיגראַציע־פּראָצעס אָדער דעם אויפֿנאַמס־פּראָצעס ביים אָנקומען פֿון אימיגראַנט אין לאַנד.

כדי אויסצומיידן די אַלע שטערונגען, האָט דער אידישער אימיגראַנטן־פֿאַראיין פֿאַרזיכערט די אונטערנעמער אַז אויב זיי וועלן ניט דאַרפֿן דעם אימיגראַנט תיכף צו דער אַרבעט ווען ער וועט אָנקומען אין לאַנד; אָדער, אַז צוליב געוויסע סיבות, דער שידוך צווישן דעם אונטערנעמער און דעם ניי־געקומענעם זאָל ניט זיין קיין געלונגענער; אָדער, אַז דעם אימיגראַנטס פֿאַרדינסטן וועלן ניט זיין גענוג פֿאַר דער חיונה פֿון דער משפּחה; אָדער ווען עס זאָל זיך נויטיקן געוויסע סאָציאַלע הילף — וועט דער אימיגראַנטן־פֿאַראיין איבערנעמען אויף זיך די פֿאַרפּליכטונג פֿון איינאָרדנען און אַרויסהעלפֿן דעם אימיגראַנט.

אונטער די אויבן־דערמאָנטע תנאים האָט דער פֿאַראיין געקראָגן די פֿולשטענדיקע קאָאָפּעראַציע פֿון אַ צאָל אונטערנעמער און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿיבערהאַפֿטע טעטיקייט צו קריגן די אינפֿאָרמאַציע וועגן פּאָטענציעלע אימיגראַנטן מעבר־לים; צושטעלן די אַפּליקאַציעס צו די אויטאָריטעטן, אאַ״וו. דער פּראָיעקט איז געווען באַקאַנט אין אימיגראַנטן־פֿאַראיין אונטער דעם נאָמען „עס. וו. פּ.״, אָדער „סקילד וואָרקער׳ס פּראָדזשעקט״. צוערשט האָט מען געדאַרפֿט קריגן פֿולע אינפֿאָרמאַציע וועגן אימיגראַנטן. נאָכער האָט מען זיך פֿאַרשטענדיקט מיט פֿאַרשיידענע אונטערנעמער אין קאַנאַדע, זיי באַקאַנט געמאַכט מיט די קוואַליפֿיקאַציעס פֿון אימיגראַנט און זיי געבעטן אונטערצושרייבן די נויטיקע פֿאָרמולאַרן. נאָכדעם האָט מען געמוזט נאָכקאָנטראָלירן אַלע אַפּליקאַציעס אַזוי, אַז עס זאָלן ניט זיין קיין שוועריקייטן פֿאַר דעם אימיגראַנט ווען ער וועט זיך צושטעלן צום קאָנסול מעבר־לים. דאַן האָט מען אָנגעגעבן די אַפּליקאַציעס צו דער רעגירונג, באַגלייט

פון דאָקומענטן, פאַרזיכערונגען, אאַ״וו. מען האָט אויך געמוזט קריגן די דער־לויבעניש פון דעם קאַנאַדער אַרבעטס־אַמט. אין משך פון אַ קורצער צייט זענען דורכגעזיפּט געוואָרן איבער דריי טויזנט אַפּליקאַנטן וועגן וועמען אינפאָרמאַציע איז צוגעשטעלט געוואָרן פון „האַיאַס״ פון פאַרשיידענע לענדער אין אייראָפּע.

צווישן 1946 און 1952 זענען אין קאַנאַדע אָריינגעקומען 654,485 אימי־גראַנטן. צווישן זיי זענען געווען 30,168 אידן, אָדער כמעט ווי פינף פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער אימיגראַציע אין די יאָרן. אין 1952 זענען ווידער אַריינ־געקומען באַשרענקונגען וועלכע האָבן אָפּגעשטעלט און פאַרקלענערט דעם אימיגראַציע שטראָם וואָס האָט געהערשט אין קאַנאַדע צווישן 1948 ביז 1952. די אימיגראַציע טיר פון קאַנאַדע איז ניט געווען מער ברייט אָפן. די צאָל פון איבער דרייסיק טויזנט אידישע אימיגראַנטן, וועלכע זענען אַריינגעקומען אין משך פון פינף יאָר, צווישן דעם מיטן פון 1947 ביז דעם מיטן פון 1952, האָט אָבער קלאָר געוויזן, אַז די קאַנאַדער אידישע קהילה איז געשטאַנען אויף דער וואַך און אַז יעדע געזעץ־מעגלעכקייט פון אַריינברענגען אַ איד איז אויסגענוצט געוואָרן. דער רעזולטאַט איז געווען, קודם כל, דער פועל יוצא פון דעם ווילן פון קאַנאַדער אידנטום צו טאָן אַלעס מעגליכעס בנוגע דעם אידישן פליכטלינג, ווי אויך צוליב דער אַבסאָלוטער קאָאָפּעראַציע וואָס האָט געהערשט צווישן דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, דעם אידישן אימיגראַנטן־פאַראיין און דעם „האַיאַס״. עס איז אויך קלאָר, אַז די קאָאָפּעראַציע פון די קאַנאַדער אויטאָריטעטן האָט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָליע.

(פופציקסטער קאַפּיטל)

די אייגנאַרטיקע שטריכן פון קאַנאַדער אימיגראַציע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה

אויב די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אָנגעשטעלט קאַנאַדע אין די רייען פון אַ וועלט־מאַכט, האָט די צווייטע וועלט־מלחמה אַרויסגערוקט דאָס לאַנד אין די ערשטע רייען פון וועלט־פּאָליטיק, אַלס אַ מיליטערישער כוח, און איבערהויפּט אַלס אַ סטראַטעגישער כוח. קאַנאַדעס ראָלע אַלס דאָס אוצר־הויז פון סטראַטעגישע רוי־מאַטעריאַלן, שפּייז און מלחמה כלי־זין, האָט אויסגעאיבט אַ ווייט־צויגיקן עפעקט סיי אויף דעם קוואַנטום און סיי אויף דער פאַרשיידנאַרטיקער אַנטוויקלונג פון דער קאַנאַדער מאַנופאַקטור און אינדוסטריע. קאַנאַדע איז אַריינגעטראָטן אין אַ נייער עפּאָכע פון אינדוסטריאַליזאַציע. די אַנטוויקלונג איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע האָט איבערשטיגן די אַגריקולטורעלע, און אינדוסטריע איז געוואָרן דער הויפּט־פאַקטאָר פון דער קאַנאַדער עקאָנאָמיק. פאַרשטענדלעך, אַז שטאַרק פאַרברייטערטע אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג האָט געפאָדערט אַרבעטס־הענט, מענטשן מיט אַ פאַך־אויסבילדונג און אינדוסטריעלער דערפאַרונג. מען האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז כדי דאָס צו דערגרייכן, מוז מען האָבן אַ גרעסערע באַפעלקערונג און אַז איינער פון די מיטלען צו פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג איז צו סטימולירן אימיגראַציע.

אַן אַנאַליז פון דעם אימיגראַציע־שטראָם קיין קאַנאַדע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה ברענגט אַרויס דריי וויכטיקע כאַראַקטער־שטריכן פון דער איינוואַנדערונג: סעלעקטיווער אָפּקלייב; פּרעדאָמינירונג פון ניט־בריטישע איינוואַנדערער; סאָציאַלע דיסלאָקאַציע אָדער אויסוואָרצלונג.

דער סעלעקטיווער אָפּקלייב פון די אימיגראַנטן איז געווען באַזירט אויף דעם פאַקט אַז קאַנאַדע האָט זיך גענויטיקט אין אַרבעטער פאַר איר אינדוסטריעלער און קאָמערציעלער אַנטוויקלונג. פאַרשטענדלעך, מען האָט הויפּטזעכלעך געזוכט פאַכמענער אָדער אַרבעטס־פעאיקע מענטשן. דורך אימיגראַציע האָט מען געוואָלט דערגענצן דעם ניט גענוגענדן נאַטירלעכן צוואוקס פון דער באַפעלקערונג, פון איין זייט, און קאָמפּענסירן פאַר עמיגראַציע פון קאַנאַדע, פון דער צווייטער זייט. עס איז געווען דערביי אַ דעמאָגראַפישע אויסרעכענונג. אין דער צייט פון דער דעפּרעסיע, אין די דרייסיקער יאָרן, איז די צאָל פון געבורטן שטאַרק געפאַלן. דאָס האָט געמיינט, אַז אין די יאָרן 1945—1950 וועלן זיין ווייניק יוגנטלעכע, אין עלטער פון 15—20 יאָר, דאָס הייסט דער עלעמענט פון וועלכן עס ווערן ווערבירט אַרבעטער. אַזוי אַרום, ביים אָפּקלייב פון אימיגראַנטן האָט קאַנאַדע געזוכט אינגערע מענטשן און מענטשן מיט פאַכן, אָדער ווינציקסטנס אימיגראַנטן וואָס זענען געווען פולשטענדיק אַרבעטספעאיק. עס ווערט געשאַצט, אַז איבער אַ העלפט פון אַלע אימיגראַנטן וואָס זענען אַריינגעקומען אין קאַנאַדע אין משך פון די ערשטע צען יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז באַשטאַנען פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער, פאַרמערס, האַלב־קוואַליפיצירטע און שוואַרצע אַרבעטער.

די צווייטע העלפט (אַרום 45 פּראָצענט) איז באַשטאַנען פון פּאַרהייראַטע פרויען, מינדעריעריקע קינדער, עלטערן, אאַ״וו. עס ווערט אויך געשאַצט, אַז אַרום אַכציק פּראָצענט פון די אַרבעטס־פעאיקע אימיגראַנטן, זענען באַשטאַנען פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער.

דער צווייטער כאַראַקטער־שטריך פון דער נאָך־מלחמה אימיגראַציע איז געווען די פּרעדאָמינירונג פון ניט־בריטישע אימיגראַנטן. אַזוי צום ביישפּיל, פון 1,669,340 איינוואַנדערער וועלכע זענען געקומען קיין קאַנאַדע צווישן די יאָרן 1946—1957 זענען 531,852 געווען בריטישע (ענגלענדער, אירלענדער און וועלשער). די איבעריקע פון איבער אַ מיליאָן זענען הויפּטזעכלעך געקומען פון פאַרשיידענע אייראָפּעאישע לענדער און האָבן רעפּרעזענטירט מער ווי דרייסיק עטנישע גרופּעס. דער פאַקט האָט געמיינט, אַז אין קאַנאַדע איז אַריינגעקומען אַ גרויסע צאָל מענטשן וועלכע האָבן ניט באַזעסן די קענטשאַפט פון די שפּראַכן פונעם לאַנד, זענען ניט געווען באַקאַנט מיט דער סאָציאַלער סטרוקטור און זייער אַפט זענען זיי געקומען פון לענדער וואו דאָס עקאָנאָמיש־סאָציאַל־געזעל־שאַפטלעכע לעבן איז געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי אין קאַנאַדע. אַזוי אַרום איז קאַנאַדע געקומען פנים אל פנים מיט אַ וויכטיקער, דרינגענדער און ערנסטער פּראָבלעם, ווי אַזוי צו אַסימילירן, עקאָנאָמיש און סאָציאַל, דעם נייעם איינגע־וואַנדערטן עלעמענט. קאַנאַדע איז געווען נייגעריק אַרויסצוהעלפן דעם ניי־געקומענעם מיט זיין איינבירגערונג, אַזוי אַז ער זאָל קענען פונקציאָנירן ווי אַ בירגער פון דער קאַנאַדער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט. דאָס איז געווען אַן אַלגעמיינער ציל. חוץ דעם איז אָבער אויך געווען אַ זייער פּראַקטישע פראַגע: ווי אַזוי אַמשנעלסטן און אַמבעסטן אויסצונוצן די אַרבעטס־פעאיקייטן פון דעם אימיגראַנט פאַר דער קאַנאַדער עקאָנאָמיע. דאָס האָט געמיינט, אַז דער ניי־געקומענער דאַרף באַזאָרגט ווערן מיט אַרבעט און אויב נויטיק, ביז ער הויבט אָן צו פאַרדינען, דאַרף ער ווינציקסטנס באַזאָרגט ווערן מיט צייטווייליקער הילף. חוץ דעם, האָט עס אויך געמיינט, אַז מען דאַרף דעם אימיגראַנט געבן אַ געלעגנהייט צו קענען די שפּראַכן פון לאַנד, דערקלערן די אַרבעטס־באַדינגונגען, מעטאָדן פון אַרבעט, זיינע פליכטן און זיינע פּריווילעגיעס. מיט אַנדערע ווערטער, חוץ מינימאַלער עקאָנאָמישער פאַרזאָרגונג, האָט מען אויך געמוזט שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע סביבה און דערציאונגס־מעגליכקייטן צו דערנענטערן דעם אימי־גראַנט צו דער קאַנאַדער סביבה.

דער דריטער כאַראַקטער־שטריך פון דער נאָך־מלחמה אימיגראַציע איז געווען אויסגעוואָרצלטקייט און סאָציאַלע דיסלאָקאַציע. ווי מיר האָבן אָנגעוויזן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען זענען אַ גרויסע צאָל פון די אימיגראַנטן געווען די־פּיס, אויסגעוואָרצלטע, און אַפילו די וועלכע זענען ניט געווען קיין די־פּיס, האָבן אויך דורכגעמאַכט די מלחמה מיט אירע אַלע נאַכווייענישן. ווער אין אַ גרעסערער און ווער אין אַ קלענערער מאָס, זענען זיי אַלע געווען סאָציאַל דיסלאָקירטע. יעדער אימיגראַנט, אַפילו אונטער די בעסטע אומשטענדן, מוז דורכגיין אַ פּראָצעס פון שרעק, מורא, אומזיכערקייט. עס איז ניט קיין גרינגע זאַך צו פאַרלאָזן דאָס געבורט־לאַנד און אַוועקלאָזן זיך אין אַ ווייטן דרך. יעדער אימיגראַנט מוז דעריבער געגעבן ווערן אַ סימפּאַטישע, וואַרעמע פאַרשטענדעניש פאַר זיינע סאָציאַלע

און אויך עמאָציאָנעלע פּראָבלעמען. אין פֿאַל פון דעם נאָך־מלחמה אימיגראַנט איז די לאַגע געווען פיל שאַרפער. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען באמת געווען די קרבנות פון עקאָנאָמישער אויפטרייסלונג, סאָציאַלער אומזיכערקייט, און אין אַ סך פאַלן איז זייער גאַנצע עקזיסטענץ געווען דעזאָרגאַניזירט פאַר איבער אַ צענדליק יאָר. זיי האָבן צענפאַך געלעכצט נאָך אַביסל וואַרעמקייט, פאַר־שטענדעניש, סימפּאַטיע און הילף. און זיי האָבן עס געדאַרפט האָבן כדי צו שטילן זייער פיזישן און גייסטיקן הונגער, צו ווערן נאָכאַמאָל מענטשן, מיטגלידער פון אַ נאָרמאַלער געזעלשאַפט.

אַט די הויפט־שטריכן פון דער ספּעציפישער אייגנאַרטיקייט פון דער קאַנאַדער אימיגראַציע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, צוזאַמען מיט אַנדערע סיבות וועלכע מיר וועלן אָנווייזן אין פאָלגנדן קאַפּיטל, האָט געפירט צו אַ נייער איינשטעלונג, נייע באַגריפן, און נייע מעטאָדן אין אימיגראַנטן הילפס־אַרבעט. דער נייער צוגאַנג איז אָנגענומען געוואָרן סיי פון דער קאַנאַדער רעגירונג און סיי פון די פאַרשיידענע פּרייוואַטע הילפס־אָרגאַניזאַציעס.

(איין־און־פופציקסטער קאַפּיטל)

אַ נייער צוגאַנג צו אימיגראַנטן הילפס־אַרבעט

קאַנאַדע איז שטענדיק געווען אַ לאַנד פון אימיגראַציע, און דער ענין אימיגראַציע איז אַלעמאָל געווען אַ וויכטיקער טייל פון קאַנאַדער לעבן. עס איז אויך אַ האָר ניט איבערטריבן ווען מען זאָגט אַז קאַנאַדע איז אַ לאַנד פון אימיגראַנטן.

ס׳איז נאַטירלעך דעריבער אַז די פראַגע פון אימיגראַנטן־הילף האָט תמיד פיגורירט צווישן די פּראָבלעמען פון קאַנאַדער געזעלשאַפטלעכן לעבן און איז געווען אַ טייל פון דער פילאַנטראָפּישער טעטיקייט אין לאַנד. עס איז אָבער קיינמאָל ניט געווען אַ שאַרפער פּראָבלעם, און עס האָט זיכער ניט פאַרנומען איינעם פון די וויכטיקסטע פונקטן אויפן קאַנאַדער סדר היום. אויבנויף קען אויסקומען אַז עס איז אַ סתירה צווישן די צוויי פאַקטן: קאַנאַדע אַלס אַ לאַנד פון אימיגראַנטן פון איין זייט, און די לעפּליכע באַציאונג צו אימיגראַנטן אינטעגראַציע פון דער צווייטער זייט. היסטאָריש און סאָציאָלאָגיש קען מען אָבער די דערשיינונג דערקלערן דורך עטליכע סיבות.

די גרעסטע צאָל פון קאַנאַדער אימיגראַנטן וועלכע זענען געקומען אין לאַנד פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען הויפּטזעכליך געווען פון אַנגלאָ־סאַקסישן אָפּשטאַם, אָדער זיי זענען געקומען פון געגנטן וואָס זיינען געווען נאָענט צו דער בריטישער קולטור, אַזוי ווי דענמאַרק, נאָרוועגיע, שוועדן, פראַנקרייך, א.אז.וו. דער פּראָבלעם פון זייער צופּאַסונג צום לאַנד איז געווען ניט זייער שאַרף, ווייל סיי קולטורעל און סיי שפּראַכלעך זענען זיי געווען נאָענט צו דער דאָמינירנדער קולטור פון קאַנאַדע. זיי זענען אויך געווען די וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין די שטאָטישע געגנטן פון לאַנד.

די פראַגע איז געווען אַנדערש מיט די אימיגראַנטן וועלכע זענען געקומען פון צענטראַל אייראָפּע — רוסלאַנד, פּוילן, אוקראַינע, איטאַליע, א.אז.וו. די אימיגראַנטן, איבערהויפּט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אויך שפּעטער, זענען געקומען מיט אַ דאָרפישן, לאַנדווירטשאַפטלעכן עבר, האָבן זיך באַזעצט אין די דאָרפישע געגנטן, און הויפּטזעכלעך אין דעם קאַנאַדער מערב, וואו דער באָדן איז געעפנט געוואָרן פאַר פּיאָנערישער אַרבעט. פאַרשטענדלעך אַז אַ צאָל פון די אימיגראַנטן זענען אויך געקומען אין די שטעט. דאָ אָבער האָבן זיי פאַרנומען די נידעריקסטע פּאָזיציעס פון עקאָנאָמישן לייטער — זיי זענען געווען די שוואַרצע, אָדער האַלב קוואַליפיצירטע אַרבעטער. זייער קאָנטאַקט מיט די פירנדע געזעלשאַפטלעכע אינסטאַנצן פון לאַנד, זיכער אין די ערשטע יאָרן פון זייער אָנקומען אין קאַנאַדע, איז געווען אַ מינימאַלער. חוץ דעם האָט יעדער אימיגראַנטן גרופּע געשאַפן זייער אייגענע קהילה, צו וועלכער דער ניי־געקומענער אימיגראַנט האָט זיך געטוליעט און פון וועלכער ער האָט געקראָגן סיי פיזישע און סיי מאָראַלישע שטיצע.

די רעגירונג און די דאָמינירנדע קהילה האָט געשאָנקען אַ געוויסע אויפמערקזאַמקייט צום אימיגראַנט, אָבער די אויפמערקזאַמקייט איז געווען אַ באַגרענעצטע. זיי האָבן געוואוסט אַז דער אימיגראַנט איז געקומען אין לאַנד צו

פאַרבעסערן זיין עקאָנאָמישע לאַגע. זיינע פאָדערונגען זענען געווען מינימאַלע, איז דעריבער איז די הויפּט־אַרבעט מיט אימיגראַנטן באַשטאַנען אין געבן זיי אַ מעג־ליכקייט פון עלעמענטאַרער דערציאונג, — זיי זאָלן קאָנען עטוואָס לייענען און שרייבן; פאַרשפּרייטונג פון אינפאָרמאַציע וועגן געזונט און היגיענישע פראַגן; און ענליכע עלעמענטאַרע דערציאונגס פּראָבלעמען. אפילו די דאָזיקע אַרבעט איז אויך ניט געווען קאָאָרדינירט. עס איז געווען צעבראָקלט און דורכגעפירט פון לאָקאַלע אינסטאַנצן אָדער פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס. מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען די צייט ווען די דאָמינירנדע פילאָזאָפיע פון לאַנד איז געווען „ראַגעד אינדיווידואַליזם״ — קאַנאַדע און אַמעריקע זענען געווען לענ־דער וואו מען האָט „געשאַרט גאָלד אין די גאַסן״ — אָבער יעדער איינער האָט געדאַרפט שטיין אויף זיינע אייגענע פיס. די הערשנדע מיינונג איז געווען אַז וואָס ווייניקער די רעגירונג מישט זיך אין עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן, אַלץ בעסער דערפילט זי אירע פונקציעס און איר ראָליע. דער סלאָגאַן אַז אַ רעגירונג וואָס רעגירט אַמווייניקסטן, רעגירט אַמבעסטן, איז געווען די פּאָפּולערע מאָטאָ פון דער צייט. ממילא, אַזאַ באַציאונג האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף די פאַר־מעס, תוכן און פאָרנעם פון אימיגראַנטן הילפס־אַרבעט.

די לאַגע האָט זיך אינגאַנצן געביטן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, כאָטש די גרונט־סיבות פון דער געביטענער לאַגע זענען שוין רייף געוואָרן פאַר דער מלחמה. די מלחמה האָט נאָר געגעבן דעם לעצטן שטויס צו די נייע אַנטוויקלונגען און דעם לעצטן טויט־קלאַפּ צו דער פילאָזאָפיע פון דעם „ראַגעד אינדיווידואַליזם״.

ווי אַלע אינדוסטריעלע לענדער, האָט אויך קאַנאַדע דורכגעמאַכט אין משך פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, דעם איבערגאַנג פון אַ האַלב־אַגריקולטור עקאָנאָ־מיע צו אַן אינדוסטריעלע אָרדנונג. סימנים פון אַזאַ איבערגאַנג זענען שוין געווען קאַנטיק אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אָבער דער ערשטער גרויסער אימפּעט איז געקומען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. קאַנאַדע, אַלס אַ טייל פון דער בריטישער אימפּעריע, האָט אָנטיילגענומען אין דעם קאָנפליקט סיי מיט שיקן אַ גרויסע אַרמיי און סיי מיט צושטעלן פּראָדוקטן פאַר די אַליאירטע. קאַנאַדע איז געוואָרן אַן אינדוסטריעל לאַנד און די ווייטערע אַנטוויקלונגען האָבן אָנגעהאַלטן אין דער זעלבער ריכטונג.

די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון קאַנאַדע האָט אַריינגעבראַכט גרויסע ענדע־רונגען ניט נאָר אין עקאָנאָמישן לעבן נאָר אויך אין דער סאָציאַלער אָרדנונג. עס איז אויסגעוואַקסן דער אַרבעטער קלאַס, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, און עס זענען אויך געוואַקסן די שטעט אַלס די צענטערס פון דער אינדוסטריע. דער אַרבעטער איז געוואָרן אינגאַנצן אָפּהענגיק עקאָנאָמיש פון זיין אַרבעט. ער האָט פאַרלאָרן די פּראָטעקציע וואָס אַ רוראַלע, דאָרפס־סטרוקטור גיט צו אירע תושבים. עס איז ניט מער געווען קיין פראַגע פון באַאַרבעטן אַן אייגענעם שטיקל באָדן פון וועלכן מען קען ציען די חיונה. דער אינדוסטריעלער אַרבעטער, אויב ער האָט ניט גע־האַט קיין אַרבעט, האָט געמוזט אָנקומען נאָך הילף, ווייל אַרבעטס מעגליכקייטן זענען ניט געלעגן אונטער זיין קאָנטראָל. ער איז געוואָרן אַ שרייפעלע אין דער אינדוסטריעלער מאַשין. מען האָט שוין מער ניט געקענט באַשולדיקן דעם אַר־בעטסלאָזן אין פוילקייט אויב ער האָט ניט געהאַט קיין באַשעפטיקונג. די פילאָזאָפיע

פון „ראַגעד אינדיווידואַליזם״, פון באַהויפּטן אַז יעדער איינער, אויב ער וויל נאָר, קען געפינען באַשעפטיקונג, האָט מער ניט געגילט. די לאַגע איז באַשטעטיקט געוואָרן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער צייט פון די עטליכע אינדוסטריעלע קריזיסן אין קאַנאַדע, און עס איז געקומען צום פולן אויסדרוק אין דער צייט פון דער גרויסער דעפּרעסיע פון די דרייסיקער יאָרן.

אַלס פּועל יוצא פון דער אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד און די קאָנסעקווענצן פון דער נייער עקאָנאָמישער אָרדנונג, האָט די געזעלשאַפט געמוזט אָננעמען מיטלען צו באַשיצן דעם אַרבעטסלאָזן, דעם קראַנקן, דעם אַלטן, דעם יתום און די אלמנה. אַזוי אַרום זענען אויסגעוואַקסן פאַרשיידענע סאָציאַלע געזעצן וועלכע האָבן געצילט צו באַשיצן דעם נויטליידנדיקן. פון דער צווייטער זייט, זענען אויך אויסגעוואַקסן די סאָציאַלע וויסנשאַפטן וועלכע האָבן, אין אַ גרויסער מאָס, רעוואָלוציאָניזירט דעם צוגאַנג צו סאָציאַלע פראַגן. מען האָט פאַרשטאַנען אַז פילאַנטראָפּיע אַליין איז ווייט ניט גענוג און אויך ניט צופרידנשטעלנד צו דערפילן דעם מינימום פון מאַטעריעלע און סאָציאַלע נויטן פון דעם מענטשן. אַזוי אַרום איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט די פּראָפעסיע פון סאָציאַלן וואוילזיין (סאָשעל וואָרק), וועלכע האָט געפּרואווט צוגיין צו מענטשליכע פּראָבלעמען ניט נאָר מיט אַ „גוט האַרץ״ נאָר אויך מיט וויסן, פאַרשטאַנד און עפעקטיווער אָרגאַניזאַציע. במילא, די דאָזיקע אַנטוויקלונגען האָבן אויך געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם צוגאַנג צו אימיגראַנטן הילפס־אַרבעט. חוץ דעם זענען נאָך צוגעקומען ספּעציעלע פּראָבלעמען פון דער קאַנאַדער נאָך־מלחמה אימיגראַציע, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט אַ נייע אָריענטירונג מצד דער קאַנאַדער געזעלשאַפט לגבי די אימיגראַנטן. די אימיגראַציע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט פאַרמאָגט געוויסע אייגנאַרטיקע כאַראַקטער־שטריכן, ווי עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן אין פריערדיקן קאַפּיטל: סעלעקטיווער אָפּקלייב; פּרעדאָמינירינג פון ניט־בריטישע איינוואוינער; און סאָציאַלע אויסוואָרצלונג אָדער דיסלאָקאַציע.

אַזוי אַרום, אָביעקטיווע אַנטוויקלונגען אין קאַנאַדע בכלל און די סוביעקטיווע שטריכן פון דער קאַנאַדער אימיגראַציע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה בפרט האָבן געפירט צו אַ געענדערטן צוגאַנג צו פּראָבלעמען פון אימיגראַנטן איינאָרדנונג.

(צוויי־און־פופציקסטער קאַפּיטל)

איינגע ספּעציפישע פּראָבלעמען פון אימיגראַנטן

אין דעם פאַריגן קאַפּיטל האָבן מיר באַטראַכט געוויסע אָביעקטיווע סיבות וועלכע האָבן געפירט צו אַ נייעם צוגאַנג צו אימיגראַנטן הילפס־אַרבעט אין קאַנאַדע. אין דעם קאַפּיטל וועלן מיר אַרומרעדן געוויסע סוביעקטיווע סיבות, דאָס הייסט פּראָבלעמען וואָס שטייען זייער שאַרף פאַר יעדן אימיגראַנט וואָס קומט אָן אין אַ ניי לאַנד. פאַרשטענדלעך, אַז די אינטענסיוויטעט פון די פּראָבלעמען איז ניט גלייך פאַר יעדן אימיגראַנט אָדער יעדער אימיגראַנטן־משפּחה. די ערנסטקייט און די שאַרפקייט פון יעדן פּראָבלעם איז אָפּהענגיק, אין אַ גרויסער מאָס, אַן דעם עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און פּסיכאָלאָגישן צוגאַנג פון אימיגראַנט צו זיין נייער לאַגע. מען דאַרף אויך ניט דענקען אַז די פּראָבלעמען פון איינאָרדנונג פאַר אַן אימיגראַנט זענען אַ סך אַנדערש פון געוויינליכע סאָציאַלע אָדער עקאָנאָמישע פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר יעדן יחיד אין דער געזעלשאַפט. אימיגראַנטן זענען מענטשן און זייערע פּראָבלעמען זענען מענטשליכע. דער אונטערשייד ליגט נאָר אין דעם וואָס פאַרן אימיגראַנט זענען די פּראָבלעמען גרעסער, שווערער, שאַרפער און מער דרינגנדיק, — זיי קומען זיך צוזאַמען אויף אַמאָל. דעריבער די הילף וואָס דאַרף געגעבן ווערן דעם אימיגראַנט מוז אויך זיין אינטענסיווער, שנעלער און נויטיקט זיך אין אַ געוויסן ספּעציפישן צוגאַנג.

וואָס זיינען איינגע אַלגעמיינע פּראָבלעמען מיט וועלכע דער אימיגראַנט שטייט פּנים אל פּנים?

קודם כל ווען אַן אימיגראַנט קומט אין אַ נייעם לאַנד, ווערט ער צעטומלט פון דער פרעמדער, אומבאַקאַנטער אומגעבונג און די לעבנס־דרכים פון נייעם לאַנד. דאָס פּאַסירט אַפילו מיט מענטשן וואָס פאַרן אין אַ צווייטער שטאָט פון דעם זעלבן לאַנד. עס נעמט אַביסל צייט ביז מען הויבט זיך אָן אָריענטירן אין דער נייער סביבה. אין פאַל פון אַן אימיגראַנט איז די לאַגע פול ערנסטער, איבערהויפּט ווען דער אימיגראַנט קומט פון אַ געגנט אָדער לאַנד וואו דער דרך־החיים איז אינגאַנצן, אָדער כמעט ווי אינגאַנצן אַנדערש, פון דער נייער סביבה. אַזוי אַרום מוז דער אימיגראַנט קודם כל פאַנאַנדערפּלאָנטערן דעם געוועב פון פרעמדקייט. ער מוז אויך גלייך זוכן אַרבעט און אַ פּלאַץ צום וואוינען, און אויב ער קען עס גלייך ניט געפינען, מוז ער קריגן די נויטיקע הילף מיט שפּייז, אכסניה און בגדים ביז ער קען זיך אַליין באַזאָרגן.

ביי דער אַרבעט, אין פּלאַץ וואו דער אימיגראַנט ווערט באַשעפטיקט, קענען אויסוואַקסן שוועריקייטן צוליב שפּראַך, ניט קענען זיך גענוג פאַרשטענדיקן מיט די בעלי־בתים, אָדער דערפאַר וואָס דעם אימיגראַנט איז פּשוט ניט באַקאַנט דער קאַנאַדער צוגאַנג צו דער מלאכה און ער איז פרעמד צו די נייע מעטאָדן פון אַרבעט. זייער אָפט מוז דער אימיגראַנט אויך אָננעמען באַשעפטיקונג וועלכע איז אין סטאַטוס און פאַרדינסט נידעריקער ווי זיין אויסבילדונג וואָלט אים באַרעכטיגט צו האָבן. אַזוי צום ביישפּיל אַ מעכאַניקער אָדער שניידער מוז, די ערשטע צייט אָננעמען אַרבעט פון אַ צווייטראַנגיקן כאַראַקטער, ביז ער קריגט אַ פּלאַץ וואו מען

אנערקענט זיינע קוואַליפֿיקאַציעס. דאָס נעמט אָבער אַ ביסל צייט. אַ געשולטער דאָקטאָר מעדיצין וועלכער קומט קיין קאַנאַדע, קען ניט פּראַקטיצירן ביז ער ווערט אַ בירגער אָדער גייט דורך געוויסע עקזאַמענס, מעג ער אַפילו זיין דער גרעסטער ספּעציאַליסט. מוז טאַקע אַזאַ מעדיקער ווערן אַן אינטערן אין אַ שפּי־טאַל און האָבן געדולד ביז ער וועט אַנערקענט ווערן. דער אימיגראַנט דאַרף אויך צוגעוואוינט ווערן צום קאַנאַדער אַרבעטס־מאַרק מיט די פֿאַרשיידענע ענדערונגען אין פֿאַרבינדונג מיט אַרבעטסלאָזיקייט אין געוויסע צייטן פֿון יאָר, א.אַז.וו. אַזעלכע ביישפּילן קען מען אָנגעבן אין די צענדליקער. וואָס איז וויכטיק איז, אַז דער אימי־גראַנט מוז געהאָלפֿן ווערן צו פֿאַרשטיין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, אויב ניט קען ביי אים זייער גרינג אויסוואַקסן אַ ביטערקייט און אומצופֿרידנקייט וואָס קען האָבן אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויף דעם גאַנג פֿון דער צוקונפֿטיקער איינבירגערונג.

די דורכשניטלעכע פֿאַרדינסטן פֿון אַן אימיגראַנט זענען ניט הויך, איבערהויפּט אין דער ערשטער צייט נאָך זיין אָנקומען אין לאַנד. אַמאָל קלעקט ניט אויף דער חיונה און ער מוז האָבן צייטווייליקע פֿינאַנציעלע הילף כדי צו זיין באַזאָרגט מיט דעם מינימום אויסקומען. דער אימיגראַנט מוז אויך האָבן הילף אין אַזאַ פּשוטן פּראָבלעם ווי איינקויפֿן זאַכן פֿאַר טאָג־טעגלעכן געברויך, אַזוי אַז זיין פֿאַר־דינטער דאָלאַר זאָל ניט גיין לאיבוד. די ערשטע צייט דאַרף ער קריגן אָנווייזונגען וואו דאָס איינקויפֿן איז ביליגער, אויסצומיידן צו קויפֿן אויף אויסצאָלונג אָדער אָננעמען אויף זיך פֿאַרפּליכטונגען וואָס ער קען ניט באַהויפּטן. די שטיצע וואָס ווערט געגעבן דעם אימיגראַנט דאַרף אויך אויסגעטיילט ווערן אַזוי אַז דער אימי־גראַנט זאָל זיך ניט פֿילן דערשלאָגן, זאָל קענען אָנהאַלטן זיין זעלבסט־רעספּעקט, זיין חשיבות אַלס מענטש.

קראַנקהייט איז אַן ערנסטער ענין פֿאַר אַלעמען, אָבער עס איז ספּעציעל ערנסט פֿאַר דעם ניי־געקומענעם, ווייל ער איז פֿרעמד אין לאַנד און האָט ניט קיין משפּחה אָדער באַקאַנטע אויף וועלכע מען קען זיך שטיצן אָנשפּאַרן אין אַן עת צרה. חוץ פֿינאַנציעלע אויסגאַבן, איז קראַנקהייט אויך פֿאַרבונדן מיט דער מורא פֿון פֿאַרלירן באַשעפֿטיקונג וועלכע ער האָט ערשט ניט לאַנג געקראָגן, שרעק פֿאַר דעפּאָרטאַציע, איינזאַמקייט, א.אַז.וו.

אימיגראַנטן־קינדער קענען האָבן שוועריקייטן צוצופּאַסן זיך צום שול סיי צוליב שפּראַך און סיי צוליב דעם וואָס זיי מוזן אַפּטמאָל אַריין אין אַ קלאַס וואו די קינדער זענען אינגער. אַן ערנסטער פּראָבלעם פֿאַרן קינד איז אויך שאַפֿן חברים, אַן ענין וואָס איז פֿאַרן אימיגראַנטן־קינד אַביסל שווערער צוליב די אויבן־דער־מאָנטע סיבות.

קאָנפֿליקטן צווישן עלטערן און קינדער זענען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג אין לעבן. די קאָנפֿליקטן צווישן אימיגראַנטן־עלטערן און זייערע קינדער קענען זיין אַמאָל ערנסטער, ווייל דאָס קינד, פּאַסט זיך אַריין אין דעם נייעם לעבן מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ ווי זיינע עלטערן. די עלטערן קענען עס אַמאָל שלעכט אויס־טייטשן און עס שאַפֿט זיך אַ סכסוך. עס פּאַסירט אויך אָפֿט אַז די קינדער נעמען איבער דווקא ניט די בעסטע שטריכן פֿונעם נייעם לעבן. דעמאָלט ווערט דער קאָנ־פֿליקט נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט.

פּראָבלעמען וואַקסן אויך אויס אין פֿאַרבינדונג מיט וואוינונגען, איבערהויפּט

ווען מען דאַרף צייטווייליק וואוינען אין אַ צימער בײַ יענעם. אַפילו ווען דער אימי־גראַנט קומט צו קרובים, זייער אָפט, קורץ נאָכן אָנקומען, שאַפן זיך פאַרשיידענע רייבונגען, איבערהויפּט ווען די קרובים אַליין זענען אין אַ פינאַנציעלער לאַגע וואָס זיי קענען קיין סך הילף ניט געבן דעם נײַ־געקומענעם.

אַזוי אַרום, דער דורכשניטלעכער אימיגראַנט, קומט פּנים אל פּנים מיט אַ צאָל מאַטעריעלע, סאָציאַלע און עמאָציאָנעלע פּראָבלעמען. די פראַגן פון הילף אין וועלכע ער נויטיקט זיך, באַשטייט ניט נאָר אין פילאַנטראָפּישער שטיצע. ער מוז אויך האָבן אַ פּלאַץ און מענטשן וועלכע זאָלן אים פאַרשטיין, צו וועלכע ער קען זיך אַראָפּרעדען פון האַרצן און וועלכע קענען אים אַרויסהעלפן אויסצומײַדן געוויסע שוועריקייטן אַזוי אַז ער זאָל נכשל ווערן וואָס ווייניקער. אַזאַ שטיצע העלפט דעם אימיגראַנט צו קאָנצענטרירן זײַנע כוחות און זײַנע באַמיאונגען אויף קאָנסטרוקטיווע צוועקן פון אײַנאָרדנען זיך. די הילף וואָס דער אימיגראַנט דאַרף קריגן מוז געגעבן ווערן שנעל און עפעקטיוו. די נויטיקייט פון אַזאַ צוגאַנג צו אימיגראַנטן הילף איז אָנערקענט געוואָרן פון דער אידישער קהילה וועלכע האָט באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אָרגאַניזירט דעם נויטיקן אַפּאַראַט — דאָס איז געווען הויפּטזעכלעך, די גרינדונג פון דער סאָציאַלער וואוילזיין אָפּטיילונג בײַם אידישן אימיגראַנטן הילפס־פאַריין פון קאַנאַדע.

(דריי־און־פופציקסטער קאפיטל)

די גרינדונג פון דער סאָציאַלער וואוילזיין־אָפּטיילונג ביים אידישן אימיגראַנטן הילפס־פאַראיין

די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון צופּאַסונג פאַר אימיגראַנטן, מיט וועלכע זיי קומען פּנים־אל־פּנים אין דער ערשטער צייט נאָך זייער אָנקומען אין לאַנד, זענען, פאַרשטענדלעך, אויך גילטיק פאַר אידישע אימיגראַנטן. צו דעם, אָבער, קומט נאָך צו דאָס „פּינטעלע איד". ביי דעם אידישן אימיגראַנט פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען סיי די מאַטעריעלע און סיי די עמאָציאָנעלע פּראָבלעמען געוועזן אַ סך שאַרפער. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער אידישער אימיגראַנט איז געוועזן ניט נאָר אַ מלחמה־קרבן, נאָר אויך דער קרבן פון דער אויסראָטונגס־פּאָליטיק פון די נאַציס. ער איז דורכגעגאַנגען די שבעה מדורי גיהנום און ער איז פאַרבליבן אויסגעוואָרצלט אין דעם פולן זין פון וואָרט. אין זיין פאַל איז די ערשטע הילף ביים אָנקומען אין לאַנד און הילף אין דעם איינאָרדנונגס־ און דעם איינבירגערונגס־פּראָצעס, געוועזן נאָך מער דרינגלעכער. די אידישע קהילה פון קאַנאַדע האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז מען מוז דעם אידישן אימיגראַנט גלייך געבן די נויטיקע לייסטונגען, כדי אַזוי שנעל ווי מעגלעך אָביסל פאַרריכטן און פאַרהיילן זיינע וואונדן און אויך אַרויסהעלפן אים אויפן וועג פון רעהאַביליטאַציע, דאָס הייסט, העלפן אים בויען אַ נייעם לעבן אין לאַנד. אונטער דער אָנפירונג פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס און דעם אידישן אימיגראַנטן־פאַראיין, האָבן אַלע עקזיסטירנדע אידישע וואוילטעטיקע אָרגאַניזאַציעס זיך וואָרעם אָפּגערופן און זענען געוועזן גרייט צו טאָן זייער חלק. אָבער, כדי אַזאַ פּראָגראַם זאָל האָבן אַ ממשות׳דיקייט, דויערהאַפטיקייט, און כדי עס זאָל זיין אָרגאַניזאַציאָנעל עפעקטיוו, איז די אַרבעט פון ערשטער הילף צום אידישן אימיגראַנט איבערגעגעבן געוואָרן צום אידישן אימיגראַנטן־פאַראיין. דער אימיגראַנטן־פאַראיין האָט גוט פאַר־שטאַנען, אַז פאַר אים שטייט גאָר אַ גרויסע אויפגאַבע און כדי די אַרבעט זאָל אָנגיין מיט דער נויטיקער אינטענסיווּיטעט און אויך מיט וויסן, האָט דער אימיגראַנטן־פאַראיין אָרגאַניזירט אַ נייע אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלן וואוילזיין („סאָשעל סערוויס דעפּאַרטמענט"). אָט די דאָזיקע אָפּטיילונג איז אָרגאַניזירט און אָנגעפירט געוואָרן פון פּראָפעסיאָנעל געשולטע „סאָשעל וואָרקערס", ספּעציאַליסטן אויפן געביט פון סאָציאַלן וואוילזיין און פּערזענלעכע פּראָבלעמען. די אויסערלעכע פאָרמען פון דער סאָציאַלער וואוילזיין־טעטיקייט פון אימיגראַנטן־פאַראיין זענען ניט געווען גלייך אין יעדער שטאָט, ווייל זיי זענען צוגעפּאַסט געוואָרן צו לאָקאַלע באַדינגונגען. דער תוכן איז אָבער געווען דערזעלבער — העלפן דעם אידישן אימיגראַנט זיך שטעלן אויף די פיס וואָס שנעלער. ווי שוין פריער דערמאָנט, זענען אַנדערע אידישע וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס אויך אַריינגעצויגן געוואָרן גלייך אין דער אַרבעט. עס איז אויך פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דער אימיגראַנטן־פאַראיין וועט געבן די ערשטע הילף. אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזן אַז דער אימיגראַנט וועט מוזן האָבן הילף פאַר אַ לענגערער צייט,

לאמיר זאגן לענגער פון אַ האַלב יאָר נאָך זיין אָנקומען אין לאַנד, וועט ער דעמאָלט איבערגעשיקט ווערן צו דער לאָקאַלער צדקה־אינסטיטוציע. אַזאַ אַראָנזשירונג איז געמאַכט געוואָרן אויפן סמך אַז דער דורכשניטלעכער אימיגראַנט, אויב די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין לאַנד וועלן זיין מער אָדער ווייניקער נאָרמאַל, דאַרף זיך קענען עקאָנאָמיש מינימאַל באַזאָרגן. אין די קלענערע שטעט איז די אַרבעט גלייך געטאָן געוואָרן פון די לאָקאַלע וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס, זייער אָפט מיט דער עצה און אָנווייזונגען פון אימיגראַנטן־פאַראיין. צוליב קלאָרקייט וועלן מיר אין דעם קאַפּיטל באַשרייבן די סטרוקטור פון דער סאָציאַלער וואוילזיין־אָפּטיילונג ביים אימיגראַנטן־פאַראיין אין מאָנטרעאַל, וועלכע האָט דורך אַגב באַהאַנדלט דעם גרעסטן פּראָצענט פון ניי־געקומענע.

די סאָציאַלע וואוילזיין־אָפּטיילונג פון אימיגראַנטן־פאַראיין אין מאָנטרעאַל איז אָרגאַניזירט געוואָרן סוף 1947, ווען מען האָט שוין געוואוסט, אַז גרעסערע צאָלן פון אידישע אימיגראַנטן וועלן אָנקומען אין לאַנד. די צילן און אויפגאַבן פון דער סאָציאַלער וואוילזיין אָפּטיילונג זענען געווען ווי פאָלגט:

א) באַגעגענען און אויפנעמען די אימיגראַנטן ביי זייער אָנקומען אין לאַנד;

ב) באַזאָרגן זיי מיט פּאַסנדע צייטווייליקע וואוינונגען און העלפן זיי געפינען אַ פּערמאַנענטן וואוינונגס־פּלאַץ;

ג) באַזאָרגן זיי מיט דעם מינימום פון נויטיקן מעבל, הויז־חפצים און מלבושים;

ד) געבן די נויטיקע פינאַנציעלע שטיצע פאַר חיונה; צוהעלפן פינאַנציעל אויב די פאַרדינסטן קלעקן ניט; און אַרויסהעלפן מיט פּלאַנירן אַ מינימום פּאַסנדיקן בודזשעט;

ה) אַרויסהעלפן דעם ניי־געקומענעם אין קריגן די נויטיקע מעדיצינישע פאַרזאָרגונג;

ו) אַרויסהעלפן דעם אימיגראַנט אין קריגן באַשעפטיקונג און אין אָנהאַלטן דעם אַרבעטס־פּלאַץ;

ז) אָריענטירן דעם אימיגראַנט צו די פאַרשיידענע פאַזן פון קהילה־לעבן, קהילה־אינסטיטוציעס, שולן פאַר קינדער, אאַ״וו.

ח) צו קאָאָפּערירן מיט פאַרשיידענע קהילה־אָרגאַניזאַציעס און יחידים וועלכע זענען פאַראינטערעסירט אין אַרויסהעלפן דעם אימיגראַנט, און אַזוי אַרום אויסצומיידן אומנויטיקע פאַרשווענדונג פון געזעלשאַפטלעכע און פינאַנציעלע כוחות, דערהויבנדיק דעם אַלגעמיינעם סטאַנדאַרט פון לייסטונגען אין דער קהילה לטובת דעם אימיגראַנט.

ט) אָרגאַניזירן פאַרשיידענע וואוילטעטיקע גרופּן און געזעלשאַפטן וועלכע זענען וויליק אַרויסצוהעלפן דעם אידישן אימיגראַנטן־פאַראיין בכלל און די סאָציאַלע וואוילזיין־אָפּטיילונג בפרט אין געוויסע פאַזן פון דער אַרבעט;

י) צו געבן אַ מעגלעכקייט דעם אימיגראַנט דורכצורעדן זיך וועגן זיינע פּראָבלעמען און צו פּלאַנירן זיין איינאָרדנונגס־פּראָצעס מיט דער הילף פון געשולטע „קאָונסעלאָרס'' אָדער סאָשל וואָרקערס ; צו געבן אים אַ מעגלעכקייט „אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן'' און אַזוי אַרום פאַרלייכטערן זיין עמאָציאָנעלע אָנשטרענגונג ; העלפן דעם אימיגראַנט צו פאַרשטיין די מעגלעכקייטן און באַגרע־נעצונגען אין זיינע פּלענער, אָפּשאַצנדיק די רעאַליטעט פון די לעבנס־באַדינגונגען אין נייעם לאַנד און אין דער קהילה וואו דער אימיגראַנט געפינט זיך ; אַרויסהעלפן אים אין געפינען אַ לייזונג צו געוויסע פּערזענלעכע, משפחה־ אָדער עמאָציאָנעלע פּראָבלעמען.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, די אַקטיוויטעטן פון דער סאָציאַלער וואָוילזייך־אָפּטיילונג זענען געווען עלאַסטיש, אומפאַסנד, און אַלעמאָל צוגעפּאַסט צו די נויטן פון דער צייט, די נויטן פון די מענטשן וועלכע זענען אַהין געקומען נאָך הילף און אָפּהענגיק פון די רעגולאַציעס באַשטימט פון דער קהילה און פון אידישן אימיגראַנטן־פאַראיין.

ווי אַזוי די אַרבעט איז געפירט געוואָרן, וואָס פאַר אַ מעטאָדן זענען גענוצט געוואָרן, אאַ''וו — וועגן דעם וועט נאָך אויסקומען צו רעדן אין די קומענדיקע קאַפּיטלעך. דער קאַרדינאַלער פאַקט איז אָבער געווען די גרינדונג פון אַזאַ מין אָפּטיילונג און דער ציל וואָס האָט מאָטיווירט די אַרבעט פון סאָציאַלן וואוילזיין — און דאָס איז געווען, דורך צייטייליקער שטיצע, דורך פאַרשטענדעניש, דורך סימפּאַטיע, דורך מאָביליזירן פאַרשיידענע קהילה־כוחות, דורך וויסן און דורך אַ פּראָפעסיאָנעלן צוגאַנג — העלפן דעם ניי־געקומענעם צו ווערן זעלבסט־שטענדיק, צו אויסנוצן זיינע אייגענע כוחות פאַר קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, אַרויס־צוברענגען אין אים זיין ווילן צו דערפאָלג. מיט אַנדערע ווערטער, דער ציל פון דער סאָציאַלער וואוילזיין־אָפּטיילונג איז געווען העלפן דעם אימיגראַנט צו העלפן זיך אליין.

(פיר־און־פופציקסטער קאַפּיטל)

אַן אָפּענע טיר און אינדיווידועלע באַהאַנדלונג

כמעט יעדער אימיגראַנט, וועלכער איז געקומען קיין קאַנאַדע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זיך געגויטיקט אין אַ געוויסער מאַטעריעלער שטיצע. דער גרעסטער טייל האָט פאַרלאַנגט פינאַנציעלע הילף ביז מען האָט זיך געשטעלט אַרבעטן און מען האָט פאַרדינט פאַר דער אייגענער הוצאה. אין דעם קאַפּיטל װעלן מיר אין קורצן אַרומרעדן די הויפּט־פּרינציפּן ווי אַזוי די פינאַנציעלע הילף איז געגעבן געוואָרן דורך דער וואָילזיין־אָפּטיילונג פון דעם אידישן אימיגראַנטן־פאַריין פון קאַנאַדע. דרך־אגב, די זעלבע פּראָצעדור און די זעלבע פּרינציפּן זענען אויך געווען גילטיק פאַר די אַנדערע וואוילטעטיקע קהילה־אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דער אַרבעט.

קודם־כל ווילן מיר אונטערשטרייכן צוויי הויפּט־פּרינציפּן פון דער אימיגראַנטן־הילפס־אַרבעט: די וואוילזיין־לייסטונגען זענען געווען אָפן פאַר אַלע אידישע אימיגראַנטן; און יעדער יחיד אָדער יעדע משפחה איז באַהאַנדלט געוואָרן אינדיווידועל און לויט די ספּעציפישע נויטן פונעם יחיד אָדער משפחה, וועלכע האָט זיך געווענדעט נאָך הילף. אָט־די צוויי אויבן־דערמאָנטע פּרינציפּן דאַרפן באַטראַכט ווערן פון גרויס וויכטיקייט סיי פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אידישער קהילה אין קאַנאַדע און סיי פון דעם שטאַנדפּונקט פון אימיגראַנט, וועלכער האָט זיך געווענדעט נאָך הילף.

דער פּרינציפּ פון האַלטן די וואוילזיין־לייסטונגען אָפן פאַר יעדן אימיגראַנט האָט געמיינט אַז יעדער אידישער אימיגראַנט, ניט קוקנדיק ווי אַזוי ער איז געקומען קיין קאַנאַדע, צו אַ קרוב, אַלס פאַכמאַן, אַלס די.פּי. א.אז.וו., האָט געהאַט אַ רעכט זיך צו ווענדן נאָך הילף און האָט געהאַט אַ פּלאַץ וואו ער האָט געקענט פאַרברענגען זיין בקשה און אויסגעפרעגט ווערן. פּסיכאָלאָגיש האָט עס געגעבן דעם אידישן אימיגראַנט דאָס געפיל אַז ער איז ניט פאַרלאָזן, אַז ער איז ניט אַליין, און אַז עס איז פאַראַן אַ קהלשע געזעלשאַפט וועמעס טיר איז שטענדיק אָפן פאַר אים. דאָס מיינט ניט דווקא צו זאָגן, אַז יעדער אידישער אימיגראַנט, וועלכער האָט זיך, געווענדט נאָך פינאַנציעלע שטיצע האָט געקראָגן די שטיצע, אָדער האָט זי געקראָגן אין דער מאָס וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. אַפילו די וואָס האָבן געקראָגן פולע שטיצע, איז די הילף געגעבן געוואָרן לויט אַ באַשטימטען בורזשעט, איינגעשטעלט פון דער קהילה, און וועלכער איז געווען געגוג נאָר צו באַפרידיקן די מינימאַלע לעבנס־נויטן פאַר אַ קורצער צייט. וואָס דער פּועל־יוצא פון אַ בקשה פאַר שטיצע זאָל ניט האָבן געווען, האָט יעדער אידישער אימיגראַנט אָבער געוואוסט אַז עס איז פאַראַן אַן אָפענע טיר וואו מען קען זיך אַדורכרעדן וועגן אַ ענין און וואו יעדע בקשה וועט דערפילט ווערן לויט די עקזיסטירנדיקע מעגליכקייטן און אין די ראַמען אין וועלכע די אינסטיטוציע האָט געדאַרפט פונקציאָנירן. מען דאַרף געדענקען אַז די אינסטיטוציע גופא האָט ניט געהאַט קיין פרייע האַנט אין אירע פונקציעס אָדער אין דער מאָס פון הילף וואָס

זי האָט געקענט געבן. עס זענען געווען באַשטימטע גרענעצן פון אַ בודזשעטאַרן און אויך פונקציאָנעלן כאַראַקטער, אַרויפגעלייגט פון דער קהילה. מען קען אָבער פעסטשטעלן דעם פאָלגנדן קאַרדינאַלן פאַקט. אַלע אידישע אימיגראַנטן וועלכע האָבן זיך געווענדט נאָך הילף זענען ניט אַוועק מיט לעדיקע הענט, צי דאָס איז געווען הילף מיט געפינען אַרבעט, אַן עצה וועגן אַ פּערזענליכן פּראָבלעם, פינאַנ־ציעלע שטיצע, אַנווייזונג ווי אַזוי צו געפינען אַ וואוינונג, וואו זיך צו ווענדן וועגן מעדיצינישער באַהאַנדלונג, ווי צו עפענען אַ שטיקל געשעפט, וואו צו קריגן אַ הלוואה, א.אז.וו. אַפילו אין ריין פינאַנציעלע שטיצע האָבן דאָס רוב אימיגראַנטן באַקומען אַ געוויסע הילף, ווער מער און ווער ווייניקער,אין איינקלאַנג מיט די אינדיווידועלע באַדערפעניש און פינאַנציעלער לאַגע פון אימיגראַנט. די אידישע קהילה אין קאַנאַדע האָט אויסגעגעבן מיליאָנען דאָלאַרן אויף אימיגראַנטן־הילף. למשל, אין אַ באַריכט פון דער מאָנטרעאַלער ביוראָ פון אידישן אימיגראַנטן פאַריין פאַרן יאָר 1952, לייענען מיר אַז אין משך פון דעם יאָר, האָט די וואוילזיין אָפּטיי־לונג באַקומען בקשות פאַר הילף פון אַרום צוויי טויזנט פינף הונדערט נייע אימי־גראַנטן, אָדער 859 משפחות. די פינאַנציעלע שטיצע וואָס דער פאַריין האָט פאַרטיילט אין דעם יאָר האָט באַטראָפן איבער צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר. די סומע, ווי געזאָגט, איז אויסגעגעבן געוואָרן אויף דירעקטער פינאַנציעלער שטי־צע נאָר פון דער וואוילזיין אָפּטיילונג פון דער מאָנטרעאַלער ביוראָ פון אימיגראַנטן פאַריין. עס נעמט ניט אַריין די שטיצע געגעבן פון אַנדערע קערפּערשאַפטן איבערן לאַנד, און עס נעמט אויך ניט אַריין די שטיצע וועלכע ווערט געגעבן ניט דירעקט דורך געלט נאָר דורך חפצים, ווי מעבל, מלבושים, א.אז.וו.

לויטן הויפּט־פּרינציפּ פון דער וואוילזיין־אַרבעט האָט מען דעם טראָפּ גע־שטעלט אויף אינדיווידועלער באַהאַנדלונג פון יעדער משפחה און אַפילו יעדן מיט־גליד פון דער משפחה. מען האָט אויסגעמידן, ווי ווייט מעגליך דעם מאַסן־צוגאַנג, אָדער דער געדאַנק אַז אַלע יוונים האָבן איין פּנים. אַזאַ צוגאַנג האָט יאָ געהערשט, אין אַ גרויסער מאָס, אין די לאַגערן וואו אַ סך פון די ניי־געקומענע האָבן זיך געפונען נאָך דער מלחמה. ליידער, זייער אָפט, אַפילו, מיטן בעסטן ווילן, קען מען אַזאַ צוגאַנג ניט אויסמיידן, ווייל דער פּראָבלעם איז געווען צו גרויס און עס זענען פשוט ניט געווען די מיטלען און דער פּערסאָנאַל צו באַהאַנדלען יעדן פאַל באַזונדער. אין אַזאַ צוגאַנג פאַרלירט זיך דער יחיד און עס ווערט אויך אָפּגעשוואַכט די פּסיכאָלאָגישע חשיבות פון דעם יחיד, זיין אינדיווידואַליטעט.

ביים אָנקומען אין קאַנאַדע איז יעדער אימיגראַנט באַהאַנדלט געוואָרן אינ־דיווידועל. עס איז געגומען געוואָרן אין אָנבאַטראַכט זיין פּערזענלעכקייט, זיינע אינדיווידועלע ספּעציפישע נויטן, זיינע אַמביציעס און זיינע שטרעבונגען. ווען דער אימיגראַנט האָט זיך באַגעגנט מיטן סאָשל וואָרקער, מיטן באַאַמטן פון דער וואוילזיין אָפּטיילונג, איז עס געווען אַ באַגעגעניש צווישן מענטש און מענטש, וואו דער אימיגראַנט און זיין משפחה, האָבן געקענט, אינדיווידועל, פּריוואַט, אַרומ־רעדן זייערע פּראָבלעמען. קיין פרעמדע מענטשן זענען דערביי ניט געזעסן, און יעדער פאַל איז באַהאַנדלט געוואָרן קאָנפידענציעל, וואו נאָר די אַדמיניסטראַציע פון דער אינסטיטוציע האָט געוואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אַט דער אינ־דיווידועלער, פּריוואַטער כאַראַקטער פון דער אַרבעט איז שטענדיק שטרענג אָפּ־

געהיט געוואָרן פון דער אינסטיטוציע. דעם אימיגראַנט איז געגעבן געוואָרן אַ מעגליכקייט אַרויסצוברענגען זיינע ניט נאָר אויסערליכע נאָר אויך אינערליכע נויטן און די הילף וואָס איז געגעבן געוואָרן איז ניט געווען פון אַ שאַבלאָנעם צוגאַנג. די אינדיווידואַליטעט פון יעדן אימיגראַנט איז שטענדיק באַטראַכט געוואָרן, און אַזוי אַרום איז אויך זיין חשיבות געשטאַרקט געוואָרן.

עס דאַרף אויך באַמערקט ווערן אַז מען האָט זיך מיט דעם אימיגראַנט ניט געניאַנטשעט. מען האָט דערוואַרט פון יעדן אימיגראַנט און פון זיין משפחה אַז זיי זאָלן זיך שטעלן אויף זייערע אייגענע פיס אַזוי שנעל ווי מעגליך. הילף איז געגעבן געוואָרן נאָר דעמאָלט ווען דער אימיגראַנט האָט זיך צייטווייליק געפונען אין אַ לאַגע וואו ער האָט זיך אַליין ניט געקענט העלפן און געמוזט האָבן די אונטער־שטיצונג פון דער קהילה. מען האָט געוויזן דעם אימיגראַנט ווי אַזוי ער קען זיך העלפן, מען האָט אים דערקלערט וועגן די עקזיסטירנדיקע מעגליכקייטן, מען האָט אים געהאָלפן אָפּצושאַצן די רעאַליטעטן פון איינאָרדנונג אין דעם נייעם לאַנד. מען האָט אָבער אויך דערוואַרט אַז ער זאָל זיין אומאָפּהענגיק, און ער זאָל אַליין טאָן אַלץ וואָס ער האָט געמוזט און געקענט טאָן לטובת זיין איינאָרדנונג. דער ציל פון דער געגעבענער שטיצע איז געווען ניט צוגעוואוינען דעם אימיגראַנט זיך צו פאַרלאָזן אויף דער געזעלשאַפט נאָר פאַרקערט העלפן אים צו ווערן פולשטענדיק אומאָפּהענגיק, און אַלס אַ נאָרמאַלער מיטגליד פון דער עקאָנאָמישער און סאָ־ציאַלער סטרוקטור פון לאַנד.

(פינף־און־פופציקסטער קאַפּיטל)

פינאַנציעלע הילף

די געשיכטע פון אידישער אימיגראַנטן הילפס־אַרבעט אין קאַנאַדע קען פעסטשטעלן מיט זיכערקייט דעם פאַקט, אַז קיין איין אידישער אימיגראַנט איז ניט געבליבן הפקר אָדער הונגעריקביים אָנקומען אין לאַנד. אַזוי שנעל ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז דער אימיגראַנט האָט ניט קיין אייגענע מיטלען אָדער קען ניט געשטיצט ווערן פון זיינע קרובים, האָט די קהילה אים באַזאָרגט מיט אַ מינימום פון שפּייז, אַ דאַך איבערן קאָפּ און די נויטיקע מלבושים. אין דעם קאַפּיטל וועלן מיר באַהאַנדלען ווי אַזוי ווערט געגעבן מאַטעריעלע שטיצע פון אידישן אימיגראַנטן־פאַראיין, וועלכע אינסטיטוציע האָט דעם ערשטן קאָנטאַקט מיט דעם ניי־געקומענעם אימיגראַנט.

ווען אַ ניי־אָנגעקומענער אימיגראַנט ווענדט זיך מיט אַ בקשה וועגן פינאַנציעלער שטיצע, ווערט ער קודם כל אויפגענומען פון דעם סאָשל וואָרקער, אַן אָנגעשטעלטער אין דער וואוילזיין־אָפּטיילונג פון אימיגראַנטן־פאַראיין. די בקשה ווערט אַנאַליזירט און עס ווערן פעסטגעשטעלט אַ צאָל פאַקטן וועגן דעם אימיגראַנט, זיין משפּחה, ווי אַזוי איז ער געקומען קיין קאַנאַדע, ווער האָט אים אַראָפּגעבראַכט, ווער האָט פאַר אים גאַראַנטירט, ווער האָט באַצאָלט די רייזע־הוצאות, אאַ״וו. עס ווערט אויך פעסטגעשטעלט זיין פינאַנציעלע לאַגע און די לאַגע פון זיינע קרובים. אין אַלגעמיין, דאָס רוב אימיגראַנטן זענען ערלעכע מענטשן, וועלכע ווענדן זיך נאָך שטיצע ווייל זיי זענען צייטווייליג אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע. פאַראַן אויך אייניקע וועלכע ווילן אויסנוצן די געזעלשאַפטלעכע שטיצע, כאָטש זיי נויטיקן זיך ניט אין דעם. פון דער צווייטער זייט זענען אויך פאַראַן אַזעלכע, וועלכע מוזן האָבן הילף, אָבער שעמען זיך צו דערלאַנגען זייער בקשה.

די אויספאָרשונג איז אַ גרינטלעכע און ווערט דורכגעפירט דורך פאַרשיידענע מעטאָדן. פאַרשטענדלעך, אַז קיין אַבסאָלוטע זיכערקייט קען קיינמאָל ניט זיין און עס קען געמאַכט ווערן אַ טעות סיי פון זיין צו שטרענג און סיי פון זיין צו ליבעראַל. דאָס זענען אָבער אויסנאָמען. דורכשניטלעך, סיי דער גאַנג פון דער אויספאָרשונג און סיי דער באַשלוס וועגן יעדער בקשה, זענען געבויט אויף אַ פונדאַמענט פון פאַקטן.

אין דעם פּראָצעס פון דער אויספאָרשונג פון אַ בקשה וועגן פינאַנציעלער שטיצע, אַנאַליזירט מען אויך די אַנדערע פּערזענלעכע אָדער אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון אימיגראַנט. עס פּאַסירט אָפט, אַז כאָטש דער אימיגראַנט ווענדט זיך וועגן פינאַנציעלער שטיצע, קוועטשט גאָר דער שוך אויף אַן אַנדער פוס — משפּחה־שוועריקייטן, פּראָבלעמען צווישן מאַן און פרוי, פּראָבלעמען מיט קינדער, פיזישע אָדער גייסטיקע ניט־געזונטקייט, אאַ״וו. פאַרוואָס דען קומט ער ניט אַרויס גלייך מיט זיין פּראָבלעם? אַמאָל פּאַסירט עס צוליב שעמען זיך, אַמאָל פאַרשטייט דער אימיגראַנט אַליין ניט וואָס זיין פּראָבלעם איז, און אַמאָל וויל ער פּשוט זיין זיכער אַז דער מענטש מיט וועלכן ער רעדט וועט אים פאַרשטיין און וועט

אויפנעמען זיין בקשה מיט סימפּאַטיע. צוליב דעם טאַקע זענען אין דער סאָציאַלער וואוילזיין־אָפּטיילונג פון אימיגראַנטן־פּאַראיין אַנגעשטעלט ספּעציעל געשולטע סאָשל־וואָרקערס, וועלכע זענען באַהאַוונט אין אַזעלכע ענינים.

ווען די פינאַנציעלע נויטן פון אימיגראַנט ווערן דעפינירט, גייט די בקשה איבער צו אַ ספּעציעלן קאָמיטעט וועלכער באַשטייט פון באַשטימטע מיטגלידער פון דירעקטאָרן־ראַט פון פּאַראיין. דער קאָמיטעט הערט אויס דעם באַריכט און די פאָרשלאָגן פון סאָשל וואָרקער און נעמט אָן דעם נויטיקן באַשלוס. געוויינלעך ווערט די שטיצע געגעבן נאָר אויף אַ קורצן טערמין און אויב אַ פאַרלענגערונג איז נויטיק, מוז צוריקקומען די בקשה צום קאָמיטעט. דער אימיגראַנט מוז זיך טרעפן מיט זיין סאָשל וואָרקער ווינציקסטן איין מאָל אַ וואָך.

די גרויס פון דער שטיצע ווערט באַשטימט לויט אַן אויסגעאַרבעטן בודזשעט, וואו עס גייען אַריין די מינימאַלע נויטן און קאָסטן פון טאָג טעגלעכן לעבן — שפּייז, דירה־געלט, באַהייצונג און אַנדערע פאַרשיידענע הויז־נויטן. אויב דער אימיגראַנט האָט אַ שטיקל הכנסה אָדער אויב מען באַטראַכט אַז זיינע קרובים קענען אים טיילווייז שטיצן, ווערט די סומע אַראָפּגערעכנט פון בודזשעט. אַזוי אַרום, בייט זיך דער סכום פון דער שטיצע פון משפּחה צו משפּחה און אויך לויט די פאַרדינסט־מעגלעכקייטן פון דעם אימיגראַנט. דורך אַגב איז עס אַ כלל, אַז דער אימיגראַנט מוז אָננעמען פּאַסנדע אַרבעט אויב עס איז נאָר דאָ אַן אַרבעטס־פּלאַץ. אין אַלגעמיין, ווערט די פינאַנציעלע אונטערשטיצונג געענדיקט ווען דער אימיגראַנט פאַרדינט ווינציקסטן אַזויפיל וויפל ער וואָלט באַרעכטיקט געווען צו קריגן אין אונטערשטיצונג. געוויינלעך ווערן אויך גענומען אין אַנבאַטראַכט אַזעלכע אויסגאַבן וועלכע זענען פאַרבונדן מיטן פאָרן צו דער אַרבעט, מיטאָגן, אאַ״וו.

סיי די אויספאָרשונג און סיי די באַשטימונג ווערן געטאָן שנעל, סיידן מען שטויסט זיך אָן אויף פאַרדעכטיקער אינפאָרמאַציע. דער קאָמיטעט טרעפט זיך ווען נאָר נויטיק און דרינגענדע פאַלן ווערן באַהאַנדלט, אויב נויטיק, טעלעפאָניש. אין פאַלן פון אימיגראַנטן וועלכע קומען אַן אין לאַנד אונטער דער אויפזיכט פון אימיגראַנטן־פּאַראיין, קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס אָדער אַנדערע גרופּן וואו די אידישע קהילה נעמט אַן געוויסע פאַרפליכטונגען, ווערט די שטיצע באַשטימט אַדמיניסטראַטיוו פון דער פאַרוואַלטונג און ווערט נאָכער באַשטעטיקט פון קאָמיטעט.

חוץ דירעקטער שטיצע ווערט אויך געגעבן אַנדערע מינים הילף.

דורך דעם באַקליידונגס־צימער פון אימיגראַנטן־פּאַראיין קען דער אימיגראַנט באַזאָרגט ווערן מיט מלבושים מכל המינים. די מלבושים זענען אַמאָל נייע, אָבער הויפּטזעכלעך זענען עס גענוצטע קליידער, אָבער אין גוטן צושטאַנד. אין דעם גרעסטן טייל ווערן די מלבושים אַריינגעשיקט אַלס דאָנאַציעס און ווערן פאַרטיילט לויט אַ געוויסער פּראָצעדור.

דאָסזעלבע איז אויך מיט מעבל. די אַבסאָלוט נויטיקע מעבל, אַזוי ווי בעטן, שטולן, אַ טיש, אאַ״וו, קויפט מען גלייך, אויב דער אימיגראַנט ציט זיך אַריין אין אַ ליידיקער וואוינונג.

זייער אָפט, אויב נויטיק, קריגט דער אימיגראַנט אַ הלוואה אויף איינצוקויפן הויז־חפצים. די הלוואה ווערט געגעבן מיט דער קאָאָפּעראַציע פון דער גמילת חסדים אָרגאַניזאַציע, און ווערט אויטאָריזירט דורך דעם קאָמיטעט.

הלוואות ווערן אויך געגעבן כדי דער אימיגראַנט זאָל זיך קענען איינשאפן אַרבעטס־געצייג, אויסקויפן באַגאַזש, אאַ״וו.

דער אימיגראַנטן־פאַראיין שטייט כסדר אין פאַרבינדונג מיט אַ צאָל וואויל־טעטיקע גרופן וועלכע נעמען זיך אונטער דורכצופירן, פון צייט צו צייט, געוויסע פּראָיעקטן לטובת די ניי־געקומענע — מלבושים פאַר קינדער; ספּעציעלע שפּייז־פּעקלעך פאַר ימים טובים; הכנסת־כלה; אַרויסהעלפן אין צוגרייטן אַ בחור צו בר־מצוה; ביכער פאַר קינדער וועמעס עלטערן זענען פינאַנציעל ניט בכוח עס צו קויפן, אאַ״וו.

מיטן אויסנאַם פון מענטשן וועלכע האָבן געהאַט געוויסע פיזישע אָדער סאָציאַלע שוועריקייטן ביים איינאָרדנען זיך, אין גרעסטן טייל פון בקשות פאַר פינאַנציעלער אָדער מאַטעריעלער שטיצע, איז די הילף געווען אַ קורץ־טערמיניקע. דאָס רוב אימיגראַנטן האָבן געוואָלט וואָס גיכער נאָרמאַליזירן זייער לעבן און פאַרזאָרגן זיך אַליין. זיי האָבן געוואוסט, אַז די הילף איז באַגרענעצט און זענען געווען דאַנקבאַר פאַר דער צייטווייליקער שטיצע. אָבער אין ים זענען פאַראַן פאַרשיידענע פיש. אייניקע האָבן געוואָלט אויסנוצן און קריגן הילף ווען זיי האָבן עס ניט געדאַרפט.

דער הילפס־קאָמיטעט איז נאָכגעקומען זיינע פליכטן פינקטלעך און אַז פאַרשפּעטיקונג. דער איינשטעל איז געווען, אַז אויב הילף איז נויטיק, מוז מען עס געבן שנעל, כדי עס זאָל זיין עפעקטיוו. די אויסגאַבן פאַר דער דירעקטער שטיצע צו אימיגראַנטן זענען געדעקט געוואָרן פון דעם פאַראייניקטן פּליטים־קאָמיטעט.

(זעקס־און־פופציגסטער קאַפּיטל)

סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע הילף

פינאַנציעלע הילף איז אַ צייט פון נויט איז געוויס אַ קאַרדינאַלע און וויכטיקע פאָרם פון הילף פאַר יעדן איינעם וועלכער איז אין פאַרדינסט. די פינאַנציעלע און אין אַלגעמיין מאַטעריעלע הילף, וועלכע איז געגעבן געוואָרן דעם אידישן אימיגראַנט ביים אָנקומען אין לאַנד ביז ער האָט זיך אַליין עקאָנאָמיש איינגעאָרדנט, איז געווען דער רוקנביין פון דער אַלגעמיינער אימיגראַנטן הילפס־פּראָגראַם, ווייל אין קמח אין תורה. אָבער ווען די מינימאַלסטע נויטן פון שפּייז, וואוינונג און מלבוש ווערן באַפרידיקט, שווימען אַרויף באַלד אַנדערע פּראָבלעמען פון איינאָרדנונג און צופּאַסונג צום נייעם לאַנד אין וועלכן דער ניי־געקומענער נויטיקט זיך אין הילף זייער שטאַרק. דאָס זענען פּראָבלעמען פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער. זיי איז שווערער צו באַשרייבן, שווערער צו דעפינירן און ווייל זיי זענען פון אַ ניט זייער קאָנקרעטן, אָפטמאָל נעפּלדיקן פּרצוף, איז זיי אויך שווערער צו פאַרשטיין און עס איז שווערער אָפּצושאַצן זייער וויכטיקייט. דאָך, איז קיין פראַגע ניט אַז די וויכטיקייט פון דער הילף אין אַזעלכע ענינים איז פונדאַמענטאַל און זייער אָפט דעצידירנד אין שאַפן אַ געזיכערטע, מער פּאָזיטיווע אַטמאָספערע פאַר אימיגראַנטן־איינאָרדענונג. אָט די פאָרמע פון הילף ווערט אָנגערופן מיט פאַרשיידענע נעמען — „קעיסוואָרק״, „קאָונסעלינג״, „סאָפּאָרטיוו טעראַפּי״ אאַ״וו. איר עצם באַשטייט אין אַ סימפּאַטישן צוגאַנג צו די פּערזענלעכע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דעם יחיד וועלכער קומט נאָך הילף; אין אַ וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג אין דער באַהאַנדלונג פון די פּראָבלעמען; און אין אַרויסהעלפן דעם מענטשן אויסצוקלייבן דעם בעסטן און דעם פּראַקטישסטן אויסוועג. עס האַנדלט זיך ניט וועגן געבן אַ גוטע עצה, אַדער טאָן אַ טובה דעם מענטשן, אַדער אויסדריקן סימפּאַטיע — די אַלע מאַניפעסטאַציעס פון הילף זענען וויכטיק און זענען אַ טייל פון דער הילף. דער הויפּט־כוח און דער הויפּט־ווערט פון אָט דער הילף באַשטייט אָבער אין דעם וואָס דער סאָשל־וואָרקער, דורך אַ קאָמבינאַציע פון מעטאָדן, מאָטיווירט דעם קליענט, דעם מענטשן וואָס קומט נאָך הילף, צו געפינען זיין אייגענעם אויסוועג, צו פאַסן זיינע אייגענע באַשלוסן, און העלפט אַרויסצוברענגען אין דעם מענטשן זיינע אייגענע פּאָזיטיווע לעבנס־כוחות.

דער אימיגראַנט פילט זיך פרעמד ווען ער קומט אָן אין נייעם לאַנד, און אַז מען איז פרעמד, פילט מען זיך ניט זיכער. קודם כל דאַרף מען אַרומפיילן די שאַרפע זייטן פון דער אומזיכערקייט. דאָס ווערט געטאָן דורך געבן דעם אימיגראַנט אַ געפיל אַז ער איז ניט אַליין, אַז מען וועט אים ניט לאָזן פאַלן, אַז עס זענען פאַראַן מענטשן און אַז עס איז דאָ אַ פּלאַץ וואו די טיר איז אָפן, און וואו ער קען אַריינקומען און דורכרעדן זיך וועגן ענינים און פראַגן וועלכע ער פאַרשטייט ניט און אויף וועלכע ער זוכט אַן ענטפער. דאָס ווערט אויך געטאָן דורך געבן אים צו פאַרשטיין אַז ער איז ניט אַ יוצא מן הכלל און אַז אַ סך אַנדערע האָבן מער אַדער ווייניקער דיזעלבע פּראָבלעמען. מען גיט אים אויך צו פאַרשטיין

אַז צופּאַסונג צו אַ נייעם לאַנד, און צו אַ נייעם לעבן פּאַסירט ניט דורך ניסים — עס איז אַ דויערנדער פּראָצעס, עס נעמט צייט, און אַז מען איז גרייט אים מיט־צוהעלפן מיט פאַרשיידענע פּראַקטישע פּראָבלעמען.

דער צוגאַנג פון פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע פון איין זייט און פון זיין גרייט אַרויסצוהעלפן ווען נויטיק, פון דער צווייטער זייט, האָט געבראַכט רעזולטאַטן. דער אימיגראַנט איז געקומען צום אימיגראַנטן־פּאַראיין. די טיר איז געווען אָפן. אַפילו ווען מען האָט אים ניט באַפרידיקט, אַפילו ווען ער איז געוואָרן אַמאָל בייז, אַפילו דעמאָלט, איז אויך פאַרבליבן דער פאַקט, אַז ער איז ניט געווען אַליין — אויב ער האָט ניט געקראָגן די הילף וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, האָט ער כאָטש געהאַט אַ פּלאַץ וואו אויסצוגיסן זיין כעס. דאָס האָט אויך אַ טעראַפּעטישע, געזונטע ווירקונג. אין מערסטע פאַלן האָט ער אָבער די הילף יאָ געקראָגן.

אַט קומט אַ מוטער צו דערציילן, אַז זי האָט אַ ביסל צרות פון איר יוגנטלעכער טאָכטער, וועלכע וויל זיך ניט לערנען און האָט זיך פאַרבונדן מיט ניט זייער קיין גוטע חברטעס. מען פאַרשטעט אויס דעם ענין און עס לאָזט זיך אויס, אַז דאָס מיידל פילט זיך מינדערווערטיק, ווייל זי געפינט זיך אין אַ קלאַס מיט אינגערע קינדער. וואָלט זי געקענט בעסער ענגליש, וואָלט מען איר געהעכערט אין אַן עלטערן קלאַס. מען שאַפט איר אַ לערער פאַר פּריוואַטע לעקציעס, און דאָס פּראָבלעם איז אויפן וועג פון פּאָזיטיוו דערליידיקט ווערן.

אַט קומט אַ מאַן וועלכער אַרבעט אַלס אַ פּלאָמבער. ער איז אַ פאַכמאַן, אָבער כדי צו קריגן די נויטיקע פּאַפּירן, מוז ער דורכגיין אַן עקזאַמען. מען העלפט אים דורכשטודירן די נויטיקע פּראָגעס און מען שיקט מיט צום עקזאַמען אַ מענטשן וועלכער איבערזעצט פאַר אים, אויב נויטיק, די פראַגעס און די ענטפערס. ער גייט דורך די עקזאַמענס, און איז גלייך באַרעכטיקט צו אַ העכערער באַלוינונג.

אַט קומען אַ מאַן מיט אַ פרוי, שטאַרק צערודערט. זיי האָבן גענומען אַ הויז און אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט אויף דריי יאָר. זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז די הויז איז צו טייער, ניט פאַר זייערע כוחות. דער בעל־הבית וויל ניט ברעכן דעם קאָנטראַקט. מען פאַרשטעט אויס דעם ענין און מען זעט אַז די מענטשן זענען גערעכט. זיי זענען פּשוט צייטווייליק פאַרבלענדט געוואָרן פון צו גרויסע אַמבי־ציעס. דורך אַ מיטגליד פון דירעקטאָרן־ראַט פאַרשטענדיקט מען זיך מיט דעם בעל־הבית און מען דערקלערט אים אַז עס לוינט אים ניט איינצושטעלן זיך וועגן דעם קאָנטראַקט, און דער קאָנטראַקט ווערט געבראָכן.

אַט קומט אַ שניידער, וועלכער וויל ניט גיין אַרבעטן אין אַ פאַבריק. ער וואָלט בעסער געוואָלט קויפן אַ „קלינינג און ריפּעירינג" און אַרבעטן פאַר זיך. ער האָט עטלעכע דאָלער, אָבער וויל זיין זיכער, אַז ער וועט ניט פּטר'ן דאָס געלט. מען שטעלט אים אין פאַרבינדונג מיט אַ מענטשן, וועלכער קען זיך אויף די ענינים און מען באַטראַכט צוזאַמען ווי פּראַקטיש איז זיין פּראָיעקט און צי דער פּלאַץ וואָס ער וויל קויפן איז אַ פּאַסנדער.

אַט קומט אַ יונגע פרוי וועלכע דערציילט, אַז זי איז אָנגעקומען אין לאַנד ערשט מיט פיר חדשים צוריק. זי אַרבעט, פאַרדינט און איז צופרידן. אָבער נאָכן אָנקומען אין קאַנאַדע האָט זי אויסגעפונען אַז זי שוואַנגערט. איר חתן איז נאָך מעבר לים און וואַרט אויף זיין וויזע. ווען ער קומט, וואָלטן זיי גלייך חתונה

געהאַט, אַניט איז דאָ אַ געפאַר, אַז דאָס קינד וועט געבוירן ווערן און וועט פאַררעכנט ווערן פאַר אומגעזעצלעך. די יונגע פרוי איז צערודערט. זי שעמט זיך אויך פאַר אירע פריינט און קרובים. קודם כל שיקט מען איר פאַר דער נויטיקער מעדיצינישער אונטערזוכונג און באַהאַנדלונג. מען פאַרבינדט זיך מיט דעם חתן אין אייראָפּע. מען קלערט אויף דעם פאַל צו די קאַנאַדער אויטאָריטעטן און מען פועל׳ט, אַז דער חתן זאָל שנעלער קריגן די וויזע. אַ טראַגעדיע ווערט אויסגעמיטן.

מיט אַזעלכע און צענדליקער אַנדערע פּראָבלעמען, מער ערנסטע און ווייניקער ערנסטע, קומען טאָג־טעגלעך די ניי־געקומענע צום אימיגראַנטן־פאַראיין — אויספילן אַ פאָרמולאַר פאַר קריגן די קינדער־פּענסיע; אַנפרעגן זיך וואו מען קען שיקן אַ קינד אין אַ אידישער שולע; אויפקלערן אַן עניין מיט דער יוניאָן; אַנפרעגן וועגן מעדיצינישער באַהאַנדלונג, אאַ״וו. זיי קומען, ווייל די טיר איז אָפן און זיי ווייסן, אַז זיי וועלן קריגן עפּעס אַ תשובה.

וואָס איז דער פועל יוצא פון אַזאַ מין הילף? אין אַ קאַנאַדער מעדיצינישן זשורנאַל איז אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע פון גייסטיקע קראַנקהייטן צווישן די ניי־געקומענע אימיגראַנטן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ צאָל אימיגראַנטן ווערן גייסטיק קראַנק נאָכן אַנקומען אין לאַנד, כאָטש זייער מאַטעריעלע לאַגע איז גאָר ניט שלעכט און געוויס בעסער ווי עס איז געווען איידער זיי זענען געקומען אין קאַנאַדע. כאָטש די גענויע סיבה איז שווער פעסטצושטעלן, דאַך דענקט מען, אַז עס האָט צו טאָן מיט דער אומזיכערקייט פון אימיגראַנט, אַן אינערלעכע אומזיכערקייט וועלכע האָט גאָר ניט צו טאָן מיט פיזישער פאַרזאָרגונג. עס ווערט אויך אַנגעוויזן, אַז די גייסטיק געזונטסטע גרופּע זענען די אידישע אימיגראַנטן, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זיי זענען דורכגעגאַנגען די שבעה מדורי גיהנום, און וואָלטן לאָגיש געדאַרפט זיין מער גייסטיק צעבראָכן ווי אַנדערע עטנישע גרופּעס. דער אַרטיקל רוקט אַרויס אַ השערה, אַז אָט די דערשיינונג פון ווייניקער גייסטיק־קראַנקע פאַלן צווישן אידישע אימיגראַנטן קען מען דערקלערן מיט דעם פאַקט, וואָס קיין מינאָריטעטן גרופּע אין קאַנאַדע איז ניט אַזוי גוט אָרגאַניזירט ווי די אידן אויפצונעמען און אַרויסהעלפן זייערע ברידער־אימיגראַנטן. די אידישע אימיגראַנטן, זאָגט דער אַרטיקל, קומען אין לאַנד מיט ניט צו גרויסע אילוזיעס, אָבער זיי קומען מיט אַ זיכערקייט, אַז זיי וועלן באַגעגענען מענטשן און אינסטי־טוציעס וועלכע זענען גרייט אויסצושטרעקן אַ האַנט פון הילף.

(זיבעך־און פופציגסטער קאַפּיטעל)

פון אימיגראַנט צו בירגער

די פּראָבלעם פון דערציען דעם ניי־געקומענעם און צוגרייטן אים פאַר קאַנאַדער בירגערשאַפט, איז אויפגעהויבן געוואָרן צו גרויסער פּראָמינענץ נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. דערציאונג פאַר בירגערשאַפט איז וויכטיק אין יעדן לאַנד וואָס נעמט אַריין אימיגראַנטן. אין קאַנאַדע איז עס אין אַ געוויסן זין אַפילו מער דרינגענד צוליב דעם פאַרשיידנאַרטיקן עטנישן צוזאַמענשטעל פון דער קאַנאַדער באַפעלקערונג. דרך אגב ווילן מיר באַמערקן, אַז ווען מיר רעדן וועגן בירגערשאַפט, מיינען מיר ניט דווקא צוגרייטן דעם אימיגראַנט צו נאַטוראַליזאַציע, דאָס הייסט צו קריגן זיינע בירגער־פּאַפּירן. מיר פאַרשטייען בירגערשאַפט אין ברייטערן זין, פון העלפן דעם אימיגראַנט צו ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער קאַנאַדער געזעלשאַפט.

עס איז קלאָר, אַז אין דער ערשטער רייע פון בירגערשאַפט־צוגרייטונג מוז שטיין די אויפגאַבע פון געבן אַ מעגלעכקייט דעם אימיגראַנט צו קענען די שפּראַכן פון לאַנד — אין קאַנאַדע איז דאָס ענגליש און פראַנצויזיש. צו דעם קומען צו די אויפגאַבן פון באַקענען דעם ניי־געקומענעם מיט דער געשיכטע, געאָגראַפיע און געזעלשאַפטליך־סאָציאַלער סטרוקטור פון לאַנד, ווי אויך די אויפגאַבע פון אַריינציען אים, אַלס אַן אַקטיוון מיטגליד פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. כדי צו דערגרייכן דעם צוועק, האָבן סיי די רעגירונג און סיי פּריוואַטע אָרגאַניזאַציעס אונטערגענומען אַ צאָל פּראָיעקטן. דאָך, צוליב דעם וואָס דערציאונג אין קאַנאַדע קומט אונטער דער יוריסדיקציע פון די פאַרשיידענע פּראָווינצן, איז ניטאָ קיין איינהייטלעכע פּראָגראַם אויף אָט דעם געביט. דער קאַנאַדער מיניסטעריום פון בירגערשאַפט און אימיגראַציע איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין פאַרשפּרייטן דעם אינטערעס אין דעם ענין. אָבער, צוליב דעם, ווי אויבן געזאָגט, וואָס דערציאונג קומט אונטער דער יוריסדיקציע פון די פּראָווינצן, קען דער פעדעראַלער מיניסטעריום ניט אונטערנעמען קיין ספּעציפישע פּראָגראַמען, און זיין טעטיקייט איז באַגרענעצט צו אַלגעמיינער פּראָפּאַגאַנדע, צושטעלן פון לערן־מאַטעריאַלן, און אויך פינאַנציעלע סובסידיעס צו פּראָווינצן וועלכע פירן איין שפּראַך־קלאַסן פאַר אימיגראַנטן. נישט אַלע פּראָווינצן אָבער, צוליב פּאָליטישע טעמים, ווילן אָננעמען אַזעלכע סובסידיעס פון דער פעדעראַלער רעגירונג און ניט אַלע פּראָווינצן האָבן דעמזעלבן אינטערעס אין דער אַרבעט. דעריבער טאַקע איז די אַרבעט אין קאַנאַדע ניט צענטראַליזירט און אַפילו ניט קאָאָרדינירט.

אידישע אימיגראַנטן זענען שטענדיק געווען פאַראינטערעסירט אין שנעלער איינבירגערונג סיי פון לעגאַלן שטאַנדפּונקט פון נאַטוראַליזאַציע און סיי פון אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט פון איינבירגערן זיך אין לאַנד. דער אידישער אימיגראַנטן הילפס־פאַראיין פון קאַנאַדע האָט שטענדיק געשטיצט אַזאַ אַרבעט סיי דורך פערזענלעכן קאָנטאַקט מיטן אימיגראַנט און סיי דורך אַ צאָל בירגערשאַפט־פּראָיעקטן. אין די מקומות וואו עס געפינען זיך גענוג און צוגענגליכע שפּראַך־

קורסן באַזוכט דער אידישער אימיגראַנט די עקזיסטירנדיקע קלאַסן. דאָ וואו די לאַגע פאָדערט אַן אַנדער צוגאַנג, נעמט איבער דער אימיגראַנטן־פאַראיין די איניציאַטיוו אויף דעם געביט. אין דעם קאַפּיטל ווילן מיר באַשרייבן, אין קורצן, די בירגערשאַפט־שולע ביים אימיגראַנטן־פאַראיין אין מאָנטרעאַל.

קלאַסן אין ענגליש פאַר אימיגראַנטן זענען שטענדיק געווען אָרגאַניזירט פון אימיגראַנטן פאַראיין. אָבער, מיט דער אימיגראַציע פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די גאַנצע פּראָגראַם רעאָרגאַניזירט געוואָרן, און איז אויסגעוואַקסן אין אַן אוונט־שולע פון אַ גרויסן פאַרנעם.

די בירגערשאַפט־שולע ביים אימיגראַנטן־פאַראיין איז אַן אוונט־שולע. דער פּראָגראַם באַשטייט הויפּטזעכלעך פון שפּראַך־קורסן, פאַר אָנפאַנגער און אַוואַנסירטע, אין ענגליש און פראַנצויזיש. חוץ דעם ווערן געגעבן אַנדערע קורסן: וועגן קאַנאַדע; צוגרייטונג פאַר נאַטוראַליזאַציע; אָפּפרישונג־קורסן אין בוכאַלטעריע; קלאַסן אין פאַך־טערמינאָלאָגיע, אאַ״וו.

די שולע ווערט אָנגעפירט פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פּערסאָנאַל און האָט פּיאָנירט סיי אין לערן־מעטאָדן און סיי לערן־מאַטעריאַל. עס איז די גרעסטע שולע אין לאַנד אונטער פּריוואַטער אויפזיכט. סיי דער פּראָגראַם און סיי די דערגרייכונגען פון דער שולע זענען ברייט אָנערקענט געוואָרן. איבער טויזנט סטודענטן אַ יאָר באַזוכן די קלאַסן פון דער שולע. די שולע פונקציאָנירט אויך אין די זומער־חדשים, אַזוי אַז אויב איינער וויל, קען ער פאַרשנעלערן דעם טעמפּאָ פון לערנען. די פאַרדינסטן פון דער בירגערשאַפט־שולע האָבן געפירט צו דעם וואָס די פּראָווינציעלע רעגירונג האָט איינגעשטימט צו סובסידירן די פּראָגראַם, וואָס איז אַ אויסערגעוויינטלעכע דערשיינונג, ווייל געוויינטלעך סובסידירט ניט די רעגירונג לערן־אַנשטאַלטן אונטער פּריוואַטער אויפזיכט.

די קלאַסן זענען פריי פון אָפּצאָל און יעדער אידישער אימיגראַנט ווערט דערמוטיקט צו באַזוכן די קלאַסן.

חוץ די אָפיציעלע קורסן פירט אַן דער אימיגראַנטן־פאַראיין אויך מיט אַ ווייניקער פאָרמעלער בירגערשאַפט־פּראָגראַם. ביים בירגערשאַפט־צענטער פון אימיגראַנטן־פאַראיין קומען פאַר לעקציעס, דעבאַטעס, דיסקוסיעס, און אַנדערע מינים אַקטיוויטעטן. דער אימיגראַנטן־פאַראיין פּרוּווט אויך אַריינציען אין דער אַרבעט סיי אימיגראַנטן און סיי אַלטע תושבים, אַזוי אַז דער אויסמישונגס־פּראָצעס זאָל פאַרשנעלערט ווערן. דער אימיגראַנטן־פאַראיין נעמט אויך אַ טיכטיקן אָנטייל אין אַלע אונטערנעמונגען, אידישע און ניט־אידישע, וועלכע ווערן אָרגאַניזירט מיטן צוועק פון פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון בירגערשאַפט.

די בירגערשאַפט־פּראָגראַם פונעם אידישן אימיגראַנטן־פאַראיין באַצוועקט די פאָלגנדע צילן:

א) געבן דעם אימיגראַנט אַ בעסערע און ברייטערע קענטשאַפט פון זיין נייער אומגעבונג, פון דער קהילה אין וועלכער ער האָט זיך באַזעצט און דעם לאַנד אין וועלכן ער לעבט.

ב) געבן דעם אימיגראַנט דאָס געפיל פון זיכערקייט, פון צוטרוי, אַז ער איז ניט קיין פרעמדער, נאָר ער איז אַ וויכטיקער מיטגליד פון דער קהילה.

ג) העלפן דעם אימיגראַנט אַרויסצוקריכן פון זיין געזעלשאַפטלעכער איזאָ־

לירונג און ווערן אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער אין קהילה־לעבן און אין לעבן פון לאַנד.

די איינשטעלונג פון דער בירגערשאַפט־פּראָגראַם פון דעם אידישן אימיגראַנטן־פּאַראיין, פּונקט ווי די איינשטעלונג פון דער וואוילזיין פּראָגראַם אין אַלגעמיין, איז געבויט געוואָרן אויפן פּרינציפּ אַז איינבירגערונג און צופּאַסונג איז ניט נאָר אַן עקאָנאָמישע פראַגע, ניט נאָר אַ פראַגע פון ברויט, נאָר אַ ברייטערע פראַגע פון אינטעגראַציע. אַזאַ איינשטעל פאַרלאַנגט אַ צווייפאַכן צוגאַנג. פון איין זייט איז נויטיק אַ פאַרמעלער דערציאונגס־פּראָצעס וועלכער זאָל געבן דעם אימיגראַנט די נויטיקע מכשירים פון קאָמוניקאַציע — פון רעדן די אומגאַנגס־שפּראַך, פון קענען לייענען אַ צייטונג, פון פאַרשטיין אַ באַריכט, אאַ״וו. פון דער צווייטער זייט איז נויטיק דער ניט פאָרמעלער פּראָצעס פון קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער סביבה. דער פּראָצעס פאַרלאַנגט אַ פאַרשטענדעניש ווי אַזוי די סביבה אַרבעט, ווי אַזוי זי פונקציאָנירט, וואָס זענען די כוחות וועלכע אָפּערירן אין דער סביבה, אאַ״וו. אָבער דאָס אַליין, כאָטש וויכטיק, איז ניט גענוג. צו דעם מוז צוקומען נאָך אַ באַגריף. כדי די איינבירגערונג זאָל ווערן אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר, מוז זיין אויך אַ מיטבאַטייליקונג, אַ מיטאַרבעט אין די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. דער אידישער אימיגראַנטן־פאַראיין האָט דעריבער שטענדיק באַצוועקט, אין זיין אַרבעט מיט איינבירגערונגס־פּראָבלעמען צו סטי־מולירן דעם אימיגראַנט אַנצושליסן זיך אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין דעם זין איז דער ציל פון דער בירגערשאַפט־אַרבעט געווען צו דערפילן די מאַטאָ, דעם לאָזונג פון פאַראיין, צו שאַפן אַ בריק צווישן דעם סטאַטוס פון אימיגראַנט און דעם סטאַטוס פון אַ קאַנאַדער בירגער.

(אַכט־און־פופציקסטער קאַפּיטל)

די קאַנאַדער אימיגראַציע־טיר הויבט זיך אָן צו פאַרמאַכן

דער פעריאָד פון וואַקסנדער אימיגראַציע אין קאַנאַדע וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין מאַי 1947, איז געקומען צום סוף אין מיטן פון 1952, און האָט אַזוי אַרום געדויערט פינף יאָר צייט. אין יולי פון 1952 זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן נייע אימיגראַציע־פאַראָרדענונגען וועלכע האָבן באַשרענקט די קאַטעגאָריעס פון אַריינלאָזבאַרע אימיגראַנטן בכלל און האָבן איבערהויפּט געהאַט אַ נעגאַטיוון אָפּרוף אויף די קאַטעגאָריעס פון אימיגראַנטן וועלכע פלעגן אַריינקומען אונטער דער קאַטעגאָריע פון פאַמיליע, אאַ״וו, דאָס הייסט די וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין נאָענטע קרובים אין קאַנאַדע. דאָס מיינט, אַז די קאַטעגאָריעס פון די־פּי׳ס, פליכטלינגען אאַ״וו, וועלכע האָבן געהאַט אַ מער אָדער ווייניקער אָפענע טיר אין די פריערדיקע יאָרן, האָבן פאַרלאָרן, אין אַ גרויסער מאָס, זייערע פּריווילעגיעס. ס׳האָט אויך געמיינט אַ סוף צום פעריאָד פון גרופּן־אימיגראַציע, ווען קאַנאַדע האָט באַוויליקט דאָס אַריינקומען פון אימיגראַנטן־גרופּעס אין געוויסע פאַכן אָדער אינדוסטריעס. אין דער זעלבער צייט האָט אויך צוגעמאַכט די טירן די אינטערנאַציאָנאַלע פליכטלינגען־אָרגאַניזאַציע (איראָ). די „איראָ״ האָט זיך אויפגעלייזט סוף יאַנואַר 1952, ווייל עס איז געווען די מיינונג, אַז די פונקציע פון דער „איראָ״ איז געווען פאַרענדיקט און אַז די גרעסטע צאָל אויסגעוואָרצלטע אין די לאַגערן האָט אָדער עמיגרירט, אָדער זיי האָבן זיך באַזעצט אין אייראָפּע. די פאַרבליבענע אַרבעט פון דער „איראָ״ איז איבערגענומען געוואָרן פון אַנדערע האַלב־אָפיציעל אָדער פּריוויליקע וואוילזיין־געזעלשאַפטן. אָפיציעל, כלפי חוץ, האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז דער פעריאָד פון די די־פּיס, פון אויסגעוואָרצלטע, האָט זיך פאַרענדיקט. אַזוי ווינציקסטן האָט עס אויסגעקוקט פון יורידישן שטאַנדפּונקט. פון דעם פּראַקטישן און פאַקטישן שטאַנדפּונקט איז די לאַגע געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע. די טרויעריקעווירקלעכקייט איז פאַרבליבן אַז אין אייראָפּע האָבן זיך נאָך געפונען טויזנטער שטאַטנלאָזע מענטשן. מען האָט זיי גערופן מיט פאַרשיידענע נעמען — די־פּיס, פליכטלינגען, פרעמדע, אאַ״וו. דער פאַקט איז אָבער געווען, אַז כמעט ווי אַלע פון דער קאַטעגאָריע האָבן זיך גענויטיקט אין אימיגראַציע־מעגלעכקייטן, וועלכע וואָלטן פון זיי אָוועקגענומען דעם סטאַטוס פון שטאַטנלאָזע און וואָלט זיי געגעבן די מעגלעכקייט פון ווערן בירגער פון אַ לאַנד.

די נייע אימיגראַציע־פאַראָרדענונגען האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין צוויי געזעצן פּי. סי. 2856 און פּי. סי. 2155, וועלכע זענען אַריין אין קראַפט אין יולי 1952. אין דער זעלבער צייט האָט די קאַנאַדער רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ נייעם אימיגראַציע־אַקט. ביז 1952 האָט געהערשט דער אימיגראַציע־אַקט פון 1927. דער נייער אימיגראַציע־אַקט האָט אַריינגעבראַכט אַ צאָל רעוויזיעס. פון אַלגעמיינעם אימיגראַציע־צופלוס איז פון גרויס וויכטיקייט געווען סעקציע איין־און־זעכציק. די דאָזיקע סעקציע האָט געגעבן ברייטערע פולמאַכטן צו דעם קאַנאַדער מיניסטאַר־קאַבינעט בנוגע דאָס אַריינלאָזן אָדער ניט אַריינלאָזן פון אימיגראַנטן. עס איז כדאי דאָ צו אונטערשטרייכן, אַז עס איז פאַראַן אַ קאַרדינאַלער אונטערשייד צווישן אַ

אימיגראַציע־פּאַראָרדענונג און דעם אימיגראַציע־אַקט. דער אימיגראַציע־אַקט מוז גוטגעזאָגט ווערן און קען נאָר געענדערט ווערן פון דעם קאַנאַדער פּאַרלאַמענט.

אימיגראַציע־פּאַראָרדענונגען נויטיקן זיך ניט אין דער גוטהייסונג פון פּאַרלאַמענט; זיי ווערן באַשטימט פון דעם אימיגראַציע־מיניסטער מיט דער צושטימונג פון מיניסטאַרן־קאַבינעט. מיט אַנדערע ווערטער, אַן אימיגראַציע־פּאַראָרדענונג קען געביטן ווערן צו יעדן מאָמענט. עס איז אַ ריין אַדמיניסטראַטיווער פּראָצעס. למשל, דער מיניסטאַרן־קאַבינעט קומט זיך צוזאַמען כמעט ווי יעדע וואָך אין יאָר. אויב מען דענקט, אַז אַ פּאַראָרדענונג דאַרף געביטן ווערן, קען דער אימיגראַציע־מיניסטער ברענגען דעם פאָרשלאָג צום מיניסטאַרן־קאַבינעט און עס ווערט געביטן אויב נויטיק. מען קען אויך פאָרשטיין אַז דער מיניסטער קען באַאיינפלוסט ווערן פון באַאַמטע פון אימיגראַציע־מיניסטעריום, פון מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט, פון דער עפנטלעכער מיינונג, אאַ״וו. אמת, קיין פּאַראָרדענונגען בייט מען ניט אַזוי לייכט, אָבער עס האָבן שוין פּאַסירט פאַלן, ווען גאָר וויכטיקע פּאַראָרדענונגען זענען געביטן געוואָרן אַפילו אין דעם זעלבן מאָנאַט.

חוץ דעם אימיגראַציע־אַקט און אימיגראַציע־פּאַראָרדענונגען ווערט די אימיגראַציע פּראָצעדור אויך אָנגעפירט דורך דירעקטיוון וועלכע ווערן אַרויסגעגעבן דירעקט פון די באַאַמטע און וועלכע טייטשן אויס די פּאַראָרדענונג. למשל, אַ פּאַראָרדענונג קען לויטן, אַז מען זאָל אַריינלאָזן קיין קאַנאַדע מעכאַניקער אָדער שוסטער. די דירעקטיווע קען אָבער אויסטייטשן, אַז מעכאַניקער אָדער שוסטער קענען אַריינקומען פון דייטשלאַנד און ענגלאַנד, אָבער דערווייל ניט פון פּוילן אָדער פראַנקרייך. מיט אַנדערע ווערטער, אין קאַנאַדער אימיגראַציע־געזעצן פּרעדאָמינירט אַ גרויסע בויגעוודיקייט. טעאָרעטיש איז מעגלעך אַז מיט איין שטריך פון אַ בלייפעדער זאָל מען אַריינלאָזן אַ מיליאָן אימיגראַנטן אַ יאָר, אָדער להיפוך אינגאַנצן אָפּשטעלן די אימיגראַציע. דער אימיגראַציע־אַקט בלייבט ווי געוועז, אָבער דער שינוי קען קומען דורך בייטן די דירעקטיוון. ווי מען קען זיך אָנשטויסן האָט אַזאַ בויגעוודיקייט מעלות און חסרונות. דעריבער טאַקע איז קאַנאַדער אימיגראַציע־אַרבעט אַ דעליקאַטער ענין וואָס פאַרלאַנגט אַ מומחה־צוגאַנג אין אָפּשאַצן די קאָניונקטור פון דער לאַגע.

די פּאַראָרדענונגען פון יולי 1952 האָבן געבראַכט די קאַנאַדער אימיגראַציע־געזעצן צו דער פאַר־מלחמה פּאָזיציע, כאָטש עס זענען פאַרבליבן אַ צאָל וויכטיקע שינוים. אין קורצן, האָבן די נייע געזעצן דעזיגנירט די פאָלגנדע אַריינלאָזבאַרע אימיגראַנטן־קאַטעגאָריעס:

א) בירגער פון פאַרגעצויגענע לענדער;

ב) גאָר נאָענטע קרובים;

ג) בירגער פון ווייניקער פאַרגעצויגענע לענדער;

ד) ניט קיין בירגער אָדער שטאַטנלאָזע;

ה) פליכטלינגען;

ו) ספּעציעלע פאַלן, אָדער אימיגראַנטן וועלכע מען קען באַטראַכטן אַלס אַ ספּעציעלע קאַטעגאָריע, כאָטש זיי קומען ניט אַריין אין די געוויינלעכע אימיגראַציע־גרופּן.

אַפילו אַן אויבערפלעכלעכע באַטראַכטונג פון די אויבן־אָנגעגעבענע אַריינ־

לאַזבאַרע קאַטעגאָריעס ווייזט גלייך אַז אויף אַ באַשטימטער דעפיניטיווער אָפּקלייב־טענדענץ — פּריווילעגירטע און ניט־פּריווילעגירטע. אייניקע טייטשן אויס אַפילו, אַז עס איז אַ דיסקרימינאַטאָרישער איינשטעל, כאָטש אין די קאַנאַדער רעגירונגס־קרייזן האָט מען שטאַרק פּיינט דעם אויסדרוק. מען באַנוצט זיך מער מיטן אויסדרוק פון אָפּקלייבערישער (סעלעקטיווער) אימיגראַציע. עס קלינגט בעסער און עס איז טאַקע שענער. ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דער לאַגע פון דער קאַנאַדער רעגירונג, מוז מען צוגעבן, אַז זיי האָבן פאַר זיך גאָר אַ שווערע מלאכה אין באַשטימען ווער קען יאָ קומען און ווער ניט. זיי פאַרשטייען אויך, אַז אָפּטמאָל איז דער אונטערשייד צווישן אויסקלייבן (סעלעקשן) און דיסקרימינאַציע זייער, זייער אַ קליינער, כמעט וואָס מען זעט אים ניט. דאָך, אין אַלגעמיין, פּרוּווט די רעגירונג זיין אַזוי בויגעוודיק ווי עס לאָזט זיך, כאָטש ניט אַלע זענען איינשטימיק אַז די בויגעוודיקייט איז גענוג בויגעוודיק — אַמאָל ווערט די בויגעוודיקייט פאַרגליווערט.

איז דעם קומענדן קאַפּיטל וועלן מיר ברייטער אַרומרעדן די פאַראָרדענונגען פון 1952 און מיר וועלן אויך אַנאַליזירן זייער השפעה אויף דער אידישער אימיגראַציע.

(ניין־און־פופציקסטער קאַפּיטל)

דער אָפּרוף פון די אימיגראַציע־באַשרענקונגען פון 1952 אויף דער אידישער אימיגראַציע

ווי מיר האָבן אָנגעוויזן אין דעם פאַריגן קאַפּיטל, דער צוועק פון די אימי־גראַציע־פאַראָרדנונגען וועלכע זענען אַריין אין קראַפט אין יולי 1952, איז געווען פשוט צו באַגרענעצן דעם אַריינקום פון אימיגראַנטן און אויך זיין מער אָפּקליי־בעריש בנוגע די אימיגראַנטן וועלכע מען וועט יאָ אַריינלאָזן.

אין דער ערשטער רייע פון די פאַרגעצויגנסטע אימיגראַנטן זענען געווען בירגער פון גרויס בריטאַניע, צפון אירלאַנד, אויסטראַליע, ניי־זעלאַנד, דרום־אַפרי־קע, אירלאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן, און פראַנצויזישע בירגער וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אין פראַנקרייך. מיט אַנדערע ווערטער פראַנצויזישע נאַטוראַלי־זירטע בירגער, אָדער פראַנצויזישע בירגער געבוירן אין פראַנצויזישע קאָלאָניעס זענען ניט געווען צווישן די פאַרגעצויגענע קאַטעגאָריעס. די אויבן דערמאָנטע פרי־וויליגירטע גרופּע האָט געקענט קריגן אַ וויזע קיין קאַנאַדע אויב דער אימיגראַנט איז דערפאַלגרייך דורכגעגאַנגען די מעדיצינישע אונטערזוכונג, האָט געקענט נאָכקומען די נויטיקע פאָרשריפטן וועגן כאַראַקטער און האָט געקענט דערווייזן אַז ער קען זיך אויפהאַלטן אין קאַנאַדע ביז ער וועט קריגן באַשעפטיקונג.

צו דער צווייטער גרופּע האָבן געהערט קרובים פון דער ערשטער מדרגה פון קאַנאַדער איינוואוינער. אין דער קאַטעגאָריע זענען אַריינגעגאַנגען: א) מאַן אָדער ווייב; ב) אַ זון, טאָכטער, ברודער, שוועסטער, צוזאַמען מיט דעם מאַן אָדער ווייב און אומפאַרהייראַטע קינדער; ג) פאָטער אָדער מוטער; ד) זיידע אָדער באָבע; ה) פּלימעניק אָדער פּלימעניצע, אומפאַרהייראַט, קיילעכדיקע יתומים און אונטער אייך־און־צוואַנציק יאָר אַלט.

צו דער דריטער קאַטעגאָריע האָבן געהערט בירגער פון לענדער ניט אויסגע־רעכנט אין דער ערשטער קאַטעגאָריע. אָבער ניט אַלע לענדער זענען באַהאַנדלט געוואָרן אויפן זעלבן אופן. למשל בירגער פון בעלגיע, לוקסעמבורג, נאָרוועגיע, דענמאַרק, שוועדן, שווייץ, האָלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך, — האָבן געהאַט גרע־סערע אימיגראַציע־מעגלעכקייטן ווי בירגער פון איטאַליע, גריכנלאַנד, שפּאַניע, א.אז.וו. מיט אַנדערע ווערטער עס איז געווען אַ געוויסע געאָגראַפישע דיסקרימי־נאַציע, אָדער בעסער געזאָגט אָפּקלייב. חוץ דעם איז אויך אַזעלכע לענדער אויך געווען גילטיק אַן אַנדער קאָנטראָל. למשל, לויט דעם געזעץ, האָט אַ קאַנאַדער איינוואוינער געקענט אַפּליקירן פאַר אַ ברודער וועלכער, לאָמיר זאָגן, וואוינט אין רומעניע אָדער סיריע. טעאָרעטיש קען אַזאַ אַפּליקאַציע אָנגענומען ווערן פון דער רעגירונג. פּראַקטיש, אָבער וואָלט פון אַזאַ אַפּליקאַציע גאָרנישט געוואָרן, ווייל די אויטאָריטעטן זאָגן אַז אין געוויסע לענדער האָבן זיי ניט קיין מעגליכקייט צו עקזאַמינירן פּאָטענציעלע אימיגראַנטן און דעריבער קען מען דערוויל גאָרנישט טאָן אין דער הינזיכט. ד. ה. די באַשרענקונגען זענען געווען אַדמיניסטראַטיווע.

צו דער פערטער קאַטעגאָריע האָבן באַלאַנגט ניט־בירגער אָדער שטאַטלאָזע.

זייער אריינקומען אין לאַנד איז געווען געווענדט פון דריי פאַקטאָרן. ערשטנס, האָבן זיי געדאַרפט האָבן אַ קרוב פון דער ערשטער מדרגה, אַן איינוואוינער פון קאַנאַדע, וועלכער זאָל פאַר זיי אַפּליקירן און גאַראַנטירן זייער אויפנאַמע ביים אנקומען אין לאַנד. צווייטנס, האָבן זיי געדאַרפט נאָכקומען די פאַרשריפטן פון פרעפערענץ פון דעם לאַנד וואו זיי האָבן זיך געפונען. מיט אַנדערע ווערטער, אויב דער אימיגראַנט איז געווען אין דענמאַרק אָדער דייטשלאַנד, איז ער געווען אין אַ בעסערער לאַגע פון קריגן אַ וויזע ווי ער וואָלט געווען, לאָמיר זאָגן, אין ישראל, לבנון אָדער איטאַליע. דריטנס האָט אַזאַ פליכטלינג אימיגראַנט געדאַרפט זיין אין לאַנד וואו ער אַפּליקירט פאַר אַ וויזע ווינציקסטנס צוויי יאָר.

צו דער פינפטער גרופּע האָבן געהערט „רעפּיודזשיס”. די גענויע פּראָצעדור וו׳עגן דער גרופּע איז געווען זייער נעפּלדיק, ניט קלאָר, און מען האָט זיי קענטיק אויסגעטיילט אלס אַ גרופּע כדי צו האָבן אַ מעגליכקייט, אויב מען זאָל דאַרפן עפּעס ספּעציעלעס טאָן וועגן דעם ענין.

צו דער זעקסטער גרופּע האָבן באַלאַנגט ספּעציעלע פאַלן (עקסעפּשיאָנאַל מעריט). מיט אַנדערע ווערטער, געוויסע פאַלן פון אַפּליקאַציעס פאַר אימיגראַציע האָבן געקענט באַהאַנדלט ווערן אלס ספּעציעלע, כאָטש נאָרמאַל וואָלטן זיי ניט אַריינגעקומען אין די ראַמען פון די עקזיסטירנדע געזעצן.

די אימיגראַציע באַשרענקונגען פון 1952 האָבן זיכער ניט באַצוועקט צו דיס־קרימינירן קעגן אידישער אימיגראַציע. פון די פּריווילֶיגירטע לענדער האָבן אידן געהאַט די זעלבע אימיגראַציע־מעגלכקייטן ווי ניט־אידן. די פּראָבלעם איז אָבער געווען מיט יענע אידישע אימיגראַנטן וועלכע זענען געווען אי שטאַטלאָזע אי געוואוינט אין לענדער וועלכע האָבן געהערט צו דער ניט־פּריווילֶיגירטער קאַטעגאָריע. חוץ דעם איז געווען אַן אַנדער צרה, די טראַגישע ירושה פון היטלעריזם. די אי־מיגראַציע־רעגולאַציעס האָבן געלויטעט אַז מען קען אַנגעבן אַפּליקאַציעס פאַר קרובים פון דער ערשטער מדרגה — דאָס הייסט, עלטערן, ברידער, שוועסטער, א. אז.וו. די טראַגעדיע איז אָבער געווען אַז ביי אידן זענען פאַרבליבן וויניג ברידער אָדער שוועסטער. זיי זענען פאַרטיליגט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן פון דער היטלער מגפה. אָט די דאָזיקע טראַגישע סיטואַציע, האָט געמאַכט די נייע אימיגראַציע־באַשרענקונגען שווערער פאַר אידן. פון דער צווייטער זייט זענען אויך ניט געווען קיין מעגליכקייטן פאַר אידישער אימיגראַציע פון אַזעלכע לענדער ווי רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע — ווייל די לענדער האָבן איבער־הויפּט קיין עמיגראַציע ניט דערלויבט.

אַזוי אַרום האָט זיך אין דעם פּעריאָד אַנטוויקלט אַ ספּעציפישע אידישע לאַגע בנוגע אימיגראַציע. ווי פריער געזאָגט האָבן די אימיגראַציע באַגרענעצונגען געהאַט דעם ציל פון פאַרקלענערן דעם אימיגראַציע־צופלוס און אויך פון איינ־פירן אַן אימיגראַנטן־אַפּקלייב־פּראָצעס. דער אידישער אימיגראַנט איז אַריינגע־פאַלן אין דעם קלעם פשוט צוליב דער ספּעציפישער לאַגע אין וועלכער ער האָט זיך געפונען. אין אַ באַריכט, אָפּגעגעבן ביי דער יערליכער פאַרזאַמלונג פון אימי־גראַנטן פאַריין ווערט אונטערשטראָכן אָט די אַנאָמאַלישע לאַגע. עס ווערט צוגע־געבן אַז די נייע אימיגראַציע רעגולאַציעס, אָן צווייפל, האָבן געוואָלט געבן יעדן קאַנאַדער תושב די זעלבע רעכט אין אַפּליקירן פאַר זיינע קרובים מערב־לים. דאָך,

פאַרבליבט דער טרויעריקער פאַקט, אַז די אידישע קהילה פון קאַנאַדע קען ניט אויסנוצן די מעגליכקייטן אין דער זעלבער מאָס ווי אַנדערע עטנישע גרופּן, ווייל די קרובים זענען פאַרשניטן געוואָרן אין דער צייט פון היטלעריזם און אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

חוץ דעם האָבן זיך אַנגעקליבן אַ צאָל אַנדערע שוועריקייטן אין דער אימי־גראַציע פּראָצעדור, אַזוי ווי צו שטרענגע און ניט אַלעמאָל אָביעקטיווע מעדיצינישע באַשלוסן פון געוויסע באַאַמטע; אָפּזאָגן אימיגראַנטן אַ וויזע צוליב צווייפלהאַפ־טער פאַרדעכטיקייט אַז דעם אימיגראַנט׳ס עבר איז עפּעס געווען ניט כשר; א.אז.וו. אין דער צייט פון דער ברייטער אימיגראַציע צווישן 1947 און 1952 האָט מען אַביסל פאַרקוקט אויף געוויסע פּונקטן אין דער אימיגראַציע־פּראָצעדור ווייל דער הויפּט געוויכט איז געלייגט געוואָרן אויף דעם מאַסן־אַספּעקט פון דער אימיגראַציע. דער אימיגראַציע־קלימאַט איז געווען אַ פרייערער און סיי דער אימיגראַנט און סיי דער אימיגראַציע באַאַמטער האָבן לייכטער אָפּערירט אין דעם גאַנג פון דער פּראָצעדור.

(זעכציקסטער קאַפּיטל)

די אינטערוועניץ פון 1952

אין נאָוועמבער 1952 האָט דער אידישער אימיגראַנטן־פאַראיין פון קאַנאַדע צוזאַמען מיט דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, באַשלאָסן צו אינטערווענירן מיט די אויטאָריטעטן וועגן געוויסע אימיגראַציע־שוועריקייטן וועלכע זענען געווען דער פּועל יוצא פון די אימיגראַציע־רעגולאַציעס פאַרעפנטלעכט אין יולי 1952. די אינטערוועניץ האָט באַהאַנדלט אַ צאָל ענינים: די באַציאונג צו פליכטלינגען; אַדמיניסטראַטיווע שוועריקייטן מיט מעדיצינישער און ציווילער אונטערזוכונג פון אימיגראַנטן; ספּעציעלע פאַלן; דאָס אַריינלאָזן פון געוויסע ספּעציפישע גרופּן פון אימיגראַנטן, אאַ״וו.

בנוגע פליכטלינגען, האָט די אינטערוועניץ באַהויפּטעט, אַז כאָטש די רעגו־לאַציעס דערמאָנען ספּעציעל די קאַטעגאָריע פון פליכטלינגען, דאַך אין דער פּראַקטיק זעט ניט אויס אַז פליכטלינגען קריגן וועלכן עס איז פאַרצוג בנוגע אימיגראַציע און ווערן באַהאַנדלט אויפן געוויינטלעכן אופן. עס זעט אויס, שטרייכט אונטער די אינטערוועניץ, אַז פּונקט ווי די געשיכטע וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אין יולי 1952. אַ פליכטלינג, אויב ער געפינט זיך אין איינעם פון די פאַרגעצ־צוויגענע לענדער, האָט אַ בעסערע געלעגנהייט צו אימיגרירן קיין קאַנאַדע ווי למשל אַ פליכטלינג וואָס געפינט זיך אין איינעם פון די ניט פאַרגעצוויגענע לענדער. דאַך די לאַגע פון די פליכטלינגען איז די זעלבע, און עס איז זיכער ניט דעם פליכטלינגס שולד אין וועלכן לאַנד דער שיקזאַל האָט אים פאַרטראָגן. אַזוי אַרום, כאָטש די קאַנאַדער אימיגראַציע־רעגולאַציעס אַנערקענען אין פּרינציפּ, אַז פליכט־לינגען זענען אַ ספּעציעלע קאַטעגאָריע, דאַך אין פּראַקטיק מיינט די אַנערקענונג אַבסאָלוט גאָרנישט. חוץ דעם אויבן דערמאָנטן מהלך צווישן פּראַקטיק און טעאָריע, ווייזט אָן די אינטערוועניץ אויף נאָך אַן אַנאָמאַליע וועלכע עקזיסטירט בנוגע פליכטלינגען. די שוועריקייט באַציט זיך צו דער פראַגע פון דעפיניציע ווער קען באַטראַכט ווערן אַלס פליכטלינג און ווער ניט. די אינטערוועניץ האָט אונטערגעשטראָכן אַז אַלס אַ פליכטלינג דאַרף באַטראַכט ווערן יעדער איינער וואָס איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן אין דער צייט פון דער מלחמה אָדער דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד און וועלכער קען זיך ניט איינבירגערן אין דעם לאַנד וואו ער האָט געפונען צייטווייליקן אַזיל.

די אינטערוועניץ האָט אויך באַרירט די פראַגע פון די אימיגראַנטן פאַר וועלכע פּערמיטן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן, אָבער וועלכע מען האָט אַנולירט נאָך דעם ווי די נייע אימיגראַציע־באַשטימונגען זענען אַריין אין קראַפט. אַ צאָל אַזעלכע אימיגראַנטן האָבן זיך שוין געגרייט אין וועג, אָדער זענען שוין געווען אונטער־וועגנס קיין קאַנאַדע, אָבער מיטאַמאָל האָט מען זיי אָפּגעשטעלט. עס ווערט דעריבער פאַרגעשלאָגן, אַז די אימיגראַנטן וועלכע האָבן שוין געהאַט פּערמיטן זאָלן ניט געשטערט ווערן אין זייער אימיגראַציע, ניט קוקנדיק אויף די געביטענע אימיגראַציע־פאַראָרדענונגען.

עס ווערט אויך אַנגעוויזן, אַז עס זענען אויפגעשוואומען געוויסע פֿאַלן פֿון אימיגראַנטן, וועלכע זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן וויזעס צוליב מעדיצינישע אָדער ציווילע אונטערזוכונגס־שוועריקייטן. עס קוקט אויס, אַז די באַאַמטע וועלכע האָבן געפֿירט די אונטערזוכונג זענען געווען צו שטרענג אין זייער אויסטייטשונג. עס ווערט פֿאָרגעשלאָגן, אַז אַ רעוויזיע פֿון אַזעלכע פֿאַלן זאָל אונטערגענומען ווערן, און אפשר דווקא ניט פֿון די זעלבע באַאַמטע, וועלכע וועלן אפשר ניט קענען אַרויסווייזן די נויטיקע מאָס פֿון אָביעקטיוויטעט. דרך אגב, עס ווערט אויך דערמאָנט אין דער אינטערווענץ, אַז עס זענען געווען פֿאַלן ווען אימיגראַנטן זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן אַלס ניט־ווינטשנסווערטע, צוליב דעם וואָס זיי האָבן באַלאַנגט אָדער באַלאַנגען צו אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס ווי די פּועלי־ציון, מזרחי, השומר־הצעיר, דרור, גורדוניה, אָדער ענלעכע ציוניסטישע גרופּירונגען. עס ווערט געבעטן דעריבער אַז מען זאָל אויפקלערן צו די קאַנאַדער אימיגראַציע באַאַמטע דעם כאַראַקטער פֿון די אָרגאַניזאַציעס.

די אינטערווענץ מאַכט אויך דעם פֿאָלגנדן פֿאָרשלאָג: אַזוי ווי די נייע אימיגראַציע־רעגולאַציעס וואָרפֿן אַרויף שוועריקייטן אויף פּאָטענציעלע אימיגראַנטן פֿון די ניט־פּריווילעגירטע לענדער, דאַרף קענען אויסנאַמען געמאַכט ווערן אין באַצוג צו נאָענטע קרובים, פֿאַכלייט, מענטשן מיט באַשטימטע קאַפּיטאַל, אאַ״וו. אַזעלכע אויסנאַמען קענען געמאַכט ווערן אונטער דער קאַטעגאָריע פֿון ספּעציעלע פֿאַלן.

ווי מען קען זען, זענען די אויבן־אויסגערעכנטע טענות געווען גילטיק סיי אין באַצוג צו אידישע אימיגראַנטן און סיי אין באַצוג צו ניט־אידישע. מיט אַנדערע ווערטער, די אויסגערעכנטע פֿעלערן פֿון די נייע אימיגראַציע־באַשטימונגען זענען געווען פֿון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. פֿאַרשטענדלעך, אַז אויב מען וואָלט די שוואַכקייטן פֿאַרריכט, וואָלטן פֿון דעם אויך גענאָסן אידישע אימיגראַנטן. די אינטערווענץ האָט אָבער אויך אויפגענומען געוויסע פֿראַגן פֿון אַ ספּעציפֿיש־אידישן כאַראַקטער.

עס איז געבעטן געוואָרן, אַז די רעגירונג זאָל באַטראַכטן אַריינלאָזן אין קאַנאַדע הונדערט משפּחות פֿון אידישע אימיגראַנטן וועלכע אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן וואָלטן קיין וויזעס ניט געקענט באַקומען. דאָס זענען געווען אַזעלכע משפּחות וואו דער ברויטגעבער אָדער אַן אַנדער מיטגליד פֿון דער פֿאַמיליע האָט געליטן אָדער ליידט פֿון אַ געוויסן פֿיזישן אָדער סאָציאַלן מום. אַזעלכע פֿאַלן ווערן געוויינטלעך דעזיגנירט מיטן נאָמען „האַרד קאָר״. צווישן זיי וואָלטן געווען משפּחות וועלכע האָבן געליטן פֿון טובערקולאָז, אָבער וועלכע זענען אויסגעהיילט געוואָרן; מענטשן אָן אַ פֿוס אָדער אַ האַנט וועלכע וואָלטן זיך געניטיקט אין ספּעציעלער אויפֿפּאַסונג ביים אַנקומען אין לאַנד, אאַ״וו. מען האָט געקענט דערוואַרטן, אַז צווישן די מיטגלידער פֿון די משפּחות וואָלטן געווען אויך פּאָטענציעלע אַרבעטס־פֿעאיקע מענטשן — זין, טעכטער, פֿרוי, וועלכע וואָלטן מיט ספּעציעלער הילף זיך געקענט מפֿרנס זיין. פֿאַר אָט די משפּחות האָט די אידישע קהילה אונטערגענומען צו געבן פֿולע גאַראַנטיעס אַז זיי וועלן ניט פֿאַלן צו לאַסט און אַז די געזעלשאַפֿטלעכע סטרוקטור פֿון דער קהילה, מיט אַלע אירע אינסטיטוציעס, וועלן אַנווענדן אַלע מיטלען כדי צו רעהאַביליטירן די אימיגראַנטן אַזוי,

אַז זיי זאָלן ווערן נוצלעכע תּושבֿים פֿון קאַנאַדע. עס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז אַנדערע לענדער האָבן יאָ באַוויליקט דאָס אַרײַנקומען פֿון אַזעלכע אימיגראַנטן, און דורך געבן אַזאַ באַוויליקונג וועט קאַנאַדע אַרויסווײַזן אַ גרויסן הומאַניטאַרן זשעסט.

אַ צווייטע בקשה פֿון אַ ספּעציפֿיש אידישן כאַראַקטער איז געווען וועגן אַרײַנלאָזן אין קאַנאַדע אַ קליינע צאָל משפּחות פֿון אידן וועלכע געפֿינען זיך אין שאַנכײַ, כינע. דאָס זענען אידישע משפּחות, וועלכע זענען אַנטלאָפֿן פֿון רוסלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיי זענען געוואָרן תּושבֿים פֿון כינע, אָבער צוליבֿ דער וואַקסנדער אומרואיקייט אין לאַנד, מוזן זיי זוכן אַן אויסוואַנדערונגס־פּלאַץ. אַ צאָל פֿון זיי האָבן זיך פֿאַררעגיסטרירט מיטן קאַנאַדער קאָנסול אין שאַנכײַ נאָך איידער די נײַע אימיגראַציע־רעגולאַציעס זענען אַרײַן אין קראַפֿט. די בקשה האָט זיך באַצויגן בנוגע די שוין פֿאַררעגיסטרירטע, וועלכע זאָלן ניט לײַדן צוליבֿ דעם וואָס נײַע פֿאַראָרדענונגען זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן.

אַ דריטע בקשה איז געווען בנוגע אַרום זיבעציק אידישע משפּחות אין איטאַליע. די אימיגראַנטן האָבן געהערט צו דער פּליטישלינגען קאַטעגאָריע. וואָלטן זיי געווען אין אַן אַנדער לאַנד, וואָלטן זייערע אימיגראַציע־מעגלעכקייטן געווען בעסערע. אַזוי אָבער, ווי זיי זענען אין איטאַליע, און אַזוי ווי אין איטאַליע באַטראַכט מען נאָר אַפּליקאַציעס פֿון קרובֿים פֿון ערשטער מדרגה פֿון קאַנאַדער תּושבֿים, זענען די אויבנדערמאַנטע משפּחות אַפּגעשלאָסן געוואָרן פֿון אימיגראַציע־מעגלעכקייטן.

די געמיינשאַפֿטלעכע דעלעגאַציע פֿון אידישן אימיגראַנטן־פֿאַראייַן און קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס האָט צוגעגעבן, אַז אימיגראַציע איז אַ קאָמפּליצירטער עניַן, און אַז מען פֿרעגט ניט אָפּ דאָס רעכט פֿון דער רעגירונג צו רעגולירן דעם אימיגראַציע־שטראָם לויט די נויטן פֿון לאַנד. דאָס מיינט אָבער ניט אַז די רעגירונג קען זיך ניט דערהייבן צו דער מדרגה וואו די אימיגראַציע־באַשרענקונגען זאָלן ניט נעמען אין אַנבאַטראַכט אַ ליבעראַלע באַציאונג צו אימיגראַנטן אין דער פּליטשלינגען־קאַטעגאָריע און צו אימיגראַנטן וועלכע מוזן האָבן אַן אויסוואַנדערונגס־פּלאַץ צוליבֿ די סאָציאַלע אויפֿטרייסלונגען אין פֿאַרשיידענע לענדער. דורך אָנווענדן אַ בויגעוודיקייט אין די אימיגראַציע־רעגולאַציעס קען קאַנאַדע אָנהאַלטן איר כשר־פֿאַרדינטן נאָמען און רעפּוטאַציע אַלס אַ פֿירנד לאַנד פֿון די מערבֿ־דעמאָקראַטישע לענדער.

דער ענטפֿער צו דער אינטערווענץ איז געקומען אין אַפּריל 1953. קיין דירעקטע הנחות זענען ניט געגעבן געוואָרן, כאָטש דער ענטפֿער האָט געפּרוּווט אויפֿקלערן און פֿאַרטיידיקן די פּאָזיציע פֿון דער רעגירונג. אומדירעקט, אָבער, האָט די רעגירונג זייער ערנסט באַטראַכט די טענות פֿון דער אינטערווענץ און אַלס פּועל יוצא פֿון דעם און אויך אַנדערע פֿאַקטאָרן, איז די לאַגע אין אַ גרויסער מאָס פֿאַרבעסערט געוואָרן סײַ בנוגע דאָס אַרײַנקומען פֿון אימיגראַנטן און סײַ בנוגע פֿון אַדמיניסטראַטיווע אויסטײַטשונגען.

(איין־און־זעכציקסטער קאַפּיטל)

די „טשוירטש" פּראָגראַם

שוין אין פאַריקן קאַפּיטל האָבן מיר אָנגעוויזן די הויפּט־מאָמענטן פון דער אינטערווענץ וועגן אימיגראַציע־ענינים, פאַרגעלייגט פון אימיגראַנטן־פאַראיין און קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, צום קאַנאַדער אימיגראַציע־מיניסטער אין נאָוועמבער 1952. מיר האָבן אויך אונטערשטראָכן, אַז כאָטש אַן ענטפער איז געקומען אין אַפּריל 1953, איז עס דאָך ניט געווען אַ דירעקטע תשובה אויף די געשטעלטע שאלות. אומדירעקט אָבער האָט די רעגירונג קענטיק איינגעזען אַז געוויסע רעפאָרמען זענען נויטיק, און מען קען אויך זאָגן, אַז אומדירעקט איז אַ באַדייטנדער טייל פון די ענינים וועגן וועלכע עס איז גערעדט געוואָרן אין דער אינטערווענץ, מער אָדער ווייניקער דערליידיקט געוואָרן. די הויפּט־אַנטוויקלונג האָט זיך אָבער אויסגעדריקט אין אַ געוויסער אינאָוואַציע, אין אַ נייעם מעטאָד פון אַריינלאָזן אימיגראַנטן. דאָס איז געווען די אַזוי גערופענע „קירכן פּראָגראַם" (טשוירטש פּראָגראַם), וועלכע איז אַנאָנסירט געוואָרן אין אַפּריל 1953.

אין וואָס איז באַשטאַנען די „טשוירטש פּראָגראַם"?

די נאָך־מלחמה אימיגראַציע פון די־פּיס און אַנדערע אויסגעוואַרצלטע, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, האָט אַרויסגערופן אַ לעבהאַפטן אינטערעס צווישן די פאַרשיידענע טיילן פון דער קאַנאַדער באַפעלקערונג. אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט און האָבן מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט. צוביסלעך האָט זיך די טעטיקייט פון די פאַרשיידנאַרטיקע גרופּן אויסקריסטאַליזירט אונטער דער אויפזיכט פון די דאָמינירנדע קירכן אין קאַנאַדע — קאַטוילישע, פּראָטעסטאַנטישע, אידישע. כדי אויסצומיידן אַז יעדע גרופּע זאָל מאַכן שבת פאַר זיך, האָט די רעגירונג באַשלאָסן צו קאָאָרדינירן די אַרבעט, און זי האָט אַנערקענט פיר הויפּט־גרופּן: קאַטוילישע, צוויי פּראָטעסטאַנטישע און די אידישע, דורך וועלכע עס וועט אויפגענומען ווערן רעפּרעזענטאַנץ וועגן אימיגראַציע־ענינים. די פיר רעליגיעזע גרופּעס זענען באַצייכנט געוואָרן אַלס די „טשוירטש" גרופּעס. זיי איז אויך געגעבן געוואָרן די פּריווילעגיע צו ספּאָנסאָרן אַ געוויסע צאָל אימיגראַנטן פאַר וועלכע יעדע „טשוירטש"־גרופּע האָט געדאַרפט אָננעמען געוויסע פאַרפליכטונגען. אין אַ געוויסער מאָס איז די עטאַבלירונג פון אָט דער פּראָגראַם געווען דער אומדירעקטער ענטפער צו געפינען אַ וועג אַריינצולאָזן אַ גרעסערע צאָל אימיגראַנטן פון דער די־פּי קאַטעגאָריע, ניט קוקנדיק אויף די אימיגראַציע־געזעצן וועלכע האָבן געהערשט אין יענער צייט.

דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס און דער אידישער אימיגראַנטן־פאַראיין פון קאַנאַדע זענען באַשטימט געוואָרן אַלס די אַנערקענטע רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטן פון דער אידישער „טשוירטש". אַלע ענינים פון אַלגעמיינער פּאָליסי וועגן אידישער אימיגראַציע האָבן געדאַרפט פאָרמולירט און צוגעשטעלט ווערן בשותפות פון קאָנגרעס און אימיגראַנטן־פאַראיין. אין אַלע ענינים פון אינדיווידועלער אימיגראַציע איז דער אימיגראַנטן־פאַראיין אַנערקענט געוואָרן אַלס די מאַסגעבנדע אינסטאַנץ.

לויט די תנאים פון דער אַנאָנסירטער פּראָגראַם האָט דער אימיגראַנט־פּאַראיין געקענט אינדאָרסירן אַפּליקאַציעס אָנגעגעבן פון קאַנאַדער קרובים בנוגע דער אויפנאַמע, פאַרזאָרגונג מיט אַרבעט, אאַ"וו פון אימיגראַנטן וועלכע זיי האָבן געוואָלט אַריבערברענגען.

חוץ דער קרובים־קאַטעגאָריע האָט דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס און דער אימיגראַנטן־פאַראיין אויך געקענט אינדאָרסירן דאָס אַריינקומען פון אַ צאָל אימיגראַנטן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין קרובים אין קאַנאַדע, אָבער וועמעס אַריינקומען אין לאַנד האָט געקענט באַווייליקט ווערן אונטער גאַראַנטיעס, געגעבן פון די צוויי אויבן־דערמאָנטע אידישע קערפּערשאַפטן. אַזעלכע אימיגראַנטן האָבן געמוזט באַזיצן אַ פאַך נוצלעך אין קאַנאַדע. זייער אַפּליי, מעבר לים האָט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן פון אידישע פאַרשטייער, דעלעגירט פאַר דעם צוועק, און זייערע אַפּליקאַציעס האָבן געדאַרפט צוגעשטעלט ווערן צו די קאַנאַדער אימיגראַציע־קאָנסולן אין פאַרשיידענע לענדער.

עס איז אויך דעזיגנירט געוואָרן נאָך אַ קאַטעגאָריע פון אימיגראַנטן, וועלכע האָבן געקענט אַריינקומען אונטער דער „אָפּען פּלעיסמענט" פּראָגראַם. אַזעלכע אימיגראַנטן זענען אויסגעקליבן געוואָרן פון די רעגירונגס־אינסטאַנצן גופא צוליב דעם וואָס זיי האָבן געהאַט נוצלעכע פאַכן און זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ ווינטשנסווערטער אימיגראַנט. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז די צאָל אימיגראַנטן וועלכע וועלן אַריינקומען אונטער דער „אָפּען פּלעיסמענט" פּראָגראַם, וועט ניט פאַרקלענערן די צאָל פון אימיגראַנטן וועלכע מען וועט אַריינלאָזן אונטער דער „טשוירטש" פּראָגראַם. עס קען זיך שטעלן אַ קשיה, מה נשתנה? וואָס איז דער חילוק צווישן דער „טשוירטש" און דער „אָפּען פּלעיסמענט" פּראָגראַמען? דער חילוק איז געווען וואָס אונטער דער „טשוירטש" פּראָגראַם האָבן די אָרגאַניזאַציעס געדאַרפט געבן גאַראַנטיעס וועגן דער אויפנאַמע, אַרבעט און אַלגעמיינער פאַרזאָרגונג פון די אימיגראַנטן. דאָס האָט מען ניט געדאַרפט אין פאַל פון „אָפּען פּלעיסמענט" אימיגראַנטן. דערפאַר אָבער האָט די „טשוירטש" פּראָגראַם געהאַט אַ מער בויגעוודיקן צוגאַנג צום אַפּליי פון אימיגראַנטן.

דאָס איינפירן פון דער „טשוירטש" פּראָגראַם איז באַגריסט געוואָרן פון דער אידישער קהילה, ווייל ווי געזאָגט, אין אַ געוויסער מאָס, האָט עס נאָכאַמאָל געגעבן אַ מעגלעכקייט אַריינצוברענגען אַ געוויסע צאָל פון אידישע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין קרובים אין קאַנאַדע. די פינאַנציעלע פאַרפליכטונגען וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער אידישער קהילה זענען גערן אויפגענומען געוואָרן, און די סענטימענטן וועגן דער פּראָגראַם זענען אויסגעדריקט געוואָרן ביי דער יערלעכער פאַרזאַמלונג פון אימיגראַנטן־פאַראיין אין מאַי 1953 און אויך ביי דער פּלענאַרער סעסיע פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס אין אָקטאָבער 1953. אין די אָנגענומענע רעזאָלוציעס ווערט געזאָגט, אַז די אידישע קהילה אין קאַנאַדע איז גרייט צו געבן אַלע נויטיקע מיטלען כדי אויפצונעמען אַ מאַקסימאַלע צאָל פון אידישע אימיגראַנטן און אויך פאַר אַזעלכע וועלכע צוליב זייער עלטער אָדער פיזישן צושטאַנד וואָלטן אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן ניט געקענט קריגן קיין וויזעס.

די אימיגראַציע־באַשרענקונגען, איינגעפירט אין יולי 1952, האָבן זיך אָפּגערופן

אויף דער צאָל אידישע אימיגראַנטן וועלכע זענען אַריינגעקומען אין לאַנד. אַזוי צום ביישפּיל אין 1952 האָט די אימיגראַציע באַטראָפן 164,498 מענטשן פון וועלכע עס זענען געווען 5,682 אידישע אימיגראַנטן. אין 1953 האָט זיך די אַלגעמיינע צאָל אימיגראַנטן פאַרגרעסערט ביז 168,868, אָבער די צאָל אידישע אימיגראַנטן האָט זיך פאַרקלענערט צו 4,300.

די אידישע אימיגראַציע־אַרבעט האָט זיך אָבער פאַרגרעסערט אין דעם זין וואָס עס איז געוואַקסן די צאָל אימיגראַציע־פאַלן וועלכע מען האָט אָפּגעזאָגט וויזעס צוליב פאַרשיידענע סיבות פון מעדיצינישן און ציווילן כאַראַקטער. אין אַזעלכע פאַלן האָט געמוזט דורכגעפירט ווערן אַן אינטענסיווע אונטערזוכונג פון די אומשטענדן וועלכע האָבן געפירט צום אָפּזאָג. אין דעם יערלעכן באַריכט, אַרויסגעגעבן פון אידישן אימיגראַנטן־פאַראיין אין מאַי 1953, ווערט די לאַגע דערקלערט אויף אַזאַ אופן: „וואָס שווערער עס איז פאַר אַן אימיגראַנט אַריינצוקומען אין לאַנד, אַלץ מער נויטיקט זיך אַ פאַרזיכטיקע אָפּשאַצונג פון יעדן איינצלנעם פאַל. אימיגראַציע־אַרבעט (קאונסעלינג) נעמט אָן אַ פאַרגרעסערטע באַדייטונג. עס נעמט אַרום אַזעלכע אַקטיוויטעטן ווי קאָנטאַקט מיט קרובים, קאָנטאַקט מיט פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס מעבר לים, קאָנטאַקט מיט די אימיגראַציע־אויטאָריטעטן און אַ צאָל אַנדערע לייסטונגען וואו עס ווערט פאַרלאַנגט ניט נאָר מומחה־וויסן פון אימיגראַציע־פּראָצעדור, נאָר דער אימיגראַציע־באַאַמטער מוז אויך האָבן אַ טיפע פאַרשטענדניש פון די עמאָציאָנעלע און סאָציאַלע פאַקטאָרן וועלכע שפּיגלען זיך אָפּ אין יעדן איינצלנעם פאַל".

אין נאָוועמבער 1953 איז נאָכאַמאָל געמאַכט געוואָרן אַן אָפּיציעלע אינטערווענץ מצד דעם אימיגראַנטן־פאַראיין און קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. אין אַ גרויסער מאָס זענען אויפגענומען געוואָרן אַ צאָל פון די זעלבע פראַגן וואָס זענען דיסקוטירט געוואָרן אין דער אינטערווענץ פון נאָוועמבער 1952. די אידישע קהילה האָט נאָכאַמאָל אויסגעדריקט איר גרייטקייט אָנצונעמען די נויטיקע פאַרפליכטונגען בנוגע אידישע אימיגראַנטן. מען האָט אויך אָנגעוויזן אויף דער גרעסערער צאָל פאַלן וואו אימיגראַנטן איז אָפּגעזאָגט געוואָרן וויזעס צוליב אַדמיניסטראַטיווע שוועריקייטן. מען האָט אויך פאָרגעשלאָגן אַז די קאַנאַדער אימיגראַציע־באַאַמטע זאָלן רעווידירן זייער דעפיניציע ווער זאָל באַטראַכט ווערן אַלס אַ פּליכטלינג און אַז זיי זאָלן אָננעמען די דעפיניציע אַרויסגעגעבן פון דעם הויך־קאָמישאָנער פאַר פּליכטלינגען פון דער יוניטעד ניישאָנס.

אין 1954 האָט זיך די אימיגראַציע קיין קאַנאַדע פאַרקלענערט אין אַלגעמיין אָבער פּראָצענטועל האָט די אידישע אימיגראַציע געליטן מער. פון 154,227 וועלכע זענען אַריינגעקומען אין קאַנאַדע אין 1954 אין פאַרגלייך מיט 168,868 אין 1953, זענען געווען 2,036 אידן. אין 1953 האָט די צאָל אידישע אימיגראַנטן באַטראָפן 4,300 מענטשן. די לאַגע איז געווען ערנסט און עס איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן אונטערצונעמען אַ גענויעם שטודיום פון דער סיטואַציע כדי צו זען און אויסצופאָרשן די שוועריקייטן און די רפואות וועלכע מען דאַרף אָנווענדן כדי ביי צוקומען די שוועריקייטן.

(צוויי־און־זעכציקסטער קאַפּיטל)

אַ שטודיום פון אידישע אימיגראַציע־נויטן — 1954

אין סעפּטעמבער 1954 איז דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון אימיגראַנטן־פאַראיין באַאויפטראַגט געוואָרן צו מאַכן אַ שטודיום פון די אידישע אימיגראַציע־פּראָבלעמען אין אייראָפּע און זייער ספּעציפישער שייכות צו קאַנאַדע. ער איז אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע אַלס דער בשותפות׳דיקער דעלעגאַט פון אידישן אימיגראַנטן־פאַראיין און דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. אין משך פון דער רייזע זענען באַזוכט געוואָרן די מערסטע מערב־אייראָפּעאישע לענדער, און ער האָט זיך אויך געטראָפן מיט די לייטנדע אינסטאַנצן פון האיאַס, ווי אויך מיט די קאַנאַדער קאָנסולן אין אייראָפּע. ער האָט אויך באַזוכט אַ צאָל לאַגערן, וואו עס האָבן געלעבט די די־פּיס. אין דעם קאַפּיטל וועלן מיר איבערגעבן די הויפּט סך־הכלען פון דעם שטודיום. זיי זענען ווי פאָלגט:

א) עס איז נאָך פאַרבליבן אַ גרויסע שטיק פון אימיגראַציע־אַרבעט אין העלפן די יעניקע פאַר וועלכע אימיגראַציע איז דער איינציקער אויסוועג צו נאָרמאַליזירן זייער לעבן און דער איינציקער מיטל פון רעהאַביליטאַציע.

ב) דער פּעריאָד פון מאַסן־אימיגראַציע איז דערוויילע פאַריבער. דאָך, דאָס האָט נישט אָוועקגענומען די שאַרפקייט פון דעם אימיגראַציע־פּראָבלעם צוליב די פאָלגנדיקע צוויי סיבות: דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פּרצוף פון די פּאָטענציעלע אימיגראַנטן און די וואַקסנדע באַשרענקונגען און קאָמפּליקאַציעס אין דער אימיגראַציע־פּראָצעדור פון די אַריינפאָר־לענדער.

ג) די קוואַנטיטאַטיווע זייט פון אימיגראַציע, דאָס הייסט די צאָל מענטשן פאַר וועלכע מען קען קריגן וויזעס, קען ניט באַטראַכט ווערן אַלס אַ מאָס פון דערפאָלג אין דעם טאָטאַלן סכום פון אידישער אימיגראַציע־אַרבעט. די קוואַנטיטאַטיווע זייט פון די יאָרן 1947—1952 מוז פאַרביטן ווערן מיט אַ קוואַליטאַטיוון צוגאַנג. אין די יאָרן 1947—1952 איז דער טראָפּ געלייגט געוואָרן אויף מאַסן־אימיגראַציע, כדי וואָס שנעלער ליידיק מאַכן די לאַגערן און כדי אויסצונוצן די גינסטיקע אימיגראַציע־מעגלעכקייטן פון יענער צייט. אָט דער פּעריאָד איז אַוועק. די איצטיקע לאַגע פאָדערט, אַז יעדער איינצלנער פאַל מוז אינטענסיוו באַטראַכט ווערן אויף אַן אינדיווידועלן באַזיס. די לאַגע פאַרלאַנגט אויך אַז יעדער אימיגראַציע־פאַל מוז געגעבן ווערן די נויטיקע מומחה־הילף סיי אין באַטראַכטן צי אימיגראַציע איז נויטיק, סיי אין דעם עצם פּראָצעס פון אָנגעבן די אַפּליקאַציע און קריגן אַ וויזע, און סיי אין אַרויסהעלפן דעם אימיגראַנט נאָך זיין אָנקומען אין לאַנד.

ד) פּאָטענציעלע אידישע אימיגראַנטן קענען איינגעטיילט ווערן אין די פאָלגנדע פיר קאַטעגאָריעס:

1) אידן וועלכע זענען בירגער פון פאַרשיידענע לענדער אין מערב־אייראָפּע. פאַר זיי איז אימיגראַציע ניט קיין דרינגענדער פּראָבלעם. אַ צאָל אידן ווילן און וועלן עמיגרירן פון אייראָפּע, און אַ טייל וועט קומען קיין קאַנאַדע. זיי וועלן

זיך זיכער נויטיקן אין טעכנישער הילף בנוגע אימיגראַציע און אייניקע וועלן אפשר אויך דאַרפן אַ געוויסע פינאַנציעלע שטיצע. אין אַלגעמיין, אָבער, זענען ניט נויטיק קיין ספּעציעלע אָנשטרענגונגען לטובת זייערטוועגן. זיי זענען אין דער לאַגע גוט צו באַטראַכטן דעם ענין פון עמיגראַציע און באַשליסן ווען און וואו זיי ווילן עמיגרירן.

2)אידן וועלכע זענען ניט קיין בירגער פון די לענדער אין וועלכע זיי וואוינען. צווישן זיי געפינען זיך אויך די פּליכטלינגען, די די־פּיס, אאַ״וו, וועלכע, צוליב איין סיבה אָדער אַ צווייטער, האָבן ניט געקענט, ניט געוואָלט אָדער זענען ניט געווען גרייט צו עמיגרירן אין די פריערדיקע יאָרן. אַ צאָל פון זיי האָבן געפּרוואוט זיך באַזעצן אין פאַרשיידענע אייראָפּעאישע לענדער, אָבער דער פּרוואוו האָט זיך ניט איינגעגעבן צוליב פאַרשיידענע סיבות: עקאָנאָמישע, קולטורעלע, פּסיכאָלאָגישע. אויך די אַלגעמיינע אומרואיקייט אין אייראָפּע האָט זיי ספּעציעל געמאַכט אומרואיק צוליב דעם וואָס זיי זענען געווען שטאַטלאָז און זייער לאַגע איז שטענדיק געווען ניט קיין זיכערע. אַזעלכע אידן געפינען זיך אין בעלגיע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, שוועדן, אאַ״וו. אַ איד אין שוועדן זאָגט, למשל, אַז ער מוז עמיגרירן ניט, חלילה, צוליב דער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע, אַנטיסעמיטיזם, אאַ״וו. פאַרקערט, אין דער קורצער צייט פון עטלעכע יאָר וואָס ער געפינט זיך אין שוועדן האָט ער זיך גאַנץ פיין איינגעאָרדנט. וואָס טרייבט אים צו עמיגראַציע איז די מורא פון אַסימילאַציע פאַר זיינע קינדער. ער זוכט אַ ישוב וואו די קינדער זאָלן אויסוואַקסן אין אַ אידישער סביבה.

אַ זאָגט אַ איד פון בעלגיע, אַז ער וויל עמיגרירן אויך ניט צוליב עקאָנאָמישע אָדער סאָציאַלע סיבות. בעלגיע איז אַ פריי און זייער טאָלעראַנט לאַנד. אָבער, ער וואוינט שוין אין בעלגיע עטלעכע צענדליק יאָר, דאָך קיין בעלגישער בירגער קען ער ניט ווערן, ווייל קריגן בעלגישע בירגערשאַפט איז אַ שווערער ענין. אַלס ניט קיין בירגער מוז ער שטענדיק זיין אונטערוואָרפן צו פאַרשיידענע געזעצן וועגן אַרבעטס־מעגלעכקייטן, מעלדונגען צו דער פּאָליציי, אאַ״וו. ער איז שטאַטסלאָז און זאָל זיך עפּעס אַ טרייסל טאָן אין אייראָפּע, ווערט ער באַלד דער ערשטער קרבן פון דער אויפטרייסלונג. זוכט ער אַ לאַנד וואו ער זאָל קענען ווערן אַ בירגער און זיין אַ מענטש מיט אַלע בירגער צוגלייך.

מיר האָבן מיט אַ כוונה אָנגעגעבן ביישפּילן פון צוויי פון די פאָרטגעשריטנסטע לענדער אין אייראָפּע. פאַר אַ גרויסער צאָל אידן אין אַנדערע לענדער איז די לאַגע געווען אַ סך מער דרינגענד. זיי האָבן אויך געליטן פון עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סיבות. די נויטיקייט פון עמיגראַציע פאַר דער גרופּע איז געווען שאַרפער, און די מאָס פון שאַרפקייט האָט זיך געביטן פון לאַנד צו לאַנד. איין זאַך איז אָבער געווען קלאָר. כאָטש דער גראַדוס פון אימיגראַציע־דרינגענדיקייט איז געווען אָפּהענגיק פון דעם עקאָנאָמיש־סאָציאַלן קלימאַט פון לאַנד — דאָך דער אויסוועג פאַר אָט דער גרופּע אידן, מיט געוויסע אויסנאַמען, איז געווען נאָר איינער — עמיגראַציע.

3) די דריטע קאַטעגאָריע איז געווען אידן, שטאַטלאָזע, פּליכטלינגען, אאַ״וו, וועלכע, צוליב פיזישע אָדער סאָציאַלע סיבות דאַרפן באַטראַכט ווערן אַלס שווערע, קאָמפּליצירטע פאַלן. דאָס זענען געווען מענטשן מיט ניט גאָר קיין גוטן געזונט־

צושטאַנד, אָז אַ ספּעציפישן פאַד, אאַ״וו. פאַר דעם גרעסטן טייל פון דער דאַזיקער קאַטעגאָריע איז עמיגראַציע אין אַ סטאַבילן לאַנד געווען כמעט ווי דער איינציקער אויסוועג פון פּאַטענציעלער רעהאַביליטירונג. דאָס איז געווען איבער־הויפּט בּויטיק פאַר די קינדער וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער גרופּע. שאַפן אימיגראַציע־מעגלעכקייטן פאַר אַזעלכע מענטשן האָט פאַרלאַנגט ספּעציעלע אָנשטרענגונגען און ספּעציעלע מיטלען. אַזעלכע מענטשן האָבן אויך געפאָדערט ספּעציעלע הילף נאָכן אָנקומען אין לאַנד. די מעגלעכקייט פון עמיגראַציע און רעהאַביליטירונג פאַר אַזאַ משפחה מיינט ניט נאָר אַ מעגלעכקייט פון שטעלן זיי אויף די פיס, אויפריכטן מענטשלעכע לעבנס, נאָר עס מיינט אויך אַ פינאַנציעלע איינשפּאָרונג פאַר דער אידישער קהילה, ווייל אָן דעם מוז פאַרבלייבן אַ לאַסט פאַר דער געזעלשאַפט.

4) די פערטע קאַטעגאָריע איז געווען מענטשן וועלכע מען רופט ,,האַרד קאָר״ — צוליב דעם וואָס זייער פּראָצעס פון רעהאַביליטאַציע איז אַ שווערער, לאַנגער און ניט קיין זיכערער. דאָך, אונטער גינסטיקע אומשטענדן, און מיט אַ פּאַסיקן צוגאַנג, וואָלט געווען אַ מעגלעכקייט אַ צאָל פון זיי צו שטעלן אויף די פיס.

סומירנדיק די פאַרשיידענע אויספירן פון דעם שטודיום ווערט אונטערשטראָכן, אַז עס איז צווייפלהאַפט צי מען קען דערוואַרטן אַן אומבייט אין דער קאַנאַדער אימיגראַציע־פּאָליטיק. דעריבער נויטיקט זיך אַ ספּעציפישע אַקציע וועגן די אויבן־אויסגערעכנטע אימיגראַנטן־קאַטעגאָריעס. עס ווערט אויך אונטערשטראָכן, אַז אידישע אימיגראַציע־פּראָבלעמען דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי אַ גאַנצקייט וועמעס לייזונג מוז נעמען צייט און מוז קאָסטן געלט. עס ווערט אויך אָנגעוויזן, אַז מען מוז אויסבילדן אַ פּערסאָנאַל, באַאַמטע וועלכע זאָלן זיין גוט באַהאַוונט אין דעם ענין פון אימיגראַציע. עס נויטיקט זיך אויך אַ רעאַלער צוגאַנג צו די פאַרשיידענע פּראָבלעמען. מען מוז דערוואַרטן שוועריקייטן סיי בנוגע אימיגראַציע־מעגלעכקייטן און סיי בנוגע אימיגראַנטן־איינאָרדענונג שוין נאָך דעם ווי די אימיגראַנטן וועלן אָנקומען אין קאַנאַדע. מען דאַרף אויך ניט דערוואַרטן, אַז די צאָל וועט זיין אַ גרויסע. דאָך, פאַר יעדן יחיד, פאַר יעדער משפחה וועלכע נויטיקט זיך אין דער הילף, מיינט פשוט געבן זיי אַ געלעגנהייט ווידער אויפבויען זייער לעבן. די אידישע קהילה דאַרף באַטראַכטן די אימיגראַציע־באַמיאונגען אַלס אַ געזעלשאַפטלעכע אינוועסטירונג, אַ באַמיאונג אין רעטונג און רעהאַ־ביליטירונג.

(דריי־און־זעכציקסטער קאַפּיטל)

ליכט און שאָטן

דער פאַריגער קאַפּיטל האָט געגעבען אַ קורצן איבערבליק איבער דעם אימי־גראַציע שטודיום דורכגעפירט אין 1954. די אויספירונגען פון דעם אַנאַליז האָבן קאָנקרעטיזירט די אידישע עמיגראַציע לאַגע אין מערב־אייראָפּע. די אידישע אימיגראַציע נויטן, די פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס פון אידישע אימיגראַנטן אין יענעם פעריאָד, און האָבן אַוועקגעשטעלט דעם פּראָבלעם פּנים על פּנים מיט דער אימיגראַציע לאַגע אין קאַנאַדע. אין דעם שטודיום זענען געמאַכט געוואָרן די פאָל־גנדע פאַרשלאָגן:

א) אויסזוכן מער אימיגראַציע מעגליכקייטן אין די ראַמען פון די עקזיס־טירנדע געזעצן, דורך אַ פּאַסנדער אויסטייטשונג פון די געזעצן;

ב) אַנווענדן באַמיאונגען צו פאַרברייטערן די אַריינלאָזבאַרע אימיגראַנטן קאַטעגאָריעס;

ג) באַמיען זיך צו קריגן פון דער רעגירונג געוויסע אימיגראַציע קאָנצעסיעס פאַר דעם אַריינקומען פון אַ צאָל „האַרד קאַר״ און ענליכע קאַטעגאָריעס פון אימיגראַנטן;

ד) אַוועקשטעלן די אַלגעמיינע אימיגראַציע אַרבעט אויף אַ סאָלידן באַזיס פון אָפּשאַצן, זייער פּאַרזיכטיק, יעדן פאַל באַזונדער כדי מיט זיכערקייט פעסט־צושטעלן צי עמיגראַציע פאַר דער משפּחה איז ווינטשנסווערט און מעגליך. דער אָפּקלייב און פאַרזיכטיקער צוגאַנג פאַרלאַנגט אַן עקספּערטיזע אָפּשאַצונג פון יעדן פאַל באַזונדער און איז נויטיק כדי צו קאָנצענטרירן די כוחות אויף אַזעלכע אימיגראַציע־פאַלן וועלכע האָבן פּאָזיטיווע מעגליכקייטן צו קריגן אַ וויזע און אויך גוטע פּאַטענצן פון איינאָרדנונג אין קאַנאַדע.

דער ערשטער פּועל יוצא פון דעם אימיגראַציע שטודיום איז געווען אַ ווייטער־דיקע רעפּרעזענטאַנץ צו דער רעגירונג געמאַכט דורך אַ געמיינשאַפטליכער דע־לעגאַציע פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס און אידישן אימיגראַנטן הילפס־פאַריין פון קאַנאַדע. דאָס איז געווען אין מערץ 1955. די דעלעגאַציע האָט אויפגענומען אַ צאָל פּראָבלעמען וועלכע זענען דערמאָנט געוואָרן אין משך פון די פריערדיגע אינטערווענצן. עס איז באַטאָנט געוואָרן אַז כאָטש די קאַנאַדער אימיגראַציע רעגו־לאַציעס זענען גילטיק פאַר אַלעמען, דאָך איז זייער ווירקונג איבערהויפּט שווער אויף פּאָטענציעלע אידישע אימיגראַנטן וועלכע זענען פּליכטלינגען יורידיש און פּאַקטיש. עס איז געבעטן געוואָרן אַ געוויסע פאַרלייכטערונג בנוגע דעם פּאַר־אָפּקלייב, און עס איז נאָכאַמאָל איבערגעחזרט געוואָרן די בקשה אַריינצולאָזן אַרום הונדערט משפּחות פון „האַרד קאַר״.

אין מאַי 1955, רעדנדיק ביי דער יערליכער פאַרזאַמלונג פון אימיגראַנטן פאַריין, האָט דער קאַנאַדער מיניסטער פון אימיגראַציע געזאָגט אַז די אימיגראַציע

געזעצן וועלן אויסגעטייטשט ווערן אַזוי ליבעראַל ווי נאָר מעגליך אָבער מען דאַרף אויך וויסן אַז אָפטמאָל קומט דער הומאַניטאַרער אינסטינקט אין קאָנפליקט מיט דעם אימיגראַציע געזעץ.

סוף 1955 האָבן די קאַנאַדער אימיגראַציע אויטאָריטעטן באַוויליגט דעם פאַר־לאַנג אַריינצולאָזן אַ געוויסע צאָל „האַרד קאַר" משפחות. די באַוויליקונג איז אָבער געווען אויפן באַדינג אַז יעדער פאַל מוז אויטאָריזירט ווערן באַזונדער. אַ צווייטער באַדינג איז געווען אַז די אידישע קהילה נעמט איבער די פולע אחריות פאַר אַזעלכע אימיגראַנטן, און גאַראַנטירט אַז זיי וועלן ניט פאַלן צו לאַסט. די באַדינגונגען זענען אָנגענומען געוואָרן און מען האָט זיך תיכף פאַרשטענדיגט מיט די ביוראָען פון „היאַס" אין אייראָפּע כדי אָנצוהייבן דעם אָפּקלייב פון משפחות וועלכע זאָלן קומען אונטער דער קאַטעגאָריע.

די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד האָט זיך גענומען פאַרבעסערן און דאָס האָט געפירט צו אַ מער ליבעראַלער אויסטייטשונג פון די אַריינלאָזבאַרע קאַטעגאָריעס פון אימיגראַנטן.

די רעגירונג האָט אויך אָנגענומען אַ מער ליבעראַלן צוגאַנג בנוגע צו אימי־גראַנטן וועלכע מען האָט פריער אָפּגעזאָגט וויזעס צוליב מינדערוועריקע סיבות. אַזוי למשל, זענען געווען פאַלן ווען דער אימיגראַנט איז אָפּגעזאָגט געוואָרן אַ וויזע צוליב דעם וואָס ער איז געריכטליך באַשטראָפט געוואָרן אין דעם לאַנד וואו ער האָט געוואוינט. אויב די שטראָף איז געווען צוליב אַ מינדערוועריקער סיבה, האָט מען אַזעלכע פאַלן געקענט אָפּעלירן.

נאָך אַ וויכטיקע ליבעראַליזירונג איז געווען בנוגע אימיגראַנטן וועלכע זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן צוליב מעדיצינישע סיבות. די ליבעראַליזירונג איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אין פאַלן פון נאָענטע קרובים, אַזוי ווי אַ פאָטער, מוטער, ברודער, שוועסטער, א.אז.וו. אויב דער אימיגראַנט האָט אָפּילו ניט געקענט נאָכקומען פול־שטענדיק די מעדיצינישע פאָדערונגען, דאַן איז געווען אַ מעגליכקייט אים אַריינ־צוברענגען אין לאַנד אויף אַ צייטווייליקן אופן. מיט דער צייט, אויב זיין גע־זונטס צושטאַנד וועט זיך פאַרבעסערן, קען אויך אָנערקענט ווערן זיין אימיגראַציע סטאַטוס. אין אַזעלכע פאַלן איז פאַרלאַנגט געוואָרן פון די קרובים אַז זיי זאָלען מאַכן די נויטיקע אַראַנזשירונגען מיט אַ שפּיטאָל אין קאַנאַדע אויפצונעמען דעם אימיגראַנט, אויב נויטיק. אין אַלגעמיין איז עס געווען אַ קאָמפּליצירטע פּראָצעדור און די אחריות פאַר דער דורכפירונג פון די נויטיקע פאָרמאַליטעטן איז איבער־גענומען געוואָרן פון אימיגראַנטן פאַריין. אַ היבשע צאָל אימיגראַנטן זענען אַזוי אַרום אַריינגעקומען אין לאַנד. דאָס איז געווען גאָר אַ וויכטיקע קאָנצעסיע אַן וועלכער אַ צאָל משפחות וואָלטן אינגאַנצן געבליבן צעריסן.

אַזוי אַרום, דירעקט און אומדירעקט, זענען די אינטערווענצן פון די אידישע קערפּערשאַפטן געווען פון גאָר וויכטיקער פּראַקטישער באַדייטונג סיי פאַר אי־דישער אימיגראַציע און סיי פאַר אַלגעמיינער אימיגראַציע פון לאַנד.

דער אינטענסיווער צוגאַנג צו אינדיווידועלע אימיגראַציע פאַלן איז אָנגע־גאַנגען אַז אויפהער און יעדער אימיגראַציע פאַל (אָדער קעיס), איז געשאַנקען געוואָרען די מאַקסימאַלסטע אויפמערקזאַמקייט. אַט דער צוגאַנג, בלי שום ספק,

האָט דערמעגלעכט אַ צאָל אימיגראַנטן אַריינצוקומען אין קאַנאַדע. אָן דעם צוגאַנג וואָלטן זיי די מעגלעכקייט ניט געהאַט.

אין 1955 זענען 109,946 אימיגראַנטן אַריינגעקומען אין לאַנד. עס איז געווען אַ פאַרקלענערונג בנוגע 1954 ווען 154,227 אימיגראַנטן זענען אָנגעקומען. עס איז אויך געווען אַ פאַרקלענערונג אין דער אידישער אימיגראַציע. אין 1955 זענען אַריינגעקומען 1,660 אידישע אימיגראַנטן אין פאַרגלייך מיט 2,036 אין 1954. די לאַגע האָט זיך אָבער געענדערט אין 1956 ווען עס זענען אַריינגעקומען 164,857 אימיגראַנטן צווישן וועלכע עס זענען געווען 2,190 אידן. דער פּראָצעס פון אַ בסדרדיקער פאַרקלענערונג פון אידישער אימיגראַציע וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין 1953 איז אַזוי אַרום אָפּגעשטעלט געוואָרן.

די אויבן אויסגערעכנטע אַנטוויקלונגען זענען געווען אַ היבשע פאַרבעסערונג — די ליכטיקע זייט פון דער לאַגע. עס איז אויך אָבער פאַרבליבן די שאָטנדיקע זייט — די הונדערטער אידן וואָס וואָלטן וועלן עמיגרירן אָבער האָבן ניט געקענט, טיילווייז צוליב דעם וואָס יורידיש זענען זיי ניט אָנערקענט געוואָרן אלס פליכטלינגען; טיילווייז ווייל זייערע סאָציאַלע אומשטענדן האָבן זיי ניט דערמעגלעכט קלאַסיפיצירט צו ווערן אַלס עקאָנאָמיש־ווינטשנסווערטע אימיגראַנטן; און טיילווייז צוליב דעם וואָס זיי האָבן געוואוינט אין לענדער וואו דער קאַנאַדער אימיגראַציע אַמט האָט ניט די נויטיקע פאַציליטעטן, דעם נויטיקן אַפּאַראַט, צו עקזאַמינירן פּראָספּעקטיווע אימיגראַנטן.

(פיר־און־זעכציקסטער קאַפּיטל)

די אונגאַרישע פּליכטלינגען

סוף 1956 האָבן אויסגעבראָכן די אומרוען אין אונגאַרן. מענשן האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אַ צאָל פּליכטלינגען איז אָנגעקומען קיין עסטרייך. צו־ערשט האָט מען פּשוט ניט געוואוסט ווי גרויס עס וועט זיין דער שטראָם פון פּליכטלינגען און ווי לאַנג וועלן די גרענעצן זיין אָפן. מען האָט אויך ניט געוואוסט וויפל אידן עס וועלן זיין צווישן די אַנטלאָפענע. ווען די נייעס איז אָנגעקומען וועגן די ערשטע פּליכטלינגען, וועלכע האָבן דערגרייכט ווין, עסטרייך, האָט מען יאָ געוואוסט, אַז צווישן זיי וועלן זיין אויך אידן. די אידישע קהילה אין קאַנאַדע האָט גלייך רעאַגירט, אָבער ווי ווייט מע האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט דעם גרויס פון דעם פּראָבלעם קען מען זען פון דעם פאַקט. ווען די ערשטע פּליכטלינגען זיינען אָנגעקומען קיין עסטרייך האָט דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס בשותפות מיטן אימיגראַנטן פאַראיין געשיקט אַ טעלעגראַמע צו די קאַנאַדער אימיגראַציע אויטאָריטעטן, אַז מען איז גרייט אויפצונעמען אַרום פופציג אונגאַרישע אידישע משפּחות. מען האָט געטראַכט, אַז קיין סך מער וועלן מסתמא ניט קענען דער־גרייכן עסטרייך. אָבער די געשיכטע איז געווען גאַנץ אַנדערש.

עס ווערט געשאַצט אַז אַרום צוויי הונדערט טויזנט פּערזאָן האָבן פאַרלאָזן אונגאַרן בשעת די אומרוען. פון זיי אַרום 180,000 זיינען אָנגעקומען אין עסטרייך און אַרום 20,000 קיין יוגאָסלאַוויע. עס ווערט אויך געשאַצט, אַז אַרום צען פּראָ־צענט פון די פּליכטלינגען אָדער אַרום צוואַנציק טויזנט פּערזאָנען זיינען געווען אידן. די אונגאַרישע פּליכטלינגען זיינען געלאָפן אָן דאָקומענטן, אָן מיטלען, און דער פּראָבלעם וואָס זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט איז געווען פיל גרעסער ווי מען האָט דערוואַרט. עס איז געווען ניט נאָר אַ פראַגע פון פּליכטלינגען. עס איז אויך געוואָרן אַ פּאָליטישער ענין. די מערב־מאַכטען האָבן געמוזט געבן אַן ענטפער וואָס זאָל געטאָן ווערן מיט דעם פּליכטלינגס־שטראָם. דער הויך־קאָמי־שאַנער פאַר פּליכטלינגען פון די פאַראייניקטע פעלקער האָט אַפּעלירט, אַז מען זאָל אַריינעמען די אונגאַרישע פּליכטלינגען אין פאַרשיידענע לענדער.

קאַנאַדע איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע לענדער וואָס האָט געענטפערט דעם רוף. מען האָט פאַרציכטעט אויף דער געוויינלעכער אימיגראַציע־פּראָצעדור. עס זיינען געמאַכט געוואָרן ספּעציעלע אַראַנזשירונגען פאַר טראַנספּאָרטאַציע און דער אימיגראַנטן שטראָם האָט גענומען אָנקומען אין לאַנד. עס ווערט געשאַצט אַז אַרום 38,000 מענשן האָבן אימיגרירט קיין קאַנאַדע אונטער דעם פּראָיעקט. צווישן זיי זיינען געווען אַרום 4,500 אידן.

דאָס אַריינקומען אין לאַנד פון אַזאַ גרויסער גרופּע מענטשן, אין משך פון אַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט און מיט אַ מינימאַלער אונטערזוכונגס און צו־גרייטונגס־פּראָצעדור האָט געמוזט פאַראורזאַכן אַ צאָל שוועריקייטן. די רעגירונג האָט אָבער געטאָן אַלץ מעגלעכע אויסצוגלייכן די שוועריקייטן און האָט קאָאָפּערירט

מיט אַלע פּריווילִיקע אָרגאַניזאַציעס אין דער פּאַרטיילונג און אויפנאַמע פון די פּליכטלינגען אין פאַרשיידענע געגנטן פון לאַנד.

די אידישע קהילה פון קאַנאַדע האָט אויך באַלד אָפּגעענטפערט דעם רוף. דער גרעסטער טייל פון די פליכטלינגען האָט זיך פאַרשטענדיקט, גלייך ביים אָנקומען, מיטן אידישן אימיגראַנטן פּאַראייַן. די אידישע אימיגראַנטן־פּליכטלינגען, חוץ דער רעגירונגס־שטיצע, וועלכע אַ סך האָבן געקראָגן, האָבן אויך געקראָגן צוגאָב שטיצע פון די אידישע קהילות. די פינאַנציעלע אויסגאַבן זיינען גערעקט געוואָרן פון פאַראייניקטן אידישן פּליטים קאָמיטעט.

געוויסע שוועריקייטן זיינען אויסגעוואַקסן במשך פון דער ערשטער צייט ווען די אונגאַרישע פּליכטלינגען זיינען אָנגעקומען אין קאַנאַדע. ווי שוין פריער דער־מאַנט, אין פאַל פון די אונגאַרישע פּליטים, האָט די רעגירונג געגעבן געוויסע מאַטעריעלע שטיצע ביז די אימיגראַנטן האָבן געקראָגן אַרבעט. די רעגירונג האָט אָבער אויך געוואָלט האָבן קאָנטראָל, וואו די פליכטלינגען זאָלן זיך באַזעצן. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אַ גרויסע צאָל פון די אידישע אימיגראַנטן האָט געוואָלט פאַרבלייבן אין די גרעסערע שטעט, וואו עס זיינען געווען אידישע ישובים. חוץ דעם, האָבן אַ סך ניט געקענט און אייניקע האָבן ניט געוואָלט אָננעמען די שטיצע פון דער רעגירונג אין דער פאָרם ווי עס איז געגעבן געוואָרן. דאָס האָט געשאַפן אַ צאָל פּראָבלעמען מיט וועלכע די אידישע קהילה האָט געדאַרפט האַנד־לען. סוף כל סוף איז דערגרייכט געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס סיי אין ענינים פון שטיצע און סיי אין אַנדערע ענינים.

אַ שטיקל פּראָבלעם איז אויך געווען דער פאַקט וואָס אַ צאָל פּליכטלינגען ביים אָנקומען, האָבן אָנגעגעבן, אַז זיי זיינען ניט קיין אידן, כאָטש גלייכצייטיק האָבן זיי זיך געמאָלדן צו די אידישע אינסטיטוציעס נאָך הילף. נעמענדיג אין אַנבאַטראַכט, אַז פאַר אַ לענגערע צייט זיינען די אונגאַרישע אידן געווען אָפּגע־זונדערט פון דעם שטראָם פון אידישן לעבן, קען מען פאַרשטיין די סיבות פון אַזאַ דערשיינונג. די פראַגע האָט זיך אָבער אויך גאַנץ שנעל נאָרמאַליזירט.

ווי שוין פריער דערמאָנט האָט מען זיך ניט גערעכט, אַז די צאָל פּליכטלינגען וועט זיין אַזוי גרויס ווי עס האָט זיך סוף כל סוף אַרויסגעוויזן. דאָך כמעט ווי יעדע קהילה אין קאַנאַדע האָט מאָביליזירט אירע כוחות צו אַרויסהעלפן די ניי־אָנגעקומענע.

מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ זיינען געווען די הויפט פּונקטן פון באַזעצונג פאַר די אימיגראַנטן. קיין גענויע ציפערן וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון די אונ־גאַרישע פּליכטלינגען אין קאַנאַדע זיינען ניטאָ, אָבער מען קען רעכענען, אַז עטוואָס מער ווי צוויי טויזנט האָבן זיך באַזעצט אין מאָנטרעאַל. טאָראָנטאָ האָט אויך אויפגענומען אַ גרעסערע צאָל — עטוואָס ווייניגער פון צוויי טויזנט. די איבעריקע זיינען געווען פאַרשפּרייט צווישן אַנדערע ישובים אין קאַנאַדע.

מיטן אָנקומען פון די אונגאַרישע פּליכטלינגען האָט זיך אָנגעהויבן די „קייט רעאַקציע" — דאָס הייסט די ניי־אָנגעקומענע האָבן גלייך געוואָלט אַפּליקירן פאַר זייערע קרובים איז אייראָפּע און דערמעגלעכן זיי צו קומען קיין קאַנאַדע.

אין אַלגעמיין, די איינאָרדענונג פון די אונגאַרישע פּליכטלינגען איז צוגע־גאַנגען עפעקטיוו און שנעל. די הויפט פליכט פאַר דער אַרבעט איז געפאַלן

אויפן אידישן אימיגראַנטן פאַראײן און דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. דער עמאַציאַנעלער אָפּרוף אָבער, האָט אויך אַרײַנגעצויגן אין דער אַרבעט אַ צאָל אַנדערע גרופּן. יעדע אײנע גרופּע האָט צוגעלייגט אַ האַנט און עס איז קײן פראַגע ניט, אַז עס איז געווען פון אַ ווינשענסווערטן כאַראַקטער. די נעגאַטיווע זײַט איז געווען דאָס, וואָס אין אָנהייב האָט אַביסל געפעלט קאָאָרדינאַציע. דאָס האָט געפירט צו געוויסע מיספאַרשטענדענישן כלפּי דער רעגירונג ווי אויך צווישן די וואוילטעטיקע אָרגאַניזאַציעס. עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען און די נויטיקע קאָאָרדינאַציע איז אײַנגעשטעלט געוואָרן.

פון די אַרום צוואַנציק טויזנט אידישע פליכטלינגען פון אונגאַרן זײַנען אַרום 3500 געפאָרן קײן ישראל; אַרום 14,000 האָבן עמיגרירט אין די צפון און דרום-אַמעריקאַנער לענדער; און אַ צאָל איז פאַרבליבן אין פאַרשײדענע אײראָ-פּײאישע לענדער.

די צאָל אימיגראַנטן, וועלכע זײַנען אַרײַנגעקומען קײן קאַנאַדע אין משך פון 1957 איז שטאַרק אויסגעוואַקסן און האָט באַטראָפן 282,164 נפשות. צווישן זײ זײַנען געווען 6,037 אידן.

(פינף־און־זעכציקסטער קאַפּיטל)

נייע מקורים פון אידישער איינוואַנדערונג — אידן פון עגיפּטן, איטאַליע און צפון־אַפריקע

אַ נייע דערשיינונג אין דער געשיכטע פון אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע איז געווען די אימיגראַציע פון ספרדישע אידן פון איטאַליע, עגיפּטן און צפון־אַפריקע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן סוף 1956. עס איז געווען אַ נייער אימיגראַנטן־עלעמענט, און אויף וויפל מען קען פאָראויסזען וועט עס פאַרבלייבן אַ נייער מקור פון אידישער איינוואַנדערונג אין קאַנאַדע.

אין אָקטאָבער 1956 איז אויסגעבראָכן די סועץ־אַקציע קעגן עגיפּטן. תיכף האָט עגיפּטן געענטפערט מיט אַ צאָל נקמה־אַקטן, צווישן וועלכע עס איז געווען אַ מאַסן־ארויסשיקונג פון אידן, קאָנפיסקאַציע פון פאַרמעגן, אַרעסטן, אאַ״וו. עס ווערט געשאַצט, אַז אַרום 25,000 אידן זענען געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אַרום 13,000 האָבן אימיגרירט קיין ישראל. די איבעריקע זענען געוואָרן פּליכטלינגען און האָבן געפונען צייטווייליקן אויפהאַלט אין פראַנקרייך, איטאַליע, ענגלאַנד, גריכנלאַנד, אאַ״. צווישן זיי זענען געווען אַ צאָל וועלכע האָבן דווקא געהאַט די בירגערשאַפט פון די אויבנדערמאַנטע לענדער. די גרעסטע צאָל זענען אָבער געוואָרן שטאַטלאָז. מיט געוויסע אויסנאַמען, איז דער איינציקער אויסוועג פאַר דער גרעסטער צאָל פון די עגיפּטישע אידן געווען עמיגראַציע. ערשטנס, די לענדער וואו זיי האָבן געקראָגן אַזיל, האָבן זיי אַריינגעלאָזן מיטן באַדינג פון צייטווייליקן אויפהאַלט. צווייטנס, אַפילו פאַר די וועלכע האָבן יאָ געקענט פאַרבלייבן, איז אויך געווען שווער זיך איינצואָרדענען.

די אידישע קהילה אין קאַנאַדע האָט זיך גלייך אָפּגערופן און האָט אינטער־ווענירט מיט די אויטאָריטעטן וועגן אַריינלאָזן אַ צאָל משפחות פון עגיפּטישע פּליכטלינגען. מען האָט אויך גאַראַנטירט אַז די אידישע קהילה וועט איבערנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אויפנאַמע און דער איינאָרדענונג פון די אימיגראַנטן. חוץ דעם האָבן זיך אין קאַנאַדע געפונען אַ צאָל קרובים און פריינט פון די פּליכטלינגען, וועלכע האָבן געמאַנט אַז עפּעס זאָל געטאָן ווערן וועגן זייער אַריינקומען אין קאַנאַדע און וועלכע זענען געשטאַנען אין כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס און דעם אידישן אימיגראַנטן־פאַראיין. ליידער איז דער אָפּרוף פון דער קאַנאַדער רעגירונג געווען אַ נעגאַטיווער. די אידישע פאַרשטייער האָבן געטענהט אַז די עגיפּטישע פּליכטלינגען זענען אין דער זעלבער קריטישער לאַגע ווי די אונגאַרישע פאַר וועלכע די קאַנאַדער רעגירונג האָט ברייט געעפנט די טירן. מען האָט אויך אויפגעוויזן, אַז די לאַגע פון די עגיפּטישע פּליכטלינגען איז אין אַ געוויסן זין נאָך מער ערנסט ווי פון די אונגאַרישע. מיט די אונגאַרישע פּליכטלינגען האָט זיך פאַראינטערעסירט די גאַנצע מערב־וועלט, די עגיפּטישע זענען פאַרבליבן כמעט ווי פאַרלאָזענע. מיט שוועריקייט האָט זיך איינגעגעבן אַרויסקריגן אַ קאָנצעסיע אַז די רעגירונג וועט אויפנעמען אַפּליקאַציעס פאַר נאָענטע קרובים פון קאַנאַדער איינוואוינער. די

אַפּליקאַנטן האָבן געמוזט זיין איינוואוינער אין קאַנאַדע ווינציקסטנס צוויי יאָר און זיי האָבן געקענט אַפּליקירן נאָר פאַר קרובים פון דער ערשטער מדרגה: ברידער, שוועסטער, עלטערן. אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ ספּעציפישע הנחה, האָבן אַלע אַפּליקאַציעס געמוזט אָנגעגעבן ווערן ביז אַ באַשטימטן טערמין. אַ ספּעציעלע קאַנאַדער קאָמיסיע איז דעמאָלט באַשטימט געוואָרן צו דערליידיקן די וויזעס. אַ צאָל משפחות פון עגיפּטישע פּליכטלינגען זענען אַזוי אַרום אַריינגעקומען אין קאַנאַדע. די הנחה בנוגע די עגיפּטישע פּליכטלינגען איז געווען אַ באַגרענעצטע, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך אַ באַדייטנדע. אָבער, זי האָט ווייט ניט אָנטשפּראָכן די נויטן פון דער צייט. די אָנערקענונג פאַר דער הנחה מוז קומען דעם דעמאָלטיקן קאַנאַדער אימיגראַציע־מיניסטער, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַ פאַרשטענדעניש פאַר דעם גאַנצן ענין.

נאָך אַ נייער מקור פון עמיגראַציע האָט זיך געעפנט אין 1957, ווען דורך די באַמיאונגען און אונטער דער אויפזיכט פון אימיגראַנטן־פאַראיין און קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, זענען אַריינגעקומען אין קאַנאַדע אַ צאָל איטאַליענישע אידן. דאָס איז געווען אַ נייער טיפּ אימיגראַנט. אין אַלגעמיין איז דער איטאַליענישער איד כמעט ווי קיינמאָל ניט געווען פאַראינטערעסירט אין עמיגראַציע. די איבער־באַפעלקערונג אין איטאַליע, די אָרעמקייט פון די אידישע מאַסן, דאָס שטרעבן צו באַזאָרגן אַ בעסערע צוקונפט פאַר די קינדער, האָט אַרויסגערופן אַן אינטערעס אין עמיגראַציע בכלל און אין קאַנאַדער עמיגראַציע בפרט. אין משך פון 1957 און 1958 זענען אַריבערגעקומען אַרום אַ הונדערט נפשות. עס איז אָבער קיין פראַגע ניט, אַז ווען די אימיגראַציע־באַשרענקונגען קיין קאַנאַדע וועלן פאַרלייכטערט ווערן, וועט דער איטאַליענישער איד זיין אַ פּאָטענציעלער אימיגראַנט.

נאָך אַ גאָר וויכטיקער מקור פון אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע איז געוואָרן צפון־אַפריקע. פון מאַראָקאָ, טוניסיע און אַלזשיר זענען אין משך פון צוויי יאָר אַריינגעקומען אַרום פינף הונדערט משפחות, אָדער אַרום פופצן הונדערט אימיגראַנטן. דער אינטערעס פאַר קאַנאַדער אימיגראַציע איז גרויס, און אויב פון איין זייט עס וועלן נאָר זיין אַרויספאָר־מעגלעכקייטן פון יענע לענדער און פון דער צווייטער זייט, אויב קאַנאַדע וועט ניט מאַכן קיין שוועריקייטן, וועט דער שטראָם פון דער דאָזיקער אימיגראַציע אָנהאַלטן.

דער געדאַנק וועגן אידישער אימיגראַציע פון צפון־אַפריקע קיין קאַנאַדע איז אויפגעשוואומען סוף 1954. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען מצד די פאַראינטערעסירטע אידישע אינסטאַנצן: דעם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, דעם אימיגראַנטן־פאַראיין און דעם האיאַס. דער ענין איז צוערשט אַרומגערערט געוואָרן ווען דער דירעקטאָר פון אימיגראַנטן־פאַראיין האָט באַזוכט אייראָפּע סוף 1954. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז כדי דער פּראָיעקט זאָל האָבן דערפאָלג, מוזן די פּאָטענציעלע אימיגראַנטן נאָכקומען די סאָציאַלע און עקאָ־נאָמישע איינאָרדענונגס־מעגלעכקייטן אין קאַנאַדע. מען האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט די אויטאָריטעטן און מען איז געקומען צו אַ הסכם, אַז אַפּליקאַציעס פאַר געוויסע אימיגראַנטן פון צפון־אַפריקע וועלן באַטראַכט ווערן. עס איז אויך פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז יעדע אַפּליקאַציע וועט באַטראַכט ווערן אינדיווידועל, דאָס הייסט, דער פּראָיעקט וועט ניט זיין קיין גרופּן־אימיגראַציע. אין גרעסטן

טייל זענען די אַפּליקאַציעס פאַר די אימיגראַנטן פון צפון־אפריקע אינדאָרסירט געוואָרן פון אימיגראַנטן־פאַראיין און קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס. מיט אַנדערע ווערטער, די אידישע קהילה האָט זיך פאַרפליכטעט אויפנעמען די אימיגראַנטן און זאָרגן פאַר זייער איינאָרדענונג. צוליב אַ צאָל סיבות האָט די אַרבעט געמוזט צוגיין מיט פאָרזיכטיקייט, און עס האָט גענומען איבער אַ יאָר צייט ביז וואַנען די ערשטע צפון־אַפריקאַנער אימיגראַנטן זענען אָנגעקומען קיין קאַנאַדע.

די אַרום פינף הונדערט משפחות וועלכע זענען שוין אָנגעקומען קיין קאַנאַדע שטעלן מיט זיך פאַר אַ פיינעם עלעמענט. אָבער פונקט ווי די אידן פון עגיפּטן, אָדער די איטאַליענישע אימיגראַנטן, זענען די צפון־אַפריקאַנער ניי־געקומענע אַ נייער טיפּ פון אידישן אימיגראַנט, וואָס וועט בלי שום ספק האָבן אַ באַדייטנדע השפעה אויפן אידישן לעבן.

מיט דער אומזיכערער לאַגע אין די צפון־אַפריקאַנער לענדער, איבערהויפּט פאַר אידן, וועט די נאָכפראגע פאַר אימיגראַציע־מעגלעכקייטן קיין קאַנאַדע זיכער אָנהאַלטן. אויך די וואָס זענען שוין געקומען, ווייזן אַרויס אַ גרויסע נייגעריקייט צו ברענגען זייערע קרובים. וואָס עס פאַדערט זיך נאָר, ווי שוין פריער אָנגעוויזן, איז אַז די קאַנאַדער געזעצן זאָלן דערמעגלעכן דאָס אַריינקומען פון אימיגראַנטן פון יענע לענדער, און אַז די רעגירונגען פון די באַטרעפענדע מלוכות זאָלן ניט שטערן אין דעם אויסוואַנדערונגס־פּראָצעס.

באַניטע אימיגראַציע פון פּוילן; אימיגראַציע פון ישראל און אימיגראַציע־ציפערן 1955—1958

גאַר אַ וויכטיקע אַנטוויקלונג איז צושטאַנדגעקומען אין מאַי פון 1957 — דאָס איז געווען אַ באַנייאונג פון אימיגראַציע־מעגלעכקייטן פון פּוילן. פאַר פילע יאָרן איז די מעגלעכקייט ניט געווען. פון איין זייט איז געווען שווער צו פאַרלאָזן פּוילן, פון דער צווייטער זייט האָט קאַנאַדע ניט באַטראַכט קיינע אַפּליקאַציעס פון פּוילן טענהנדיק, אַז זי האָט ניט דעם אַפּאַראַט דורכצופירן די נויטיקע עקזאַמינירונג פון פּאָטענציעלע אימיגראַנטן.

די פּאָליטישע לאַגע אין פּוילן האָט זיך אָבער געביטן און עס האָבן זיך געעפנט געוויסע מעגלעכקייטן פון אימיגראַציע — אידישער און ניט־אידישער. די קאַנאַדער רעגירונג האָט זיך גענומען צוהערן צו די פילע בקשות פון קאַנאַדער איינוואוינער וועגן פּוילישער אימיגראַציע. אין מאַי 1957 זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די נייע פאַראָרדענונגען, לויט וועלכע די קאַנאַדער אויטאָריטעטן האָבן איינגעשטימט אָנצונעמען אַפּליקאַציעס פון קאַנאַדער בירגער פאַר דער אימיגראַציע פון זייערע קרובים פון פּוילן. אַפּליקאַציעס זענען אָנגענומען געוואָרן נאָר פאַר קרובים פון דער ערשטער מדרגה — ברידער, שוועסטער, עלטערן. פאַר אַלע אַנדערע קרובים איז די לאַגע פאַרבליבן ווי געווען.

די הנחה וועגן אימיגראַציע פון פּוילן איז געווען אַ וויכטיקע דערשיינונג, כאָטש באַשרענקט. דער פאַקט וואָס נאָר קאַנאַדער בירגער, און ניט קאַנאַדער איינוואוינער האָבן געקענט אַפּליקירן, האָט ממילא באַגרענעצט די צאָל אַפּליקאַציעס. דאָך, קען מען דערוואַרטן אַז אַ באַדייטנדע צאָל אידישע אימיגראַנטן וועלן אָנקומען פון פּוילן קיין קאַנאַדע. אויב מיט דער צייט זאָלן קאַנאַדער איינוואוינער אויך קריגן דאָס רעכט פון אָנגעבן אַפּליקאַציעס פאַר זייערע קרובים, וועט דער אימיגראַציע צופלוס זיך אויך פאַרגרעסערן. כסדרדיקע באַמיאונגען ווערן געמאַכט בנוגע דעם דאָזיקן ענין.

זינט ישראל איז געגרינדעט געוואָרן האָבן אַרום אַכט טויזנט נפשות אימיגרירט פון ישראל קיין קאַנאַדע. ביז דעם מיטן פון 1952, ווען די קאַנאַדער אימיגראַציע־געזעצן זענען געווען רעלאַטיוו פריי, האָבן קאַנאַדער איינוואוינער געקענט אַפּליקירן פאַר זייערע קרובים אין ישראל. אַזוי ווי די קאַנאַדער אימיגראַציע־אויטאָריטעטן האָבן דעמאָלט ניט געהאַט אין ישראל קיין אימיגראַציע־קאָנסול, האָבן די פּאָטענציעלע אימיגראַנטן געמוזט אַרויספאָרן פון ישראל און צושטעלן זיך פאַר דער נויטיקער אימיגראַציע־אונטערזוכונג צו אַ קאַנאַדער קאָנסולאַט אין אַן אַנדער לאַנד — פראַנקרייך, איטאַליע, בעלגיע, ענגלאַנד, אאַ״וו.

אין דערזעלבער צייט איז אויך אַרויסגעשוואומען אין אידישן לעבן די דערשיינונג פון די חוזרים — מענטשן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן ישראל און האָבן זיך צוריקגעקערט אין פאַרשיידענע אייראָפּעאישע לענדער, אַ גאַר גרויסער טייל

קיין דייטשלאַנד. אַ צאָל פון די חוזרים האָבן געזוכט אַנדערע אימיגראַציע־מעגלעכקייטן — זיד־אַמעריקע, פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.

מיר ווילן אונטערשטרייכן, אַז מיר גייען דאָ ניט אַריין אין קיין וויכוח צי די חוזרים זענען געווען גערעכט אָדער אומגערעכט אין זייער פאַרלאָזן ישראל. מיר קאָנסטאַטירן נאָר אַ פאַקט, אַז אַ צאָל אַזעלכע אידן האָבן עס געטאָן און אַז זיי האָבן געזוכט אַנדערע אימיגראַציע־מעגלעכקייטן. מיר קאָנסטאַטירן אויך דעם פאַקט, אַז אַ גאַנץ באַדייטנדע צאָל קאַנאַדער קרובים האָט געוואָלט און האָט פאַקטיש אַפּליקירט פאַר דעם אַריינקום קיין קאַנאַדע פון אימיגראַנטן וועלכע זענען געווען אין ישראל אָדער די וועלכע זענען געוואָרן חוזרים און האָבן זיך געפונען מחוץ ישראל.

דער אַנקום פון אַ צאָל אימיגראַנטן פון ישראל האָט פאַראורזאַכט אַ געוויסע חלוקי דעות אין דער אידישער קהילה. מען קען לייכט פאַרשטיין, אַז מיט דער עמאָציאָנעלער אידענטיפיקאַציע פון דעם קאַנאַדער אידישן ישוב מיט ישראל איז מען ניט געווען צופרידן מיט דער נייער דערשיינונג — אימיגראַנטן פון ישראל. מיר ווילן ניט אַריינגיין אין די פאַרשידענע מיינונגען וועגן דעם ענין. מיר ווילן אָבער יאָ איבערגעבן די שטעלונג פון מאַסגעבנדע אידישע אינסטאַנצן בנוגע דער פראַגע פון אימיגראַציע פון ישראל־בירגער קיין קאַנאַדע.

ישראל איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ סטאַביל לאַנד, וואו יעדער איד האָט גענאָסן פון אַלע רעכט וואָס דאָס לאַנד האָט געגעבן אירע בירגער. אויב אַ באַשטימטער יחיד פון ישראל וויל עמיגרירן, און אויב ער האָט אַ לאַנד וואָס וויל אים אַריינלאָזן, ווערט דער ענין אַ ריין אינדיווידועלע פראַגע. די טעכנישע הילף וואָס קען געגעבן ווערן אַזאַ אימיגראַנט איז געווי די זעלבע וואָס ווערט געגעבן, לאָמיר זאָגן אַ אידן פון די פאַראייניקטע שטאַטן וואָס וויל קומען קיין קאַנאַדע. ער קען זיך באַראַטן וועגן איינאָרדענונגס־מעגלעכקייטן, אאַ״וו. ווען ער באַשליסט אָבער, אַז ער וויל דווקא אימיגרירן קיין קאַנאַדע, מוז ער אַנגעבן אַ ביטע, און אויב ער קריגט די וויזע, דאַרפן דער אימיגראַנט אָדער זיינע קרובים אין קאַנאַדע, איבערנעמען די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אימיגראַציע־פּראָצעס און אויך פאַר די אויסגאַבן פאַרבונדן מיט דער אימיגראַציע. די אידישע געזעלשאַפט אין קאַנאַדע קען ניט איבערנעמען אויף זיך די התחיבות׳ן וואָס עס נעמט געוויינטלעך אָן בנוגע דער אימיגראַציע פון אַ אידישן פּליטלינג. און עס איז קלאָר פאַרוואָס. דער ישראל־אימיגראַנט איז ניט געצוואונגען צו עמיגרירן, ער ליידט ניט פון שטאַטלאָזיקייט, ער איז ניט אין געפאַר פון פאַרפאָלגונג. זיין דראַנג צו פאַרלאָזן ישראל איז פאַרבונדן מיט פּערזענלעכע מאָטיווירונגען — זיין מיט משפּחה, איבערבייטן דעם קלימאַט, עקאָנאָמישע פאַרבעסערונג, אאַ״וו. אַזוי ווי די מאָטי־ווירונגען זענען פּערזענלעכע, פאַרבלייבן אויך די פאַראַנטוואָרטלעכקייטן פון אימיגראַנט אַ ריין פּערזענלעכער ענין.

די אימיגראַציע פון ישראל האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשטעלט נאָך יולי 1952, ווען די אימיגראַציע־באַגרענעצונגען זענען אַריין אין קראַפט. מיט דער אויסנאַם פון געוויסע פאַלן, אַזוי ווי עלטערן, פרויען, מענער, מינדעריעריקע קינדער אאַ״וו, איז די אימיגראַציע געווען באַגרענעצט. פון דער צווייטער זייט איז געווען אַ געוויסע שטרעבונג פון קאַנאַדער תושבים צו אַפּליקירן פאַר זייערע ברידער און

שוועסטער וועלכע זענען אנגעקומען און האָבן זיך געפונען אין ישׂראל. אין 1958 האָט די קאַנאַדער רעגירונג איינגעשטעלט אימיגראַציע־פאַציליטעטן אין ישׂראל. ברידער און שוועסטער זענען אַריין אין די אַריינלאָזבאַרע קאַטעגאָריעס.

מען קען דערוואַרטען אַז אַ געוויסע צאָל אימיגראַנטן וועלן אַריינקומען אין קאַנאַדע. און עס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיינונג. ישׂראל איז אַן אימיגראַציע־לאַנד וועמעס פּאָליטיק איז אַן אינטענסיווע עליה פון אידן. אַפילו אונטער זייער גינסטיקע באַדינגונגען, אַזוי ווי צום ביישפּיל די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, איז עמיגראַציע אַ שטענדיקע דערשיינונג אין דעם לעבן פון די לענדער. מענטשן פאַרלאָזן דאָס לאַנד צוליב פאַרשיידענע פּערזענלעכע טעמים. דאָס זעלבע איז אויך מיט ישׂראל.

אין אויגוסט 1957 האָט די קאַנאַדער רעגירונג באַקאַנט געמאַכט צייטווייליקע אימיגראַציע־באַשרענקונגען. אַלס די אָפיציעלע סיבה איז אָנגעגעבן געוואָרן די וואַקסנדע פאַרערגערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע. די באַשרענקונגען האָבן זיך אָפּגערופן אויף אַלע אימיגראַנטן־קאַטעגאָריעס, אָבער איבערהויפּט האָבן געליטן די אימיגראַנטן וועלכע זענען אַריינגעקומען אונטער דער קלאַסיפיקאַציע פון אַרבעטער, אָדער אַזעלכע וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין קרובים אין קאַנאַדע וועלכע האָבן פאַר זיי אָנגענומען די נויטיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייער אויפנאַמע און איינאָרדענונג. אין יאָר 1958 און 1959 איז די אימיגראַציע קיין קאַנאַדע אַנגעגאַנגען אויף אַ קלענערן מאַסשטאַב צוליב די אויבן־אָנגעגעבענע סיבות. די אידישע אימיגראַציע, אין פאַרגלייך מיט עטלעכע פריערדיקע יאָרן, האָט ניט צופיל געליטן, כאָטש עס זענען אַלץ פאַרבליבן אַ צאָל ניט דערליידיקטע פּראָבלעמען. דער אידישער אימיגראַנטן־פאַראיין און דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס זענען געשטאַנען אין כסדרדיקער פאַרבינדונג מיט די אויטאָריטעטן און אַנדערע אימיגראַציע־געזעלשאַפטן וועגן אַ צאָל דרינגענדע אָבער ניט דער־ליידיקטע אימיגראַציע־ענינים: פאַרברייטערן די אַריינלאָזבאַרע קאַטעגאָריעס פון אימיגראַנטן פון פּוילן; עגיפּטישע פּליכטלינגען; רעפּיודזשיס, אאַ״וו. סוף 1959 האָבן זיך באַוויזן סימנים פון אַ פאַרבעסערטער לאַגע אין קאַנאַדע און אויך בעסערע אימיגראַציע־אויסזיכטן. עס איז אָבער ניט געווען קלאָר, צי די פאַר־בעסערונג אין אַלגעמיינער אימיגראַציע־לאַגע וועט זיך אויך פּאָזיטיוו אָפּרופן אויף דער אידישער אימיגראַציע. עס זענען ווידער אויסגעוואַקסן געוויסע ספּעציפישע אידישע פּראָבלעמען.

אין 1955 זענען אַריינגעקומען קיין קאַנאַדע 1,660 אידישע אימיגראַנטן; אין 1956 — 2,190; אין 1957 — 6,037; אין 1958 — 2,895; און אין 1959 — 3,395. די גרעסטע צאָל פון אימיגראַנטן אין 1957 איז געווען צוליב דעם צופלוס פון די אונגאַרישע פּליכטלינגען.

(זיבן־און־זעכציקסטער קאַפּיטל)

דער געזעלשאַפטלעכער טוער (וואָלונטיר) אין דער אימיגראַציע אַרבעט

איינער פון די וויכטיקסטע טיילן פון דעם אימיגראַציע־פּראָצעס בכלל און פון דעם אימיגראַנטן־איינאָרדנונג פּראָצעס בפרט, איז באַשטאַנען אין דער שטי־לער, באַשיידענער אָבער זייער וויכטיקער אַרבעט פון די פאַרשיידענע געזעלשאַפט־לעכע טוער, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן, דירעקט אָדער אומדירעקט, מיט דער אימיגראַציע אַרבעט. דאָס זענען מענשן, וועלכע, פון קיינעם ניט געצוואונגען און פון קיינעם ניט געשלעפּט, נאָר אַליין, פון דער באַוואוסטזיניקייט פון זייער גע־זעלשאַפטלעכן חוב, פון זייער שטרעבן צו זיין בייהילפיק, האָבן פרייוויליק בייגע־שטייערט פון זייער צייט, געלט און טירחה, אַרויסהעלפן דעם ניי־געקומענעם. זייער איינציקער שכר איז געווען די באַפרידיקונג וואָס זיי האָבן געהאַט אין דעם וויסן אַז דורך זייער טירחה וועט אַ אידישער איינוואַנדערער ווידער אויפגעריכט ווערן. דער גרעסטער טייל פון די מענטשן האָבן אַפילו ניט פאַרלאַנגט קיין אָנערקענונג. זייער טירחה איז פאַר זיי געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַ מצוה לשם מצוה. אַט די טוער זענען געווייינטלעך באַקאַנט אַלס וואָלונטירן, פרייוויליקע, דאָס מיינט ניט קיין אָפיציעלע באַאַמטע. מען קען אויך זאָגן אַז אַז זיי, אַן דער אַרבעט פון די וואָלונטירן, וואָלטן די אָפיציעלע אינסטיטוציעס ניט געקענט אָנגיין עפעק־טיוו מיט זייער אַרבעט.

אין וואָס איז באַשטאַנען די אַרבעט פון דעם וואָלונטיר, פון דעם געזעל־שאַפטלעכן טוער אין דער אימיגראַציע אַרבעט ?

אין דער ערשטער רייע זענען געשטאַנען די מיטגלידער פון דעם דירעקטאָרן ראַט און פון די פאַרשיידענע קאָמיטעטן ביים אימיגראַנטן פאַריין און פון דעם פאַראייניקטן אידישן פּליטים קאָמיטעט. זיי זיינען עס געווען די וועלכע זיינען טאָג־איין טאָג־אויס געשטאַנען ביי דער אַרבעט און האָבן געהאָלפן אין פאָרמולירן די אידישע אימיגראַציע פּאָליטיק, שאַפן די נויטיקע פינאַנציעלע מיטלען, אויפ־פּאַסן, אַז דער אימיגראַציע אַפּאַראַט און דער גאַנג פון דער אַרבעט זאָל זיין עפעק־טיוו און עקאָנאָמיש. זיי האָבן אויך געהאַלטן וואַך די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין קאַנאַדע וועגן אימיגראַציע נויטן און אימיגראַציע פּראָבלעמען. זיי זענען געווען די פירער, די וואָרטזאָגער און דער אויסדרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער אחריות פאַר דעם אידישן אימיגראַנט.

אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אימיגראַציע איז געווען פריי, איז אַ באַדייטנדער טייל פון דער אַרבעט אין אימיגראַנטן איינאָרדנונג אָנגעפירט געוואָרן פון וואָלונטירן. שפּעטער, ווען עס איז אויסגעוואַקסן דער אַפּאַ־ראַט פון פּראָפעסיאָנעלע באַאַמטע צוליב דער קאָמפּליצירטקייט פון די אימיגראַציע־געזעצן, אימיגראַציע שוועריקייטן, א.א.וו., האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס אויך געביטן די פונקציע פון דעם וואָלונטיר. זייער וויכטיקייט איז אָבער ניט גע־

מינערט געוואָרן. פאַרקערט עס איז געוואָרן ברייטער און אַ סך מער מענטשן זענען צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט.

ביים אָנקומען פון אימיגראַנט אין קאַנאַדער האַפן איז ער באַגעגנט געוואָרן פון ספּעציעל אָרגאַניזירטע גרופּן פון וואָלונטירן וועלכע האָבן אָפּגעגעבן דעם ניי־געקומענעם דעם ערשטן ברוך הבא. זיי האָבן געדינט אַלס איבערזעצער אין קאָנטאַקט צווישן אימיגראַנט און רעגירונגס באַאַמטן ; זיי האָבן באַזאָרגט דעם ניי־געקומענעם מיט שפּייז ; צייטווייליקער אכסניה ; האָבן אים געהאָלפן אין באַזאָרגן די נויטיקע באַן־בילעטן, א.אַ.וו. איבערהויפּט האָבן זיי געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע ווען עס פלעגן אָנקומען גרעסערע גרופּן פון אימיגראַנטן. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיך אויסגעצייכנט די אידישע קהילות פון די קאַנאַדער האַפן־שטעט ווי האַליפאַקס, קוויבעק, סט. דזשאָן, נ.ב., און וואַנקואַווער. אַט דערציילט מר. מאָריס פּאָלאַק, אַ וועטעראַן פון אימיגראַנטן אַרבעט אין קוויבעק, ווי אין 1920 איז אָנגע־קומען אַ שיף מיט איבער 3 הונדערט אידישע אימיגראַנטן וועלכע זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן. עס איז געווען ערב יום כפור. דורך די באַמיאונגען פון דער קוויבעקער אידישער קהילה האָט מען געפּועלט אַז מען זאָל די אידישע אימיגראַנטן באַפרייען פאַר דעם יום טוב און זיי ערלויבן צו גיין אין שול. פאַרשטענדליך אַז מען האָט זיי מקבל פנים געווען ערב יום כפור און ביים אָפּפאַסטן זיך.

אַט קומט אָן אַ גרעסערע גרופּע פון אימיגראַנטן קיין האַליפאַקס, פּונקט ערב פּסח, און עס ווערן אָרגאַניזירט מאַסן סדרים. ענליכע אַקטיוויטעטן חזרן זיך איבער אין סט. דזשאָן, נ.ב., א.אַ.וו.

וואָלונטירן זענען אויך געווען אַקטיוו אין אַזעלכע ענינים ווי העלפן געפינען פּאַסיגע וואוינונגען; אין באַזאָרגן דאָנאַציעס פון קליידונג, הויז חפצים, מעבל; הילף אין קריגן באַשעפטיקונג; נעמען אָן אינטערעס אין געוויסע אינדיווידועלע פאַלן פון אימיגראַנטן וואָס האָבן זיך געניטיקט אין ספּעציעלער אויפמערקזאַמ־קייט : אָרגאַניזירן שמחות און פאַרווייליגונגען פאַר קינדער און דערוואַקסענע, א.אַ.וו. עס איז כדאי צו דערמאָנען ספּעציעל אַזאַ וויכטיקע אַרבעט ווי באַזאָרגן מיט וואוי־נונגען די גרויסע מאַסע פון אימיגראַנטן וועלכע זענען אָנגעקומען קיין קאַנאַדע אין די יאָרן 1948—1950 ווען עס איז געווען אין אַלגעמיין אַ גרויסער דוחק אין הייזער. די וואָלונטירן האָבן געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אין דער אַרבעט.

אין אַלגעמיין איז שווער אין קורצן אויסצורעכענען די פאַרשיידענע לייסטונגען געגעבן פון די וואָלונטירן לטובת די ניי־געקומענע. די דערשיינונג און די אַנט־וויקלונג פון דעם טיפּ פון געזעלשאַפטלעכע טוער איז אַ טעמע פאַר אַ באַזונדער שטודיום. אַ סך פון זיי האָבן דורך זייער אַרבעט אויסגעדריקט דעם פילאַנטראָפּישן צוגאַנג. אָבער גאָר אַ סך האָבן אויך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט זייערע ספּעצ־ציפישע פערזענלעכע נייגונגען, זייערע טאַלאַנטן און דורכדעם האָבן זיי אַריינגע־בראַכט אַ וואַרעמקייט, אַן ענטוזיאַזם, אַ פריינדלעכקייט און אַן אויסעראָרדנטליכע איבערגעבנקייט לטובת דעם וואוילזיין פון אימיגראַנט.

איינע פון די גאָר וויכטיקע פונקציעס פון וואָלונטירן איז געווען זייער שלי־חות אין ברענגען צו דער אויפמערקזאַמקייט פון דער קהלה די נויטן און די פּראָב־לעמען פון אימיגראַציע. עס איז געווען אַ דערציאונגס פּראָגראַם געבויט אויף פערזענלעכער דערפאַרונג. ניט ווייניקער וויכטיק איז געווען די ווירקונג וואָס זיי

האָבן אויסגעאיבט אויף דער אַנטוויקלונג און שוואונג פון די פאַרשיידענע פּראָ־גראַמען און לייסטונגען וועלכע זענען אַנטוויקלט געוואָרן פון די אינסטיטוציעס אין זייער אימיגראַנטן אַרבעט. דער פּראָפעסיאָנעלער טוער, ווי פעאיק און גע־שולט ער זאָל ניט זיין, וואָלט ניט געקענט, אָן דער הילף פון די וואָלונטירן דורכפירן זיינע אויפגאַבן.

עס איז אויך פאַרשטענדלעך אַז ניט אַלע וואָלונטירן האָבן אַרויסגעוויזן די זעלבע פעאיקייט און דעם זעלבן אינטערעס. די פירערשאַפט האָט אָבער זיך אידענטיפיצירט מיט דער אַרבעט בכל לב. ניט נאָר האָבן זיי געלערנט און גע־פּרואווט פאַרשטיין די פונקציעס פון דער אָרגאַניזאַציע מיט וועלכער זיי זענען געווען פאַרבונדן, נאָר זיי האָבן אויך שטענדיק געזאָרגט וועגן פאַרבעסערן די אַרבעט, וועגן אַריינציען אַנדערע מענטשן אין דער אַרבעט און וועגן אָפּהיטן דעם קאַרדינאַלן פּרינציפּ פון דער גאַנצער טעטיקייט — העלפן דעם אידישן אימיגראַנט קומען אין לאַנד, און נאָך זיין אַנקומען, העלפן אים, אַזוי שנעל ווי מעגלעך, זיך שטעלן אויף די פיס און ווערן אַ תושב פון דער אידישער קהלה און אַ בירגער פון לאַנד.

(אַכט־און־זעכציקסטער קאַפּיטל)

די ראָליע פון „האיאַס" אין קאַנאַדער אידישער אימיגראַציע

די געשיכטע פון אידישער איינוואַנדערונג אין קאַנאַדע קען ניט זיין פולקאָם און קען ניט אָפּשפּיגלען דאָס פולע בילד פון דער אַרבעט, אויב מען זאָל ניט אונטערשטרייכן די ראָליע וואָס עס האָט געשפּילט די אינסטיטוציע פון „האיאַס" — דער וועלט־אַפּאַראַט פון אידישער אימיגראַציע־אַרבעט אין משך פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אמת, דער „האיאַס" איז ניט קיין קאַנאַדער אינסטיטוציע, אָבער עס איז אויך אמת, אַז אָן דעם „האיאַס" וואָלט די אידישע קהילה אין קאַנאַדע ניט געקענט אויפטאָן אויפן געביט פון אידישער איינוואַנדערונג, דאָס וואָס איז דערגרייכט געוואָרן. איבערהויפּט פון דער צייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז די באַטייליקונג פון „האיאַס" אין דער אידישער איינוואַנדערונג אין קאַנאַדע, געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. די אַרבעט פון אידישן אימיגראַנטן־פאַראיין אין קאַנאַדע, די אַרבעט פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס אויף וויפל עס האָט אָנבאַלאַנגט צו ענינים פון אימיגראַציע, און די אַרבעט פון „האיאַס" איז ניט נאָר געווען זייער נאָענט, נאָר עס איז פשוט געקניפּט און געבונדן. עס איז געווען אַ שותפות אין אידעאָלאָגיע און אַ שותפות אין מעשים.

אין 1957 האָט דער „האיאַס" געפייערט דעם פינף־און־זיבעציקסטן יובילײ זינט די אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן. דער „האיאַס", ווי אַ סך אַנדערע געזעלשאַפטן אין יענע יאָרן, איז אַרויסגעוואַקסן פון די אידישע נויטן און האָט באַצוועקט אַרויסצוהעלפן דעם אידישן אימיגראַנט. צוערשט זיינען געווען אַ צאָל געזעלשאַפטן פון דעם מין, אָבער אין 1909 איז געקומען צו אַ פאַראייניקונג. די נייע אינסטיטוציע האָט אָנגענומען דעם נאָמען „האיאַס" — „היברו אימיגראַנט אייד סאָסייעטי". ביז אַרום 1915 האָט דער „האיאַס" באַגרענעצט זיינע פונקציעס נאָר צו די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָן איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און די אַקטיוויטעטן פון „האיאַס" האָבן זיך שטאַרק פאַרברייטערט. אַ האַנט פון הילף איז אויסגעשטרעקט געוואָרן צו די פליכטלינגען אין איירָאָפּע און צו די פליכטלינגען וועלכע האָבן זיך געפונען אין וייטן מזרח — כינע, א"אַ. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער „האיאַס" געעפנט אָפּטיילונגען אין פאַרשיידענע איירָאָפּעאישע לענדער — פוילן, רומעניע, לאַטוויע, ליטע, דער פריי־שטאָט דאַנציג, טערקיי און פראַנקרייך. אין 1927 האָט דער „האיאַס" פאַראייניקט זיינע טעטיקייטן מיט דער אידישער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט „איקאַ", און מיט דעם „עמיגדירעקט", אַ אידישע אימיגראַציע־געזעלשאַפט אין יענער צייט. די פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע האָט פונקציאָנירט אין איירָאָפּע אונטער דעם נאָמען „היקעם", אָדער „האיאַס־איקאַ־עמיגדירעקט". די טעטיקייט פון „האיאַס" איז געוואַקסן, ווייל די אידישע אימיגראַציע־נויטן זענען געוואַקסן. עס איז געוואָרן אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע מיט אָפּטיילונגען איבער דער גאַנצער וועלט — צפון־ און דרום־אַמעריקע, אַפריקע, איירָאָפּע, אויסטראַליע, אַזיע. אַרום 1934 האָט די אידישע וועלט הילפס־אָרגאַניזאַציע, די „אַמעריקען דזשויש דזשאָינט דיסטריביושאַן קאָמיטע", אָדער ווי עס איז באַקאַנט אין קורצן דער

„דזשאָינט‘‘, צוליב פאַרשיידענע טעמים אויך אָרגאַניזירט אַן אימיגראַציע אָפּטיילונג. מיט דעם צופלוס פון דייטש־אידישע און אַנדערע פּליכטלינגען, איז אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אימיגראַנטן־הילפס־געזעלשאַפט באַקאַנט אַלס די „יוסנאַ‘‘, אָדער די „יונייטעד סערוויס פאַר ניו אַמעריקענס‘‘. די „יוסנאַ‘‘ איז געווען אַ טייל פון דעם „דזשאָינט‘‘. ווי מען קען זיך פאָרשטעלן, זענען אויסגעוואַקסן געוויסע רייבונגען צווישן דעם „האַיאַס‘‘ און דער נייער אָרגאַניזאַציע. אין אַ געוויסער מאָס איז עס פּשוט געווען אַ דופּליקאַציע פון אַרבעט. סוף־כּל־סוף איז פאָרגעקומען אַ פאַראייניקונג צווישן די דריי געזעלשאַפטן — דעם „האַיאַס‘‘, דער „יוסנאַ‘‘ און דער אימיגראַציע־אָפּטיילונג פון „דזשאָינט‘‘. די פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגענומען דעם נאָמען די „יונייטעד האַיאַס סערוויס‘‘. אַזוי אַרום איז דער נאָמען „האַיאַס‘‘ פאַרבליבן — ווייל אין משך פון יאָרן איז דער „האַיאַס‘‘ געוואָרן דער סימבאָל פון אידישער רעטונג דורך אימיגראַציע.

זינט דער גרינדונג פון אידישן אימיגראַנטן הילפס־פאַראיין פון קאַנאַדע אין 1919, איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אַ שטענדיקע, טאָג־טעגלעכע, אינטימע פאַר־בינדונג מיט דעם „האַיאַס‘‘. דער אידישער אימיגראַנטן־פאַראיין פון קאַנאַדע איז אַ קאַנאַדער אָרגאַניזאַציע און די גאַנצע אַרבעט מיט־אימיגראַנטן מעבר־לים ווערט געטאָן מיט דער קאָאָפּעראַציע פון „האַיאַס‘‘. דער „האַיאַס‘‘ גרייט צו דעם קאַנאַדער אימיגראַנט צו די נויטיקע אונטערזוכונגען ביי די קאַנאַדער קאָנסולאַטן מעבר־לים; דער „האַיאַס‘‘ זאָרגט פאַר טראַנספּאָרטאַציע, דאָקומענטן, קאָנטאַקט מיט קרובים, שטעלט צו די נויטיקע אינפאָרמאַציע וועגן יעדן אימיגראַנט צום אידישן אימיגראַנטן־פאַראיין אין קאַנאַדע או״וו.

דער „האַיאַס‘‘ האָט ניט, און האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין ספּעציעלע אָפּטיילונגען אין קאַנאַדע. מחמת אַ צאָל היסטאָרישע און אויך פּאָליטישע סיבות, האָט דאָס קאַנאַדער אידנטום באַשלאָסן, אַז עס איז ווינטשנסווערט צו שאַפן אַן אויטאָנאָמע, זעלבסטשטענדיקע קאַנאַדער אידישע אימיגראַציע־געזעלשאַפט. צוליב דעם איז טאַקע באַשאַפן געוואָרן דער אידישער אימיגראַנטן הילפס־פאַראיין פון קאַנאַדע. צי די סיבות פאַר דער אַנטוויקלונג זענען געווען באַוואוסטזיניקע, אָדער פּשוט אַ רעזולטאַט פון אַ געוויסער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, דער פאַקט בלייבט, אַז עס איז געווען אַ העכסט געלונגענע דערשיינונג. די אידישע אימיגראַציע־אַרבעט אין קאַנאַדע וואָלט ניט געהאַט דעמזעלבן דערפאָלג, ווען עס וואָלט געווען אָפּהענגיק פון אַן אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. חוץ דעם פאַקט, וואָס כּלפּי דער קאַנאַדער רעגירונג איז אַלעמאָל בעסער ווען מען פאַרהאַנדלט מיט אַ ריין קאַנאַדער געזעלשאַפט, זענען אויך געווען אַנדערע פּאָזיטיווע אַספּעקטן, וועלכע זענען אַרויס־געוואַקסן אַלס פּועל יוצא פון דער אומאָפּהענגיקייט פון אידישן אימיגראַנטן־פאַראיין אין קאַנאַדע.

דער „האַיאַס‘‘, אַלס די אידישע וועלט־אימיגראַציע־געזעלשאַפט און דער קאַנאַדער אימיגראַנטן־פאַראיין אַלס די קאַנאַדער אינסטיטוציע, זענען צוויי זייטן פון דערזעלבער מטבע. עס איז כּמעט ניטאָ קיין איין אימיגראַנט אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן אָדער אין קאַנאַדע, וועלכער זאָל ניט האָבן גענאָסן, מער אָדער ווייניקער, פון דער הילף פון די צוויי געזעלשאַפטן.

(ניין־און־זעכציקסטער קאַפּיטל)

צוויי הונדערט יאָר פון אידישער אימיגראַציע אין קאַנאַדע — אַ סטאַטיסטישער סך־הכל

א) דער ערשטער איד האָט זיך באַזעצט אין קאַנאַדע אין יאָר 1760. אין משך פון דעם ערשטן יאָרהונדערט נאָך דער גרינדונג פון אידישן ישוב, איז דער וואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג געווען אַ פּאַמעלעכער. אין 1851 האָט די אידישע קהילה געציילט 451 נפשות. אין דער צייט האָט זיך אָנגעהויבן די אידישע אימיגראַציע פון אייראָפּע און דער וואוקס פון דעם ישוב איז געגאַנגען מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ. די אָפיציעלע קאַנאַדער פאָלקס־ציילונג, וואָס ווערט געמאַכט יעדע צען יאָר, גיט אָן די פאָלגענדע ציפערן פון דער אידישער באַפעלקערונג:

טאַבעלע 1

דער וואוקס פון דער קאַנאַדער אידישער באַפעלקערונג

צענזוס יאָר	צאָל אידן
1861	1,195
1871	1,333
1881	2,456
1891	6,503
1901	16,717
1911	75,838
1921	126,201
1931	156,726
1941	170,241
1951	204,836
1960	255,000 (געשאַצט)

ב) גענויע ציפערן וועגן אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע ביז דעם יאָר 1901 זענען ניט בנימצא. מיר שאַצן אָבער אַז צווישן 1850 און 1900 האָבן אַרום 14,000 אידן אימיגרירט קיין קאַנאַדע. פון יאָר 1901 זענען שוין פאַראַן אָפיציעלע ציפערן. פון דער פאָלגנדער טאַבעלע ווערט אָנגעוויזן די סטאַטיסטישע דינאַמיק פון דער אידישער אימיגראַציע אין קאַנאַדע. ביז 1954 זענען די ציפערן אָנגעגעבן פאַר דעם פיסקאַלן יאָר און פון 1954 פאַר דעם קאַלענדאַר יאָר.

טאַבעלע 2

צוויי הונדערט יאָר פון אידישע אימיגראַציע אין קאַנאַדע

יאָר	צאָל אידישע אימיגראַנטן
1760 — 1900	14,000 (געשאַצט)
1900 — 1901	3,376
1901 — 1902	1,244
1902 — 1903	2,534
1903 — 1904	4,578
1904 — 1905	9,427
1905 — 1906	9,067
1906 — 1907	9,882
1907 — 1908	11,849
1908 — 1909	4,702
1909 — 1910	6,164
1910 — 1911	8,729
1911 — 1912	9,099
1912 — 1913	11,624
1913 — 1914	18,031
1914 — 1915	7,677
1915 — 1916	6,539
1916 — 1917	6,533
1917 — 1918	1,311
1918 — 1919	2,316
1919 — 1920	3,785
1920 — 1921	7,045
1921 — 1922	8,454
1922 — 1923	2,843
1923 — 1924	4,305
1924 — 1925	4,509
1925 — 1926	4,014
1926 — 1927	4,863
1927 — 1928	4,766
1928 — 1929	3,848
1929 — 1930	4,164
1930 — 1931	3,421
1931 — 1932	649
1932 — 1933	772
1933 — 1934	943

1934 — 1935	624
1935 — 1936	880
1936 — 1937	619
1937 — 1938	584
1938 — 1939	890
1939 — 1940	1,623
1940 — 1941	626
1941 — 1942	388
1942 — 1943	270
1943 — 1944	238
1944 — 1945	330
1945 — 1946	1,713
1946 — 1947	1,205
1947 — 1948	4,454
1948 — 1949	8,957
1949 — 1950	4,503
1950 — 1951	3,561
1951 — 1952	7,478
1952 — 1953	5,092
1953 — 1954	3,712
1954	1,528 (לעצטע 9 מאָנ.)
1955	1,660
1956	2,190
1957	6,037
1958	2,895
1959	3,395

ג) קאַנאַדע איז אַ לאַנד פון אימיגראַציע אָבער, אין אַ געוויסן זין, אויך אַ לאַנד פון עמיגראַציע. יעדן יאָר פאַרלאָזן אַ צאָל קאַנאַדער זייער היימלאַנד.

דער הויפּט שטראָם פון קאַנאַדער עמיגראַציע גייט אין די פאַראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע. פאַרשטענדליך אַז צווישן די קאַנאַדער עמיגראַנטן געפינען זיך אויך אידן. ל. ראָזענבערג, פאָרשונגס דירעקטאָר פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, ווייזט אַז צווישן 1901 און 1956 איז דער אַלגעמיינער וואוקס פון דער קאַנאַדער אידישער באַפעלקערונג באַשטאַנען פון 232,512 נפשות. פון דער צאָל, דורך נאַטירליכן וואוקס, דאָס הייסט די צאָל געבורטן פון וועלכע עס ווערט אַראָפּגערעכנט די צאָל טויטפאַלן, זענען צוגעקומען 86,665 מענטשן. דורך נעטער (ריינער) אימיגראַציע, דאָס הייסט, די צאָל אידישע אימיגראַנטן פון וועלכע עס איז אַראָפּגערעכנט געוואָרן די צאָל עמיגראַנטן, אָדער אידן וועלכע האָבן פאַרלאָזט קאַנאַדע, זענען צוגעקומען 145,947 מענטשן.

עס איז קלאָר אַז עס איז נאָר בזכות אימיגראַציע וואָס דער אידישער ישוב

אין קאַנאַדע האָט אָנגעהאַלטן זיין נומערישן וואוקס. אָן אַן אינטענסיווער אימיגראַציע וואָלט דער וואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג פאַרמינערט ווערן אָדער אינגאַנצן רעגרעסירט. דער נאַטירלעכער וואוקס אַליין קען ניט אויספילן די ליידיקייט וואָס קומט פון שטערבליכקייט און עמיגראַציע. אימיגראַציע פאַרבלייבט דעריבער איינער פון די קאַרדינאַלסטע אינסטרומענטן אין אָנהאַלטן די נומערישע שטאַרקייט פון דעם אידישן ישוב.

(זיבעציקסטער קאַפּיטל)

שלום־וואָרט

מיר זענען געקומען צום שלוס פון אונזער שטודיום און איבערזיכט איבער דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון צוויי הונדערט יאָר פון אידישער איינוואַנדערונג אין קאַנאַדע. דער מחבר ווייס, אַז אַ צאָל אַספּעקטן זענען ניט פולשטענדיק באַלויכטן געוואָרן. מיר האָבן אויך בכוונה אויסגעמיטן אַזאַ זאַך ווי ביבליאָגראַפישע נאָטיצן, וכדומה. דער צוועק פון דער דאָזיקער אַרבעט איז געווען צו געבן דעם אידישן לייענער אַן איבערזיכט וועגן דעם גאַנג פון דער אידישער איינוואַנדערונג אין קאַנאַדע, די פאַרהעלטעניש צווישן די קאַנאַדער אימיגראַציע־געזעצן און אידישע אימיגראַציע־נויטן און איבערהויפּט דעם אָפּרוף פון דער אידישער קהילה אין קאַנאַדע סיי בנוגע דעם ענין אימיגראַציע, דאָס הייסט, העלפן אידן קומען קיין קאַנאַדע, און סיי בנוגע דעם ענין פון אימיגראַנטן־איינאָרדענונג, העלפן דעם ניי־געקומענעם זיך איינבירגערן אין לאַנד. דער שטודיום איז געבויט געוואָרן אויף אויטענטישער אינפאָרמאַציע און וויסנשאַפטלעכן פאָרשונגס־מעטאָד. דער עיקר איז אָבער דער סיפּור־המעשה — אָנגעבן, פאַרטייטשן און אַנאַליזירן די פאַקטן און אַרויסברענגען דעם גייסט פון דער צייט אין דעם צוגאַנג צו אימיגראַציע מצד דעם אידישן ישוב. דער מחבר האָט געפּרואווט צו זיין אָביעקטיוו, אויף ווי ווייט אָביעקטיוויטעט איז מעגלעך אין געשיכטלעכער פאָרשונג און אין אַן אינדיווידועלער אַרבעט.

אידישע עמיגראַציע איז געווען אַ טייל פון דעם גלאָבאַלן עמיגראַציע־שטראָם, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אַרום דעם מיטן פון דעם ניינצענטן יאָרהונדערט, ווען מיליאָנען מענטשן האָבן פאַרלאָזן זייערע געבורטס־לענדער אין אייראָפּע און אַנדערשוואו, האָבן גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און זענען געקומען באַפעלקערן און בויען צפון־ און דרום־אַמעריקע, אויסטראַליע, דרום־אַפריקע א״אַ.

דאָס זוכן פון עקאָנאָמישער פאַרבעסערונג, סאָציאַלע גלייכבאַרעכטיקונג און רעליגיעזע פרייהייט זענען געווען די הויפּט צוציאונגס־כוחות וועלכע האָבן געלאָקט דעם וואַנדערער צו די נייע לענדער. די אַלגעמיינע סיבות וועלכע צווינגען מענטשן צו עמיגרירן זענען אויך געווען גילטיק פאַר אידן, אָבער, אַלס צוגאָב צו די אַלגעמיינע סיבות, זענען אויך צוגעקומען ספּעציפישע אידישע נויטן, אַ פועל יוצא פון דער אידישער לאַגע אין מזרח־אייראָפּע. דעריבער זענען די טרייב־כוחות צו עמיגראַציע ביי אידן געווען שאַרפער, ערנסטער און דרינגענדער. דער כאַראַקטער פון דער אידישער עמיגראַציע איז דערפאַר געווען אינטענסיווער, פּראָפּאָרציאָנעל גרעסער און מער דויערהאַפטיק — דער אידישער עמיגראַנט איז געקומען צו פאַרבלייבן. דער הויפּט־מקור פון אידישער עמיגראַציע זענען געווען די מזרח־איירָאפּעאישע לענדער און דער הויפּט־שטראָם איז געגאַנגען קיין צפון־ און דרום־אַמעריקע, אויסטראַליע, דרום־אַפריקע, אאַ״וו. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ישראל געוואָרן דאָס הויפּט־לאַנד פון אידישער עליה.

פון סאַמע אָנהויב פון אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע האָט דער אידישער

ישוב אַרויסגעוויזן אַז ערנסטן און אָנהאַלטנדיקן אינטערעס אין העלפן דעם אידישן אימיגראַנט קומען קיין קאַנאַדע און נאָכער אַרויסהעלפן אים זיך איינ־אָרדענען און איינבירגערן זיך אין לאַנד.

מיט דעם אנקום פון די פאַרשיידענע אימיגראַציע־כוואַליעס האָבן זיך געשאַפן אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פון פילאַנטראָפּישן און געזעל־שאַפטלעכן כאַראַקטער, וועלכע האָבן אויפגענומען און אַרויסגעהאָלפן דעם ניי־געקומענעם, אים מקרב געווען און אים אַריינגעצויגן אין דעם לעבן פון ישוב. דער ניי־געקומענער אימיגראַנט, ווי נאָר ער האָט זיך אַביסל אַקלימאַטיזירט, האָט אויף זיך גענומען דעם חוב פון מקרב זיין די וועלכע זענען געקומען נאָך אים. אַזוי האָט זיך געשאַפן די קייט פון קעגנזייטיקער הילף, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע טיילן פונם ישוב, אַן אונטערשייד פון סאָציאַלער דיפערענציאַ־ציע אָדער פּאָליטישער איינשטעלונג.

די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע צעטרייסלונגען, וועלכע זענען געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער וואַקסנדער נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, דער אויפקום פון פאַשיזם, היטלעריזם און דער אידישער חורבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט אַוועקגעשטעלט דעם ענין עמיגראַציע אין דער קאַטעגאָריע פון איינעם פון די הויפּט רעטונגס־מיטלען קעגן פיזישער פאַרניכטונג. די עמיגראַציע־נויטן האָבן זיך קאָלאָסאַל פאַרגרעסערט — סיי אין דער צאָל מענטשן וואָס האָבן געמוזט געפינען עמיגראַציע־מעגלעכקייטן און סיי אין דער אינטענ־סיוויטעט צוליב דער דרינגענדיקייט פון דער אידישער לאַגע. אין דערזעלבער צייט, אָבער, זענען די אימיגראַציע־שוועריקייטן געוואָרן אומגעהויער קאָמפּליצירטער. דער פּעריאָד פון פרייער אימיגראַציע וואָס האָט געהערשט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַוועק. די וואַקסנדע עמיגראַציע־נויטן פון איין זייט, און פון דער צווייטער די שטייגנדע אימיגראַציע־שוועריקייטן, האָבן געפאָדערט אַ נייעם צוגאַנג צו אימיגראַציע־ענינים. די אַנטוויקלונג פון אַ אידישער אימיגראַציע־פּאָליטיק, פּלאַנירטע אימיגראַציע־טעטיקייטן און אַ קאָאָרדינאַציע פון קהילה־כוחות בנוגע דעם ענין, איז געוואָרן דער געבאָט פון דער שעה. אין קאַנאַדע האָט זיך עס אויסגעדריקט דורך דעם געבורט פון אַ אידישער אימיגראַציע־פּאָליטיק און דורך דעם באַשאַפן פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס און דעם אידישן אימיגראַנטן הילפס־פאַראיין פון קאַנאַדע אַלס די צענטראַל־פּלאַנירנדע און אויספיר־אָרגאַנען פון דעם קאַנאַדער אידישן ישוב בנוגע אידישער אימיגראַציע.

היסטאָריש, האָט אידישע אימיגראַציע־אַרבעט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ כלי־זין פון רעטונג און אַ שטאַרקן, וויטאַלן אויסדרוק פון סימפּאַטיע, קעגנזייטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אייניקייט, אין אויסשטרעקן אַ האַנט און געבן הילף דעם געטריבענעם און פאַרפאָלגטן אידן. אַט דער הויפּט־מהות פון אידישער אימיגראַציע־אַרבעט האָט זיך ניט געמינערט אין משך פון די יאָרן. וואָס דער עתיד וועט זיין קען קיינער ניט וויסן. עס איז אָבער קלאָר, אַז אויף וויפל מען קען באַנעמען די אומשטענדן אין דער וועלט אין מיטן פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, וועט דער ענין עמיגראַציע פאַרבלייבן אַ וויכטיקער עלעמענט אין דעם לעבן פון דער וועלט בכלל און פון אידישן לעבן בפרט. ישראל פאַרנעמט איצט די

פרעדאָמינירנדע ראָלע אַלס אַ לאַנד פון אידישער איינוואַנדערונג. אָבער עס איז אויך זיכער, אַז די לענדער פון צפון־און דרום־אַמעריקע, אויסטראַליע א״אַ, וועלן פאַרבלייבן אַלס מאַסגעבנדע אימיגראַציע־לענדער. צווישן די אַנקומענדע איינוואַנדערער וועלן אויך זיין אידישע אימיגראַנטן, און כל זמן עס וועלן זיין אידישע אימיגראַנטן, וועט אויך נויטיק זיין אַ ווירקזאַמע אידישע אימיגראַציע־פּאָליטיק און אַ קאָנסטרוקטיווע פּראָגראַם פון אימיגראַנטן־הילף.

די פּראָגראַם פון אידישער אימיגראַנטן־הילף אין קאַנאַדע איז אָן שום ספק אויסשטייענד אין איר פאַרנעם, אָרגאַניזאַציע און עפעקטיוויטעט. עס מיינט אָבער ניט, אַז עס איז פּערפעקט. עס פאָדערן זיך אַ סך פאַרבעסערונגען, איבער־הויפּט אין קוואַליטעט און אינטענסיוויטעט. אָבער די אידישע אימיגראַציע־הילפס־פּראָגראַם האָט באַוויזן, אַז אויב דער ניי־געקומענער קריגט אַ באַלדיקע און קאָנסטרוקטיווע הילף ביים אָנקומען אין לאַנד, ווערט דער פּראָצעס פון זיין איינאָרדענונג פאַרשנעלערט מיט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן סיי פאַר דעם אימיגראַנט און סיי פאַר דעם לאַנד.

דער עבר, די פאַרגאַנגענהייט, דאַרף ניט גענומען ווערן אַלס אַ מאָס פון געגנוואַרט. דער עבר קען דינען אָבער ווי אַ וועגווייזער פאַר דעם עתיד. געשיכטע איז ניט נאָר אַ סעריע פון פאַקטן און דערשיינונגען אָנגעהאַנגען אויף אַ שנירל ווי פּערל. געשיכטע איז אויך אַ שופט, אַ ריכטער. דער מחבר האָפט, אַז אין זיין פאַרצייכענען די געשיכטע פון צוויי הונדערט יאָר פון אידישער אימיגראַציע אין קאַנאַדע, האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַווייזן, אַז דער קאָנטראָל פון געשיכטע־פאַקטאָרן ליגט ניט אַלעמאָל נאָר אין די אויסערלעכע באַדינגונגען. געשיכטע ווערט אויך קאָנטראָלירט פון דעם אָפּרוף אין דעם מענטשנס האַרץ.

ביבליאָגראַפיע

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין דער הקדמה, זענען די מאַטעריאַלן וועגן אידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע זייער, זייער אָרעם. דאָס ביסל מאַטעריאַל וואָס איז יאָ פאַראַן, איז צעשפּרייט אין פאַרשידענע באַריכטן, צייטונגס־אַרטיקלען, אאַ״וו. דער מחבר איז דעריבער געצוואונגען געווען דורכצוזיפּן פאַרשידענע געדרוקטע און נישט־געדרוקטע מקורים, וועלכע האָבן געהאַט עטוואָס אַ שייכות צו דער טעמאַטיק פון דער דאָזיקער אַרבעט. ספּעציעלע אָנערקענונג ווערט פאַר־צייכנט צו ב. ג. זאַק, וועמעס „געשיכטע פון אידן אין קאַנאַדע״, ערשטער באַנד, איז אַ פּיאָנערישער אויפטו פאַר דער געשיכטע פון קאַנאַדער אידישן ישוב ביזן אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט; און צו ל. ראָזענבערג, וועמעס סטאַטיסטישע אַרבעט „קאַנאַדאַ׳ס דזשוס״, האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון סאָציאַל־עקאָנאָ־מישער פאָרשונג פון קאַנאַדער אידנטום.

דער ביבליאָגראַפישער מאַטעריאַל וואָס מיר גיבן אָן, איז אַ שטרענג געקלי־בענער, און איז באַגרענעצט צו דאָקומענטן, ביכער, בראָשורן און אַרטיקלען, וועלכע האָבן אַן ענגע שייכות צו דער געשיכטע פון אידישער אימיגראַציע אין קאַנאַדע. דער מאַטעריאַל איז אויסגעקליבן געוואָרן צוליב דעם אינפאָרמאַטיוון תוכן, ווי אויך צוליב די אָנדייטונגען וואָס עס אַנטהאַלט וועגן דעם ענין.

צוליב באַקוועמלעכקייט, איז די ביבליאָגראַפיע פאַרצייכנט אין דער שפּראַך אין וועלכער די ווערק זענען געדרוקט געוואָרן. דער ענגלישער טייל איז איינגע־טיילט געוואָרן אין אַרכיוו מאַטעריאַל פון אידישן אימיגראַנטן פאַראיין אין קאַנאַדע; רעגירונגס־דאָקומענטן; ביכער; בראָשורן און אַרטיקלען. דער אידישער טייל ווערט געגעבן אין אַלפאַבעטישער אָרדנונג.

אַ סך אינפאָרמאַציע איז אויך געקומען פון דער פּערזענלעכער דערפאַרונג פון דעם מחבר, וועלכער איז פאַרבונדן שוין פילע יאָרן מיט דער אידישער איינוואַנדערונג אין קאַנאַדע, און פון פאַרשיידענע שמועסן וועלכע דער מחבר האָט געהאַט מיט מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער אימיגראַנטן הילפס־אַרבעט אין משך פון אַ סך יאָרן.

דער מחבר וויל אויך פאַרצייכענען אַז די אַרבעט איז אָריגינעל געשריבן געוואָרן אין ענגליש. עס איז איבערגעאַרבעט געוואָרן פון דעם מחבר אויף אידיש און איז געדרוקט געוואָרן אין „קענעדער אָדלער״ אין משך פון יאָר 1959. צוליב טעכנישע שוועריקייטן און אויך כדי נישט צו שטערן דעם ספּור המעשה, זענען אין דעם אידישן טעקסט אויסגעמיטן געוואָרן ספּעציפישע מקור־אָנווייזונגען (פוטנאָוטס), כאָטש אין אַ סך פאַלן זענען די אָנווייזונגען געמאַכט געוואָרן דירעקט אין דעם טעקסט פון דער אַרבעט.

* * *

1. בן־יומיני, „אימיגראַנטן הילף״, קענעדער אָדלער (מאָנטרעאַל), סעפּטעמבער 5, 1922.

2. ״ ״ „די נייע באַשטימונגען איבער דער אָרצטלעכער אונטערזוכונג פון אויסוואַנדערער קיין קאַנאַדע״; די אידישע עמיגראַציע, 18, (בערלין, 1927); 7—8.

3. בן־יומיני, „די נייע הנחה פון דער קאַנאַדער רעגירונג פאַר אידישער איינ־וואַנדערונג״; דאַס אידישע וואָרט (וויניפּעג), מערץ 12, 1926.

4. ״ „די שווינדלערישע אַרבעט מוז אויפהערן״; קענעדער אַדלער, אַפּריל 8, 1926.

5. ״ „גערעכטפערטיקטע פון דעפּאָרטאַציע״; קענעדער אַדלער, נאָוועמ־בער 2, 1934.

6. גינזבורג, מ. „ווי קאַנאַדע נעמט אויף אירע נייע בירגער״; קענעדער אַדלער, סעפּטעמבער 8, 1955.

7. גרעי, מ. א. „די אימיגראַציע קאָנצעסיע״; דאָס אידישע וואָרט, מאַי 26, 1926.

8. האַרווי, ש. „די געמיינזאַמע אַרבעט פון קאָנגרעס און אידישן אימיגראַנטן פאַריין״; דזשואיש ניוס, 5, 1957.

9. העיז, ס. „דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס און דער נייער אימיגראַנט״; דזשואיש ניוס, 6, 1954.

10. וואָלאָפּסקי, ה. „מיין לעבנס רייזע״, מאָנטרעאַל, 1946.

11. זאַק, ב. ג. „די קוויבעקער טרעוואָגע קעגן דייטשע אידן״; קענעדער אַדלער, יולי 10, 1933.

12. טאַרטאַקאָווער, א. „אידישע אימיגראַציע און אידישע אימיגראַציע־פּאָליטיק״, ווילנע, 1939.

13. ליבנוני, „הכנסת אורחים און פדיון שבויים״, קענעדער אַדלער, נאָוועמבער 30, 1922.

14. לעשצינסקי, י. „עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע פּראָיעקטן צוריק מיט הונדערט יאָר״, די אידישע עמיגראַציע, 6־8 (1929), 298—316.

15. ״ „די דייטש־אידישע איינוואַנדערונג אין די היטלער־יאָרן״, קענעדער אַדלער, אַפּריל 20, 1955.

16. ״ „די אידישע איינוואַנדערונג פאַר די לעצטע 25 יאָר״, בערלין 1927.

17. ״ „וואוהין גייען מיר?״, ניו יאָרק, 1944.

18. מדרש, י. „מאָנטרעאַל פון נעכטן״, מאָנטרעאַל, 1947.

19. ״ „די איינאָרדנונג פון אידישע נייע קאַנאַדער אין מאָנטרעאַל״, קענעדער אַדלער, מאַי 31, 1953.

20. ״ „אייראָפּע איז נאָך פול מיט אידן־פּליטים וועלכע נויטיקן זיך אין נייע היימען״, קענעדער אַדלער, נאָוועמבער 5, 1957.

21. ״ „אַנטיסעמיטן הויבן אויף געשריי אַז דייטשע אידן פאַרפלייצן קאַנאַדע״, מאָרגן זשורנאַל (ניו יאָרק), יוני 7, 1933.

22. ״ „דער אידישער אימיגראַנטן הילפס־פאַראיין ביי דער אַרבעט״, קענעדער אַדלער, מאַי 10, 1934.

23. ״ „אידישע אימיגראַנטן, געוועזענע די־פּיס, ווערן שנעל קאַנאַדיזירט״, קענעדער אַדלער, מאַי 15, 1950.

24. „מענטשן וואָס זענען הפקר״, בערלין, 1929.

25. „בייע 1600 וויזעס קיין קאַנאַדע״, די אידישע עמיגראַציע, 1־2 (1925), 40—41.
26. גירענבערג, א., „אַ האַלב יאַרהונדערט מיט אידישע אימיגראַנטן״, קענעדער אַדלער (גאָלדענע יובילײ אויסגאַבע), נאָוועמבער 22, 1957.
27. פאל, א., „ווידער וועגן בירגערשאַפט״, קענעדער אָדלער, יולי 11, 1933.
28. „ „דער וואַנדערער איד״, קענעדער אָדלער, מאַי 23, 1933.
29. „ „אונדזער אַרבעט״, קענעדער אַדלער, פעברואַר 4, 1935.
30. פלוני־אלמוני, „אַהין אַדער אהער״, קענעדער אַדלער, סעפּטעמבער 25, 1928.
31. קאַפלאַן, ש., „די משפחה איז אָנגעקומען אָבער מיט וועלכע ענוים״, קענעדער אַדלער, נאָוועמבער 23, 1934.
32. קאַסאַפסקי, ש., „אַ בריוו פון קאַנאַדע״, די אידישע עמיגראַציע, 18 (1927), 29—30.
33. קעידזש, י., „שפראַך און בירגערשאַפט דערציאונג פון די ניי־געקומענע״, קענעדער אַדלער, סעפּטעמבער 27, 1954.
34. ראַבינאָוויטש, י., „קאַנאַדער בירגערשאַפט״, קענעדער אָדלער, אַפּריל 25, 1950.
35. „ „אימיגראַציע ענינים״, קענעדער אָדלער, אַפּריל 25, 1951.
36. „ „אַ רירנדער מאָמענט״, קענעדער אַדלער, יוני 1, 1955.
37. „ „די אַוונט שולע ביים דזשאַיאַס״, קענעדער אַדלער, אָקטאָבער 4, 1955.
38. ראַבינסאָן, ב., „פופצן יאָר אימיגראַנטן אַרבעט״, קענעדער אַדלער, דעצעמבער 4, 1934.
39. ראם ד., „די ביבליאָטעק און דער ניי־געקומענער״, דזשאַיאַס ניוס, 2, 1955.
40. ריינוויין, א., „דער איד אין קאַנאַדע״, טאָראָנטאָ, 1925.
41. „שיקן בריוו צו דער רעגירונג ניט צו עפענען קאַנאַדער טויערן פאַר אַנטלאָפענע דייטשע אידן״, קענעדער אָדלער, יוני 7, 1933.
42. שערמאַן, ב., „אידן און אַנדערע עטנישע גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן״, ניו יאָרק, 1948.

Jewish Immigrant Aid Services of Canada (Jias): Documents

A. ANNUAL REPORTS:

Report of the General Secretary to the General Meeting of the Jewish Immigrant Aid Society of Canada, Montreal, 1921.

Manager's Report for the Fiscal Year Covering May 1st, 1921 — April 30th, 1922, Montreal, 1922.

General Manager's Report for the Fiscal Year Covering May 1st, 1925 — April 30th 1926, Montreal, 1926.

Eighth, Ninth, Tenth, Eleventh and Twelfth Annual Reports, for the Fiscal Years May 1st, 1927 — April 30th 1932, Montreal, 1928, 1929, 1930, 1931, 1932.

Jias and Its Present Day Work, Facts and Figures for the Calendar Year 1933 (by B. Robinson). Montreal, 1934.

Fourteenth Annual Report for the Fiscal Year May 1st, 1930 — April 30th, 1931, Montreal, 1931.

Twenty-Third Annual Report, Montreal, 1942.

This Was Our Job, A Report on Jewish Immigration and Immigrant Adjustment in Canada for 1952 (by J. Kage). Montreal, 1953.

Accentuating the Positive — Annual Report for 1953 (by J. Kage). Montreal, 1954.

A Two-Pronged Task — Annual Report for 1954 (by J. Kage). Montreal, 1955.

Rescue and Rehabilitation: Perspective for 1956. Annual Report for 1955 (by J. Kage). Montreal, 1956.

The Three R's of Jias Work — Rescue, Resettlement and Rehabilitation. Annual Report for 1956 (by J. Kage). Montreal, 1957.

Escapees, Expellees, Refugees — Annual Report for 1957 (by J. Kage). Montreal, 1958.

B. CONSTITUTION:

Jewish Immigrant Aid Society of Canada (Jias). Secretary of State of Canada, Letters Patent, August 30, 1922. Ottawa.

Jewish Immigrant Aid Services of Canada (Jias). Secretary of State of Canada, Supplementary Letters Patent, October 31, 1955. Ottawa.

C. MINUTES:

Annual Meetings held in Montreal 1927-1944.

Board of Directors Meetings held in Montreal for the years 1927-1959.

National Executive Committee Meetings for the years 1944-1959.

National Conference of Jias- — 1922; 1927; 1930; 1933.

D. PUBLICATIONS:

Jias News — Board Member Edition. A mimeographed information bulletin about Jias activities. Period of issue approximately 1949-1954.

Jias Record. A printed publication. Nine issues published (October 1948-May 1949).

Jias Information Bulletin. A mimeographed memoranda bulletin on Jias activities. First issue released June 10, 1957.

Jias News. Official organ of the Jewish Immigrant Aid Services of Canada (Jias). Published six times annually. First issue released in March 1954.

E. CORRESPONDENCE AND CASE RECORDS:

Ottawa File. Contains correspondence with the immigration authorities.

Congress File. Contains correspondence with the Canadian Jewish Congress and other agencies pertaining to matters of immigration and settlement.

Case Records. Individual case records in the departments of Immigration; Social Service; Reception; Naturalization; Location; Documentation; Jias School; Integration programme.

Canada Government: Documents and Publications

A. STATUTES:

A Consolidation of the British North America Acts 1867 to 1952 (Prepared by B. A. Driedger). Ottawa, 1956.
The Immigration Act and Regulation. Chap. 93, R.S.C., 1927. Ottawa.
An Act to Amend the Act Respecting Immigration. Chap. 29, R.S.C., 1928, Ottawa.
An Act to Amend the Act Respecting Immigration. Chap. 34, R.S.C., 1937. Ottawa.
An Act to Amend the Immigration Act. Chap. 54, R.S.C., 1946. Ottawa.
An Act to Amend the Immigration Act and to Repeal the Chinese Immigration Act. Chap. 19, R.S.C., 1947. Ottawa.
The Immigration Act and Regulations. Chap. 325, R.S.C. 1952. Ottawa.

B. HOUSE OF COMMONS AND SENATE:

House of Commons. *Debates, Official Report, Session 1947.* Vol. 3, Ottawa.
Senate. *Standing Committee on Immigration and Labour, Proceedings on the Operation and Administration of the Immigration Act.* Ottawa 1947.

C. DOMINION BUREAU OF STATISTICS:

The Canada Year Book. Ottawa, Serial.

D. IMMIGRATION REPORTS:

Department of Mines and Resources.
Department of Citizenship and Immigration.

E. PUBLICATIONS:

Department of Citizenship and Immigration. "Canadian Immigration", *Reference Paper No. 1,* November, 1957. Ottawa.
Department of Citizenship and Immigration. Citizenship Branch. *Citizen.* Ottawa. Serial since April, 1955.

Books

Central Yiddish Culture Organization, *The Jewish People, Past and Present.* 4 vol., New York, 1946.
Corbett, D. C. *Canada's Immigration Policy.* Toronto, 1957.
Davie, M. R. *World Immigration.* New York, 1949.
Dubnov, S. M. *History of the Jews in Russia and Poland from the Earliest Times Until the Present Day.* 3 vol., Philadelphia, 1916-1920.
England, R. *The Central European Immigrant in Canada.* Toronto, 1929.
Id., *The Colonization of Western Canada.* London, 1936.
Fairchild, H. P. *Immigration.* New York, 1925.
Finkelstein, L., ed. *The Jews: Their History, Culture and Religion.* 2 vol., New York, 1955.
Gibbon, J. M. *Canadian Mosaic.* Toronto, 1938.
Glassman, H. L. *Adjustment in Freedom.* New York and Cleveland, 1956.
Grinstein, H. B. *The Rise of the Jewish Community of New York, 1654-1860.* New York, 1945.

Hart, A. D., ed. *The Jew in Canada.* Toronto, 1926.
Holborn, L. W. *The International Refugee Organization. A Specialized Agency of the United Nations, its History and Work, 1946-1952.* London, 1956.
International Labour Office. *Migration Laws and Treaties.* 3 vol., Geneva, 1928.
Immigrants in Canada. Montreal, 1955
Joseph S. *Jewish Immigration to the United States from 1881 to 1910.* New York, 1914.
Kidd, J. P. *New Roots in Canadian Soil.* Ottawa, 1958.
Learsi, R. *The Jew in America.* Cleveland and New York, 1954.
Rosenberg, L. *Canada's Jew.* Montreal, 1939.
Ruppin, A. *The Jewish Fate and Future.* London, 1940.
Sack, B. G. *History of the Jews in Canada.* Vol. 1, Montreal, 1945.
Smith, W. G. *A Study of Canadian Immigration.* Toronto, 1920.
Tartakower, A. and Grossman, K. *The Jewish Refugee.* New York, 1944.
United States Displaced Persons Commission. *The DP Story.* Washington, 1952.
Vernant, J. *The Refugee in the Post-War World.* Geneva, 1951.
Warhaftig, Z. *Relief and Rehabilitation.* New York, 1944.
White, L. C. *300,000 New Americans.* New York, 1957.
Wishnitzer, M. *To Dwell in Safety.* Philadelphia, 1948.
Id., *Visas to Freedom.* Cleveland and New York, 1956.

Pamphlets

American Council of Voluntary Agencies for Foreign Service. *The Problems of Displaced Persons.* New York, 1946. (Mimeographed).
American Joint Committee. Committee on Peace Problems. *Migration.* New York, 1944. (Mimeographed).
American Jewish Committee. *To the Councillors of Peace.* New York, 1945.
Barkway, M. *Turning Point for Immigration.* Toronto, 1957. Canadian Institute of International Affairs — Behind the Headlines series.
Caiserman, H. *A Bird's Eye View of the Jewish Immigrant Aid Society.* Montreal, 1945. (Mimeographed).
Canadian Citizenship Council. *Policy Statements and Resolutions of Some Canadian Organizations on Immigration.* Ottawa, 1953. (Mimeographed).
Id., *Report of the National Conference on the Citizenship Problems of New Immigrants.* Ottawa, 1948.
Canadian Jewish Congress. *Summary report (1942-1944) Presented to the Delegates Sixth Plenary Session, Canadian Jewish Congress.* Toronto, 1945. (Mimeographed).
Canadian National Committee on Refugees. *Does Canada Want Refugees?* Toronto, 1940.
Canadian Welfare Council. *The Immigrant and the Voluntary Agency.* Windsor, Ont., 1955. (Mimeographed).
Cartwright, S. *Population Canada's Problem.* Toronto, 1941.
Claxton, B. *Operation Citizenship.* (Ottawa, 1953).

Deutsch, E. *History of Central Location Index, Inc.* New York, 1949. (Mimeographed).
Gaynor, F. *Report on Immigrant Education for the Jewish Immigrant Aid Society, Montreal.* (Ottawa, 1953). (Mimeographed)
Hayes, S. *The Jewish Community of Canada,* Montreal, 1954. Programme Helps series of the Canadian Jewish Congress. (Mimeographed)
Hornby, M. L. *Canada and Post-War Immigration.* Vancouver, 1946. (Mimeographed).
Kage, J. *Problems of Jewish Migration in Western Europe.* Montreal, 1954. (Mimeographed).
Id., *Meeting the Welfare Needs of the Newcomers.* Montreal, 1957. (Mimeographed).
Id., *Three Decades of Service to the Immigrant.* Montreal, 1951.
Id., *Report on Activities of the Jias Social Service Department. January 1948-January 1949.* Montreal, 1949. (Mimeographed).
Keenleyside, H. L. *Canadian Immigration Policy.* Vancouver, 1948.
Kulisher, M. *Jewish Migrations, Past Experiences and Post-War Prospects.* New York, 1943.
Montreal Co-Ordinating Council for New Immigrants. *Report of the Four September Seminars on New Immigrants.* Montreal, 1952. (Mimeographed).
Palevsky, M. *Report on Refugee Settlement in Canada for the Canadian Jewish Congress.* Montreal, 1949 (Mimeographed).
Rosenberg, L. *Canada's Jewish Community.* Montreal, n.d. Canadian Jewish Congress. Community series No. 1. (Mimeographed).
Id., *The Jewish Population of Canada. A Statistical Summary from 1851 to 1941.* Montreal, 1947.
Id., *A Gazetteer of Jewish Communities in Canada showing the Jewish Population in Each of the Cities, Towns & Villages in Canada in the Census Years 1851-1951.* Montreal, 1957.
Savan, D. *Newcomers from Israël.* Toronto, 1955. (Mimeographed).
United Jewish Relief Agencies. *The Free Press of Canada Speaks.* Montreal, 1943.
United Service for New Americans. *The USNA Story.* New York, 1954.
'Verax' and Lasker, B. *Immigration Policies.* Toronto, 1944.

Articles

Aird, R. "L'Integration des immigrants". *Jias News,* 1 (1954) : 15-16.
Angus, H. F. "The Future of Immigration to Canada". *Canadian Journal of Economics and Political Science,* 12 (1946) : 279-386.
"Antisemitism in Canada". *Congress Bulletin.* (Montreal). 2 (1951) :5.
"Appealing to Canada for Admission". *Jias Record,* 9 (1949) :4.
"A Still Unresolved Problem". *Jias News,* 2 (1955) : 1.
"A Tragedy as Profound as It Is Silent". *Jias News,* 3, 1954) : 1.
Ben-Yumini. "Welcoming the Immigrant". *Canadian Jewish Chronicle,* (Montreal), 13 (1922) : 5.
Berger, J. "Jews as Farmers". *Canadian Jewish Chronicle,* 1 (1922) : 7.

Bernstein, Ph. "Displaced Persons". *American Jewish Year Book,* 48 (1947) : 312-320.
"Camp Foernwald — A Black Monument". *Jias News,* 1 (1955) :1.
Canada. Department of National Health and Welfare. "Immigrant Problems in Canadian Industry". *Industrial Health Bulletin.* 9 (1951) :4.
Canadian Jewish Congress. "Estimate of Jewish Population of Canada as of June, 1907". *Inter-Office Information No. 2166,* June 21, 1957.
"Canadian Mission to Select Polish Veterans". *Labour Gazette.* 47 (1947) : 1750-1751.
"Case Aleph". *Jias News,* 2 (1956) : 2.
Cohen, L. J. "An Immigration Policy for Canadian Jewry". *Canadian Jewish Review,* (Montreal), September 29, 1922.
"Comments of Mr. Louis St. Laurent on Citizenship, Adjustment and Integration", *Jias News,* 6 (1957) : 1.
Corbett, D. C. "Immigration and Canadian Politics". *International Journal,* 6 (1951) : 207-216.
Danzig, A. "Constructive Program for Newcomers", *Montreal Star.* (Letters to the Editor), May 27, 1955.
Drutz, D. "There is Always Something New". *Jias News,* 4 (1954) : 7.
Edgar, W. S. "Immigrant Aid School Has 900 - Student List". *Montreal Herald,* November 29, 1950.
"Escape Barred", *Jias Record,* 5 (1949) : 4.
Fairchild, H. P. "International Migration". *The Annals of the American Academy of Political and Social Science,* 188 (1936) : 290-296.
Feintuch, A. "Success Came with Vocational Guidance". *Jias News,* 4 (1954) : 9-10.
Fineberg, A. L. "Recent Jewish Immigration Projects". *Canadian Welfare.* 8 (1950) : 2-14.
"Finding the Lost". *Jias Record,* 2 (1948) : 13.
"Following An Immigrant Family Through the Immigration and Initial Adjustment Process", *Jias News,* 7 (1957) : 3-4.
Fortier, L. "Does Canada Need Immigrants?". *Jias News,* 4 (1954) : 2-4.
Frank, S. "Jias Says: There Is Always a Tomorrow". *The Canadian Jewish Chronicle,* 2 (1954) : 13.
Id, "A Job Well Done". *Jias News,* 1 (1954) : 5-6.
"Frankly Speaking". *"Montrealer Nachrichten and Montreal Echo,* July 7, 1957.
Hayes, S. "Jewish Refugees in Canada". *Canadian Jewish Year Book.* 2 (1941) : 40-47.
Heaps, A. "On the Value of Immigration", *Jias News,* 1 (1954) : 7-8.
"Highlights of Address by Hon. William Hamilton, Postmaster General". *Jias News,* 4 (1958) : 3.
"Highlights of Minister's Speech". *Jias News,* 2 (1958) : 1, 4.
Hill, Mary O. "Displaced Persons or New Canadians". *Canadian Business.* 9 (1950) : 36-40.
"Hungarian Refugee Families are Introduced to the Canadian Way of Life". *Jias News,* 2 (1957) : 1.
"Hungary and Egypt". *Jias News,* 1 (1957) : 2.
Hurwitz, D. "Teamwork in Action". *Jias News,* 2 (1955) : 9.
"Immigrant Aid". *Jewish Standard.* (Toronto), August 15, 1930.

"Immigration". *Congress Bulletin,* 12 (1953) : 4-5.
"Immigration". *Jias Record,* 2 (1948) : 1-2.
"Individual Immigration". *Jias Record,* 1 (1949) : 4.
"Jewish Internees—The Irony of Fate". *Congress Bulletin,* 2 (1951) :18.
"Jias — Rescue and Rehabilitation". *The Canadian Jewish Chronicle,* 2 (1955) : 3.
"Jias Helps Rescue the Remnant". *Jias Record,* 2 (1948) : 11-12.
"Jias Central Region Meets Housing Crisis". *Jias Record,* 3 (1948) : 3.
"Jias and Jewish Immigration". *Jias Record,* 3 (1948) :4.
"Jias Citizenship Forum Commences Second Year". *Jias News,* 5 (1956) : 2.
"Jias Work Must Be Intensified". *Jias News,* 4 (1957) : 2.
"Jias Serves the Canadian Community". *Rescue,* New York, 10 (1946) : 7-8.
Kage, J. "A Helping Hand to the Newcomer". *Jias Record,* 2 (1948) : 6, 7, 12.
Id., "The Jias Evening School". *Jias Record,* 6 (1949) : 2.
Id., "Immigration and Social Service". *Canadian Welfare,* 8 (1949) : 3-8.
Id., "Know the New Canadian". *Jias Record,* 9 (1949) : 2.
Id., "Warm Fellowship Within Our Gates". *The Montreal Star,* (Design for Living page), May 21, 1949.
Id., "Constructive Help to the Jewish Newcomers". *The Canadian Jewish Chronicle,* 46 (1950) : 10-12.
Id., "Going Half-way to Help Newcomers". *The Montreal Star,* (Design for Living page), April 22, 1950.
Id., "Strangers Within Our Gates". *The Postgrad,* 4 (Sir George Williams College, Montreal, 1952) : 39-44.
Id., "The Jewish Immigrant Aid Society in 1951". *The Canadian Jewish Chronicle,* 4 (1952) : 2, 15.
Id., "New Canadians Need Guidance". *The Montreal Star,* (Design for Living page), July 19, 1953.
Id., "Canadian Immigration . . . Facts, Figures and Trends". *Rescue,* 4 (1953) : 5-9.
Id., "Education of Immigrant Workers in Canada". *Some Studies in Education of Immigrants for Citizenship: Educational Studies and Documents,* UNESCO, 16 (Paris, 1955): 19-30.
Id., "Jewish Migration Problems After a Decade of Peace". Montreal, *Jias News,* February, 1955.
Id., "Jewish Migration in Transition". *Notes on Immigrant Care,* 1 (United Hias Service, New York, 1955) : 10-12.
Id., "Immigrants are a Boom to Canada". *Rescue,* 3 (1957) : 12-13.
Id., "Jewish Immigration Needs — 1958". *Jias News.* 7 (1957) : 1, 4.
Id., "Below the Surface". *Jias News,* 1 (1958) : 1, 3.
Id., "Welcoming the Newcomer". *Canadian Welfare,* 2 (1958): 66-71.
Kaplan, L. "More and More Eager to Learn". *The Montreal Star,* (Letters to the Editor), May 27, 1954.
Lister, M. J. "Jewish Colonization Association in Canada". *Jias News* 5 (1956) : 3.

"Making A Citizen of the Stranger". *Montreal Gazette,* (Editorial), May 28, 1954.
"Meeting Immigrants". *Jias Record,* 2 (1948) : 8.
"Meeting and Transporting Immigrants". Jias Record, 9 (1949) : 5.
McDougal, G. "Utmost Charity Exercized". *Montreal Herald,* May 30, 1955.
McFaul, W. A. "Immigrants to Canada". *Jias News,* 6 (1957) : 3.
Id., "Immigration to Canada". *Jias News,* 1 (1957) : 2-5.
McGeachy, J. B. "Let's Welcome the Brains". *Financial Post,* August 26, 1956.
"Newcomers Celebrate Free Passover and Jias Seder". *Jias Record,* 8 (1949) : 1.
"Newcomers Council Formed". *Jias News,* 2 (1955) : 18.
"Newcomers Immigration — The Bridge Between the Newcomer and His Community". *Jias News,* 5 (1955) : 2.
Nirenberg, A. "Zigmond Feinberg" *Canadian Jewish Year Book,* 2 (1941) : 127-133.
Pickersgill, J. W. "Address to the Annual Meeting and School Closing Exercises of the Jewish Immigrant Aid Society of Canada, Montreal, May 29, 1955". *Jias News,* 3 (1955) : 7-11.
"Quebec City Jias Receives Large Number of Immigrants". *Jias Record,* 3 (1948) : 8.
"Raising Money for the Immigrant". *The Canadian Jewish Chronicle,* 30 (1924), Editorial.
"Race War Hits Council but No Race is Named". *Montreal Gazette,* October 20, 1933.
"Reception of Shanghai Refugees". Montreal, *Jias Record,* 9 (1949) : 1.
"Refugee Boulevard". *Jias Record,* 9 (1949) : 6-7.
"Report on the Jias Evening School, Montreal, for the School Year, 1954-1955". *Jias News,* 4 (1955) : 4.
Roddick, P. M. "Canadian Immigration Policy, The Hard Facts". *International Journal,* 11 (1956) : 122-128.
Rosenberg, L. "There Are Jewish Farmers in Canada". *Jewish Standard,* September 7, 1934.
Sandland, A. "Complete Wardrobe Supplied Immigrants Arriving from Europe". *Montreal Herald,* April 5, 1949.
Sandwell, B. K. "Our Immigration Problem: Some Facts and Fallacies". *Queen's Quarterly,* 3 (1947) : 502-510.
Seyward, H. "Roots Run Deep". *Food for Thought,* 4 (1953) : 20-23.
Shay, J. B. "Vocational Adjustment of Hungarian, North African and Egyptian Emigres". *Jias News,* 6 (1957) : 3.
"Social Centre for Jewish Immigrants in Montreal". *Jias News,* 2 (1958) : 1.
"Social Readjustment of Newcomers". *Jias Record,* 3 (1948) : 7.
Stromberg, O. "Jias School Celebrates Brotherhood Week". *Jias News,* 1 (1955) : 12.
"Successful Appeal of Deportation Order". *Jias Record,* 3 (1948) : 5.
Tannenbaum, P. "Jewish Society Helps Migrants to Adjust Themselves to Canada". *Montreal Herald,* February 3, 1949.
"Ten Years of the Jias Evening School". *Jias News,* 5 (1958)' : 1-4.

"The Flying Dutchman". *Jias Record,* 1 (1948) : 3.
"The ICA and the Government". *The Canadian Jewish Chronicle,* 27 (1924): 5.
"The Japan Refugee Story". *Congress Bulletin,* 2 (1951) : 14.
"The Jewish Population of Canada". *Congress Bulletin,* 2 (1951) : 3-5.
"The Jias Reception Committee of St. John, New Brunswick". *Jias News,* 4 (1957) : 4.
"The Minister's Address". *Jias News,* 3 (1944) : 16-20.
"The Need Continues". *The Montreal Star,* (Editorial), May 31, 1955.
"The Saga of 1000 Children". *Congress Bulletin,* 2 (1951) : 21.
Tyhurst, L. "Displacement and Migration". The American Journal of Psychiatry, 8 (1951) : 561-568.
Ulmy, A. "Helpless Jewish Immigrants in Canada". *The Canadian Jewish Chronicle,* 6 (1920) : 6.
"Un bloc de Juifs allemands immigreront au Canada". *Le Devoir,* June 1, 1933.
"Une Lettre de L'Action Nationale" à Sir George Perley, premier ministre interimaire du Canada". *Le Devoir,* June 6, 1933.
"We Can Do No Less". *Jias News,* 6 (1954) : 2.
Weiner, M. "The Unsung Heroes of Jias — The Port and Dock Services". *Jias News,* 1 (1954) : 13-14.
Weinstein, H. "Figures and Individuals". *Jias News,* 6 (1954): 11-14.
"What's in a Name". *Jias News,* 1 (1956) :2.
Wilensky, D. "From Juvenile Immigrant to Canadian Citizen". *"Canadian Welfare,* 6 (1950) : 17-23.
"Women's Organizations Help Jias". *Jias Record,* 4 (1948) : 4.
Yagodinsky, E. "Doing Fine Work for New Canadians", *Montreal Star,* (Letters to the Editor), August 28, 1953.

Other Sources

American Jewish Yearbook. Philadelphia. Annual since 1889.
Jewish Colonization Association. *Annual Reports since 1905.* Sections on Canada.
Personal Interviews with members of the Jias Board of Directors, former employees, etc. some of whom were active participants in Jias activities at the inception of the agency.